ושמחתם לפני ה' אלוקיכם שבעת ימים



קונטרס

# עונג יו"ט

## מלאים זיו ומפיקים נוגה

## סוכות - ב'

נתנדב ונתפרסם לכבוד שב"ק ע"י
מו"ה **חנני' יו"ט ליפא גרויס** הי"ו
לע"נ זקינו רבי ישעי' ב"ר משה זיעוכי"א

צו סובסקרייבען שיקט אן אימעיל צו:
onegshabbos+subscribe@googlegroups.com
איר וועט באקומען אן אוטאמאטישע אימעיל,
ריפלייט צוריק מיט א ליידיגען אימעיל.

בס"ד

גליון
# קוראי עונג
חג הסוכות

נערך ע"י הרב יצחק דוד טווערסקי - מלמד בישיבת קארלין סטאלין

## דברי תורה

**סֻכָּה.**
די גמרא זאגט (סוכה ד:), אז א סוכה דארף האבן פיר ווענט, עס איז אבער גענוג ווען עס האט נאר דריי ווענט, אדער ווען עס האט נאר צוויי ווענט און די דריטע וואנט איז איין טפח ברייט.
די דאזיגע הלכות זענען מרומז אין דאס ווארט 'סכה', די 'ס' ווייזט אז די סוכה דארף האבן פיר ווענט, די 'כ' ווייזט אז עס איז גענוג ווען עס האט נאר דריי ווענט, די 'ה' ווייזט אז עס איז אויך גוט ווען עס האט נאר צוויי ווענט און די דריטע וואנט איז נאר איין טפח.
(דער הייליגער 'חיד"א' זי"ע)

**בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים.** (ויקרא כג, מב)
עס שטייט אז דורך מצות סוכה איז מען זוכה צום גאולה שלימה, און מיר ווייסן אז אליהו הנביא וועט אונז אנזאגן די גוטע בשורה אויף די גאולה שלימה.
דאס איז מרומז אין דעם פסוק וואס די ראשי תיבות פון 'בסוכות תשבו שבעת ימים' איז 'תשבי', מרמז צו זיין אז דורך וואס מען היט אפ די מצות סוכה ווי עס דארף צו זיין, וועלן מיר זוכה זיין בקרוב אז אליהו הנביא וואס הייסט אויך אליהו ה'תשבי', וועט אונז אנזאגן די גוטע בשורה אויף די גאולה שלימה.
(דער הייליגער רבי שלום פון בעלזא זי"ע)

**כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת.** (ויקרא כג, מב)
'כל האזרח', יעדער וואס זאגט 'אֶ זְרָח' = איך וויל שיינען פאר'ן אייבערשטער מיט מצות און מעשים טובים, 'ישבו בסוכות', זאל ער מקיים זיין די מצוה פון זיצן אין די סוכה.
(דער הייליגער רבי שלום פון קודינוב זי"ע)

**וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ.** (דברים טז, יד)
אין גמרא (שבת קל.) זאגט רבי שמעון בן גמליאל, אז אלע מצות וואס די אידן האבן אנגענומען מיט שמחה, טוהן זיי דאס היינט אויך מיט שמחה.
מיט דעם קען מען פארשטיין פארוואס מיר מאכן נישט קיין זכר צו די אנדערע ניסים וועלכע זענען געווען אין מדבר, אזוי ווי די מָן, באר של מרים, שלו?
ווייל אויף די דאזיגע ניסים האבן די אידן געקלאגט אויף משה רבינו, אויסער די ענני הכבוד וואס זיי האבן דאס אנגענומען מיט פרייד. דעריבער מאכט מען נאר א זכר צו די ענני הכבוד וואס דער אייבערשטער האט געמאכט פאר די אידן אין מדבר.
און דערפאר זאגט די תורה, אז מיר זאלן מאכן די מצוה פון סוכה וואס איז געמאכט געווארן מיט פרייד, דוקא אין תשרי, אין א צייט וואס מען פריידט זיך.
(ספר 'שפתי צדיק')

**חוֹלִין וּמְשַׁמְּשֵׁיהֶן פְּטוּרִין מִן הַסֻּכָּה.** (סוכה כה.)
דער וואס איז מקיים די מצוה פון סוכה ווערט אויסגעהיילט פון זיין קראנקייט. דאס איז מרומז אין די ווערטער פון משנה, 'חולין ומשמשיהן פטורין', מען ווערט פטור און אויסגעהיילט פון אלע קראנקייטן, 'מן הסוכה', דורך די מצוה פון סוכה.
(דער הייליגער 'תפארת שלמה' פון ראדאמסק זי"ע)

**מִצְטַעֵר פָּטוּר מִן הַסֻּכָּה.** (סוכה כה:)
דער זכות פון סוכה איז אזוי גרויס, אז עס באשיצט אלע וואס זיצן אין איר. דאס איז מרומז אין די ווערטער פון גמרא 'מצטער פטור', דער צער פון א מענטש גייט אוועק, 'מן הסוכה', דורך די מצוה פון סוכה.
(דער הייליגער 'תפארת שלמה' פון ראדאמסק זי"ע)

**רֹאשׁוֹ וְרֻבּוֹ בְּסֻכָּה וְשֻׁלְחָנוֹ בְּתוֹךְ הַבַּיִת.** (סוכה כח.)
דער זכות פון סוכה איז אזוי גרויס, אז עס איז משפיע פרנסה אויף א גאנצע יאר. דאס איז מרומז אין די ווערטער פון משנה, 'מי שהיה ראשו ורובו בסוכה', דער וואס איז מקיים די מצוה פון סוכה, 'ושולחנו בתוך הבית', וועט ער האבן צו עסן ביי זיין טיש די גאנצע יאר, ווען ער געפונט זיך שוין אין שטוב.
(דער הייליגער 'תפארת שלמה' פון ראדאמסק זי"ע)

**אֲזַמִּין לִסְעוּדָתִי אוּשְׁפִּיזִין עִלָּאִין.** (תפלה כשנכנסין לסוכה)
דער טאג פון דער וואך ווען עס קומט אויס דער אושפיזא פון אהרן, געפאלט שטענדיג אינעם זעלבן טאג פון דער וואך, ר"ח אב וואס איז זיין יארצייט.
אזוי אויך דער טאג פון דער וואך ווען עס קומט אויס דער אושפיזא פון משה, געפאלט שטענדיג אינעם זעלבן טאג פון דער וואך, זיין יארצייט וואס איז ז' אדר.
דאס איז מרומז אין פסוק (דברים לב, נ) 'והאסף אל עמך כאשר מת אהרן אחיך בהר ההר ויאסף אל עמך', סוכות הייסט אויך 'חג האסיף', משה רבינו האט דאך געוואלט שטארבן פונקט ווי זיין ברודער אהרן, האט דער אייבערשטער געזאגט צו משה, אזוי ווי אהרן'ס יארצייט קומט אויס דער זעלבע טאג ווי זיין אושפיזא אין חג האסיף, אזוי אויך וועט דיין יארצייט אויסקומען דעם זעלבן טאג ווי דיין אושפיזא אין חג האסיף.
(דער הייליגער רבי חיים פון צאנז זי"ע)

דער אושפיזא פון דוד המלך, קומט אויס אינעם זעלבן טאג פון דער וואך, ווי זיין יארצייט וואס איז שבועות.
(ספר 'שער יששכר')

**מִצְוָה קַלָּה יֵשׁ לִי וְסֻכָּה שְׁמָהּ וכו'.** (עבודה זרה ג.)
ווען משיח וועט קומען, וועלן די פעלקער בעטן פון דער אייבערשטער ער זאל זיי געבן א מצוה צו באקומען שכר אין עולם הבא, וועט דער אייבערשטער זיי זאגן: "איך האב זייער א גרינגע מצוה וואס הייסט סוכה, גייט מאכט דאס".
וועלן די פעלקער גיין און בויען א סוכה 'אויף די דאך' פון זייער הויז. און דער אייבערשטער וועט מאכן אז דער זון זאל שיינען מיט אזא היץ פונקט ווי אין חודש תמוז, און אלע גוים וועלן ארויסלויפן פון די סוכה, און זיי וועלן דאס צושטויסן און איינווארפן.
פארוואס עפעס וועלן די גוים מאכן זייער סוכה אויפ'ן דאך, נישט אויף די ערד? נאר די גוים ווילן נישט אז פרעמדע געסט זאלן קומען צו זיי אין סוכה.
דעריבער דארפן מיר זעהן אלעמאל צו לאדענען געסט אין די סוכה, און זיי שיין מכבד זיין.
(דער הייליגער רבי משה פון קאברין זי"ע)

**כֵּן אֶזְכֶּה לְשָׁנָה הַבָּאָה לֵישֵׁב בְּסֻכַּת עוֹרוֹ שֶׁל לִוְיָתָן.**
(תפלה כשיוצאין מן הסוכה)
'לויתן' איז אויך א לשון פון באגלייטן. מיר בעטן דער אייבערשטער, אז די הייליגע ליכטיגקייט פון די סוכה זאל אונז באגלייטן א גאנץ יאר, און אירע השפעות זאלן זיך דערקענען אויף אונז אין די וואכנ'דיגע טעג.
(דער הייליגער 'בית אהרן' פון קארלין זי"ע)

**לוּלָב.**
דער מצוה פון 'לולב' איז א סגולה אויף יראת שמים, דאס איז מרומז אינעם ווארט 'לולב' וואס איז די ראשי תיבות פון די ווערטער 'וְטַהֵר לִבֵּנוּ לְעָבְדְּךָ בֶּאֱמֶת'.
(דער הייליגער רבי משולם זוסיא פון אניפאלי זי"ע)

**א חשוב׳ע גאסט אויף די ערשטע נאכט.**

דער הייליגע רבי נפתלי צבי פון ראפשיץ זי"ע האט געהאט א הייליגע מנהג צו אויסצירן זיין סוכה מיט די טייערסטע און שענסטע זאכן, ער האט אליין געפארבט און אויסגעשניצט די שיינע שטערנס, די סכך האט ער אליין ארויף געלייגט, און נישט געלאזט מען זאל עם העלפן. נישט איינמאל האט פאסירט אז ער האט אוועק געגעבן זיין גאנצע פארמעגן כדי צו באצירן זיין סוכה.

סוכות ביינאכט נאכ'ן דאווענען פלעגט ער אריין גיין אין סוכה מיט א מארש וואס די חסידים האבן אונטער געזונגען, אנקומענדיג צום סוכה, איז ער געבליבן שטיין און פריי געלאזט פלאץ, אזוי ווי ער וואלט מכבד געווען די אושפיזין אריין צו גיין ערשט אין די סוכה, און אין די סוכה איז געשטאנען אויבן-אָן א הערליכע שטול אנגעגרייט פאר די אושפיזין.

איינמאל ערב סוכות אינדערפרי האט זיך דער ראפשיצ'ער רב זי"ע אוועק געשטעלט ביים שוועל פון די סוכה און גועזאגט פאר זיין רעבעצן: "איך האב אויפגעשטעלט די סוכה מיט מיין לעצטע געלט וואס איך האב פארמאגט, איך האב דאס אויסגעצירט מיט די שענסטע 'נוי סוכה', און יעצט בין איך געבליבן ליידיג אָן קיין גראשן".

זיין רעבעצין האט גארנישט געקענט ענטפערן דערויף, און דער ראפשיצ'ער רב זי"ע איז זיך אוועק געגאנגען אין בית המדרש.

אין דער צייט ווען ער איז געזעצן אין בית המדרש, איז אנגעקומען א פרעמדע גאסט צו עם אין שטוב, מען האט באלד דערקענט אויף זיין קליידונג אז דער איד וואוינט נישט אין גאליציא, נאר ער קומט פון זייער א ווייטע לאנד.

דער גאסט לייגט אוועק זיינע פעקלעך, און ער פרעגט פון די רעבעצן: "וואו איז דער רב?"

"וואס דארפט איר יעצט דעם רב?" - פרעגט עם צוריק די רעבעצן.

"איך קום פון זייער ווייט, פון וויען, און איך דארף פארן קיין לעמבערג, און אזוי ווי היינט איז ערב סוכות, וויל איך פרעגן דעם רב צי איך קען איינשטיין ביי עם אויף יום טוב". ענטפערט איר דער גאסט.

"איר וועט זיין ביי אונז זייער אַן אנגענעמער גאסט" - זאגט צוריק די רעבעצן - "אבער עס טוט מיר זייער וויי אייך צו מעלדן אז מיר זענען נעבאך גרויסע ארימעלייט און מיר האבן גארנישט קיין געלט אנצוגרייטן אויף סעודת יום טוב! דער רב האט אויסגענוצט דאס גאנצע געלט איינצוקויפן נוי סוכה צו באצירן דעם סוכה, מיר וועלן שוין מוזן יוצא זיין דעם סעודת יום טוב מיט אַן אלט שטיקל ברויט וואס מיר האבן, און א קליין שטיקל הערינג".

אזוי רעדנ'דיג, האט די רעבעצן אריין געפירט דעם גאסט צו די סוכה, און געוויזן ווי שיין דער רב האט דאס געמאכט, דער גאסט נעמט באלד ארויס פון קעשענע א סומע געלט, און דערלאנגט דאס פאר'ן רעבעצן זי זאל גיין אין מארק איינקויפן לכבוד יו"ט.

פארנאכט איז דער גאסט געגאנגען אין בית המדרש דאווענען, נאכ'ן דאווענען האט ער זיך צוגעשטופט צום רב און געבעטן איידלערהייט ער זאל עם מיטנעמען עסן אין זיין סוכה. "עס טוט מיר זייער וויי" - רופט זיך אָן דער רב - "ווייל די רעבעצן האט גארנישט געקענט צוגרייטן צו עסן לכבוד יו"ט".

"וואס איר וועט עסן וועל איך עסן, נאר נעמט מיר אריין אין סוכה!" - ענטפערט דער גאסט. און זיי גייען ווייטער אין וועג.

ווען דער ראפשיצ'ער רב איז אנגעקומען צום סוכה, האט ער זיך אפגעשטעלט ביים טיר, און מיט א טרויעריג הארץ זיך אנגערופן: "סוכה סוכה, איך האב געטוהן אלעס וואס איך האב געקענט דיר צו אויסצירן וואס שענער, איך האב דיר באדעקט מיט נייע פרישע סכך, אבער יעצט שעם איך זיך ארייצוגיין אין דיר, ווייל די רעבעצן האט אפילו נישט אנגעגרייט א חלה צו מאכן 'המוציא' אין די סוכה!"

אזוי האט דער רב גע'עפענט דער טיר פון דער סוכה. ווי איבערראשט איז ער אבער געווארן ווען ער האט געזעהן אז די סוכה איז באלאכטן מיט שיינע ליכט, אויפ'ן טיש באדעקט מיט א ווייסע טישטוך, איז אנגעגרייט פון אלע בעסטע עסנווארג: חלות, וויין, פיש, פלייש, און די קינדער שיינען פון שמחה!!!

דער רב האט גארנישט געפרעגט ווער עס האט געברענגט די אלע מאכלים, נאר ער האט זיך אנגערופן צום גאסט: "זעהט איר, דער אייבערשטער האט אונז נישט פארלאזט! איך בין געווען כמעט זיכער אז די ערשטע סעודה וועל איך יוצא זיין מיט אַן אלטע טרוקן שטיקל ברויט, דער רבונו של עולם פארלאזט נישט קיין איד! - מן הסתם איז דאס אין אייער זכות, ווי אזוי הייסט איר?"

"מיין נאמען איז אברהם!" - ענטפערט דער גאסט.

"אזוי גאר, אברהם! פונקט ווי דער אושפיזין פון דעם היינטיגן טאג, אברהם אבינו, אט דא שטייט דער בענקל פאר דער אושפיזין, ביטע זעצט אייך אוועק אויף דעם בענקל!" - זאגט עם דער רב מיט פרייד.

דער רב מאכט קידוש און איז מכבד דעם גאסט צו מאכן קידוש, אזוי האבן זיי געגעסן די געשמאקע סעודה וואס איז געווען צוגעגרייט אויפ'ן טיש.

נאכ'ן סעודה האבן זיי אנגעהויבן טאנצן און לויבן דעם אייבערשטער מיט גרויס התלהבות אויף די גרויסע חסדים וואס ער האט געוויזן, אזוי האבן זיי געטאנצט כמעט א גאנצע נאכט.

פארטאגס האט זיך דער רב אנידער געלייגט אויף א בעט וואס איז געווען אנגעגרייט אין דער סוכה, און ער האט געוויזן פאר'ן גאסט א צווייטן בעט וואו ער קען זיך לייגן שלאפן.

אינדערפרי ווען דער רב איז אויפגעשטאנען צו גיין אין מקוה, און בענטשן שנעל אויף די ארבעה מינים, האט ער געוואלט אויפוועקן דעם גאסט אז ער זאל מיטגיין מיט עם אין מקוה.

ווי איבערראשט איז ער געווארן ווען ער האט נישט געפונען דעם גאסט נישט אין הויז, נישט אין די סוכה. זיינע פעקלעך זענען אויך נישט געווען אויף זייער פלאץ. "מן הסתם איז ער שוין געגאנגען אין מקוה" - טראכט דער רב - אבער אין מקוה איז ער אויך נישט געווען. ער רופט עטליכע יונגעלייט זיי זאלן ארום גיין אין שטאט און עם אויפזוכן אין אלע שוהל'ן און הייזער, אבער מען האט עם נישט געפונען.

ערשט דאן האט דער ראפשיצ'ער רב זי"ע פארשטאנען אז דער גאסט 'אברהם' איז נישט געווען קיין אנדערע ווי 'אברהם אבינו' אליין וואס איז געקומען צו עם אלס אושפיזין, אין זכות פון זיין געטריישאפט פאר די סוכה!!!

פון דעמאלט אָן, האט דער ראפשיצ'ער רב זי"ע איינגעפירט א מנהג צו צינדן א סאך ליכט אין די סוכה, אלס אנדענק פון דער גרויסער נס אז אברהם אבינו ע"ה איז אליין געקומען צו גאסט אין זיין סוכה.

✵ ✵ ✵

**געזעהן אברהם אבינו אין זכות פון מסירות נפש.**

דער הייליגער רבי יחזקאל שרגא פון שינאווא זי"ע האט דערציילט, אז אין איינע פון די אידישע דערפער האט געוואוינט א פשוט'ע איד, א ירא שמים, וואס איז געווען א גרויסע ארימאן. איין יאר פאר סוכות האט ער נישט געהאט קיין געלט צו קויפן סכך, ווען עס איז אנגעקומען ערב סוכות און ער האט זיך דערזעהן אָן קיין סכך, איז ער געגאנגען מיט זיין פרוי אין וואלד צו שניידן צווייגן פאר סכך.

קיין ספעציעלע מעסער אדער שערל צו אראפ שניידן צווייגן פון א בוים האבן זיי נישט געהאט, האבן זיי דעריבער אראפ געביסן די צווייגעלעך מיט זייערע ציינער, און דורך דעם האבן זיי באקומען פול מיט וואונדן אויף זייער ליפן.

ווען די זון האט אנגעהויבן צו אונטער גיין האבן זיי מיט גרויס שמחה אהיים געשלעפט די צווייגעלעך און שנעל דערמיט באדעקט זייער סוכה.

אין הימל איז געווארן א טומל, אזעלכע פשוט'ע אידן זאלן האבן אזא מסירות נפש פאר די מצוה פון סוכה, האט מען גע'פסק'נט אין הימל אז צוליב דעם זאלן זיי זוכה זיין אז 'אברהם אבינו' דער ערשטער פון די אושפיזין זאל אראפ קומען צו זייער סוכה און ער זאל זיך פאר זיי באווייזן.

נאכ'ן דאווענען ווען דער איד איז אהיים געקומען, איז ער גלייך צוגעגאנגען צו זיין סוכה, און ער האט באמערקט ווי ביי זיין טיר שטייט א גאסט וואס זעהט אויס ווי אַן ארימאן, און עס קוקט אויס אז ער זוכט וואו ער קען עסן די יום טוב'דיגע סעודה.

"אנטשולדיגט!" רופט זיך אָן דער איד צום גאסט, "איך וואלט אייך זייער שטארק געוואלט אריין נעמען אלס גאסט אין מיין סוכה צו מיט עסן די סעודה, אבער איך בין אליין זייער ארים, און איך האב קוים פאר מיר א קליין שטיקל ברויט צו עסן, אויב קומט איר צו מיר וועט איר בלייבן הונגעריג, דערפאר אויב איר ווילט, אט דא אקעגן איבער מיר וואוינט א רייכער איד, ער נעמט אריין געסט, פון דארט וועט איר ארויסגיין זאט".

דער גאסט רופט זיך אן: "איך בין נישט קיין ארימאן, נאר איך בין 'אברהם אבינו' פון גן עדן, מען האט מיר אראפגעשיקט פון הימל ספעציעל צו אייך, ווייל איר האט געהאט אזא מסירות נפש צו מקיים זיין די מצות סוכה, און איר האט נישט געקוקט אויף אייערע יסורים, דעריבער האט מען מיר געשיקט אז איר זאלט זוכה זיין צו זעהן מיין פנים. און יעצט וואונטש איך אייך ביידע אַן א רפואה שלימה אויף אייערע וואונדן, און איר זאלט זוכה זיין צו ווערן רייך".

אזוי ווי ער האט גע'ענדיגט צו רעדן, איז 'אברהם אבינו' פארשוואונדן געווארן, און זיי האבן עם שוין מער נישט געזעהן, און וואונדערליך זענען זיי גלייך אויסגעהיילט פון די וואונדן אויף זייער ליפן.

❋ ❋ ❋

**מסירות נפש פאר מצות סוכה.**

דער יום טוב סוכות האט זיך דערנענטערט און קיין איין אתרוג איז נישט געווען אין גאנץ בארדיטשוב, אזא מאנגל אין אתרוגים איז נאך קיינמאל נישט געווען.

דער הייליגע בארדיטשוב'ער רב, רבי לוי יצחק זי"ע האט דערפון געהאט פיל צער, ער האט ארויסגעשיקט שלוחים צו שטיין אויף אלע וועגן, טאמער עס פארט פארביי א איד מיט אַן אתרוג, זאל מען עם בעטן צו פארקויפן אדער לכל הפחות צו פארברענגען סוכות אין בארדיטשוב, און מזכה זיין די גאנצע שטאט מיט דער מצוה פון ארבעה מינים.

האט זיך טאקע געמאכט, אז א איד איז געפארן אהיים אויף סוכות און האט געפירט מיט זיך א מהודר'דיגן אתרוג מיט א לולב און הדסים און ערבות, די שלוחים האבן עם געפרעגט, אפשר וויל ער פארקויפן דעם אתרוג, וועט מען עם געבן וויפיל ער וועט נאר בעטן.

"דעם אתרוג פארקויף איך נישט" - האט דער איד גע'ענטפערט.

האבן זיי עם געבעטן, ער זאל לכל הפחות פארברענגען סוכות אין בארדיטשוב, וועט ער זיין א חשוב'ע גאסט און מזכה זיין די גאנצע קהילה מיט דער מצוה פון ארבעה מינים.

דער איד האט אבער גע'ענטפערט, אז דאס קען ער אויך נישט טוהן, ער איז שוין א לאנגע צייט נישט געווען אינדערהיים און ער וויל פארברענגען יום טוב מיט זיין משפחה.

עס האבן נישט געהאלפן קיין בעטענישן, די שלוחים האבן קוים גע'פועל'ט ביי דעם איד, אז ער זאל אריינקומען צום בארדיטשוב'ער רב, וויבאלד אז ער פארט פארביי.

דער בארדיטשוב'ער רב האט פרובירט צו פועל'ן ביי דעם איד אז ער זאל פארבלייבן אויף יום טוב, ער האט עם דערקלערט וואס פאר א גרויסע זכות עס וועט זיין פאר עם מזכה צו זיין א גאנצע קהילה מיט די מצוה פון ארבעה מינים.

אלע רייד זיינען אבער געווען אומזיסט, ביז דער צדיק האט עם צוגעזאגט: "עמי במחיצתי, דו וועסט האבן דיין חלק אין גן עדן צוזאמען מיט מיר".

אויף דעם איז שוין דער איד איינגעגאנגען, און האט מסכים געווען צו פארבלייבן אויף יום טוב און לאזן די גאנצע קהילה בענטשן מיט עם אויף דעם אתרוג.

מען האט דעם איד באזארגט מיט א שיינע אכסניא, און די נייעס אז עס וועט זיין אַן אתרוג אויף יום טוב איז בליץ שנעל פארשפרייט געווארן, עס איז געווארן א גרויסע שמחה אין שטעטל.

די ערשטע נאכט יום טוב נאך מעריב, ווען דער איד האט געוואלט אריינגיין אין די סוכה פון דעם בעל אכסניא צו מאכן קידוש און מקיים זיין די מצוה פון לישב בסוכה, האט מען עם נישט אריינגעלאזט. עס האבן נישט געהאלפן זיינע טענות, מען האט עם געזאגט אז ער קען גיין מאכן קידוש און עסן די סעודת יו"ט אין שטוב. אבער וועלכע איד וועט נישט מאכן קידוש און עסן א כזית חלה אין סוכה, און נאך דערצו די ערשטע נאכט פון סוכות?

בלית ברירה איז דער איד געגאנגען צו א שכן, ער האט פאר יענעם געוואלט אויסגיסן זיין ביטער הארץ אויף דעם בעל אכסניא, און בעטן אז ער זאל עם דערלויבן צו מאכן קידוש און עסן א כזית חלה אין זיין סוכה, אבער אויך דער שכן האט עם נישט געוואלט אריינלאזן אין סוכה, אזוי איז אויך געווען מיט א דריטע שכן און א פערטע שכן.

א צעטומלטער און פארצווייפלטער איז דער איד געלאפן צום הייליגן בארדיטשוב'ער רב, ווייל ער האט שוין פארשטאנען אז מן הסתם האט דער צדיק אנגעזאגט אין שטאט, אז קיינער זאל עם נישט אריינלאזן צו זיך אין סוכה.

מיט טרערן אין די אויגן האט זיך דער איד באקלאגט: "מען לאזט מיר נישט אריין אין קיין סוכה, דאס איז דאך אַן אומדערהערטע עוולה! אט אזוי באצאלט מען דאס פאר א טובה? איך בין געבליבן וואלגערן זיך יום טוב דא אין דער פרעמד, כדי צו מזכה זיין די שטאט מיט אַן אתרוג, און צום סוף לאזט מען מיר נישט מקיים זיין די מצוה פון לישב בסוכה?"

דער בארדיטשוב'ער רב האט דעם איד פרובירט צו בארואיגן: "איר ווייסט דאך ר' איד, אז אויב עס איז נישט דא קיין אתרוג בענטשט מען נישט, און אויב עס איז נישט דא קיין סוכה איז מען דאך אַן אוֹנֶס, און מען איז פטור".

"וואס הייסט עס נישט דא קיין סוכה? עס זענען דאך דא אסאך סוכות, נאר מען לאזט מיר נישט אריין! איך וואלט אלס אוועק געגעבן, מען זאל מיר נאר אריינלאזן אין א סוכה מקיים צו זיין די מצוה פון לישב בסוכה!"

האט דער צדיק זיך אנגערופן צום איד: "אויב איר וועט מיר מוחל זיין דעם צוזאג "עמי במחיצתי" וואס איך האב אייך געגעבן, דאן וועל איך שוין זעהן אז מען זאל אייך אריינלאזן אין א סוכה!"

דער דאזיגע תנאי האט דעם איד נאך מער צעטומלט, עס האט זיך ביי עם אין געדאנק אנגעהויבן א גרויסע פארמישעניש, דער נסיון איז געווען א גרויסע, און ער טראכט אריין: "זאל איך נאכגעבן אויף אזא צוזאג צוליב די מצוה פון סוכה, אדער דאס איז צו א גרויסע פרייז צו באצאלן פאר א מצוה?"

נאך זיך לאנג איבערטראכטן, האט דער איד באשלאסן מוחל צו זיין דעם צוזאג, כדי ער זאל קענען מקיים זיין די מצוה פון לישב בסוכה, און ער רופט זיך אָן: "רבי, איך בין מוחל דעם צוזאג!"

א צופרידענע שמייכל האט באלויכטן דעם צדיק'ס געזיכט, און ער האט צום איד געזאגט: "יעצט געב איך דיר ערשט דעם צוזאג צוריק! איך האב נאר געוואלט, אז דאס זאל זיין א פארדינטע און נישט קיין אומזיסטע! און וויבאלד דו האסט געהאט אזויפיל מסירות נפש פאר דעם מצוה פון לישב בסוכה, האסט דו דאס טאקע כשר פארדינט".

❋ ❋ ❋

**די סוכה איז אוועק געפלויגן.**

דער הייליגער רבי צבי הירש פון רימאנוב זי"ע האט דערציילט, אז עס איז אמאל געווען אַן ערליכער איד, א מדקדק במצות, וואס האט מחליט געווען ביי זיך, זאל זיין וואס זאל זיין, פון דעם הייליגן סוכה גיי איך נישט ארויס אפילו נאך יום טוב.

ווען עס איז אריבער דעם יום טוב, און אלע זענען שוין געגאנגען אין שטוב, איז ער נאך געבליבן אין זיין סוכה. ווען עס איז געווארן ווינטער און עס זענען געווען גרויסע פראסטן, האט זיך געטוהן אויבן אין הימל א טומל, ווי אזוי קען מען לאזן אזא ערליכע איד וואס האט אזא ליבשאפט צום מצות סוכה, און ער וויל בשום אופן נישט ארויסצוגיין פון זיין סוכה, אז ער זאל ח"ו פארפרוירן ווערן פון אזא קעלט.

איז געשעהן א נס, עס האט זיך אראפגעלאזט א וואלקן וועלכע האט אויפגעהויבן די סוכה מיט דעם איד און זיין גאנצע משפחה, און זיי זענען אפגעפלויגן צו א ווארימע לאנד כדי ער זאל קענען אויספירן זיין ליבשאפט צום מצוה.

❋ ❋ ❋

**פראָסטע מענטשן אין די סוכה.**

דער הייליגער רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב זי"ע פלעגט שטענדיג ארומגיין און אויפזוכן אפילו גאר פראסטע געסט אריין צו נעמען אין זיין סוכה.

אמאל האט מען עם געפרעגט פארוואס ער ברענגט אריין אזעלכע פראסטע מענטשן, וואס עס פאסט אפילו נישט פאר די סוכה?

האט דער בארדיטשוב'ער רב גע'ענטפערט: "ווען משיח וועט קומען, און מען וועט אריינזעצן די צדיקים אין די סוכה פון דער הויט פון דעם לויתן, וועל איך זיך אויך צושטופן.

דאן וועט מען מיר זיכער פרעגן, פארוואס איך - אזא פראסטע מענטש - וויל אריין גיין אין דעם געהויבענעם סוכה?

וועל איך דעמאלט קענען ענטפערן דערויף א גוטע תשובה: "אין מיין סוכה האב איך אויך אריין גענומען ארימעלייט פראסטע מענטשן!"

❋ ❋ ❋

**אינדרויסן רעגנט נישט, אבער אין די סוכה יא.**

אמאל האט גאר שטארק אריינגערעגנט אין די סוכה פון דער הייליגער רבי מאיר פון פרעמישלאן זי"ע, ביז ווען זיין בעט האט שוין אנגעהויבן צו שווימען אין די וואסער, און ער האט נאך אלס נישט געוואלט ארויסגיין פון די סוכה.

אינדערפרי ווען ער איז ארויס צום דאווענען, האט ער געזעהן אז אינדרויסן איז אלעס טרוקן, עס האט אפילו נישט גערעגנט די נאכט. דערנאך האט מען עס אנטפלעקט פון הימל אז דער שטן האט עס געוואלט אויספרובירן צו זעהן אויב ער וועט ארויסגיין פון זיין סוכה, און ווייל ער איז בייגעשטאנען דעם נסיון, וועט ער זוכה זיין צו 'רוח הקודש'.

❋ ❋ ❋

**אינדרויסן רעגנט יא, אבער אין די סוכה נישט.**

אין יאר האט זייער שטארק גערעגנט די ערשטע נאכט פון סוכות, ווען דער הייליגע רבי נפתלי צבי פון ראפשיץ זי"ע איז אנגעקומען צו זיין סוכה, האט ער גע'עפנט דעם טיר, און צו אלעמענס וואונדער האט מער נישט אריינגערעגנט.

דער ראפשיצ'ער רב האט געהייסן צו ארויסנעמען די נאסע טישן און בענק, און מען זאל אריינברענגען נייע, ער איז אריין אין די סוכה, געמאכט קידוש, געגעסן די גאנצע סעודה, דערנאך האט ער געהייסן מען זאל אלעס ארויסנעמען פון די סוכה, און אז יעדער זאל פארלאזן די סוכה.

ווען אלע זענען ארויס פון די סוכה, האט ער אויך פארלאזט די סוכה. אזוי ווי ער האט פארמאכט די טיר אונטער זיך, האט זיך דערהערט א שטארקע זעץ אין די סוכה, ווי עס גיסט זיך פול מיט וואסער. דערנאך האט דער ראפשיצ'ער רב געזאגט, אז ער האט צוריקגעהאלטן די וואסער העכער די סכך אז זיי זאלן קענען מקיים זיין דעם מצות סוכה.

❋ ❋ ❋

**צדקה פאר ארימעלייט - די שענסטע נוי סוכה.**

עס איז באקאנט די געוואלדיגע עבודה פון אויסטיילן פיל געלט אויף מצות צדקה פאר אלע ארימעלייט פון זיין שטאט, וואס דער הייליגע צאנז'ער רב, דער 'דברי חיים' זי"ע, האט געטוהן יעדע יאר ערב סוכות.

עס ווערט דערציילט אז איינמאל האבן עם די בני בית אריין געפירט ערב סוכות אין די סוכה, צו וויזן ווי שיין זיי האבן דאס אויסגעצירט מיט פול פראכט און גלאנץ. האט ער גע'ענטפערט דערויף: "דאס איז איבערהויפט נישט קיין נוי סוכה".

דערוויל זענען אנגעקומען עטליכע גבירים, וועלכע האבן געגעבן א גרויסע סומע געלט לכבוד יום טוב. דער צאנז'ער רב האט דאס באלד אויסגעטיילט פאר ארימעלייט, און זיך אנגערופן: "אט דאס הייסט א ריכטיגע נוי סוכה!"

❋ ❋ ❋

**דער געוואלדיגע כח פון שמחה של מצוה.**

דער הייליגער 'בית אהרן' פון קארלין זי"ע האט דערציילט די פאלגענדע מעשה:

אין א געוויסע שטאט האט געלעבט א איד א ירא שמים, מען האט עם גערופן ר' אביש חסיד, און טראץ וואס ער איז געווען א בלוטיגער ארעמאן ל"ע, האט ער זיך קיינמאל נישט באקלאגט און נישט געהאט טענות אויף קיינעם. ער איז געווען צופרידן מיט דאס וואס ער האט געהאט, מיט'ן ביסל וואס ער האט פארמאגט. ער האט זיינע דאגות ארויפגעווארפן אויפ'ן אייבערשטער און אלעמאל אלעס אנגענומען מיט ליבשאפט, און ער פלעגט זאגן פארוואס דארף איך זארגן אויב עס איז דא איינער וואס זארגט פאר מיר. וואס נאר עס האט פאסירט צו עם, האט ער געזאגט 'גם זו לטובה', וואס דער אייבערשטער טוט איז צום גוטן". זיין פנים האט שטענדיג געשיינט פון שמחה. אין אלע צייטן האט געהערשט שמחה אין זיין קליינעם וואוינונג. ער איז געווען פול מיט פרייד.

אין דער זעלבע שטאט האט אויך געלעבט א צווייטע איד, א גביר, וואס האט געהייסן ר' געציל, מען האט אויף עם געזאגט אז עס האט זיך רח"ל אין עם אריינגעכאפט די 'השכלה', און אז מען איז א משכיל דינט מען נישט דעם אייבערשטער מיט שמחה, נאר מען פאלט אריין אין מרה שחורה, און טראץ זיין געוואלדיגע רייכקייט האט ער שטענדיג געלעבט אין שרעק פאר'ן טויט, און וואו ער האט זיך געדרייט האט זיך עם אלץ געדאכט, אז דער מלאך המות גייט קעגן עם, גרייט עם צו נעמען מיט זיך.

צוליב דעם גרויסן פחד און טרויער איז ער קראנק געווארן און ער האט זיך שווער געשלעפט אויף זיינע פיס. וואס עס האט עם באזונדער'ס שטארק פארדראסן און פארשאפט גרויסע יסורים איז געווען, צוקוקנ'דיג ווי ר' אביש חסיד, דער עני ואביון וואס האט נישט קיין פרוטה צו די נשמה, איז אלס פרייליך און מונטער און טאנצט פאר שמחה און נחת, ווי ער וואלט ווען געוואונען עפעס גאר א גרויסן לאטערי.

ר' געציל האט עם שרעקליך מקנא געווען. קנאה ברענגט שנאה, און אין זיין הארץ האט ר' געציל דער גביר פיינט באקומען דעם חסיד ר' אביש, ער האט עם נישט געקענט דערליידן און האט געזוכט עם צו פארטרייבן פון שטאט און פטור ווערן פון עם.

א גאנצע וואך ווען ער איז געווען פארנומען מיט זיינע געשעפטן, האט ער נישט געהאט צופיל צייט צו טראכטן, אבער ווען עס איז אנגעקומען דער שבת, דער יום טוב, און זיי האבן זיך צוזאמענגעטראפן אין בית המדרש, און צוקוקנדיג ווי ר' אביש דער חסיד איז פרייליך און זיין פנים שיינט פון גליק, פלעגט עם ממש אנכאפן אן אויפרעגעניש.

ווי מער דער חסיד איז געווען בשמחה, אלץ מער איז דער עושר אויפגעברויזט געווארן מיט כעס און מרה שחורה, עצבות און שרעק.

דער עושר איז מער חוצפה'דיג ווי יעדן, און ווארפט אָן א פארכט אויפ'ן ציבור ובפרט אויף די אומבאהאלפענע, וואס האבן געדארפט אנקומען צו זיין שטיצע און הילף, און קעגן זייער ווילן זענען זיי געווארן זיינע געשוואוירענע פריינד און זיי האבן געטון אלעס וואס ער האט זיי געהייסן. צוקוקנ'דיג ווי דער גביר רודפ'ט דעם חסיד און שפעט אָפּ פון עם, האבן זיי אויך אנגעהויבן טשעפענען מיט עם, כאטש אין הארצן האבן זיי עם יא געשעצט. זיי האבן פשוט געוואלט געפעלן אין די אויגן פוגעם גביר, צו געניסן פון זיין נאנטשאפט און פון זיינע נדבות. איז וואס טוט מען דען נישט פאר א שטיקל ברויט, און ווי באקאנט האבן אמאל אין די קלענערע שטעטלעך זענען די עשירים געווען די בעלי-בתים און יעדער האט מורא געהאט פאר זיי.

ווען עס האט זיך דערנענטערט דער יום טוב סוכות און דער חסיד האט געדארפט ברעטער אויפצושטעלן זיין סוכה, זענען פלוצלינג פארשוואונדן געווארן אלע ברעטער פון די שטאט, און וואו ער האט זיך געווענדן און געבעטן ברעטער, האט יעדער געהאט פאר עם דעם זעלבן ענטפער: "עס זענען נישט דא קיין ברעטער". אין יענע צייטן זענען ברעטער געווען א יקר המציאות, עס האט געקאסט פיל געלט, נישט ווי היינט.

ר' אביש חסיד האט פארשטאנען אז די הענט פון געציל דער עושר שטעקן אין דעם. מילא, האט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און געזאגט: "'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד', וואס דער אייבערשטער טוט איז צום גוטן, אויב דאס איז דער רצון פון אייבערשטער, וועל איך דאס יאר נישט אויפשטעלן א סוכה אליין, עס וועלן זיך זיכער מאכן גוטע אידן וואס וועלן מיר אריינלאזן צו זיי אין סוכה, איך וועט נישט בלייבן אויפ'ן גאס".

דער גביר האט אבער אנדערש געטראכט, ער האט נישט נאר געטראכט נאר געטון למעשה. ער האט זיך געזארגט דערויף אז די גאנצע שטאט זאל אויף עם צושפארן די טיר, און האט אנגעווארנט, אז ווער עס וועט עם אריינלאזן אין די סוכה וועט זיין אחת דתו... און פאר ר' אביש'ן האט ער באפוילן, אז אויב ער וויל נישט איינעמען קיין חרפות און בושות און מאכן זיין יום טוב וואכנדיג, האט ער א ברירה צו פארלאזן די שטאט און פראווען דעם יו"ט סוכות ערגעץ אנדערש-וואו.

ר' אביש האט זיך אבער נישט מייאש געווען. עס איז עם נישט איינגעפאלן מוותר צו זיין אויף זיין שמחה, וואס איז א יסוד אין עבודת ה'. די תורה האט דאך אונז קלאר געווארנט און די גאנצע תוכחה און די קללות פון פרשת כי תבא, איז געקומען נאר ווייל מען האט נישט געדינט דעם אייבערשטן מיט שמחה. פונקט ווי פאר דער מענטשליכער קערפער פארלאנגט זיך צו שפייזן, רוען און שלאפן, אזוי פעלט עם אויס די שמחה. זאל ער מוותר זיין אויף די שמחה? אה, בשום אופן! איי די סוכה? דער אייבערשטער וועט שוין העלפן!

איינגעזונקען אין זיינע געדאנקען האט ער אזוי פרייליכערהייט געשפאנט אין די גאסן פון שטאט און ער האט נישט באמערקט ווי ער האט זיך שוין לאנג דערווייטערט פונעם צענטער פון שטאט און ער דערנענטערט זיך צום אידישן בית החיים, וואס געפינט זיך נאך די לעצטע הייזער פון שטאט.

פאר פלטיאל דער קברן און דער שומר פונעם בית הקברות האט זייער פארדראסן די רשעות פון געציל דעם עושר, ער האט זיך געהאלטן אין-איין אנבייזערן, וואס איז דאס עפעס אז עם איז עם געלונגען אנשרעקן א גאנצע שטאט, וואס איז דא פון עם מורא צו האבן? געציל אליין ווייסט דאך אז צום סוף, אזוי ווי יעדער, וועט ער זיך נישט ארויסדרייען פון עם, פלטיאל דער קברן. ער וועט האבן דעם זעלבן סוף ווי אלע מענטשן.

צו פלטיאל'ס אויערן איז אויך דערגאנגען דאס וואס דער עושר האט אפגעטון אין שטאט, נישט דערלאזנ'דיג דעם גרויסן חסיד און טייערן איד צו מקיים זיין דעם באליבטן מצוה און בויען א סוכה, און נאר פאר זיין איינציגסטע 'זינד' וואס ער איז א צופרידענער מענטש און שטענדיג בשמחה.

ער האט זיך נישט געקענט בארואיגן: וואו איז דער יושר אז אלע שטאט איינוואוינער זאלן זיך אפשרעקן פון איין מענטש? ער וואלט אזא איינעם אנגעלערנט צו געדענקען, עס זאל זיך עם שוין נישט גלוסטן צו טוהן אזוינס נאכאמאל.

עס האט נישט לאנג גענומען און פאר פלטיאל האט זיך געמאכט די געוואונטשענע געלעגנהייט.

ווי פריער דערמאנט, האט ר' אביש יענעם ערב סוכות פארבלאנדזשעט נעבן בית הקברות, פלטיאל האט עם באמערקט און עם אויפגענומען מיט גרויס פרייד. ער האט עם אריינגערוימט אין אויער: "גייט אהיים געזונטערהייט ר' אביש, זארגט אייך נישט, עס וועט זיין ברעטער פאר א סוכה, איר וועט אויפשטעלן א סוכה, און מקיים זיין די מצוה מיט גרויס שמחה".

ר' אביש איז נאכנישט געווען אהיים, און די ברעטער זענען שוין געווען ביי עם אין הויף.

פון וואנען האט ר' פלטיאל יא געהאט ברעטער? היינט שטעלט מען מצבות פון מארמארשטיין, מיט יארן צוריק האט מען אין די קליינע שטעט גענוצט האלצערנע מצבות.

דער פלטיאל האט געהאט גרויסע הויפענעס פון אלע ערליי העלצער. זייער שפיצן זענען געווען רונדעכיג, און אויבן ביים שפיץ איז געווען אויסגעקריצט 'פ"נ' (=פ'ה נ'טמן, דא ליגט באהאלטן), און ווען מען האט געוואלט שטעלן א מצבה אויף א קבר האט מען צוגעלייגט דעם נאמען און דעם דאטום, און אט פון די ברעטער האט דער קברן ר' פלטיאל געברענגט פאר ר' אביש'ן אויפצושטעלן א סוכה.

ווען דער קברן האט געברענגט פאר ר' אביש'ן די ברעטער איז שוין געווען ערב סוכות. ר' אביש האט גענומען די ברעטער און ער האט אזוי אויפגעשטעלט די סוכה אז די אותיות 'פ"נ' איז אויסגעקומען פון די דרויסנדיגע זייט. ער האט ארויפגעווארפן צווייגן פאר סכך, און זיין הארץ איז עם געווען פול מיט פרייד און גליק אז אינעווייניג אין די סוכה וועט ער זיך קענען פרייען מיט א ריכטיגע שמחה ווי עס דארף צו זיין, ווי די הייליגע תורה פארלאנגט.

דער עושר ר' געציל איז דאך געווען זיכער ביי זיך, אז דער פרייליכער חסיד ר' אביש איז געבליבן אָן א סוכה און די שמחה איז עם פארשטערט געווארן. ענדליך וועט מען זעהן א טרויעריגע ר' אביש. ער איז ארויסגעגאנגען דעם ערשטן נאכט סוכות שפאצירן אין שטאט, כדי זיך צו טרעפן מיט'ן חסיד אין וועמען ער וועט דערלעבן א נקמה.

אבער ווי ערשטוינט איז ער געווארן ווען ער איז אריבער דורך איינעם פון די סוכות פון וואו עס האט ארויסגעקלינגען געזאנגען און יום טוב'דיגע ניגונים, 'ושמחת בחגך והיית אך שמח, אך אך שמח'. און ר' געציל האט דערקענט דעם קול פון ר' אביש חסיד.

זיין כעס האט זיך עם אנגעצינדן און די קנאה האט ווידער אנגעהויבן ברענען, אז דער בלוטיגער ארעמאן איז בשמחה און ער דער רייכער עושר ווערט אויפגעגעסן פון מרה שחורה.

נאך מער האט עם אויפגערעגט, דער פאקט אז איינער פון די איינוואוינער האט עם נישט געפאלגט און פארשאפט ברעטער פאר דעם חסיד.

ער האט געוואלט באלד אנטלויפן איידער דער חסיד וועט עם באמערקן, אבער זיין כעס און נייגעריגקייט האט איבערגעוואויגן. ער האט זיך איינגעהאלטן דעם כעס און מיט נייגער צוגעגאנגען צו די סוכה. ער האט אויפגעעפנט דעם טיר פון סוכה מיט חוצפה און עזות, און אָן א גוט יום טוב, געבט ער א געשריי: "אביש, פון וואו האסט דו די ברעטער?!"

ר' אביש האט זיך נישט דערשראקן און אוודאי נישט געווארן פארלוירן. ער איז דווקא געווען רואיג. ער האט ארויסגעוויזן פאר דעם נישט-גערופענעם גאסט א פרייליך פנים און עם געוואונטשן 'גוט יום טוב'. מיט געלאסנקייט האט ער זיך אויפגעהויבן פון ארט און ארויס אינדרויסן. ער האט געוויזן מיט זיינע פינגער אויף די אותיות 'פ"נ', וואס איז געשטאנען אויפגעצייכנט אויפ'ן שפיץ פון די ברעטער.

אצינד זעט איר, ר' געציל, פון וואנען די ברעטער זענען? דער גביר, ווי ער האט נאר געזען די אותיות, האט ער באלד פארשטאנען דעם באדייט דערפון, ער איז געווארן דערציטערט און דערשראקן, ער איז שיעור נישט ארונטערגעפאלן אויף דער ערד. א טויט שרעק האט עם באפאלן און עס האט זיך עם געדאכט אז דער מלאך המות שטייט פאר עם...

"בארואיגט אייך ר' געציל" - האט זיך ר' אביש צו עם אויסגעדרייט און געזאגט - "הערט אויס וואס דא האט פאסירט. איך גיי מיר ארום אויף די גאסן פון שטאט פארטראכט און פאר'דאגה'ט: פון וואו וועל איך נעמען ברעטער צו די סוכה? צו וועמען איך וועגד זיך, זאגט מיר אפ, אז עס איז נישט דא קיין ברעטער. פלוצלינג זעה איך פאר מיר דעם מלאך המות, האב איך עם א פרעג געטוהן: "וואס טוסט דו דא און צו וועמען גייסט דו?"

"צו געציל דעם גביר גיי איך, צו נעמען זיין נשמה"... - האט מיר דער מלאך המות גע'ענטפערט, און הייבט אָן זאגן - "א חוצפה פון א גביר, וואו איז געהערט געווארן אזא זאך, דערביטערן דאס לעבן פון אַן ארימאן, וואס זיין גאנצער זינד איז נאר פון דעם וואס ער איז שטענדיג פרייליך און ער האט בטחון אין רבונו של עולם. וואס איז דער וואונדער אז דער גביר האט מורא פונעם טויט און ער איז אינגאנצן איינגעזונקען אין מרה שחורה. ביי מיר איז דער עושר מיט'ן ארימאן איינס, היינט איז ער דא און מארגן איז ער אין קבר".

דער גביר געצל, ווי ער האט געהערט די מעשה פון ר' אביש חסיד, איז ער אינגאנצן דערציטערט געווארן, דאס פנים איז עם בלאס געווארן, א צאן צו א צאן האט אין עם געקלאפט, כמעט וואס ער האט אוועקגע'חלש'ט.

"אבער איך... איך... איך... לעב דאך נאך?!" - האט ער קוים ארויסגערעדט.

"נו זיכער" - ענטפערט עם ר' אביש חסיד - "לעבסט דו נאך, איך האב דאך עם נישט געלאזט גיין צו דיר, איך האב נישט געוואלט אז א איד זאל געשטראפט ווערן צוליב מיר, אז א איד טוט א זאך נישט ריכטיג זאל איך אויך טוהן נישט ריכטיג?! חס ושלום! אין די תורה שטייט דאך 'לא תקום ולא תטור', אויסער דעם, וועט ער נאך אוודאי תשובה טוהן".

"און איך האב גע'טענה'ט צום מלאך המות" - האט ר' אביש ווייטער געזאגט ערנסט צו דעם דערציטערטן ר' געציל - "אז דערפון קען דאך ארויסקומען שלעכט'ס פאר אסאך אידן אין שטאט, ווייל אסאך אידן האבן פרנסה דורך דעם גביר, און אז ער וועט שטארבן וועלן אסאך מענטשן בלייבן אָן פרנסה, און בכלל דארפסט דו עם נישט הרג'ענען, ווייל ער איז אזוי טרויעריג, אז ער איז שוין אזוי ווי א טויטער"...

"אויב דאס איז דיין מיינונג" - האט זיך דער מלאך המות אנגערופן צו מיר - "צי איך צוריק, איך האב נאר געוואלט דיר בארואיגן, איך האב נאר געמיינט דיין טובה".

"ר' געציל זאלסט דו נישט צורירן" - האב איך עם געזאגט - "נאר אויב דיין כוונה איז טאקע מיר א טובה צו טוהן, דאן זאלסט דו מיר פארשאפן ברעטער פאר די סוכה".

"עס איז מיר בייגעפאלן א גוטע עצה" - האט מיר דער מלאך המות גע'ענטפערט - "איך האב דא א גוטן פריינד, איך בין כמעט א בן-בית ביי עם. דאס איז פלטיאל דער קברן, ער האט א גאנצע הויפן מיט ברעטער פאר זיינע מצבות, ער וועט זיי דיר אויסבארגן מיט זיין גאנצן ווילן, און דאס וועט פאר דיר גוט זיין פאר א כשר'ע סוכה".

און אזוי איז טאקע געווען, פלטיאל דער קברן האט מיר געברענגט ברעטער, און ווי דו זעסט, זיץ איך ב"ה אין די סוכה לעבעדיג, פריילך און מונטער, איך בין מקיים די מצוה ווי עס דארף צו זיין. איך פריי זיך מיט די שמחה פון יו"ט.

און יעצט הערט מיר אויס ר' געציל, לאמיר איבער דרייען אונזער באציאונג צו א ניי לעבן, פון דעם מרה שחורה און עצבות צו א קוואל פון שמחה און בטחון, און לאמיר צוזאמען מקיים זיין דעם מצוה 'ושמחת בחגך'. און אזוי שמועסנ'דיג האט ר' אביש אנגענומען ר' געציל ביים האנט און זיך גענומען טאנצן מיט עם: 'ושמחת בחגך, והיית אך שמח'...

ר' געציל דער גביר האט אויסגעשאסן אין א געוויין, די ווארימע ווערטער פון ר' אביש האבן געטראפן אין פינטל, און זיין פארשטאפט הארץ האט זיך צע'עפנט. א קוואל פון טרערן האט גענומען פליסן, אומווילנ'דיג איז ער מיטגעשלעפט געווארן אין דעם פריילכן טענצל.

דער גביר ר' געציל האט געפילט אז ער איז געווארן אַן אנדערע מענטש, די מרה שחורה איז פון עם צוביסלעך פארשוואונדן געווארן, און אויף איר ארט איז זיין הארץ געווארן פול מיט שמחה, א דערהויבנקייט וואס ער האט נאך קיינמאל נישט געשפירט האט עם ארומגענומען, דער פחד האט זיך פון עם שנעל אפגעטון, דער מח איז עם אויפגעפרישט געווארן, עס האט עם אריינגעברענגט אין אַן אנדערע וועלט.

פון דאן אן איז ר' געציל דער גביר געווארן א נייע מענטש, ער איז שטענדיג געווען בשמחה, ער האט שוין מער נישט גע'רודפ'ט ר' אביש חסיד. פארקערט, ער האט עם שטארק מכבד געווען, זיי זענען געווארן נאנטע ידידים, און פון דאן האט ר' אביש שוין נישט געוואוסט פון קיין ארימקייט, דער גביר האט עם אויסגעהאלטן מיט זיינע אלע באדערפענישן.

דער הייליגער 'בית אהרן' האט צוגע'ענדיגט די מעשה זאגנ'דיג: "דער מוסר השכל פארשטייט יעדער איינער אליין". דערנאך האט ער צוגעלייגט: "הלוואי זאלן מיר זיך אלע קענען פרייען מיט די אמת'ע שמחה, זוכה זיין צו זיצן אין סוכת עורו של לויתן לשנה הבאה בירושלים".

✵ ✵ ✵

**די שרעקליכע גניבה אין די סוכה.**

אין פנקס הקהל פון די שטאט קראקא איז פארשריבן א שרעקליכע מעשה וואס האט פאסירט ביים הייליגן 'מגלה עמוקות' אלס יונגערמאן:

אין די שטאט קראקא האט געוואוינט א איד, א גביר, א תלמוד חכם און ירא שמים, ער האט געהאט דריי איידעמער תלמידי חכמים מופלגים, פאר זיין יונגסטע טאכטער האט ער גענומען א חתן, א בחור א געוואלדיגער ירא שמים און גרויסע למדן, וועלכע האט געהייסן רבי נתן נטע שפירא זי"ע, דער מחבר פון ספר הקדוש 'מגלה עמוקות', ער האט זיך געפירט מיט קדושה וטהרה אפגעשיידט פון מענטשן, זיין שווער האט עם ליב געהאט אהבת נפש. ער פלעגט אויפשטיין יעדע נאכט חצות און אפגעראכטן תיקון חצות מיט גרויס בכיות.

אמאל האט ער אנגעזאגט פאר זיין פרוי, זי זאל אנזאגן איר פאטער און זיינע קינדער אז זיי זאלן נישט אריינקומען אין זיין צימער ווען ער רעכט אפ תיקון חצות, ווייל עס וועט זיי אריינשטעלן אין א סכנה ח"ו. ווען זיי האבן דאס געהערט, האבן זיי זיך אויסגעלאכט דערפון, זיינע שוואגערס האבן געזאגט היתכן, ווי קומט פאר אזא יונגערמאן זיך צו האלטן אזוי בגאות און שטאלצירן מיט זיך אז קיינער קען נישט זיין דעמאלט מיט עם אין צימער?!

האבן זיי זיך אפגעשמועסט איינער מיט'ן אנדערן, אז ווען ער וועט גיין דאווענען מעריב אין שוהל אריין, וועלן זיי זיך דעמאלט באהאלטן אין יענעם צימער צו זען ווי אזוי ער רעכט אפ תיקון חצות, און עס וועט זיי זיכער נישט שאדן, עס וועט זיי גארנישט געשעהן.

זיי האבן טאקע אזוי געטוהן, זיי האבן זיך באהאלטן אונטער א בעט, און דא האט פאסירט אַן אומגליק, אזוי ווי דער 'מגלה עמוקות' האט אנגעהויבן זאגן דעם תיקון, זענען זיי רח"ל אויסגעגאנגען אויפ'ן ארט, אָן דעם וואס איינער זאל אפילו וויסן פון עפעס.

דעם אנדערן אינדערפרי ווען זיי זענען נישט אהיים געקומען, זענען זייערע ווייבער געווארן שטארק אומגעדולדיג וואס מיט זיי איז געשען, איז מען זיי געגאנגען זוכן אין ביהמ"ד וואו זיי האבן פריער געלערנט, אבער מען האט זיי נישט געפונען דארט.

ווען דער 'מגלה עמוקות' איז געגאנגען אין שוהל דאווענען שחרית, איז דער משרת אריין אין זיין צימער אויפרוימען, ווי ער עפענט די טיר האט ער זיך געווארפן פאר פחד, זע'ענדיג פאר זיך די צוויי איידימער פון זיין בעל הבית ליגן אויפ'ן ערד רח"ל.

עס איז געווארן א גרויסע רעש, אלע האבן געוואוסט אז זיי זענען אויסגעגאנגען הערנ'דיג דעם תיקון חצות פון דעם הייליגן 'מגלה עמוקות'.

די גאנצע שטאט איז געווען איינגעהילט אין גרויס טרויער, יעדער איז געגאנגען אפגעבן דעם לעצטן כבוד פאר די נפטרים, עס זענען פארגעקומען רייסנ'דע בכיות ביי די לוי', און דער יונגערמאן ר' נטע, האט נישט געהאט קיין מנוחת הנפש וויסנ'דיג אז צוליב עם איז געשען דער אומגליק, האט ער געטראכט בשעת די לוי': "אזוי ווי מיינע שוואגער'ס זענען אוועק נאר צוליב וואס עס האט זיי געשאדט דאס הערן מיין תיקון חצות, בין איך דאך בגדר פון א 'הורג נפש בשגגה', וואס על פי תורה בין איך מחויב צו גיין אין גלות, דערפאר מוז איך גיין אין גלות, צו ליידן אלס א כפרה אויף דעם חטא".

ווען עס איז אריבער די 'שבעה' טעג, האט ער דערציילט פאר זיין פרוי וואס ער האט באשלאסן, ער האט איר באשווארן קיינעם נישט מגלה צו זיין דעם סוד, ער האט זיך איבערגעטוהן אין אנדערע קליידער און אזוי ארויס שפאצירט פון שטאט און זיך צוגעטשעפעט צו א גרופע ארימעלייט, און מיט זיי אינאיינעם געגאנגען פון טיר צו טיר.

אין דעם זעלבע צייט איז ביי זיין שווער געווארן חושך, דער הייליגער טייערע יונגערמאן נטע'לע איז נישט דא, מען האט עם גענומען זוכן אין אלע גאסן אבער אָן ערפאלג, ער איז נישט דא, זיין שווער האט אפגעשריבן בריוועו צו אלע רבנים פון די ארומיגע שטעט, אז אויב זיי וועלן זעהן זיין איידעם מיט די און די סימנים, זאלן זיי עם באלד לאזן וויסן, ער וועט דערפאר באצאלן א שיינם סכום.

ר' נטע איז אזוי ארום געגאנגען א גאנצע יאר מיט די גרופע ארימעלייט, ביז ווען עס איז אנגעקומען חודש אלול, האט ער אנגעהויבן זיך צו זארגן, וואו וועל איך טרעפן א אתרוג א הדר, וואו וועל איך קענען מקיים זיין די מצוה פון שלאפן אין א סוכה אזוי ווי איך בין געווען צוגעוואוינט ביי מיין שווער.

ער איז אנגעקומען פאר יו"ט אין א גרויסע שטאט און איז צוזאמען מיט אלע ארימעלייט אריבער געגאנגען צום פרנס החודש אז ער זאל זיי געבן א גורל צו וועלכן בעה"ב ער זאל אנקומען און זיין דארט איבער יו"ט, דער פרנס איז געווען א שטיקל מבין אויף די צורה פונעם 'מגלה עמוקות', האט ער עם געפרעגט ווער ער איז? האט ער עם גע'ענטפערט אז ער איז אַן עני ואביון אזוי ווי די אנדערע דא, ער האט עם נישט געוואלט זאגן ווער ער איז.

דער פרנס האט עם געגעבן דעם גורל-צעטיל אין איז געגאנגען דערמיט צו א גביר, א תלמוד חכם. אזוי ווי דער יונגערמאן ר' נטע האט נאר איבערגעטרעטן די שוועל פון דעם גביר איבערגעבנדיג עם דאס צעטיל, האט דער בעל אכסניא געזען אויף עם, אז ער איז עפעס א העכערע מענטש און פרעגט עם ווער ער איז, ר' נטע האט נישט גע'ענטפערט קיין קלארע תשובה, ער האט עם אויפגענומען בסבר פנים יפות, אריינגענומען אין א באזונדערע צימער, מכבד געווען אזוי ווי עס פאסט זיך פאר אזא איד, ער האט עם געוויזן זיין הערליך שיינעם אתרוג און עם געזאגט אז ער קען אויך אתרוג בענטשן דערמיט.

ביינאכט נאכ'ן דאווענען זענען זיי אריין אין די הערליכע און שיין אויסגעצירטע סוכה, זילבערנע און גאלדענע כלים אויפ'ן טיש, ר' נטע האט געמאכט קידוש מיט גרויס התלהבות דקדושה און מחדש געווען חידושי תורה ביים טיש, דער בעה"ב דער גביר האט זיך מיט עם שטארק געווען משתעשע געווען און פארברענגט מיט עם א האלבע נאכט.

נאכ'ן בענטשן זאגט עם דער בעה"ב אז ער קען שלאפן אין סוכה גאנץ יו"ט, נאר איין זאך פארלאנגט ער פון עם, אז פאר ער לייגט זיך שלאפן, זאל ער צו פארשליסן די טיר פון סוכה.

דער בעה"ב איז זיך געגאנגען לייגן שלאפן און ר' נטע האט ארויסגענומען פון טאש א קבלה ספר און האט

זיך אראפגעשטעלט אין מיטן די סוכה, און אזוי שטייענ'דיג געלערנט א גאנצע נאכט און אפילו נישט מרגיש געווען אז עס זענען אריין געקומען גנבים און גענומען אלע טייערע כלים פון טיש, ער איז געשטאנען מיט 'התפשטות הגשמיות', נישט געזען און נישט געהערט גארנישט.

ביז אין די פריע פארטאג שעה'ן איז ער אזוי געשטאנען מיט'ן קבלה ספר און געלערנט, און אט איז דער בעה"ב אריינגעקומען אין די סוכה און צו זיין שטוינונג, טרעפט ער די טיר אפן די סוכה אויסגעליידיגט פון אלעם. ער וועקט אויף ר' נטע פון זיין 'דביקות' און פרעגט עם: "ר' איד וואו זענען אלע טייערע כלים פון די סוכה?"

"איך ווייס נישט וואס איר ווילט פון מיר האבן". - ענטפערט ר' נטע. דער בעל הבית איז געווארן אין כעס און האט עם געשלאגן.

באלד דעם ערשטן טאג חול המועד, האט עם דער גביר גענומען צום רב פון שטאט און דערציילט עם וואס דער גאסט האט געטוהן.

ר' נטע ענטפערט דעם רב, אז דער איינציגער באשעפער איז עדות אז ער ווייסט נישט פון קיין גניבה, ער פילט זיך נאר שולדיג מיט דעם אז ער האט פארגעסן וואס דער בעה"ב האט עם אנגעזאגט צו צושפארן די טיר פון די סוכה.

דער רב איז אויך געווען פון די רבנים צו וועמען עס איז אנגעקומען א בריוו פון ר' נטע'ס שווער וועגן זיין 'אנטלויפן' פון דערהיים מיט אלע זיינע סימנים, אזוי קוקנ'דיג אויף ר' נטע און קוק'נדיג אינעם בריוו, האט דער רב פארשטאנען אז דא שטייט פאר עם נישט קיין אנדערע ווי דער 'איידעם' פון קראקא אליין, די סימנים שטימען!

זאגט ער פאר'ן גביר: "איך וועל עם אריין פירן צו מיר אין צימער און דארט וועט ער זיך מודה זיין אויף די גניבה". דער גביר האט מסכים געווען דערצו.

דער רב פירט עם אריין אין א צווייטן שטוב און וויזט עם דעם בריוו און פרעגט עם: "יונגערמאן, וואס זאגסט דו צו דעם בריוו?"

ר' נטע איז שטיין געבליבן און זאגט עם: "יא! דאס איז מיין שווער פון קראקא".

האט עם דער רב געזאגט: "איך בין גוזר בגזירת מרא דאתרא אז דו זאלסט מיר דערציילן די סיבה פון דיין אנטלויפן פון דיין שווער".

ר' נטע האט נישט געהאט קיין ברירה און האט דערציילט אלעס וואס איז געשען מיט זיינע שוואגער'ס, אז זיי זענען געווען און זיין שטוב בשעת ער האט געזאגט תיקון חצות, און זענען דארט אויפ'ן פלאץ אויסגעגאנגען ל"ע, דערפאר זעהט ער זיך א שולדיגער דערין, וואס האט דעם דין ווי א 'הורג נפש בשגגה', האט ער דעריבער גענומען אויף זיך גלות".

האט עם דער רב געפרעגט, ער זאל עם זאגן די סיבה פון וואס זענען די שוואגער'ס געשטארבן?

האט ער עם גע'ענטפערט: "ווען איך רעכט אפ תיקון חצות, ווערן איך אזוי שטארק אז מען קען עס נישט אויסהאלטן הערנ'דיג, און איך האב א זכי' פון הימל אז איך הער דעמאלט דאס זינגען פון די מלאכי השרת און דאס האלט מיר ביים לעבן, דערפאר האב איך אנגעווארנט יעדן, אז קיינער זאל זיך נישט געפונען דעמאלט ביי מיר אין צימער, ווייל עס וועט זיי שאטן.

מיינע שוואגער'ס האבן זיך אויסגעלאכט דערפון זאגנ'דיג: "עס איז גארנישט, מען דארף נישט מורא האבן". און זענען יא אריינגעקומען, הערנ'דיג דאס קול פון די מלאכי השרת, זענען זיי פון דעם זיסן און געשמאקן קול אויסגעגאנגען רח"ל.

און וועגן די גניבה מעג מיר דער רב גלייבן, אז איך בין אינגאנצען ריין דערפון, ווייל איך האב געלערנט א גאנצע נאכט אין די סוכה און איך האב גארנישט באמערקט און גארנישט געהערט און נישט געזען".

דער רב איז שטארק נתפעל געווארן פון דעם יונגערמאן, און איז ארויס צום גביר וועלכע האט געווארט אינדרויסן און ער האט עם געזאגט: "לפי דעתי איז דער יונגערמאן ריין פון די גניבה און דו דארפסט עם מפייס זיין יעצט דא".

דער גביר הערנ'דיג דאס, איז שטארק נתפעל געווארן און איז צוגעגאנגען צו עם מיט גרויס הכנעה און געבעטן פון עם מחילה. האט עם דער יונגערמאן ר' נטע געזאגט אזוי: "דו זאלסט וויסן, אז ווען דו האסט מיר געשלאגן אויף מיין פנים צוויי מאל, אָן קיין שום חקירות ודרישות, האט מען גע'פסק'נט אין הימל אויף דיר, אדער דארפסט דו אוועקגיין פון די וועלט רח"ל, אדער זאלסט דו א גאנץ לעבן זיין א גרויסע ארימאן וואס איז 'חשוב כמת', די ברירה ליגט ביי דיר אין די האנט צו אויסוועלן איינע פון די צוויי".

דער גביר איז געווארן שטארק דערשראקן, און מיט א צובראכן הארץ האט ער אויסגעוועלט און מקבל געווען אויף זיך דאס ארימקייט.

באלד איז ביי עם געשען א גרויסע שריפה, עס איז עם אפגעברענט דאס גאנצע פארמעגן ל"ע.

זעה'ענדיג דאס, איז דער בעל הבית געפאלן צו די פיס פון דעם יונגערמאן און עם געבעטן אז ער זאל רחמנות האבן אויף עם. האט ער עם געזאגט: "איך האב רחמנות אויף דיר און איך בין דיר מוחל במחילה גמורה וואס דו האסט מיר געשלאגן, ווייל ווען נישט דו, וואלט עס אַן אנדערע געטוהן אויב דארף איך עס באקומען, דערפאר בין איך מבטל דעם הארבן פסק דין, נאר איך פסק'ען אז דו וועסט טאקע מער קיין עושר נישט זיין, אבער פרנסה זאלסט דו יא האבן".

צום סוף האט מען געפונען די גניבה, און ער האט זיך געמאכט א געשעפט און פון דעם האט ער געצויגן זיין פרנסה בדרך כבוד, אויף צו קענען לעבן.

דערנאך האט ר' נטע געזאגט דעם רב, אז ער וויל שוין אהיים פארן קיין קראקא צו זיין שווער אין שטוב.

דער רב איז מיטגעפארן מיט עם, די שמחה ביי זיין שווער איז געווען אין לשער.

ביז א קורצע צייט איז דער רב אין קראקא נפטר געווארן, האט מען אויף זיין ארט אויפגענומען דעם הייליגן יונגערמאן ר' נטע, וואס איז געווען א 'גאון' און 'קדוש', ער איז דאן געווארן דער רב אין די גרויסע שטאט קראקא, ער האט דארט מחבר געווען דאס הייליגע ספר 'מגלה עמוקות'.

✵ ✵ ✵

**דער שופט איז מבטל די גזירה.**

אין די צייטן פון דער הייליגער רבי מרדכי פון נאדבורנא זי"ע (יא"צ א' דסוכות), האט געוואוינט אין זיין שטאט א שופט, וועלכע איז געווען א גרויסע פארביסענע שונא ישראל. ער האט געטראכט בייטאג און ביינאכט ווי אזוי אנצוטוהן צרות פאר די אידן פון שטאט.

אמאל האט פאסירט אז אין דעם געגנט פון די שטאט נאדבורנא האט אויסגעבראכן א שווערע מגיפה, און פיל מענטשן זענען קראנק געווארן אין אַן אנשטעקיגע קראנקהייט. די דאקטוירים האבן געווארנט די גאנצע שטאט אז זיי זאלן מער אכטונג געבן אויף די ריינקייט פון זייערע הייזער און הויפן, ווייל די שמוץ איז איינע פון די הויפט זאכן וועלכע האבן צוגעברענגט די קרענק.

דער שופט האט ארום געשיקט ספעציעלע שטרענגע פאליציי, זיי זאלן נאכקוקן אין אלע גאסן פון נאדבורנא און אין די הייזער מיט די הויפן און גערטנער, צי די מענטשן האלטן איין די ריינקייט אזוי ווי עס דארף צו זיין. און אויב נישט, וועלן זיי שטארק באשטראפט ווערן.

די שטרענגע באפעל איז ארויסגעגעבן געווארן צווישן ראש השנה און יום כיפור. און דאס האט אויפגעוועקט ביי די אידן גרויס זארג, ווייל לויט דעם באפעל וואלטן זיי נישט געמעגט אויפשטעלן קיין סוכות אין זייערע הויפן. לויט דעם מיינונג פון דעם שופט, קען דאס צוברענגען צו שמוץ.

זיי האבן אבער געהאפט און מתפלל געווען צום אייבערשטער, אז ער זאל שיקן א רפואה שלימה, און די קראנקהייט זאל שנעל אוועק גיין, און זיי זאלן קענען אויפשטעלן סוכות.

באלד מוצאי יום כיפור האט דער צדיק רבי מרדכי זי"ע אנגעהויבן צו בויען זיין סוכה אין זיין הויף, ער האט זיך איבערהויפט נישט גערעכנט מיט דעם שטרענגן 'איסור'.

ווען דער שופט איז געוואויר געווארן אז דער רבי האט אויפגעבויט א סוכה אין זיין הויף איז ער געווארן אנגעפולט מיט צארן, און געשיקט א שליח מעלדן אז דער רבי זאל געשווינד צוזאמען לייגן זיין סוכה וועלכע איז געבויט געווארן קעגן דעם געזעץ.

דער רבי האט זיך אבער נישט וויסנ'דיג געמאכט פון דעם שליחות, און ווייטער צוגעגרייט די סוכה. ווען דער שופט האט דאס געהערט, האט ער באשלאסן אז ער אליין וועט אריבער גיין און צוברעכן די סוכה, פאר דעם רבי'נס פנים.

ווען דער שופט איז אריין געקומען אין די סוכה, האט ער געטראפן דעם צדיק שטיין אין די סוכה אויסלייגן דעם סכך. ער הייבט אָן צו שרייען מיט א קאכעניש: "איר זאלט שוין די מינוט צונעמען דעם סוכה, און אויב נישט וועל איך דאס צוברעכן אויף שטיקער!"...

דער צדיק ענטפערט עם צוריק רואיג מיט א שמייכל: "איך האב אויפגעשטעלט די סוכה אז דאס זאל בלייבן שטיין, נישט אויף צו צוברעכן!"...

דער שופט גייט צו און וויל אנהייבן צו צוברעכן די סוכה, אבער דער צדיק רופט זיך אָן צו עם אויפ'ן קול: "דו זאלסט וויסן אז דער הייליגער רבי מאיר'ל פון פרעמישלאן זי"ע איז געווען מיין עלטער פעטער!"...

דער שופט שפרינגט אויף מיט כעס און שרייט צוריק: "וואס אינטערעסירט מיר ווער דיין עלטער פעטער איז געווען, איך וויל נישט דא זען קיין סוכה!"

דאן האט זיך דער רבי אוועק געשטעלט נעבן דעם שופט און עם אריין געקוקט אין די אויגן, און זיך אנגערופן: "הער מיר צו עטליכע מינוט, צו א מעשה וואס וועט דיר אינטערעסירן". - און דער רבי הייבט אן צו דערציילן:

"אין א קליין שטעטל נישט ווייט פון פרעמישלאן האט געוואוינט א פריץ וועלכער האט געהאט צען זיהן, אלע הויכע, געזונטע און שטארקע. ער האט געוואוינט אין א גרויסן פאלאץ ארום גענומען מיט א שיינעם גארטן איינגעפלאנצט מיט פרוכט ביימער.

איינמאל איז דער פריץ צוריק געקומען פון א רייזע פון א ווייטע לאנד, און ער האט מיטגעברענגט מיט זיך א גאנצע בינטל מיט זייער שיינע און טייערע בלומען.

ער האט געוואלט איינפלאנצען די בלומען ביי זיך אין גארטן, דערפאר האט ער אבער געמוזט אויסרייסן אסאך פרוכט ביימער, און אויף זייער ארט איינפלאנצן די שיינע בלומען.

דער פריץ האט געהאט גרויס פארגעניגן, ווייל די בלומען האבן פארשפרייט א געשמאקן ריח אין די גאנצע געגענט. און אויך אלע מענטשן האבן באוואונדערט די הערליך שיינע בלומען, וואס מען זעט נישט אין גאנצן לאנד.

נאך א קורצע צייט איז דעם פריץ עלטסטער זוהן קראנק געווארן אויף א שווערע קרענק, און אין געציילטע טעג איז ער געשטארבן. נאך עם איז דער צווייטער זוהן קראנק געווארן, און ער איז געשטארבן. אזוי זענען זיינע זיהן איינער נאך דעם צווייטן אויסגעשטארבן.

דער פריץ האט געלאזט רופן די בעסטע דאקטוירים פון לאנד, אבער קיינער האט נישט געקענט ערקלערן די באדייט פון זייער קרענק און ווי אזוי מען קען דאס אויסהיילן.

ווען זיין צענטע זוהן איז קראנק געווארן, איז ער געווארן שטארק טרויעריג, ווייל ער האט געוואוסט וואס עס וועט פאסירן, און יעצט וועט ער בלייבן אָן קיין קינדער.

האט איינער פון זיינע גוטע פריינד עם געגעבן אַן עצה: "עס געפינט זיך א אידישער רבי אין דעם נאנטן שטעטל פרעמישלאן, וואס ער קען באווייזן גרויסע מופתים, אפשר וועט דער צדיק דיר קענען העלפן".

דער פריץ איז אבער געווען א גרויסע שונא ישראל, און ער האט נישט געקענט אריין נעמען אין געדאנק אז ער וועט גיין צו א אידישער רבי. אבער נאך דעם וואס זיין גוטע פריינד האט עם שטארק צוגערעדט צו דעם, און דער מצב פון זיין צענטן זוהן איז נאר ערגער געווארן, האט ער באשלאסן אז ער וועט פארן קיין פרעמישלאן צום צדיק בעטן א ברכה.

אריין קומענ'דיג צו מיין עלטער פעטער רבי מאיר'ל פרעמישלאנ'ער זי"ע, האט זיך דער פריץ צעוויינט און אויסגעגאסן זיין ביטער הארץ אויף אלעס וואס איז געשען מיט עם, און אז זיין יונג'סטע זוהן גייט שוין אויך באלד שטארבן.

רבי מאיר'ל האט עם אויסגעהערט, און זיך אנגערופן צום פריץ: "דו זאלסט וויסן אז דיינע צרות זענען געקומען אויף דיר, ווייל ווען דו האסט איינגעפלאנצט אין דיין גארטן די שיינע בלומען, האסט דו אויסגעריסן פון דארט גוטע פרוכט-ביימער. מיט דעם ביסט דו באגאנגען זייער א געפערליכע זאך. ווייל עס שטייט אין די תורה אז דער מענטש איז צוגעגליכן צו א פרוכט בוים, און ווען מען רייסט ארויס א בוים, איז אזוי ווי מען רייסט ארויס א מענטש. און וויבאלד דו האסט אויסגעריסן ביימער פון דעם אייבערשטער, האט דער אייבערשטער אויסגעריסן דיינע ביימער - דאס זענען דיינע קינדער.

און יעצט, אויב דו וועסט מיר צוזאגן אז דו וועסט מער נישט טוהן אזא זאך, וועט דיין זוהן געזונט ווערן!"

דער פריץ האט מיט טרערן אין די אויגן צוגעזאגט, און ווען ער איז צוריק אהיים געקומען, איז מען עם אקעגן געקומען מיט א בשורה טובה, אז זיין צענטע זוהן באווייזט צייכענעס אז זיין קראנקהייט ענדיגט זיך. און ביז א קורצע צייט איז ער אינגאנצן געזונט געווארן.

"יעצט" - האט רבי מרדכי'לע נאדבורנער זי"ע צוגע'ענדיגט זיינע ווערטער - "וויל איך דיר זאגן, אז יענער צענטע אינגל וואס איז אויסגעהיילט געווארן דורך מיין עלטער פעטער, איז נישט קיין אנדערע ווי דו אליין, און פאר די גרויסע טובה וואס ער האט דיר געטון, באצאלסט דו מיר צוריק מיט שלעכטס?!?"...

ווען דער שופט האט געהערט די רייד פון דעם צדיק, איז ער באלד געפאלן אויף זיינע פיס און עם געבעטן, ער זאל עם מוחל זיין אויף דעם ווייטאג מיט'ן סטראשען.

רבי מרדכי'לע זי"ע האט גע'ענטפערט דעם שופט: "נאר מיט דעם באדינג בין איך דיר מוחל פאר די שטרענגע רייד, אויב דו וועסט מיר צוזאגן אז דו וועסט מער קיינמאל נישט ארויסווייזן קיין שלעכט'ס פאר אידישע קינדער, און זיך אויף פירן צו זיי ווי צו א ברודער".

דער שופט האט זיך דאס אונטערגענומען מיט זיין גאנצן הארץ, און יענעם יום טוב סוכות האבן די אידן אין נאדבורנא אנגעפירט מיט גרויס שמחה, און קיינער האט זיי נישט געשטערט מקיים צו זיין די מצות פון אייבערשטער.

✵ ✵ ✵

**דער צדיק איז מבטל א גזירה.**

דער הייליגער רבי מרדכי פון נאדבורנא זי"ע (יא"צ א' דסוכות), פלעגט אסאך ארומפאָרן אין שטעט און דערפער, אמאל האט פאסירט אז הרה"ק ר' מרדכי'לע איז געווען יום הקדוש אינעם שטאט סקאָל, און האט דארט געפראוועט זיין הייליגע עבודה מיט זיינע חסידים.

די אידן פון סקאל האבן געהאפט אז אויך יום טוב סוכות וועט ער פראווען מיט זיי, אבער באלד מוצאי יום הקדוש, האט דער רבי געזאגט פאר זיינע גבאים, אז זיי זאלן שוין צוזאמען פאקן די פעק, ווייל ער וויל תיכף אוועקפאָרן, ער האט נישט געזאגט וואו ער וויל פאָרן, די גבאים האבן זיך שנעל געגרייט צו פאָרן, און מען האט זיך תיכף ארויסגעלאזט אין וועג.

זיי זענען געפאָרן פון איין שטאט צום צווייטן, פון דאָרף צו דאָרף, און ער האט באפוילן פאר זיינע משמשים, אז אין יעדע פלאץ וואו ער קומט אָן, זאל מען יעדן מעלדן אז רבי מרדכי'לע איז דא, כדי דער עולם זאל זיך צוזאמען קומען, ווייל ער וויל יעדן זעהן.

עס איז טאקע אזוי געווען, איבעראל וואו רבי מרדכי'לע איז נאר אנגעקומען, זענען זיך צוזאמען געקומען זייער אסאך מענטשן און גענומען שלום פונעם רבי'ן, און ווען מען איז עם אדורכגעגאנגען, האט רבי מרדכי'לע יעדן שטארק באטראכט, און ווי נאר די מענטשן האבן גע'ענדיגט דורכגיין, האט ער געזאגט פאר זיינע גבאים, אז מען זאל שוין פאָרן ווייטער צום קומענ'דיגן שטאט, און דאס זעלבע האט זיך איבער גע'חזר'ט אין די אנדערע שטעט.

אזוי האט עס אנגעהאלטן די עטליכע טעג פון צווישן יום כיפור און סוכות, מען איז ארומגעפארן פון איין שטאט צום צווייטן, ערב סוכות איז רבי מרדכי'לע אנגעקומען אין א געוויסע שטאט, און ווען די מענטשן האבן געהערט אז רבי מרדכי'לע איז דא, זענען זיי אלע געקומען נעמען שלום, און דער רבי האט יעדעם איינעם באטראכט.

צווישן די דורכגייער איז געווען א איד זייער א גרויסער עושר, ער איז געווען באקאנט אלס א קארגער, ער פלעגט נישט טיילן קיין צדקה, ווען ער איז דורכגעגאנגען דעם רבי'ן, האט דער רבי עם געפרעגט, אויב ער וואלט געקענט ביי עם איינשטיין אויף יו"ט סוכות.

ווען דער עושר האט דאס געהערט, איז ער געווארן זייער פריילך, און נישט געוואוסט וואס צו טוהן פון גרויס שמחה, אז דער רבי האט אויסגעקליבן איינצושטיין פונקט ביי עם.

רבי מרדכי'לע איז צוגעפאָרן צום שטוב פונעם עושר, און איז געווארן אויפגענומען מיט די גרעסטע כבוד, און מען האט עם צוגעשטעלט דעם שענסטן שטוב פון די גאנצע הויז, וועלכע מען האט ממש לעצטנ'ס גע'ענדיגט בויען מיט פיל כבוד און פראכט.

רבי מרדכי'לע האט געפרעגט דעם עושר, אויב ער וואלט געקענט דא ביי עם אין הויז בויען א סוכה לכבוד יום טוב. דער עושר האט גע'ענטפערט: זייער גערן. און רבי מרדכי'לע איז אדורכגעגאנגען אלע שטיבער, און האט זיך אפגעשטעלט ביי איין שטוב וועלכע איז געווען דאס שענסטע פון די גאנצע הויז, און געזאגט אז ער וויל אין דעם שטוב מאכן א סוכה.

דער עושר האט זיך זייער געוואונדערט פארוואס וויל דער רבי בויען די סוכה פונקט דא אין דעם שענסטן שטוב, בפרט ווען ער האט אין זיין הויף א שיינע הערליכע געבויטע סוכה.

פארוואונדערטערהייט האט ער געפרעגט דעם רבי'ן: "ווי אזוי קען מען דא מאכן א סוכה?"

האט עם דער רבי גע'ענטפערט: "וואס הייסט ווי אזוי, מען קען אויפברעכן דעם דאַך, און עס צודעקן מיט כשר'ע סכך".

דער עושר איז געבליבן שטיל, הערנ'דיג די אינטערסאנטע פארלאנג פונעם רבי'ן, אבער ער האט זיך נישט געטרויעט זיך קעגן צו שטעלן, וויסנ'דיג אז דער רבי איז גאר א הייליגער איד, און ער האט מורא געהאט צו זאגן אנדערש.

נישט האבנ'דיג קיין ברירה, האט ער זיך געזעגנט פונעם שיינעם הערליכן דאַך און פון די הערליכע אויפגעקריצטע בילדער דערויף, און האט באשטעלט ארבעטער וואס האבן צובראכן דעם הערליכן נייעם דאַך וואס מען האט נישט לאנג צוריק גע'ענדיגט בויען. דער עושר האט באדעקט דעם פלאץ מיט סכך, און האט זיך די גאנצע צייט איינגעהאלטן פון ארויסרעדן א ווארט קעגן דעם רבי'נס פארלאנג.

עס זענען דורכגעגאנגען עטליכע שעה, און דער בעל הבית האט זיך נאכנישט בארואיגט פון דעם שווערן דורכגאנג אז מען האט אויפגעבראכן דעם דאַך, האט עם דער רבי גערופן, און געזאגט: "איך האב שוין ב"ה א כשר'ע סוכה, אבער וואס וועט זיין מיט 'נוי סוכה'? איך וואלט געוואלט בארגן פון אייך הונדערט רובל פאר 'נוי סוכה'!"

דער עושר וועלכער איז געווען באקאנט מיט זיין קארגשאפט, איז אויפגעשפרונגען, ער האט קודם געוואלט אפזאגן דעם רבי'נס פארלאנג: 'אזא סכום געלט פון הונדערט רובל בלויז פאר נוי סוכה'? אבער ער האט תיכף געטראכט, אז ער האט נישט קיין ברירה, ער קען נישט ווי טוהן פאר רבי מרדכי'לע, און האט ארויסגענומען פון זיין טאש דעם גאנצן סכום און געגעבן דעם רבי'ן.

רבי מרדכי'לע האט באלד געשיקט זיין משמש זאל רופן אלע ארימעלייט פון שטאט, ווייל ער וויל זיי עפעס געבן לכבוד יום טוב, די גאנצע שטאט האט געטומלט, אלע ארימעלייט האבן באלאגערט דעם הויז פונעם עושר, און רבי מרדכי'לע מיט זיין גרויסע רחמנות האט אויסגעטיילט די גאנצע הונדערט רובל פאר די ארימעלייט.

עס האט נישט געדויערט לאנג, און דער רבי לאזט נאכאמאל רופן דעם עושר, און זאגט עם: "דאס געלט וואס דו האסט מיר געגעבן איז נישט געווען גענוג, און איך האב געוואלט בעטן, אויב דו קענסט מיר בארגן נאך הונדערט רובל פאר נוי סוכה".

דער עושר האט זיך נישט געוואוסט וואו אהינצוטאן, ער האט שוין צען מאל חרטה געהאט פאר'ן אריין נעמען דעם רבי'ן צו זיך אין שטוב, פריער האט ער שוין געמאכט א חורבן אין זיין הויז, און יעצט בעט ער שוין דאס צווייטע מאל אזוי פיל געלט, און ער האט געטראכט זיך צו אנטשולדיגן אז ער האט נישט קיין געלט, אבער ער האט באלד חרטה געהאט, ווייל ער האט געוואוסט, אז מען קען גארנישט באהאלטן פונעם רבי'ן וועלכער האט רוח הקודש.

אזוי טראכטנ'דיג וואס צו ענטפערן, רופט זיך דער רבי אָן: "דו זאלסט וויסן אז מרדכי'לע האט נאך קיינעם נישט אויסגענארט, ווען ער זאגט אז ער וועט צאלן, וועט ער באצאלן".

נישט האבנ'דיג קיין ברירה, האט ער ווידער געגעבן דעם זעלבן סכום, און דער רבי האט דאס ווידער אויסגעטיילט פאר צדקה.

דער גביר האט זיך קוים בארואיגט, און דער גבאי קלאפט שוין נאכאמאל אויף זיין טיר, זאגנ'דיג אז דער רבי רופט עם, אבער דאָסמאָל האט ער געזאגט פאר'ן גבאי, אז ער זאל זאגן פאר'ן רבי'ן, אז ער איז זייער פארנומען און קען נישט קומען.

ווען דער גבאי האט דאס איבערגעגעבן פאר'ן רבין, האט דער רבי עם צוריקגעשיקט זאגן, אז ער האט זייער א וויכטיגע ענין צו רעדן מיט עם, און ער זאל נישט פארברענגען קיין מינוט, ווייל די צייט איז זייער קורץ, און ער זאל שוין קומען.

דער עושר האט נישט געהאט קיין ברירה, ווען ער איז אנגעקומען צום רבי'ן, זאגט עם דער רבי: "דאס געלט וואס דו האסט מיר געגעבן איז נאך נישט געווען גענוג, דעריבער בעט איך דיר, אויב דו קענסט מיר בארגן צום דריטן מאל, נאך 100 רובל פאר נוי סוכה".

יעצט האט דער עושר דאס מער נישט אויסגעהאלטן, און האט זיך אנגערופן מיט גרויס חוצפה: "איך וויל זאגן פאר'ן רבי'ן קלאָרע ווערטער, דער רבי זאל מיר מוחל זיין, אבער איך בין נישט געוואוינט צו אזעלכע זאכן, קודם האט דער רבי באפוילן אז איך זאל צוברעכן מיין הויז, דערנאך האט ער מיר שוין געבעטן צוויי מאל 100 רובל, און יעצט בעט שוין דער רבי א דריטע מאל 100 רובל, איך קען מער בשום אופן נישט געבן דאס געלט".

האט עם דער רבי געזאגט: "אזוי ווי דו האסט גערעדט צו מיר קלארע דיבורים, וועל איך אויך רעדן צו דיר זייער קלאר, ווען איך בין געווען דעם פארגאנגענעם יום הקדוש אין גאליציע, האט מען מיר געוויזן אין הימל אז עס איז דא א שווערע גזירה אויף א געוויסן עושר, א קארגער, וועלכער האט יעצט גע'ענדיגט בויען א נייע שיינע פרעכטיגע הויז, און מען האט גוזר געווען, אז זיין גאנצע הויז זאל פארברענט ווערן, און ער מיט זיין גאנצע משפחה זאלן דארפן וואנדערן פון שטאט צו שטאט זוכן א שטיקל ברויט".

"ווען איך האב דאס געזעהן" - זאגט דער רבי ווייטער - "האב איך מיר גענומען די טירחא צו קענען מבטל זיין די שווערע דינים אויפ'ן עושר, און איך האב אנגעהויבן ארומצוגיין פון שטאט צו שטאט כדי צו טרעפן דעם עושר, און איך זוך עם שוין עטליכע טעג, און איך האב עם נישט געפונען, ביז ענדליך בין איך אנגעקומען אין דעם שטאט, און איך האב דיר דערקענט אז דו ביסט דער עושר אויף וועמען מען האט גוזר געווען די שווערע גזירה".

"דערפאר האב איך קודם באפוילן, אז דו זאלסט צוברעכן דעם דאַך, כדי אוועקצונעמען די גזירה, אבער איך האב געזעהן אז איך האב נאך נישט אויפגעטוהן, דעריבער האב איך דיר געבעטן הונדערט רובל, כדי דאס זאל העלפן אראפצונעמען די גזירה, אבער עס האט נאך אלס נישט געהאלפן, און איך האב זיך נישט מייאש געווען, איך האב נאכאמאל פרובירט צו בעטן הונדערט רובל, האפנ'דיג אז מיט די עגמת נפש און געלט שאָדן וואס דו וועסט האבן, וועט די גזירה בטל ווערן".

"דו זאלסט וויסן" - האט דער רבי אויסגעפירט - "אז די גזירה איז נאך אלס דא, די זאך ווענדט זיך נאר אין דיר, אויב דו וועסט מיר יעצט נאכאמאל געבן דעם סכום וואס איך האב געבעטן, וועט די גזירה בטל ווערן, און אויב נישט, בלייבט די גזירה רח"ל".

עס איז איבריג צו זאגן, אז ווען דער גביר האט געהערט די אפענע ווערטער פונעם רבי'ן, האט ער דערשראקענערהייט נאכאמאל ארויסגענומען דעם גאנצן סכום, און מיט טרערן אין די אויגן האט ער געבעטן דעם רבי'ן, אז ער זאל עם מוחל זיין אויף דעם וואס ער קודם נישט געוואלט געבן דאס געלט, און ער האט געזאגט, אז דאס געלט איז נישט קיין הלואה, דער רבי דארף דאס נישט באצאלן.

דער רבי האט גענומען דאס געלט, און אויסגעטיילט פאר צדקה, און עם אנגעוואונטשן אז ער זאל זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר, און די גזירה איז טאקע בטל געווארן.

✵ ✵ ✵

**דער אתרוג איז ריין געווארן דורך תשובה.**

דער הייליגער רבי מרדכי פון נאדבורנא זי"ע (יא"צ א' דסוכות) האט אמאל באקומען פאר יום כיפור אַן אתרוג פול מיט שטארקע פלעקן. ער האט דאס אריין געלייגט אינעם ארון הקודש, און געזאגט: "אויב מרדכי וועט גוט תשובה טוהן, דאן וועלן אלע פלעקן אוועק גיין און עס וועט ווערן א שיינע אתרוג".

באלד נאך יום כיפור האט ער צוריק ארויס גענומען דעם אתרוג, און אלע האבן מיט וואונדער באקוקט דעם שיינעם און זויבערע אתרוג!

❋ ❋ ❋

**דורך געבראכן דעם גלאז פאר'ן אתרוג.**

דער הייליגער רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב זי"ע פלעגט נישט שלאפן די ערשטע נאכט סוכות, פון גרויס בענקשאפט צו די מצוה פון נטילת לולב, אז ער זאל דאס קענען מקיים זיין גלייך ווען עס ווערט טאג.

איין יאר האט זיך געטראפן אז באלד אינדערפרי איז ער צוגעלאפן צו דעם שאנק וואו עס איז געליגן דער אתרוג, און פון גרויס חשק און התלהבות צו די מצוה האט ער נישט באמערקט אז דער שאנק האט א גלאז'ענע טיר, ווען ער האט מיט א שטארקע ברען אריינגעשטעקט זיין האנט צו נעמען דעם אתרוג, האט זיך צובראכן דער גלאז פונעם שאנק, און עס האט אריינגעשניטן אין זיין האנט.

דער צדיק האט פון זיין גרויס התלהבות צום אתרוג נישט באמערקט וואס עס איז געשעהן, און ער האט אפילו נישט געשפירט די ווייטאג פונעם שניט, נאר איז באלד געלאפן אין סוכה אריין צו מקיים זיין די מצוה פון נטילת לולב.

❋ ❋ ❋

**אַן אתרוג פאר'ן ערשטן טאג וואס איז אין שבת.**

צום גאון רבי זלמן בהר"ן זצ"ל פון ירושלים, וועלכע איז באקאנט מיט'ן נאמען "רבי זלמן רבי נחום'ס", איז אמאל מוצאי יום כיפור געקומען א איד און עם געברענגט אַן אתרוג אויף מבינות, ווייל רבי זלמן איז געווען א גרויסע מבין אויף אתרוגים.

דער אתרוג איז געווען זייער א שיינע אין אויסזעהן, אבער ער האט געהאט איין גרויסע חסרון, דאס איז געווען א 'חסר', דאס מיינט עס האט געפעלט דערפון א קליין שטיקל. יענע יאר איז אויסגעקומען אז דער ערשטע טאג יום טוב איז אויסגעפאלן אום שבת.

ווען רבי זלמן האט באמערקט דעם חסרון און עס יענעם געוויזן, רופט זיך יענער אָן: "נו מילא, מיר האבן דאך היינטיג'ס יאר דעם ערשטן טאג יום טוב אום שבת, און די אנדערע טעג וועלכע זענען נאר מדרבנן, איז דאך א חסר אויך כשר".

הערנדיג די רייד איז רבי זלמן דערציטערט געווארן און אויסגערופן: "וואס רעדט איר? גלייבט איר דען נישט אז משיח דארף יעדן טאג קומען?! און וויבאלד ער וועט דאך קומען וועט דאך זיין דער חיוב מדאורייתא אויך דעם ערשטן טאג יום טוב, כאטש עס פאלט אום שבת, וועסט דו דאך האבן א פסול'ן אתרוג, און נאך מער, די אנדערע טעג חול המועד וועלן מיר דאך בענטשן לולב אין בית המקדש און דארט איז דאך אויך מדאורייתא, און דו וועסט דאן קיין אתרוג נישט האבן צו בענטשן דערויף?!"...

❋ ❋ ❋

**דער אתרוג איז מרמז אויף ענוה.**

דער הייליגע רבי יחזקאל שרגא פון שינאווא זי"ע, האט אמאל סוכות בייגאכט ביים טיש געלויבט דעם אייבערשטן אז עס איז עם ב"ה אויסגעקומען צו האבן דאס יאר גאר א שיינעם אתרוג.

איינע פון די אנוועזנדע חסידים האט זיך אנגערופן, אז זיין אתרוג איז נאך פול שענער פון דעם רבי'נס אתרוג, און אויך פון אלע איינוואוינער פון שטאט.

האט דער שינאווא רב זי"ע זיך אנגערופן צו יענעם און געזאגט: "דיין אתרוג איז פסול!" יענער חסיד איז שנעל אהיים געלאפן און געברענגט זיין אתרוג צו ווייזן פאר אלעמען.

ווען דער שינאווא רב זי"ע האט גענומען דעם אתרוג אין האנט אריין, האט ער באלד אראפ גענומען דעם פיטום און געוויזן אז דער פיטום איז בכלל נישט געווען באהאפטן נאר אריין געשטעקט מיט א נאדל.

יענע חסיד וואונדערט זיך שטארק פון וואו דער שינאווא רב האט געוואוסט אז דער אתרוג איז פסול.

האט דער שינאווא רב גע'ענטפערט: "דער אתרוג איז מרמז אויף ענוה, און ווען איך האב געזעהן דאס גאוה און שטאלצקייט וואס דער אתרוג האט דיר צוגעברענגט, האב איך באלד פארשטאנען אז דיין אתרוג מוז זיין פסול"...

❋ ❋ ❋

**דער אתרוג איז פסול? לאמיר זיין בשמחה!**

דער הייליגער רבי מנחם נחום פון טשערנאביל בעל 'מאור עינים' זי"ע, האט געהאט בירושה די תפילין פון זיין רבי, דער הייליגער רבי ישראל 'בעל שם טוב' זי"ע, עס איז ביי עם געווען זייער חשוב, מענטשן זענען געווען גרייט צו באצאלן פאר דעם אסאך אסאך געלט, אבער ער האט דאס בשום אופן נישט געהאלטן ביים פארקויפן.

איינמאל האט זיך געמאכט אז ביים הייליגן 'מאור עינים' אין שטוב האט די ארימקייט אנגעהויבן גרויס צו ווערן, עס איז נישט געווען כמעט קיין ברויט צו עסן. האט די רעבעצן אַן עצה געגעבן, און אויך געבעטן, אז ער זאל פארקויפן די תפילין, און אזוי מיט די געלט וועט קענען לעבן די קומענדיגע שטיקל צייט בהרחבה.

אבער דער הייליגער 'מאור עינים' האט פון דעם אפילו נישט געוואלט הערן, ווייל די חשיבות פון די תפילין איז ביי עם געווען גאר גרויס, און עס איז נישט ווערד געווען צו בייטן דאס פאר קיין שום געלט.

איין יאר, ווען עס איז אנגעקומען דער יום טוב סוכות, איז אין טשערנאביל יענע יאר געווען זייער שווער צו באקומען אַן אתרוג, און דער הייליגער 'מאור עינים' האט זייער שטארק געוואלט מקיים זיין די מצוה פון ארבעה מינים.

ווען עס איז געקומען גאר נאנט צום יום טוב, האט דער הייליגער 'מאור עינים' אויסגעפונען אז פאר אסאך געלט איז דא צו באקומען א שיינע אתרוג, אבער קיין געלט אין שטוב האט ער נישט געהאט דערפאר, און די איינציג'סטע חפץ וואס ער האט, זענען די הייליגע תפילין.

דער הייליגער 'מאור עינים' איז שנעל געגאנגען און פארקויפט די תפילין, און מיט די געלט געקויפט דעם שיינעם אתרוג לכבוד יום טוב.

אזוי ווי ער קומט אהיים מיט'ן אתרוג, ווייזט ער דאס פאר זיין רעבעצן, זי נעמט דעם אתרוג אין האנט, און פרעגט פון איר מאן: "פון וואו האסט דו געהאט געלט פאר'ן אתרוג?"

האט ער איר דערציילט וואס ער האט געטוהן, ווען זי האט דאס געהערט, האט דער אתרוג פון גרויס צער זיך ארויס געגליטשט פון איר האנט, דער פיטום האט זיך אפגעבראכן און דער אתרוג איז פסול געווארן.

דער הייליגער 'מאור עינים' פארלירט זיך נישט, נאר ער רופט זיך אָן הויך מיט א פרייליכע שטימע: "דער הייליגער בעל שם טוב'ס תפילין איז שוין נישט דא! קיין אתרוג אויף יום טוב איז שוין אויך נישט דא! אבער איין מצוה איז נאך איבער געבליבן, דאס איז די מצוה פון 'שמחה', דעריבער לאמיר בלייבן מיט דעם מצוה". און ער האט זיך באלד ארויסגעלאזט אין א טענצל מיט א געוואלדיגע ברען..

❋ ❋ ❋

**דער תנאי פאר'ן געבן דעם אתרוג.**

עס איז געווען איין יאר פאר סוכות, אין די שטאט טריסק איז נישט געווען צו באקומען קיין אתרוג, האט דער הייליגער 'מגיד' רבי אברהם זי"ע געשיקט זיינע קינדער ארויס פון שטאט כדי צו זוכן אַן אתרוג, זענען זיי אנגעקומען צו א קליין שטעטל, און זיי האבן געפונען ביים רב א שיינע אתרוג, האבן זיי דעם אתרוג געוואלט אפקויפן, אבער אזוי ווי דער רב איז געווען פון די מתנגדים האט ער פאר זיי בשום אופן נישט געוואלט פארקויפן דעם אתרוג.

אזוי ווי זיי האבן זיך זייער שטארק געבעטן האט ער זיך אויסגענומען מיט זיי א תנאי, אז ער וועט קומען אויף א שבת קיין טריסק, און פרייטאג צו נאכט'ס נאכ'ן דאווענען ווען דער מגיד גייט אריין אין צימער פאר קידוש, וויל ער אז מען זאל עם דארט אריינלאזן, ווייל ער וויל זעהן וואס דער מגיד טוט דעמאלט. ווייל די טריסק'ער חסידים פארקויפן אז זייער רבי, דער מגיד איז דאן באשעפטיגט מיט 'תיקון נשמות', און ער גלייבט דאס נישט, דעריבער וויל ער אליין זעהן אויב דאס איז אמת אדער נישט.

די הייליגע קינדער האבן אין אנהייב געזאגט אז זיי קענען דאס נישט נאכגעבן, ווייל 'קיינער' קען דעמאלט נישט אריינגיין אין צימער פונעם מגיד, אבער דער רב האט דאן געשריגן אז ווייל זיי זענען אזוי פאר'עקשן'ט עם נישט אריינצולאזן צום מגיד, דעריבער וויל ער דוקא זעהן אויב עס איז אמת, און ער וועט זיי געבן דעם אתרוג נאר אויפ'ן תנאי אז זיי וועלן עם אריינלאזן צום מגיד אין צימער פאר קידוש.

די הייליגע קינדער האבן געזעהן אז זיי האבן נישט קיין ברירה, זיי האבן דאך געוואלט האבן דעם אתרוג פאר'ן הייליגן טאטן, דער מגיד, האבן זיי בלית ברירה מסכים געווען צום תנאי.

ווען זיי האבן געברענגט דעם אתרוג פאר'ן הייליגער טריסק'ער מגיד האט ער זיך זייער געפריידט צום אתרוג, און זיינע קינדער האבן גארנישט דערציילט פאר'ן מגיד וועגן דעם תנאי וואס דער רב האט מיט זיי געמאכט.

נאך סוכות איז דער רב געקומען אויף שבת קיין טריסק. פרייטאג צו נאכט'ס נאכ'ן דאווענען ווען דער מגיד איז אריין אינעם צימער האט דער רב זיך געשטעלט ביים טיר און האט פארלאנגט אריינצוגיין. אבער אזוי ווי 'קיינער' איז דאך נישט ערלויבט אריינצוגיין אין צימער, האט דער משמש עם נישט אריינגעלאזט.

דער רב האט אנגעהויבן צו שרייען: "גנבים וואס איר זענט, פארוואס האט איר מיר אויסגענארט, און איר זענט נישט מקיים דעם תנאי, זאלט איר וויסן אז אויב איר לאזט מיר נישט אריין צום מגיד בין איך מבטל דעם תנאי אויפ'ן פארקויף פונעם אתרוג, און עס קומט אויס אז דער אתרוג איז געווען א גע'גזל'טע אתרוג, און איר האט נישט מקיים געווען דערמיט דעם מצוה, ווייל דאס איז געווען א 'מצוה הבא בעבירה'".

די הייליגע קינדער פונעם מגיד האבן עם געבעטן אז ער זאל יעצט נישט אריינגיין, כדי ער זאל נישט שטערן די הייליגע עבודה פונעם טאטן.

האט דער רב אנגעהויבן צו שרייען: "אדרבה, איך וויל דוקא יעצט אריינגיין, ווייל ווער ווייסט וואס ער טוט יעצט דארט".

דער הייליגער מגיד האט געהערט די געשרייען פונעם רב האט ער גע'עפנט דעם טיר און געפרעגט: "וואס זענען די קולות דא?"

האבן די הייליגע קינדער עם דערציילט וועגן דעם תנאי וואס דער רב האט מיט זיי געמאכט ביים פארקויפן דעם אתרוג.

האט דער מגיד זיך אנגערופן צום רב: "אויב איר ווילט דוקא, קענט איר אריינקומען!" און דער רב איז אריין צום מגיד אין שטוב.

עס איז אריבער א פערטל שעה, און די טיר פון מגיד'ס צימער האט זיך גע'עפנט, דער מגיד האט גערופן דעם גבאי און געזאגט: "מאָטל, נעם עם ארויס פון דא!"

דער גבאי קומט אריין אין צימער, און טרעפט דעם רב ליגן אויפ'ן מגיד'ס בעט א פאר'חלש'טע.

דער גבאי האט ארויסגענומען דעם רב, עס דערמינטערט, און געפירט צו זיין אכסניא, דער רב איז דערוויל געווארן זייער קראנק, און ווען עטליכע אידן זענען געקומען מבקר חולה זיין האט ער דאן אנגעהויבן צו דערציילן ווי פאלגענד:

"ווען איך בין אריין אין צימער האט מיר דער מגיד געהייסן זיצן אויף זיין בעט, דער מגיד איז געזיצן אויף זיין בענקל און געשמעקט פון זיין פושקע טאבאק.

פלוצלונג האב איך געהערט משונה'דיגע קולות, און אט זעה איך מענער מיט פרויען אנגעטוהן אין בגדי שבת, וועלכע זענען געקומען דורך די פארמאכטע טירן, דורך די פענסטער, דורך די דאך און דורך די ערד, זיי האבן געזאגט א גוט שבת פאר'ן מגיד, און זיי האבן זיך געבעטן ביים מגיד אז ער זאל געבן א תיקון פאר זייער נשמה.

צווישן אלע נשמות האב איך באמערקט מיינע עלטערן וועלכע זענען געווען גרויסע גאונים, און זיי האבן אויך געבעטן פונעם מגיד א תיקון פאר זייער נשמה, פון גרויס צער און עגמת נפש בין איך צוזאמען געפאלן".

דער געזונט צושטאנד פונעם רב האט זיך פאר'ערגערט, און ביז עטליכע טעג איז ער אוועק פון די וועלט, און ער איז בא'ערד'יגט געווארן אינעם שטאט טריסק.

❋ ❋ ❋

**מליץ יושר פאר'ן פסול מאכן דעם אתרוג.**

די טעג האבן זיך גערוקט נענטער צום הייליגן יום טוב סוכות, די אידן אין שטאט בארדיטשוב האבן זיך ארומגעדרייט מיט א גרויס זארג, יענעם יאר איז געווען גאר שווער צו באקומען אן אתרוג און אין שטאט האט נאך קיינער נישט פארמאגט קיין אתרוג און עס האט שוין אט אט אויסגעזעהן אז זיי וועלן טאקע בלייבן אָן אַן אתרוג ח"ו...

אידן האבן זיך ארויסגעלאזט איבער די ארומיגע שטעט און געהאפט אז זיי וועלן טרעפן כאטש איין אתרוג מיט וואס זיי וועלן קענען מזכה זיין דעם גאנצן שטאט מיט'ן באליבטן מצוה צו אתרוג בענטשן.

נאך גרויס מיה איז ענדליך געלונגען צו פארשאפן איין איינציגער אתרוג פאר'ן גאנצן אידישן קהלה אין בארדיטשוב, באלד האט מען געברענגט דעם אתרוג צו דער הייליגער בארדיטשוב'ער רב זי"ע, דער רב האט זיך גאר שטארק געפריידט אז דער אייבערשטער האט עם צוגעשיקט א כשר'ע אתרוג און ער האט אוועקגעלייגט דעם אתרוג ביי זיך.

יום טוב האט יעדער געדארפט קומען צום רב'ס הויז, און נאך וואס דער רב וועט שאקלען וועט יעדער האבן די זכי' דורכצוגיין און שאקלען.

דער משמש פון דער בארדיטשוב'ער רב האט געטראכט צו זיך אז באלד נאך דער בארדיטשוב'ער וועט שאקלען וועט מען צום ערשט געבן דעם אתרוג פאר די געהויבענע חסידים אז זיי זאלן שאקלען, און דערנאך וועלן דאך שאקלען אלע עשירים און אנגעזעענע בעלי בתים פון שטאט, אויב אזוי וועט נעמען זייער לאנג ביז יעדער וועט שאקלען, און עס וועט אויסקומען אז ער וועט ערשט באקומען דעם אתרוג פארנאכט.

דער יצר הרע האט עם גענומען פארדרייען א קאפ און ער האט גענומען טראכטן צו זיך פארוואס ער איז אנדערש ווי יעדן איינעם אז יעדער שאקלט פריער און ער מוז ווארטן ביז אזוי שפעט אין טאג.

האט ער באשלאסן אז יום טוב פארטאגס ווען דער בארדיטשוב'ער וועט נאך זיין פארנומען מיטן זיך טובל'ן אין מקוה וועט ער זיך שטילערהייט אריינ'גנב'ענען אין רבי'נס פריוואטע שטוב און מאכן א ברכה אויפ'ן אתרוג.

באלד ביים עלות השחר איז דער בארדיטשוב'ער רב זיך געגאנגען טובל זיין, און דער משמש איז באלד אריין אין שטוב און האט געכאפט דעם אתרוג אין האנט אריין און געוואלט מאכן די ברכה.

אבער פלוצלינג האט דער אתרוג זיך געגעבן א גליטש ארויס פון זיין ציטער'דיגער האנט און איז אראפגעפאלן אויף דער ערד און דער פיטום האט זיך אפגעבראכן...

דער משמש האט שיעור גע'חלש'ט אלס מורא וואס עס וועט יעצט זיין, דער אתרוג איז פסול געווארן, און דער בארדיטשוב'ער האט נאכנישט געשאקלט, וואס וועט ער זאגן פאר'ן רב?

באלד איז דער בארדיטשוב'ער רב צוריק געקומען פון מקוה און געוואלט נעמען דעם אתרוג מאכן די ברכה, דער משמש האט באלד אויסגעפלאצט אין א ביטערע געוויין און דערציילט פאר'ן רב וואס עס האט פאסירט מיט'ן אתרוג, ער האט געציטערט וואס דער הייליגער רב וועט עם יעצט זאגן.

אבער דער בארדיטשוב'ער האט בכלל נישט ארויסגעוויזן דאס מינדעסטע אויפרעגונג אויפ'ן משמש, נאר ער האט גענומען דעם אתרוג מיט ביידע הענט און ווי זיין שטייגער האט ער זיך גענומען מליץ טוב זיין און געזאגט:

"רבונו של עולם, זעה נאר ווי באליבט די מצוות זענען ביי דיין פאלק די אידן, אין איילעניש מקיים צו זיין די מצוה פון אתרוג האט זיך אזא פשוט'ע איד ווי מיין משמש אריינגעשטעלט אין א סכנה דורכ'ן פסול מאכן מיין אתרוג, און אלעס אז ער זאל קענען זיין פון די זריזין מקדימין למצוות!"...

❋ ❋ ❋

**באקומען די ברכה פאר'ן אתרוג.**

אלע זיינע יארן האט דער הייליגער 'שרף' רבי חיים מאיר יחיאל פון מאגלניצע זי"ע, מקפיד געווען צו בענטשן אום סוכות אויף א מהודר'דיגן אתרוג.

ער פלעגט זאגן: "דער אתרוג איז געגליכן צו כנסת ישראל און זיין גוטע ריח איז די בחינה פון ריח התורה, און כביכול קוקט אראפ פון הימל אויף דער וועלט, און זעט ווי זיינע אידן זענען מהדר צו בענטשן אויף שיינע אתרוגים, ווערט ער פרייליך און חתמ'ט זיי אין הושענא רבא א גוט און זיס יאר".

באלד נאך ראש השנה האט דער 'שרף' אנגעהויבן צו זוכן נאך א שיינעם אתרוג. ער האט באטראכט און באקוקט יעדן אתרוג וואס איז געקומען צו זיין האנט, און ווען ער האט געפונען א כשר'ן און מהודר'דיגן אתרוג, האט ער נישט געקוקט אויף קיין פרייז.

מאכט זיך א יאר אז מען טרעפט נישט קיין אתרוג אויפ'ן מארק. דער 'שרף' האט זיך דערפון זייער מצער געווען. אט איז שוין געקומען יום הקדוש און קיין אתרוג איז נאך אלס נישט דא. ער האט זיך נאכגעפרעגט ביי זיינע חסידים און מקורבים צי אפשר האט איינער א שיינעם אתרוג, אבער אומזיסט, קיינעם איז נישט געלונגען צו באקומען.

מוצאי יום הקדוש רופט דער 'שרף' אריין זיין משמש און באפעלט עם ער זאל מארגן אראפ פארן אין די נאנטע שטאט און זען איינצוהאנדלען אן אתרוג.

דער משמש האט זיך אוועקגעלאזט אין שטאט, און זיך ארומגעדרייט א גאנצן טאג אויפ'ן מארק ביי די אתרוגים הענדלער, און מעשה שטן, היינטיג'ס יאר איז אַן אתרוג כמעט נישט בנמצא.

צובראכן און פארמאטערט פון א גאנצן טאג זוכן, שלעפט זיך דער משמש צו א קרעטשמע ער זאל זיך קענען דארט אויסרוהען.

ער טראכט פארשידענע פלענער וואס צו טוהן אויפ'ן מארגנ'דיגן טאג.

ענדליך באשליסט ער, אין אזא שעת הדחק וועט זיך דער רבי קענען באגענוגן מיט א פשוט'ן אתרוג, וואס דער אייבערשטער וועט צושיקן.

שטייענ'דיג אזוי פארטראכט, עפנט זיך די טיר, און א יונגערמאן אנגעטוהן עלעגאנט קומט אריין אין דער קרעטשמע מיט א קליין פעקעלע אין האנט, אין א ווילע ארום דערגרייכט צו זיינע אויערן א שמועס וואס דער יונגערמאן פירט מיט די אנדערע געסט פון די קרעטשמע.

ער רימט זיך פאר זיי אז נאך פיל מיה האט ער פארשאפט אַן אתרוג, אבער עס איז נישט קיין פשוט'ער אתרוג נאר א הדר שבהדר, אן אתרוג וואס אויך אין די גוטע יארן איז ער פיל ווערד, און כאטש ער האט דערפאר באצאלט א גאנץ שיינעם פרייז פון פינף און צוואנציג רובל, אבער עס איז ווערד דעם פרייז.

שטייען די געסט און קוקן מיט קנאה אויף דעם שיינעם אתרוג, זיי נעמען נישט אראפ די אויגן פון דעם אתרוג, וועלכער ליגט זיך אין א פשוט'ע האלצערנע פושקע און זיין געשמאקע גערוך פילט זיך אין דעם טונקעלען פארשטיקטן צימער. אלע זענען פארכאפט.

מיט פאמעליכע טריט האט זיך דער משמש דערנענטערט צום עולם, ער גיט א קוק אויפ'ן אתרוג און זיין הארץ נעמט עם שטארק קלאפן. ער איז ברוגז אויף זיך פארוואס ער האט נישט גענוג נאכגעזוכט אין שטאט, אט האט איינער טאקע געפונען א שיינעם אתרוג.

דער משמש נעמט דעם אתרוג אין דער האנט, באטראכט עס פון אלע זייטן און א טיפער קרעכץ רייסט זיך ארויס פון זיין הארצן.

"וואס איז דאס?" - וואונדערט זיך דער יונגערמאן - "פארוואס קרעכצט איר?"

דערציילט עם דער משמש, אז ער איז געקומען דא אין שטאט אין א ספעציעלע שליחות איינצוהאנדלען א שיינעם אתרוג פאר'ן מאגלניצער צדיק, וועלכער איז גרייט צו צאלן פאר עם וויפיל מען וועט נאר פאדערן. ער האט זיך ארומגעדרייט א גאנצן טאג איבער'ן מארק, און האט גארנישט איינגעהאנדלט, ווי קען ער יעצט צוריק קומען צום רבי'ן מיט ליידיגע הענט, און דער שמש פירט אויס, אויב איר ווילט באצאל איך אייך פופציג רובל פאר'ן אתרוג, כדי עס זאל נישט פארשטערט ווערן די יום טוב'דיגע שמחה ביים צדיק.

אין אנהויב האט דער יונגערמאן נישט געוואלט הערן דערפון, וואס איז ער דען? אַן אתרוג סוחר? ער דאנקט דעם אייבערשטער ער האט ב"ה פרנסה בריווח, עס פעלט עם נישט אויס די פאר רובל, און אז דער אייבערשטער האט עם צוגעשטעלט אזא אתרוג הדר, פארוואס זאל ער עס אוועקגעבן פאר א צווייטן?

דער משמש האט אבער נישט אפגעלאזט. ער האט ממש געוויינט פאר דעם יונגערמאן ער זאל דאס מאל מוותר זיין און טוהן א נחת רוח פאר'ן צדיק.

ענדליך רופט זיך אַן דער יונגערמאן: "איך זעה אז עס גייט דיר אין לעבן צו אויספירן דעם צדיק'ס שליחות וועל איך דיר טאקע אוועקגעבן דעם אתרוג, אבער נאר מיט איין תנאי וואס איך שטעל פאר דיר, שוין עטליכע יאר פון מיין חתונה און קיין קינד האב איך נישט, אויב דיין רבי וועט מיר צוזאגן א קינד גיב איך עם אוועק דעם אתרוג במתנה גמורה. טאמער וועט ער נישט וועלן, אדער מיר נישט קענען צוזאגן א קינד, זאלסט דו מיר צוריקברענגען דעם אתרוג, ווייל פאר קיין געלט וועל איך עם בשום-אופן נישט פארקויפן".

מיט ציטערדיגע הענט האט דער משמש איבערגענומען דאס קעסטאלע מיט'ן אתרוג און זיך געלאזט צוריק קיין מאגלעניצא. דער יונגערמאן איז דערווייל געבליבן אין דער קרעטשמע ביז דער משמש וועט עם ברענגען א קלארן ענטפער.

ווען דער מאגלעניצער רבי האט גע'עפענט דאס קעסטעלע און ארויסגענומען דעם אתרוג, איז עס ליכטיג געווארן פאר די אויגן. אזא הדר האט ער נאך אין זיין לעבן נישט געהאט און נישט געזען. ער האט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געדאנקט דעם אייבערשטן וואס ער האט עם צוגעשיקט אין די לעצטע מינוטן אזא טייערן הדר.

"און וויפיל האסט דו דערפאר באצאלט?" - פרעגט דער רבי פונעם משמש.

איך האב נאך דערווייל דערפאר גארנישט באצאלט, עס ווענדט זיך אין רבי'ן, און דער משמש דערציילט דעם רבי'ן די גאנצע פרשה מיט'ן אתרוג, ווי אזוי ער האט עס באקומען און מיט וועלכן תנאי, דער יונגערמאן ווארט אויף אַן ענטפער פון רבי'ן.

ווען דער מאגלעניצער האט געהערט וואס פאר א פרייז דער יונגערמאן פאדערט פאר דעם אתרוג, איז ער איינגאנצן צעטומלט געווארן. די שמחה וואס האט יעצט געהערשט איז אוועק, און אנשטאט דעם איז זיין געזיכט פארדעקט געווארן מיט א ביטערניש.

ער האט גענומען שפאנען איבער'ן צימער אהין און צוריק און זיינע געדאנקען האבן שנעל געארבעט, זאל ער צוזאגן פאר דעם יונגערמאן א קינד? און טאמער וועט עס נישט מקויים ווערן, דאן וועט דאך זיין אן אתרוג הגזול? זאל ער נישט צוזאגן? - דארף ער דאך גלייך צוריקשיקן דעם אתרוג - און דאס גלוסט זיך עם אויך נישט.

מיטאמאל ווענדט זיך דער 'שרף' צום משמש און רופט אויס: "איך זעה אז פון הימל וויל מען מיר מצער זיין - נעם דעם אתרוג, און טראג עס צוריק אפ צו דעם יונגערמאן".

אבער נאך איידער דער משמש האט געהאט א געלעגנהייט צו נעמען דעם אתרוג פון דעם שרף, האט זיך דער שרף צוריק געכאפט און געזאגט: "וואס רעד איך? אלע יארן האב איך געהאט די זכי' צו בענטשן אויף א הדר, און אין מיינע לעצטע יארן וויל מיר דער אויבערשטער ברענגען צו א נסיון? ניין! דער אתרוג וועט בלייבן ביי אונז און גיי זאג דעם יונגערמאן אז איבער א יאר וועט ער געהאלפן ווערן מיט א בן זכר".

יענעם סוכות האט מען געזען א גרויסן ענדערונג אין דעם מאגלעניצער'ס עבודה, און אויב א גאנץ יאר איז זיין עבודה געווען פלאם פייער'דיג, ווייל נישט אומזיסט האט ער באקומען דעם נאמען 'שרף', איז דעמאלט געווען די עבודה פיל מער.

ביי די נענועים האט ער זייער לאנג פארברענגט און ביי די סעודות האט ער געזאגט וואונדערליכע תורות וועגן אַן 'אתרוג הגזול' און 'אתרוג השאול', און דערביי האט ער מגלה געווען פיל סודות.

צו די ריכטיגע צייט איז דער יונגערמאן געהאלפן געווארן און עס איז ביי עם געבוירן געווארן א בן זכר. אבער לאנג האט די שמחה נישט אנגעהאלטן, די נאכט פאר'ן ברית איז דער קינד ל"ע אוועק פון דער וועלט.

מען קען זיך נישט פארשטעלן די צובראכענקייט פון דעם דאזיגן יונגערמאן. עס האט עם ארומגענומען א מרה שחורה און ער האט זיך בשום אופן נישט געלאזט טרייסטן אויף זיין אומגליק. ער איז ארומגעגאנגען פארטרויערט און אויפ'ן הארצן איז עם ל"ע געווען ביטער. אפילו די טרייסט רייד פון זיין פרוי האט נישט געווירקט אויף עם. ער איז געבליבן דערשלאגן און צעבראכן, ביז ענדליך האט זיין ווייב געבעטן ביי עם ער זאל פארן צום קאצקער רבי'ן און זאל עם אלעס דערציילן.

אין אנהויב האט ער נישט געוואלט הערן דערפון, אבער זיין פרוי צו עם צוגעשטאנען און זיך געבעטן ביי עם און דערגאנגען די יארן ביז ער איז געפארן קיין קאצק. ווען דער הייליגער רבי מענדל קאצק'ער זי"ע האט געהערט די גאנצע געשיכטע האט ער זיך אנגערופן: "פָאר אראפ קיין מאגלעניצע, און זאג צום 'שרף' אז דער תנאי איז נישט מקויים געווארן, און דער אתרוג איז נישט געווארן באצאלט, און וויבאלד דו האסט זיך אויסגענומען א תנאי אז נאר פאר דעם פרייז געבסטו דו אוועק דעם אתרוג, דארף ער עס דיר באצאלן".

נישט אזוי לייכט איז געווען דעם יונגערמאן צו פארן און מאנען ביים מאגלעניצער צדיק, אבער די רייד פון קאצק'ער האבן עם געשטופט דערצו און ער איז געפארן קיין מאגלעניצע.

אין א טאג באמערקט דער משמש דורכ'ן פענסטער דעם יונגערמאן פון וועמען ער האט באקומען דעם אתרוג. ער לויפט אריין צום רבי'ן און דערציילט עם ווער עס קומט.

דער משמש איז באלד ארויסגעלאפן און עם אריינגעפירט צום צדיק וועלכער האט עם אויפגענומען מיט גרויס שמחה און עם מכבד גיוועין.

דער יונגערמאן איז אריינגעקומען צום רבי'ן, און ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן, ער האט אויסגעבראכן אין א שרעקליכן געוויין, דערציילנ'דיג דעם צדיק אלעס וואס איז ביי עם פארגעקומען.

דער מאגלעניצער איז ארויס אין אַן אנדער צימער און האט פארברענגט א לענגערע צייט. ענדליך איז ער ארויסגעקומען פרייליך און האט געזאגט צום יונגערמאן: "הער אויף צו וויינען, זעץ זיך אוועק און בארוהיג דיך, איך האב נאך קיינמאל נישט געבראכן מיין הבטחה און מיט'ן אייבערשטער'ס הילף וועט אויך די הבטחה אויסגעפירט ווערן, און בקרוב וועלן מיר הערן גוטע בשורות".

בשעת דער מאגלעניצער איז ארויס פון שטוב, האט ער איינגעריסן מיט זיינע תפלות און עס איז ארויס א פסק דין ביים בי"ד של מעלה אז וויבאלד דער 'שרף' האט נאך קיינמאל נישט משנה געווען זיינע רייד, דארף אויך די הבטחה מקויים ווערן.

אין דעם אנדערן יאר איז ביים יונגערמאן ווידער געבוירן געווארן א קינד, וועלכע האט זוכה געווען צו אריכת ימים און די עלטערן האבן זוכה געווען עם מגדל זיין לתורה לחופה ולמעשים טובים..

✵ ✵ ✵

## דער רבי האט דאס אייך געשיקט! פאר מיר?

ווען דער הייליגער 'ישמח משה' פון אוהעל זי"ע האט נאך געוואוינט אינעם שטאט שינאווא, האט ער זיך איין יאר ארויסגעלאזט קיין לובלין אויף סוכות צום הייליגן 'חוזה' רבי יעקב יצחק זי"ע. דער וועג האט זיך עם פארצויגן, עס איז שוין געווארן ערב יום טוב שפעט נאכמיטאג, און ער איז נאך נישט אנגעקומען קיין לובלין.

אזוי גייענדיג איז ער געווארן זייער הונגעריג, דער הונגער האט זיך זייער געשטארקט אויף עם און ער האט געמוזט עפעס עסן, ער האט אבער נישט געהאט וואס צו עסן.

האט ער זיך דערמאנט אז ער האט ביי זיך א בייגל, ער האט זיך אפגעשטעלט, געמאכט א ברכה און אנגעהויבן עסן דעם בייגל. זעה'ענדיג אבער ווי שפעט עס איז, האט ער נישט געהאט קיין ברירה נאר האט געמוזט אנהייבן לויפן כאטש ער האט געהאלטן אינמיטן עסן, אזוי איז ער געלאפן מיט'ן בייגל אין מויל.

אזוי לויפנ'דיג איז ער געווארן פול מיט צער, ער האט געזעהן ווי דער טאג רוקט זיך, און ער איז נאך זייער וויט פון לובלין, באלד וועט ווערן נאכט, און ער וועט נאך בלייבן שטעקן אויף יום טוב אינמיטן א וואלד.

עטליכע מינוט שפעטער, דערזעהט ער פלוצלונג ווי ער געפינט זיך אינמיטן א שטאט, שטעלט ער אפ איינעם פון די דורכגייער און פרעגט עם אויפ'ן נאמען פון די שטאט זאגט עם יענער: "איר זענט דא אין לובלין!" האט ער זיך זייער געפרייט אז ער איז ב"ה אנגעקומען קיין לובלין, ער האט נאך געהאט צייט צו גיין אין מקוה און צוגיין צו אַן אכסניא נאך פאר דער יום איז אריינגעקומען.

קומענ'דיג צוריק פון מקוה צו זיין אכסניא, גייט נישט אריבער קיין צוויי מינוט, און איינער קלאפט אין טיר, ער עפנט אויף די טיר און זעט דארט שטיין א איד מיט ארבעה מינים אין די האנט, יענער דערלאנגט עם די פיר מינים זאגנ'דיג: "דער רבי האט דאס אייך געשיקט!"

דער הייליגער 'ישמח משה' מיט זיין גרויס ענוה, האט נישט געוואלט נעמען די פיר מינים, זאגנ'דיג אז ער ווייסט אז דער רבי שיקט די פיר מינים נאר פאר געציילטע פון צווישן זיינע גרויסע תלמידים, און ער איז זיכער אז דער שליח האט יעצט א טעות געהאט, עס איז נישט מעגליך אז דער רבי האט עם געשיקט די פיר מינים, דעריבער וויל ער דאס נישט נעמען, ווייל עס איז א מקח טעות, און ער וועט נישט קענען יוצא זיין מיט אזעלכע פיר מינים וואס ער האט באקומען בטעות.

דער שליח איז צוריק געגאנגען מיט די פיר מינים, און איבערגעגעבן פאר'ן 'חוזה' דאס וואס דער 'ישמח משה' האט עם געזאגט. האט דער 'חוזה' פון לובלין געהייסן דעם שליח צוריק גיין און געבן די פיר מינים פאר'ן 'ישמח משה' זאגנ'דיג דערביי פאר'ן שליח: "זאג פאר'ן שינאווא רב, וואס מיינט ער? אז ער לויפט נאך יעצט מיט א בייגל אין מויל?"...

ווען דער שליח איז צוריק געקומען און איבערגעגעבן די ווערטער וואס דער 'חוזה' פון לובלין האט געזאגט, האט דער 'ישמח משה' געזען ווי דער רבי ווייסט ברוח קדשו וואס ער האט פריער געטוהן גייענדיג אויפ'ן וועג, און ער האט איבער גענומען די פיר מינים!

✵ ✵ ✵

## 'כלי חרס' אין די סוכה.

אמאל אין די ערשטע נאכט סוכות, ווען דער הייליגער 'מגיד' רבי אברהם פון טריסק זי"ע איז אנגעקומען צו די סוכה, פאר'ן אריינגאנג ביים שוועל פון סוכה האט ער זיך אפגעשטעלט און איז נישט געגאנגען ווייטער, צום וואונדער פון די חסידים.

פלוצלינג רופט ער זיך אָן: "קומענ'דיג נאנט צו די סוכה, איז מיר אריין אין געדאנק, אז נישט לאנג האבן מיר דאך געזאגט אין פיוט פון ימים נוראים 'משול כחרס הנשבר', אז דער מענטש איז געגליכן צו אַן ערד'ענע כלי, אויב אזוי, ווי אזוי מעג מען אריינגיין אין סוכה? דער דין איז דאך אז מען מעג נישט ארייברענגען אין סוכה ערד'ענע כלים?

אבער דערנאך האב איך זיך בארעכנט, די חז"ל זאגן דאך אז 'כלי חרס אין להם תקנה אלא שבירה', אז א כלי חרס ווען עס ווערט צובראכן, באקומט עס זיין תיקון, און עס ווערט צוריק ריין.

דעריבער לאמיר צוברעכן אונזער הארץ פאר'ן אייבערשטער און א 'לב נשבר ונדכה אלקים לא יבזה', פאר'ן אייבערשטער איז חשוב א צובראכן הארץ, וועלן מיר שוין ממילא קענען אריין אין סוכה!"

✵ ✵ ✵

## מבטל געווען די קליפות מיט'ן זאגן 'הושענא'.

דער הייליגער שינאווער רב זי"ע פלעגט דערציילן יעדעס יאר בעת'ן בינדן די הושענות:

איינמאל איז געווען א פשוט'ער איד, א ירא שמים, וועלכער איז ארויס צום וואלד, נעבן זיין הויז, און ער האט געשניטן הושענות פאר הושענא רבה.

אויפ'ן וועג אהיים האט אים באגעגנט איינער פון די מזיקים ר"ל, וועלכער איז אים נאכגעלאפן און געווארפן א פחד און מורא, שרייענדיג צו עם: "וואו טראגסט דו די ריטלעך?"

מיט גרויס שרעק האט דער איד געענטפערט: "דאס זענען נישט קיין ריטלעך, דאס זענען הושענות!"

ווי נאר דער מזיק האט געהערט דא ווארט 'הושענות' איז עם געפאלן א פחד, און איז אוועקגעפאלן ווייט.

נאך עטליכע מינוט איז ער צוריקגעקומען, אבער דאן איז ער שוין נישט געשטאנען אזוי נאנט ווי דאס פריערדיגע מאל, נאר פונדערווייטנס האט ער געשריגן צו עם: "וואו טראגסט דו די בייטשן?"

אצינד האט דער איד שוין געענטפערט מיט עטוואס מער זיכערקייט: "דאס זענען נישט קיין בייטשן, דאס זענען הושענות!"

ווי נאר ער האט געהערט דעם ווארט 'הושענות' איז ער ווידער אוועקגעפאלן, נאך ווייטער פון פריער.

אזוי האט זיך איבערגעשפילט די סצענע עטליכע מאל, ווען יעדעס מאל וואס דער איד זאגט עם דאס ווארט 'הושענות' איז ער אוועקגעפאלן ווייטער און ווייטער, ביז ער איז אינגאנצן בטל געווארן.

מיט שנעלע טריט האט זיך דער איד אהיימגעאיילט, בעת זיין הארץ האט געקלאפט גאר שטארק פון גרויס שרעק, פון וואס ער האט אצינד מיטגעלעבט.

ווען ער איז ענדליך אנגעקומען בשלום צו זיין הויז, איז ער באלד אריבער צום רב פון זיין שטאט, וועלכער איז געווען א גרויסער צדיק און ער האט עם דערציילט אלעס וואס ער האט מיטגעלעבט.

רופט זיך דער צדיק אָן: "וויסן זאלסטו אז דו האסט מיטגעלעבט גרויסע נסים, און דאס וואס דו האסט געזאגט דעם הייליג ווארט 'הושענא', וועלכע איז איינס פון די שמות הק', דאס האט דיר גראטעוועט!"

אט דעם עפיזאד פלעגט דער הייליגע שינאווער רב זי"ע יעדעס יאר דערציילן, און אלע אנוועזנדע האבן זיך דערפון געלערנט די געוואלדיגע כח און קדושה פון די הושענות..

✵ ✵ ✵

**געביטן א פערד פאר אַן אתרוג.**

דער הייליגער רבי מרדכי פון נעשכיז זי"ע איז אמאל געווען אויפ'ן וועג צו קויפן אַן אתרוג פאר סוכות, אינמיטן וועג באגעגנט ער א איד וועלכע איז געזיצן אויפ'ן ערד און באוויינט זיין פערד וואס איז יעצט געשטארבן, אז ער איז יעצט געבליבן אָן קיין פרנסה.

דער צדיק האט נישט געטראכט קיין צוויי מינוט, נאר עם אהינגעגעבן דאס גאנצע געלט וואס ער האט זיך געהאט אוועקגעלייגט פאר דעם אתרוג, און ער איז אהיימגעגאנגען מיט ליידיגע הענט, זאגנ'דיג מיט א געוואלדיגע שמחה: "אלע אידן וועלן שאקלען מיט אַן אתרוג, און איך וועל שאקלען מיט א פערד!"...

* * *

**פרויען אין די סוכה.**

ביים הייליגער ראפשיצ'ער רב זי"ע האבן די פרויען אויך געדארפט זיצן אין די סוכה פונקט ווי די מענער.

ווען מען האט עם אמאל געפרעגט דערויף, האט ער גע'ענטפערט: "די סיבה וואס פרויען זענען פטור פון זיצן אין די סוכה איז, ווייל די גמרא (מכות יג.) זאגט אויף די וואס זענען מחויב צו גיין אין גלות, 'משום רשעה אחת אתה מחייבו, ואי אתה מחייבו משום שתי רשעות'. דאפלט שטראפט מען נישט קיין מענטשן.

דעריבער ביי מצות סוכה, סיי צו ארויס וואנדערן פון שטוב אפרעכטן גלות, און סיי דארט צו דארפן זיצן מיט'ן ווייב, מיט צוויי זאכן שטראפט מען נישט...

אבער אונזערע פרויען זענען ערליכע, קען מען מיט זיי יא זיצן אין סוכה, דעריבער זאלן זיי זיצן אין סוכה!"...

* * *

**סוכות פרעגט מען נישט דער 'מה נשתנה'.**

דער שר פון בערלין האט זיך אמאל געטראפן מיט'ן רב פון בערלין, דער גאון רבי צבי הירש זצ"ל, אין יו"ט סוכות. האט דער שר געפרעגט פונעם רב: "פארוואס אין פסח ווען איר טוט ענדרונגען גלייך פרעגן די קינדער קושיות, און ווען איר מאכט ענדרונגען אין סוכות, מען וואנדערט ארויס פון שטוב צום סוכה, דאן פרעגן די קינדער גארנישט קיין קושיות?

האט עם דער רב גע'ענטפערט: "אין פסח טוהן מיר זייער שטארקע ענדרונגען, צו וועלכע די קינדער זענען נישט צוגעוואוינט, מיר זיצן ביי געדעקטע טישן מיט מנוחה, מען עסט א סעודה ווי ביי א קעניג אין פאלאץ, טאקע דערפאר פרעגן זיי 'מה נשתנה'.

אבער אין סוכות, ווען מיר וואנדערן ארויס פון שטוב, צו זיצן אין א צייטווייליגע בודקע, צו דעם זענען מיר אידן שוין פון לאנג צוגעוואוינט, אז מען פארשיקט אונז ארויס פון לאנד, און דאס גאנצע וואוינען דא איז דאך אויך נאר צייטווייליג. דעריבער האבן די קינדער נישט וואס צו פרעגן דערויף, ווייל די אויפ'פירונג איז ביי זיי א נארמאלע ערשיינונג!"...

* * *

**ער זיצט נישט אין סוכה נאר אין טעלער.**

ווען דער הייליגער רבי דוב בער פון ראדאשיץ זי"ע איז נאך געווען א יונגערמאן, האט ער געלעבט אין גרויס ארימקייט. איין יאר איז עם אויסגעקומען צו פאסטן עטליכע טעג צוזאמען מיט יום כיפור.

ווען עס איז אנגעקומען דער יו"ט סוכות, איז ער דעם ערשטן נאכט געבליבן אין שוהל לערנען נאכ'ן דאווענען, מיינענ'דיג אז זיין פרוי האט גארנישט אנגעגרייט צו עסן אין סוכה. ווען דערווייל האט זי פאר יו"ט פארקויפט א שטיקל פון אירע צירונג און דערמיט געקויפט אלע געברויכן אויף יו"ט.

ווען ער איז אהיימגעקומען שפעט ביינאכט, און האט צו זיין שטוינונג דערזעהן א גאנצע סעודה אויפ'ן טיש אנגעגרייט, האט ער באלד געמאכט קידוש, זיך געוואשן און זיך געזעצט צו עסן דעם סעודת יו"ט.

וויבאלד ער איז געווען זייער הונגעריג, פון פאסטן שוין פאר עטליכע טעג, האט ער געגעסן דעם טעלער יויך מיט א שטארקע אפעטיט. אינמיטן שטעלט ער זיך אפ און נעמט זיך שרייען ווי צו זיך אליין: "וואס איז דאס מיט דיר בערל! דו זיצט דאך נישט אין די סוכה, נאר אין דעם טעלער!"...

* * *

**געמאכט דער הוט פאר א סוכה.**

דער הייליגער 'בעל שם טוב' זי"ע האט אמאל זיצנ'דיג אין סוכה זיך צולאכט. דערנאך האט ער דערציילט פאר זיינע תלמידים, וואס איז ממש יעצט פארגעקומען, אז א בעל עגלה איז געפארן אין וועג, און האט זיך געוואלט אפשטעלן צו עסן, קיין סוכה האט ער נישט געהאט, האט ער ארומגעשניטן דער אויבערשטע טייל פון זיין הוט, דאס צוגעדעקט מיט שטרוי, און האט זיך אזוי גענומען עסן...

אין הימל האט דאס געמאכט א גרויסע רושם און פון גרויס שמחה זענען אסאך דינים בטל געווארן.

* * *

**דיין דאווענען איז קעלטער ווי אין סוכה.**

א איד האט אמאל געזאגט פאר'ן הייליגער רבי יצחק פון סקווירא זי"ע אז ער שלאפט נישט אין סוכה, ווייל עס איז עם זייער קאלט.

האט עם דער רבי גע'ענטפערט: "מען דארף נישט קיין קעלטער'ס פון דיין דאווענען, און דאך שלאפסט דו עס גאנץ געשמאק אדורך!"...

* * *

**א 'רוח אברהם' און א 'רוח שרה'.**

דער הייליגער 'שרף' פון טאהש זי"ע פלעגט יעדע ערשטן נאכט פון סוכות דערציילן ווי פאלגענד:

אמאל איז געווען אַן עם הארץ וועלכע האט גענומען אַן איידעם א תלמוד חכם, און דער איידעם האט זיך זייער געשעמט מיט'ן שווער, פלעגט ער עם שטענדיג אויסלערנען פארשידענע אויסדרוקן וועלכע די תלמידי חכמים באנוצן זיך דערמיט, אז מען זאל מיינען אז ער איז כאטש א שטיקל תלמוד חכם.

איינמאל זענען זיי געגאנגען אין שוהל, ווען עס האט געבלאזן א שטארקע ווינט. זאגט דער איידעם פאר'ן שווער: "ווען דו וועסט אנקומען אין ביהמ"ד זאלסט דו זאגן, אז אינדרויסן בלאזט א 'רוּחַ סָרָה'!"

שפעטער, גייענ'דיג אין וועג, איז דער ווינט אלס שטארקער געווארן, ווען דער שווער, דער עם הארץ איז אנגעקומען אין ביהמ"ד, האט ער זיך אנגערופן צום עולם: "אינדרויסן בלאזט א 'רוּחַ אַבְרָהָם'!"...

פארשטייט זיך אז יעדער איינער האט זיך פון דעם עם-הארצ'ישע אויסדרוק צושמייכלט.

ווען דער איידעם האט פארגעהאלטן זיין שווער דערויף, האט ער גע'ענטפערט: "אינמיטן וועג, ווען עס האט נישט געבלאזן אזא שטארקע ווינט, האסט דו מיר געזאגט אז דאס הייסט א 'רוּחַ שָׂרָה', האב איך דערפון אליין פארשטאנען אז דער שפעטער'דיגע שטארקערע ווינט הייסט א 'רוּחַ אַבְרָהָם'!"...

* * *

**'למען דעת כל עמי הארץ'.**

מען האט אמאל געפרעגט פונעם בראד'ער רב, רבי ארי' לייב תאומים זצ"ל: "פארוואס ביי די הושענות שרייט מען אויס הויך 'למען דעת כל עמי הארץ'?"

האט ער גע'ענטפערט: "יעדע פון די פיר מינים ווייזט אויף א געוויסע סארט מענטש, די ערבה ווייזט אויף דער וועלכע האט נישט אין זיך, נישט קיין תורה און נישט קיין מעשים טובים, בקיצור אַן עם הארץ.

הושענא רבה, נאך וואס מען איז ארומגעגאנגען די בימה מיט אלע פיר מינים, לייגט מען זיי אראפ, און מען נעמט נאר די ערבות אין די האנט. דעמאלט טראכט צו זיך דער ערבה, אז ער איז דער חשוב'סטע פון אלע, ווייל מען נעמט עם יעצט באזונדער...

דעריבער איז מען עם מכבד מיט פינף מכות, און מען שרייט אויס דערביי 'למען דעת כל עמי הארץ'!!"...

* * *

**ער קומט מקיים זיין דעם 'כן עשה הלל'.**

דער 'גאון' רבי הלל פון פאריטש זצ"ל, איז געווען דער רב אין שטאט באברויסק, פאר די חסיד'ישע געמיינדע, און דער מתנגד'ישע געמיינע האט פארמאגט אַן אייגענע רב.

איין יאר האט א געוויסע מתנגד, א גרויסע גביר, זיך איינגעהאנדלט א אתרוג, א 'פרי עץ הדר' מיט אלע פירושים. ווען רבי הלל האט זיך דערוואוסט דערפון איז ער תיכף אריבערגעלאפן צום גביר, צו קענען מקיים זיין די מצוה בשלימות, אויף א 'פרי עץ הדר'.

דער מתנגד'ישע גביר האט זייער שיין אויפגענומען דעם חסיד'ישן רב, רבי הלל, עם איבערגעגעבן דעם הערליכן אתרוג צו קענען מאכן דערויף די ברכה.

ווען דער מתנגד'ישע רב האט זיך דערוואוסט אז דער חסיד'ישע רב איז געווען ביי 'זיין' גביר און האט באקומען א שיינע ווארימע אויפנאמע, איז ער באלד געלאפן צום שטוב פונעם גביר, ווי ערשטוינט איז דער רב געווארן זעה'ענדיג מיט וואס פאר א קאלטע אויפנאמע 'זיין' גביר נעמט עם אויף.

"וואס בין איך אנדערש פון דעם חסיד'ישן רב?" - פרעגט דער רב פונעם גביר.

"דער חסיד'ישע רב, רבי הלל" - ערקלערט דער גביר - "איז אהער געקומען מקיים צו זיין די מצוה פון ד' מינים, אבער איר זענט דאך בלויז געקומען צוליב דעם 'כן עשה הלל'!"...

* * *

# אוצר הצדיקים

## מצות סוכה

### דער מלאך מיכאל איז מעיד

די מתנגדים פונעם בעל שם טוב הק׳ זי"ע זענען אמאל געקומען צום בעש"ט און זיי האבן אנגעהויבן אויפווייזן אז לויט די הלכה איז זיין סוכה פסול, דער בעש"ט האט זיי צוריק אויפגעוויזן אז לויט די הלכה איז די סוכה יא אויסגעהאלטן מיט אלע הידורים, אבער זיי האבן נישט נאכגעלאזט און ווייטער גע׳טענה׳ט אז די סוכה איז נישט כשר, ווען דער בעש"ט הק׳ האט געזעהן אז זיי ווילן דוקא אויפווייזן לקנתר האט ער צוגעמאכט די אויגן און ארויפגעלייגט זיינע הייליגע הענט אויפן קאפ אויף אפאר מינוט נאכדעם האט ער געעפנט די הענט און ארויס גענומען א שטיקל פארמעט, וואס איז געווען ארויפגעשריבן אויף דעם, "סוכה זו של הרב ישראל בעש"ט כשרה נאום מיכא׳ שר הפנים", די פארמעט איז אריבער בירושה צום הייליגן דגל מחנה אפרים, און ער פלעגט זיך באניצן מיט דעם אויף צו פועל׳ן זאכן חוץ לדרך הטבע.

### מדה כנגד מדה

הרה"ק רבי יענקעלע פון פשעווארסק זצ"ל האט דערציילט בשם זיין שווער הרה"ק רבי איציק׳ל זצ"ל, אז דער הייליגער בארדיטשובער זי"ע האט געהאט אסאך געסט אין די סוכה, בעיקר ארחי פרחי׳ס מכל המינים, ביז דאס גדערדענג אין זיין סוכה איז געווען זייער גרויס, און פונדעסטוועגן האט ער קיינעם נישט ארויסגעשיקט, מיט זיין ארבעט צו טרעפן מליצות ישרות אויף כלל ישראל האט ער געזאגט, אז לעתיד לבא ווען ער וועט אריינגיין אין די סוכה פון עורו של לויתן, וועט מען אים וועלן ארויסשיקן, וועט ער דעמאלטס ענטפערן אז אויף דער וועלט האט ער אויך געהאט אלע מיני אורחים אין זיין סוכה און ער האט קיינעם נישט ארויסגעשיקט, וועגן דעם זאל דער באשעפער זיך פירן מיט אים מדה כנגד מדה און ער זאל אים אויך נישט ארויסווארפן פון די סוכה.

### צו ברעכן די הארץ פארן באשעפער

די ערשטע נאכט סוכות האט זיך אמאל הרה"ק רבי אברהם פון טריסק זי"ע (א זון פון הרה"ק רבי מרדכי מטשערנאביל זי"ע) אפגעשטעלט ביי די טיר פון די סוכה און נישט אריינגעגאנגען, די חסידים האבן זיך געוואונדערט, שטייט דאך מ׳זאל בזריזות אריינגיין אין סוכה, און דא שטייט דער רבי און ווארט, נאך אביסל ווארטן איז ער אריין. ביי די סעודה האט ער ערקלערט זיין אויפפירונג: "איך האב יום כיפור געזאגט "משול כחרס הנשבר", אז א מענטש איז געגליכן ווי א צובראכענער שארב, איז ווי אזוי מעג מען אריינגיין אין די סוכה, מ׳טאר דאך נישט אריינברענגען שארבענע כלים אין די סוכה. דערנאך בין איך יא אריין, ווייל מיר ווייסן אז א כלי חרס וואס איז טמא געווארן קען מען נאר מטהר זיין דורך צוברעכן די כלי, זעט מען אז א צובראכענע כלי חרס איז בעסער ווי א גאנצע כלי חרס, האב איך צובראכן מיין הארץ פארן באשעפער, וואס טוט נישט פארשעמען א צובראכן הארץ און אזוי האב איך געקענט אריינגיין אין די סוכה"...

### נישט געווארט מיטן עסן

אמאל האט געגרעגנט די ערשטע נאכט סוכות, און הרה"ק רבי פנחס קאריצער זי"ע האט געטאן אזוי ווי עס שטייט אין שולחן ערוך, ער האט געמאכט קידוש, געגעסן א כזית חלה אין די סוכה, און דערנאך איז ער אריין עסן אין שטוב, אפאר מינוט נאכדעם האט זיך די רעגן אפגעשטעלט, האט זיך רבי פנחס אנגערופן: "איך האב געוואוסט אז דער רעגן וועט זיך אפשטעלן איך האב אבער נישט געוואלט ווארטן מיטן עסן כדי מען זאל נישט זאגן אז איך בין א נביא".

### אין הקב"ה מביא תקלה לצדיקים

כ"ק רבינו הגה"ק שליט"א האט דערציילט, אז ביי די ערשטע וועלט מלחמה ווען דער עצי חיים איז אנטלאפן פון שטאט סיגוט, האט ער זיך געטראפן ערב סוכות אין א שטאט מיטן קרן לדוד זצ"ל, האט מען אנגעהויבן צו רעדן וועגן א סוכה, איז מען געגאנגען זוכן ביז מען האט געטראפן א אידישע שטוב מיט א סוכה, די צוויי צדיקים האבן זיך זייער געפריידט צו קענען מקיים זיין די מצות סוכה, אבער אזוי ווי זיי זענען אריינגעקומען אין די סוכה, האט זיך באוויזן אויפן פנים פון עצי חיים א אומצופרידנקייט, דער קרן לדוד האט דאס גלייך באמערקט, האט ער געפרעגט דעם עצי חיים וואס ער איז נישט צופרידן, האט דער עצי חיים געענטפערט איך שפיר אז די סוכה איז נישט געהעריג אויסגעהאלטן, האט מען אריינגערופן דעם בעל הבית, און מען האט אים אויסגעפרעגט ווי אזוי ער האט געבויעט די סוכה, האט ער געענטפערט אז קודם האט ער געבויעט די סכך, און נאכדעם די ווענט, ויהי לפלא.

### אפגעהיטן פון א מכשול

אום סוכות תשל"ו, אין איינע פון די נעכט ווען רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע איז אריין געקומען אין די סוכה צו פירן שולחנו הטהור, און דער רבי האט זיך געוואשן צום עסן איז פלוצלונג אראפגעפאלן א פלאש שמן פונעם דאך, דער עולם האט געמיינט אז קינדער דרייען זיך אויפן דאך, זענען זיי ארויס אינדרויסן צו הייסן די קינדער אראפגיין פון דאך, האבן זיי באמערקט אז וויבאלד ס׳איז געווען א רעגן, איז די שלאק געווען אראפגעלייגט, און מען האט פארגעסן עס אויפצוהייבן, אזוי איז רביה"ק ניצול געווארן פון א מכשול.

### נישט געגעסן חוץ לסוכה

ביי די סעודה פון הושענא רבה, שנת תש"ב אין די שטאט סאטמאר, איז שוין געווען כמעט פארנאכט׳ס ווען מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט זיך געוואשן צו די סעודה און האט זיך זייער לאנג אפגעווישט די הענט נאכן וואשן. עס איז געווען א גרויסע פלא ביי אלע אידן וואס זענען דארט געווען: עס איז שוין אזוי שפעט און דא ווישט זיך דער רבי די הענט אזוי לאנג? פלוצלינג האט זיך געהערט א קראך, דער שלאק פון די סוכה האט זיך פלוצלינג אראפגעלאזט און מען האט עס גלייך צוריק געעפנט. דעמאלטס האט מען פארשטאנען, אז אויב דער רבי וואלט זיך נישט אזוי לאנג אפגעווישט די הענט נאכן וואשן, וואלט ער אינמיטן אראפשלינגען די המוציא, געגעסן חוץ לסוכה מיט די פארמאכטע שלאק.

## אושפיזין

### צו דיר קומען דאך די אושפיזין

אין די הקדמה פון ספר הרי בשמים (פון הגה"צ ר"י גינז זצ"ל דער בעסערמינער רב), שרייבט ער אז ער האט אמאל אנגעפרעגט פון רביה"ק בעל ייטב לב זי"ע, צי ער זאל זאגן דעם נוסח פון איינלאדענען די אושפיזין פאר די סעודה, ווייל עס איז ידוע די הייליגע ווערטער פון זוהר הק׳, אז ווער עס רופט די אושפיזין און ער האט נישט ארימעלייט ביי די סעודה, שעלטן אים די אושפיזין אויף דעם וואס ער האט זיי גערופן, און וויבאלד ער עסט ביי זיין שווער, כאטש זיין שווער לאדנט אורחים צו זיין טיש, אבער ער - דער איידעם גיבט דאך נישט למעשה פאר די ארימעלייט צו עסן, דעריבער איז זיין שאלה ווי אזוי זאל ער זיך פירן מיטן זאגן די אושפיזין. האט אים דער ייטב לב זי"ע געענטפערט, אז ער איז זיכער פטור פון רופן די אושפיזין, ווייל "אין אורח מכניס אורח" איין גאסט קען נישט איינלאדענען א צווייטן גאסט. בשעת מעשה איז דארטן געשטאנען רביה"ק בעל קדושת

יו"ט זי"ע, וועלכער איז נאך געווען רב אין טעטש, און איז געקומען אויף יו"ט צו זיין טאטן דער הייליגער ייטב לב, הערנדיג די שאלה מיט די תשובה, האט ער געפרעגט זיין טאטן דער ייטב לב: "אויב איך בין ביי דיר א גאסט זאל איך נישט זאגן קיין אושפיזין?" קודם האט דער ייטב לב גארנישט געענטפערט, דער ייטב לב האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין שטול און געגאנגען אין די סוכה אהין און צוריק, בערך א שעה צייט איינגעזונקען אין מחשבות און דער בעסערמינער רב האט אין די צייט פארברענגט אין לערנען מיטן הייליגן קדושת יו"ט. פלוצלינג האט זיך דער ייטב לב זי"ע אויסגעדרייט צום בעסערמינער רב און גיבט אים א קלאפ אויף די פלייצע, זאגנדיג: "ווייסטו וואס, דו קענסט דאך לערנען, צו דיר קומען זיי אזוי אויך, מעגסטו זאגן די אושפיזין".

## בצל כנפיך יחסיון

הרה"ק רבי מיכל'ע זלאטשוב'ער זצ"ל איז געווען שרעקליך ארעם. זיין הויז איז געשטאנען אין שכנות פון להבדיל א קלויסטער, און יעדן יאר ביים בויען די סוכה האט דער צדיק שטארק אכטונג געגעבן אז די סוכה זאל נישט שטיין אין שאטן פונעם קלויסטער.

אמאל, פאר סוכות, האט זיך געמאכט אז ר' מיכל'ע האט געמוזט אוועקפארן פונדערהיים, און זיינע הייליגע זוהן האבן אויפגעשטעלט די סוכה. ווען דער רבי איז אהיימגעקומען און געזען אז די סוכה שטייט אין שאטן פונעם קלויסטער, האט דאס אים זייער וויי געטאן, אבער עס איז שוין געווען צו שפעט דאס צו רוקן.

סוכות ביינאכט, ווען מען האט אריינגערופן די רביצין, הצדיקת רעכל ע"ה, הערן קידוש, איז זי אנגעקומען צו דער טיר און גענומען ביטערליך וויינען. ר' מיכל'ע האט זיך זייער געוואונדערט דערויף, און אויסגערופן אז ער וועט נישט מאכן קידוש ביז זי וועט זאגן פארוואס זי האט זיך צעוויינט. נאך פיל בקשות, האט די רביצין געזאגט די מורא'דיגע ווערטער: "דו ווייסט דאך, מיין הייליגער מאן, אז א גאנץ יאר פלאג איך זיך אין ארימקייט, איך האב קוים צו געבן א קינד ברויט צו דער זעט. ווען עס קומט אבער סוכות און איך קום הערן קידוש, זע איך די שבעה רועים, און דאס גיט מיר חיות אויף א גאנץ יאר. היינט, אבער, זע איך נישט די הייליגע אושפיזין, און איך האב מורא אז איך האב עפעס חוטא געווען!"

דער רבי האט איר בארואיגט אז זי איז גארנישט שולדיג דערין, נאר וויבאלד די סוכה איז אין שאטן פון קלויסטער קענען די געטליכע אושפיזין נישט קומען.

## מפייס געווען דעם קדושת יו"ט זי"ע

דער הייליגער צאנז'ער רב זי"ע פלעגט ביי די צווייטע נאכט פון סוכות ביי די אושפיזא פון יצחק אבינו זיך פירן צו רעגן. איינמאל ווען דער הייליגער צאנזער רב איז אריינגעקומען צום טיש, און אנגעהויבן צו זוכן אויף וואס זיך צו רעגן, האט אבער אלעס געקלאפט אויפן טיש, און דער דברי חיים האט נישט געהאט אויף וואס זיך צו רעגן, זיין זון הרה"ק רבי ברוך פון גארליץ זי"ע וואוסנדיג דעם ענין זיך צו רעגן, האט ער זיך געשטעלט נעבן די בענקל פון זיין הייליגן טאטן, און דער הייליגער קדויו"ט איז אויך געשטאנען אונטערן בענקל, ווען דער צאנזער רב האט אנגעגאסן די בעכער צו מאכן קידוש, האט דער גארליצער רב געגעבן א שטופ דעם קדושת יו"ט, און דורך דעם האט זיך געגעבן א שטופ די האנט פון הייליגן דברי חיים און עס האט אראפ געטראפט וויין אויף זיין נייע בעקיטשע, דער דברי חיים האט זיך אנגעהויבן צו רעגן און שרייען אויפן קול: "ממון איז דמים מען וועט דארפן באצאלן עד פרוטה אחרונה", אבער אינמיטן די סעודה, האט דער דברי חיים צוגערופן דעם קדושת יו"ט, און אים געזאגט, "ליפא'לע מיין ליפא'לע, מיר האבן ליב ערליכע אידן", און האט אים געזעצט אויפן שטול וואס איז געווען צוגעגרייט פאר די אושפיזין. (אזוי ווי עס איז געווען די מנהג אין צאנז צו צוגרייטן א בענקל פאר די אושפיזין).

## די אושפיזין זענען אנגעטוהן מיט סטראקעס

אין ספר "אמרי דבש" ווערט געברענגט אין נאמען פון הרה"ק רבי מרדכי'לע מנדבורנה זי"ע, די פאלגנדע מעשה: געווען איז דאס איין יאר ווען דער הייליגער מאור ושמש זי"ע האט זיך מסתופף געווען אויף יו"ט סוכות ביי זיין רבי'ן דער רבי ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק. ערב יו"ט נאכמיטאג האט דער נועם אלימלך געהייסן דעם מאור ושמש ער זאל זיך אנשפארן צו שעפן אביסל כוחות אויפן בעפארשטייענדן יו"ט, זאגנדיג אז ער זאל דאס טון כדי אז ער זאל נישט איינשלאפן ביינאכט. דער מאור ושמש האט געפאלגט און האט זיך צוגעלייגט.

ביינאכט אריינקומענדיג אין די סוכה, איז אים פלוצלינג באפאלן א שרעקליכער מידעניש, ער האט נישט געקענט אפן האלטן די אויגן און ער איז טאקע אנטשלאפן געווארן. אזוי דרימלנדיג האלב-וועגס הערט דער מאור ושמש ווי דער רבי ר' אלימלך זי"ע הייבט אן צו זאגן 'אזמין לסעודתי אושפיזין עילאין' און פון די טיר קומען אריין אין די סוכה די הייליגע אבות הקדושים. און זיי זענען געגאנגען מיט סטראקעס. אזוי האט ער פארציילט.

# ד' מינים

## געביטן אן אתרוג אויף א פערד

הרה"ק ר' מרדכי פון נעשכיז זי"ע, האט זיין גאנץ לעבן געלעבט זייער ארעם, א גאנצע וואך פלעגט ער עסן נאר ברויט מיט זאלץ, און שבת האט ער געגעסן אביסל פיש צו דעם. אבער א גאנץ יאר האט ער טראץ זיין ארעמקייט געשפארט א יעדע פרוטה אויף א שיינעם אתרוג. איין יאר איז דער צדיק געפארן אין די שטאט ברודא צו קויפן א שיינעם אתרוג, און מיטגענומען מיט זיך א סכום פון 10 רובל, וואס ער האט אפגעשפארט במשך'ן יאר. גייענדיג אויפן וועג, האט דער צדיק באמערקט ווי עס זיצט אן איד וואס וויינט ביטערליך, איז דער צדיק צוגעגאנגען צו אים און געפרעגט מיט וואס ער קען אים העלפן, האט דער איד אנגעהויבן צו דערציילן: "איך בין א וואסער טרעגער איבערן יאר, איך האב געבארגט א פערד און וואגן צו קענען שלעפן די פיל עמערס וואסער צו פארקויפן פאר אידן אויף יו"ט. יעצט, גייענדיג אויפן וועג, איז די פערד פלוצלינג געשטארבן, דא האלט מען יעצט פאר יו"ט און איך האב נישט מיט וואס צו שפייזן מיין ווייב און קינדער". דער צדיק האט נישט קיין סאך געטראכט, ער האט ארויסגענומען פון זיין טאש די גאנצע 10 רובל און עס דערלאנגט דעם איד, ער זאל קענען קויפן דערמיט א נייעם פערד'ל. דער צדיק פון נעשכיז איז צוריק אהיים געפארן מיט ליידיגע הענט אן געלט און אָן אַן אתרוג. אהיימקומענדיג, האט זיך דער צדיק אנגערופן פאר זיינע נאנטע מיט גרויס פרייד: "געלויבט איז דער באשעפער וואס האט מיר געגעבן דאס יאר א פרי עץ הדר, א הדר שבהידורים און דאס יאר, וועלן אלע אידן פון נעשכיז מאכן א ברכה אויף אן אתרוג, און איך וועלן מאכן א ברכה אויף די פערד".

## "אה! אן אתרוג!"

הגה"ק ר' איציקל סטיטשינער זי"ע האט דערציילט אז אין דער צייט פון זיין זיידן, הגה"ק מראפשיץ זי"ע איז איין יאר נישט געווען מעגליך צו באקומען קיין אתרוג פאר קיין געלט. אין קראקא האט דאן געוואוינט א פרוי, א גרויסע עשירה פון דער משפחה פיצאליס, און זי האט געהערט אז עס איז דא אין שטאט איין אתרוג צו פארקויפן אבער פאר א פאנטאסטיש הויכע סומע. זי האט געזאגט אז זי איז גרייט אוועקצוגעבן איר גאנץ פארמעגן כדי צו קויפן דעם אתרוג פארן הייליגן ראפשיצער רב זי"ע, און זי האט אזוי געטאן.

זי האט געשיקט דעם אתרוג מיטן פאסט באן, און זי האט געהייסן דעם פאסטמאן אז ביים דורכפארן נעבן דער סוכה פונ'ם ראפשיצער זאל ער פייפן מיט זיין פייפער אלס צייכן אז ער האט א פעקל פארן רבי'ן.

"דער זיידע איז אריינגעקומען יענעם סוכות זאגן הלל אָן אַן אתרוג", האט ר' איציקל ווייטער דערציילט, "א שטייגער ער וואלט געזאגט הלל אום שבועות!..."

נאכ'ן דאווענען איז דער ראפשיצער אריין צום יום טוב'דיגן טיש. אינמיטן פירן טיש האט מען געהערט א פייף פונעם פאסטמאן, און דער ראפשיצער האט זיך אנגערופן, "אה! אן אתרוג!"

באלד ווי ער האט באקומען דעם אתרוג האט ער געבענטשט אויף די ד' מינים בשמחה רבה, און געזאגט, "שרייבט אן אין קוימען (אן אויסדרוק צו וויזן אויף דער אמת'דיגקייט פון די קומענדיגע ווערטער, אז מען קען עס אויפשרייבן אויפן קוימען כדי מען זאל קענען זען צי עס איז מקוים געווארן) אז מיר וועלן האבן אייניקלעך בשותפות!"

וכך הוה: זיין אייניקל, דער אמרי נועם, איז געווארן אן איידעם ביי משפחת פיצאליס.

## אלעס מקבל געווען באהבה

דער הייליגער רבי ר' מיכל פון זלאטשוב זי"ע, האט געהאט ביי זיך טייערע תפילין, א ירושה פון זיין הייליגן טאטן ר' יצחק דראהביטש'ער זי"ע. די תפילין איז געווען די טייערסטע זאך ביי אים, אסאך חסידים רייכע מענטשן, האבן דאס געוואלט אפקויפן אבער ער האט קיינמאל נישט געוואלט. זיין רעבעצין האט אים זייער געבעטן ער זאל דאס פארקויפן, ער זאל האבן עפעס ברויט פאר די קינדער, אבער ער איז געשטאנען ביי זיינס און האט דאס נישט פארקויפט. איין יאר האט זיך געמאכט, אז עס איז נישט געווען צו באקומען אתרוגים אין זיין גאנצן געגנט, עס איז שוין באלד סוכות און אין זלאטשוב איז נאך קיין אתרוג נישטא. פלוצלונג איז אנגעקומען אן איד צו ר' מיכל'ע, מיט א שיינעם מהודר'דיגן אתרוג, ר' מיכעלע האט נישט קיין סאך געטראכט, ער האט פארקויפט די טייערע תפילין און מיט די געלט האט ער געקויפט דעם אתרוג. דער הייליגער מגיד איז גלייך אהיים געלאפן דערפרייען די רעבעצין, אבער זיין רעבעצין, אנשטאט זיך צו פרייען מיט אים, האט זי אויסגעשריגן: "דיינע קינדער הונגערן נאך א שטיקל ברויט, האסטו קיינמאל נישט געוואלט פארקויפן די תפילין, און יעצט, פאר א אתרוג האסטו גלייך פארקויפט די תפילין?" און אינמיטן די כעס איז די אתרוג אראפגעפאלן און עס איז פסול געווארן. האט זיך ר' מיכעלע גארנישט ווייסנדיג געמאכט, נאר ער האט אויסגערופן: "הייליגער טאטע אין הימל, תפילין האב איך נישט, אן אתרוג אויף סוכות האב איך נישט, זאל איך ח"ו קומען לידי כעס און פארשטערן די שלום בית ביי מיר אין שטוב? חלילה! איך בין אלעס מקבל באהבה". די ערשטע נאכט סוכות האט זיך זיין הייליגער טאטע ר' יצחק פון דראהביטש באוויזן פאר אים אין חלום און געזאגט: "מיין קינד, די לעצטע זאך אז דו האסט נישט מקפיד געווען האט דאס אין הימל געמאכט א גרעסערן רושם פון דעם וואס דו האסט פארקויפט די תפילין פאר די אתרוג".

# שמחת תורה

## דער טאטע און זיידע זענען דא

עס האט פארציילט מרן הגאב"ד וראש ישיבתינו הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זי"ע: דער הייליגער ייטב לב זי"ע האט געלאזט צוואה אז דער מענטש וואס וועט אים זען לאחר פטירתו, דעם זאל מען לייגן נעבן אים אין בית החיים נאך די פטירה.

איז געווען דעם שמחת תורה נאך די פטירה פונעם ייטב לב, בשעת די הקפות האט דער קדושת יו"ט זצ"ל געזאגט תורה מיט א שטארקע ברען, ווען אינמיטן האט ער זיך אויסגעדרוקט "פריידט ענק מיט די הייליגע תורה ווייל דער טאטע (דער ייטב לב) און דער סבא קדישא (דער ישמח משה) זענען דא צווישן אונז", תיכף נאכ'ן זאגן די ווערטער האט דער קדושת יו"ט געשפירט אז ער האט זיך ארויסגעכאפט, און ער האט זיך תיכף מתנצל געווען אז דאס איז נאר געווען א שיגרא דלישנא וואס ער איז געווען געוואוינט צו הערן פון טאטן דעם ייטב לב זי"ע.

האט זיך אנגערופן דער ראש הקהל הגביר הצדיק ר' משה ארי' פריינד ז"ל, ענק חסידים קען דער רבי' אויסנארן און זאגן אז ער האט גארנישט געזען, אבער מיך קען ער נישט פאפן, ווארום איך זע דאך אויך דעם רב דא! און מען האט טאקע באערדיגט דעם קדושת יו"ט נעבן זיין טאטן זי"ע, און רבי משה ארי' ליגט נעבן דעם אוהל פונעם ייטב לב זי"ע.

## שמיני "רגל" בפני עצמו

עס ווערט דערציילט אויף רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, איין יאר האבן די דאקטוירים אים אנגעווארנט נישט צו טאנצן די הקפות, וויבאלד זיינע ווייעדיגע פיס קענען דאס נישט דערהויבן.

ווען עס איז אנגעקומען שמחת תורה און דער רבי' האט געטאנצט ווי געהעריג, האט ער דאן געזאגט 'שמיני רגל בפני עצמו' אויף שמיני עצרת באקומט מען אן עקסטערע פוס...

איין יאר נאך די הקפות ווען דער רבי איז אהיים געקומען און מען האט געטוישט די זאקן פון רבי'ן, און פון איין פוס האט געטריפט בלוט, האט מען אים געפרעגט ווי אזוי וועט מען קענען טאנצן מארגן די הקפות אזוי?, האט דער רבי געענטפערט מיט די מימרא פון הרה"ק דער רבי ר' מענדעלע מרימנוב זצ"ל, וואס האט געזאגט "פיסעלעך פיסעלעך הייבט ענק לכבוד די הייליגע תורה, עס וועט קומען די צייט וואס עטץ וועטץ שוין רוען און רוען..."

(תפארת יואל)

## חיים של שמחה

דער סקולענער רבי זי"ע פלעגט דערציילן אום שמחת תורה די מעשה פון הייליגן לובלינער, אז אמאל איז א חסיד געקומען צו פארן אויף יו"ט צום הייליגן חוזה פון לובלין, און אזוי ווי ער איז אריין געבן שלום פארן חוזה, האט אים דער חוזה געזאגט אז ער זאל שוין אהיימפארן. דער חסיד איז געווארן צוטומלט און האט נישט פארשטאנען פשט אין די רייד. נאך א טאג-צוויי, האט דער חוזה באמערקט ווי ער דרייט זיך נאך אין הויף, האט ער אים א פרעג געטאן, "דו ביזט נאך אלס דא? פאק שוין פעק און פאר אהיים!"

דא האט ער שוין געזען אז דער רבי מיינט עס ערנסט, האט ער זיך ארויסגעלאזט אהיים צובראכענערהייט. אונטערוועגנס האט ער זיך אפגעשטעלט אין א קרעטשמע, וואו ער האט פונקט אנגעטראפן א גרופע חסידים וואס האבן געהאלטן אינמיטן וועג פארנדיג צום חוזה. אזוי ווי זיי האבן באמערקט ווי דער חסיד זיצט אין א זייט צובראכן, האבן זיי אים געפרעגט וואס אים דריקט. ער האט זיך אויסגעגאסן דאס הארץ פאר זיי, דערציילנדיג וואס דער חוזה האט אים געזאגט.

די חסידים האבן אבער נישט מסכים געווען צו דעם. זיי האבן באשטעלט משקה און מחזק געווען דעם חסיד, און זענען ארויס אין א פרייליכן טאנץ, דערמוטיגנדיג אים אז א איד טאר נישט זיין צובראכן און ער קומט שוין יעצט מיט זיי צוריק צום רבי'ן...

דער חסיד איז געווארן אויפגעמונטערט, און איז מיט זיי צוריקגעפארן צום הייליגן חוזה. אנקומענדיג, האט ער נאכאמאל געגעבן שלום ביים חוזה, און דער חוזה האט אים צוריקגעגעבן, כאילו קיין זאך וואלט נישט פאסירט.

אזוי איז דער יו"ט פאריבער אין א געהויבענע שטימונג. נאך יו"ט, האט דער חסיד זיך געוואגט און געפרעגט דעם חוזה פארוואס ערב יום טוב האט ער אים פארשיקט, און דערנאך האט ער אים געלאזט בלייבן. האט דער חוזה אים געענטפערט: "ווייסן זאלסטו, אז ווען דו ביזט געקומען דא צום ערשטן מאל, האב איך געזען אויף דיר אז ס'איז נגזר געווארן אז דו זאלסט ל"ע שטארבן דעם יו"ט, האב איך דעריבער געוואלט אז דו זאלסט זיין אינדערהיים אין דיינע לעצטע טעג. "אבער" האט ער אויסגעפירט, "וואס די חסידים מיט זייער שמחה האבן אויסגע'פועל'ט אז די גזירה זאל בטל ווערן, דאס האב איך אליין נישט געקענט!"

האט דער סקולענער רבי אויסגעפירט: "דורכדעם וואס מען טאנצט און מען פריידט זיך שמחת תורה, האט מען אזא כח אויסצו'פועל'ן אלעס גוטס, אפילו דאס וואס מען האט נישט געקענט אויס'פועל'ן ראש השנה און יום כיפור!"

# אוצר הטעמים

## יו"ט סוכות

### פארוואס איז סוכות "זמן שמחתינו"?

די אידן האבן אין די צייט עטליכע באזונדערע שמחות, זיי זענען יום הכיפורים ארויס ריין פון זייערע עבירות. אויך האט השי"ת אין די צייט פאר זיי מוחל געווען אויף דעם חטא העגל. און מיר זענען אין די צייט באפוילן געווארן אויפצובויען דעם משכן. און עס איז אויך די צייט פון איינזאמלען די תבואות.

*(אליה רבה)*

סוכות איז א צייט וואס מען שעפט זיך אן מיט רוח הקודש, און וויבאלד די שכינה רוהט נאר וואו עס איז דא שמחה, דערפאר איז דאס א צייט וואס מען זאל זיין בשמחה.

*(בני יששכר תשרי מאמר י' אות א')*

## מצות סוכה

### פארוואס באצירט מען די סוכה מיט נוי סוכה?

דער של"ה הק' זאגט, אז דאס עניין פון באצירן און שיין צו מאכן די סוכה און אנהענגען חשוב'ע פרוכטן, איז ווייל דאס ווייזט ווי חשוב און באליבט עס איז פאר אונז די מצוה, אז מען באצירט דאס און מען טוט עס באשיינען מיט וואס נאר מעגליך. דעריבער וואס מער מען פארמערט צו באצירן די סוכה איז מען געליבט צו השי"ת.

*(שלה"ק)*

### פארוואס מאכט מען גאנץ סוכות "לישב בסוכה"?

פסח מוז מען נאר די ערשטע נאכט עסן מצה, אבער די אנדערע זיבן טעג פסח מוז מען נישט עסן קיין מצה, אויב מען וויל קען מען נאר עסן פרוכט, דערפאר מאכט מען נישט קיין ברכה אלע זיבן טעג אויף די מצה. אבער סוכות וואס די מצוה איז אויך אז מען זאל שלאפן אין די סוכה, און וויבאלד עס איז נישט מעגליך, נישט צו שלאפן זיבן טעג, דערפאר איז די מצוה פון סוכה א המשך פון זיבן טעג, מאכט מען אלע זיבן טעג א ברכה.

*(בעל המאור סוף מס' פסחים)*

פסח ווען מען עסט מצה, איז נישט ווייל מען וויל דערמיט מקיים זיין א מצוה, נאר ווייל מען איז הונגעריג עסט מען מצה, וויבאלד חמץ טאר מען נישט עסן. אבער סוכות ווען מיר זיצן אין די סוכה, איז נאר ווייל מיר ווילן מקיים זיין די מצוה, דערפאר מאכט מען אלע זיבן טעג א ברכה לישב בסוכה.

*(מטה משה)*

### פארוואס קומען די אושפיזא אין די סוכה?

סוכות איז א צייט פון שמחה מער ווי אלע אנדערע ימים טובים, ווייל אין דעם יום טוב זעהט מען דאס גרויסע ליבשאפט פון השי"ת צו די אידן, וואס השי"ת האט ארומגענומען די אידן מיט די זיבן ענני הכבוד מיט וואס זיין כסא הכבוד איז ארומגענומען. אין זוה"ק שטייט אז אין א צייט פון שמחה, פארטרייבט מען די אבות פון גן עדן צו די שמחה פון זייערע קינדער. דערפאר קומען די אושפיזא - אונזערע אבות - אין די סוכה צו די שמחה פון יום טוב סוכות.

*(דברי יואל, סוכות)*

## ד' מינים

### פארוואס נעמט מען ד' מינים?

ווייל ווען מען קומט ארויס פון א משפט, גייט דער זיגער מיט א גאלדענע שטעקן אין די האנט, וואס צייגט אז ער איז דער זיגער. און יום כיפור זענען סיי די אידן סיי די פעלקער אריינגעגאנגען צום משפט, און מען ווייסט נישט ווער עס איז ארויס דער זיגער. אבער ווען מען זעהט אז די אידן נעמען דעם לולב מיט דעם אתרוג אין די האנט, ווייסט מען שוין אז די אידן זענען ארויס די זיגערס.

*(מדרש רבה פ' אמור)*

נאך א טעם פארוואס מיר נעמען די פיר מינים: ווייל דער "אתרוג" איז גליך צום "הארץ", קומט דאס צו פארציילען אויב מען האט געטראכט שלעכטע זאכן מיטן הארץ. דער "הדס", ווייל דאס איז גליך צו די "אויגן", קומט דאס מכפר זיין אויף וואס מען האט געזינדיגט מיט די אויגן. דער "ערבה", ווייל דאס איז גליך צו די "ליפן" קומט דאס מכפר זיין אויב מען האט גערעדט שלעכטס מיט די ליפן. דער "לולב", ווייל דער לולב האט נאר איין הארץ, אזוי אויך די אידן האבן נאר איין הארץ צו דינען השי"ת.

*(טעמי ומנהגים, בשם ספר המנהיג)*

### פארוואס בינד מען דעם לולב?

ווייל די פיר מינים ווייזן אויף פיר ערליי מיני אידן וואס זענען דא. דער אתרוג איז א פרוכט וואס האט א טעם און א גוטן גרויך, דאס ווייזט אויף מענטשן וואס האבן אין זיך תורה מיט גוטע מעשים. דער לולב האט א טעם אבער נישט קיין ריח, דאס ווייזט אויף מענטשן וואס האבן אין זיך תורה, אבער האבן נישט קיין גוטע מעשים. די הדסים, האבן א גוטן גרויך אבער האבן נישט קיין טעם, דאס ווייזט אויף מענטשן וואס טוהען גוטע מעשים, אבער זיי האבן נישט קיין תורה אין זיך. די ערבות האבן נישט קיין טעם און נישט קיין גרויך, דאס ווייזט אויף מענטשן וואס האבן נישט קיין תורה און האבן נישט קיין גוטע מעשים. האט השי"ת געהייסן, מען זאל זיי צוזאם בינדן אינאיינעם, אז איינעם'ס זכות זאל פארציילען אויף דעם אנדערן.

*(מדרש רבה)*

### פארוואס בינד מען דעם לולב מיט דריי רינגלעך?

דאס איז א רמז אויף די דריי מדריגות וואס עס איז דא ביי אידן, צדיקים, בינונים, רשעים. אלע דארפן זיין צוזאמען געבינדן איינער מיטן אנדערן.

*(המטעמים)*

### פארוואס בענטשט מען אתרוג אין די סוכה?

מען קען זאגן א רמז אויפן בענטשן אתרוג אין די סוכה, ווייל די מצוה פון לולב שטייט אין די תורה אינמיטן די פרשה פון די מצות סוכה.

*(יפה ללב ח"ב סי' תרנ"ב)*

## פארוואס מאכט מען די ברכה אויפן לולב?

ווייל דער לולב בוים, איז דער מלך פון אלע פירותביימער, וועגן דעם מאכט מען די ברכה אויפן לולב.

*(רוקח)*

ווייל דער לולב איז דער עיקר, און די אנדערע מינים זענען נאר א טפל. דערפאר מאכט מען די ברכה אויף דעם לולב, וואס דאס איז די עיקר און מען פטר'ט דעם טפל.

*(מטה משה סי' תתקל"א)*

## פארוואס דרייט מען איבער דעם אתרוג ווען מען מאכט די ברכה?

ווייל מען דארף מאכן די ברכה איידער מען איז מקיים די מצוה, און אויב מען נעמט דעם אתרוג אזוי ווי דאס וואקסט, מיטן פיטום ארויף, וועט אויסקומען אז מען האט שוין מקיים געווען די מצוה, פאר מען האט געמאכט די ברכה. דעריבער פירט מען זיך, אז מען דרייט איבער דעם אתרוג פארקערט, אדער לייגט מען דאס נישט צוזאמען ביז נאך די ברכה, און אזוי מהאט מען נישט יוצא געווען די מצוה פאר מען האט געמאכט די ברכה.

*(אוצר המועדים)*

# הושענא רבה

## פארוואס ווערט די לעצטע טאג פון חול המועד סוכות אנגערופן "הושענא רבה"?

ווייל דאס ווארט "הושענא", ווערט צוטיילט אויף צוויי ווערטער, "הושע"-"נא". בעטן מיר ביי השי"ת אז ער זאל אונז העלפן. "נא", [נ"א באטרעפט אײן און פופציג], אז די תפלות פון די איין און פופציג טעג, די ימי רחמים ורצון, וואס האבן זיך אנגעהויבן פון אנהייב ראש חודש אלול ביז הושענא רבה, זיי זאלן אנגענומען ווערן לטובה.

*(בני יששכר מאמר חותם מלא אות ג')*

נאך א טעם: ווייל אין דעם טאג פארמערט מען אסאך מאל דאס ווארט הושענא.

*(כף החיים)*

## פארוואס נעמט מען הושענא רבה אראפ די רינגלעך פונעם לולב?

ווייל ווען מען נעמט אראפ די רינגלעך, שאקלט זיך דער לולב שטערקער. און אזוי ווי הושענא רבה איז דער גמר חתימה, און מען בעט אויף וואסער, וויל מען אז דער לולב זאל זיך שאקלען שטערקער.

*(ב"ח)*

דאס קומט מרמז זיין, אז עס איז שוין פארטיג געווארן די חוב מן התורה צו שאקלען דעם לולב, און מיר שאקלען נאר מדרבנן.

*(חיד"א)*

דערמיט ווייזן מיר, אז אזוי ווי דער לולב ווען מען נעמט אראפ די רינגלעך, ווערט דאס צושפרייט, אזוי אויך זענען מיר אידישע קינדער צושפרייט צווישן די פעלקער, און מען דארף היינט בעטן, אז השי"ת זאל אונז שוין צוזאמען נעמען.

*(טעמי המנהגים)*

די ג' קשרים, מיט וואס מען בינדט צוזאם דעם לולב, איז פון א רינגל, וואס יעדע קשר איז אזוי ווי א סמ"ך. עס ווערט געברענגט אין נאמען פון הרה"ק רבי אליעזר דזיקוב'ער זי"ע, אז דער אות סמ"ך איז ראשי תיבות, ס'ליחה מ'חילה כ'פרה. דעריבער נעמט מען אראפ די רינגלעך פונעם לולב, פאר מ'זאגט די הושענות, כדי צו מעורר זיין סליחה מחילה כפרה.

*(כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, תשע"א)*

## פארוואס גייט מען ארום די בימה זיבן מאל?

א זכר פון בית המקדש, וואס מען פלעגט ארומגיין דעם מזבח מיט א לולב און ערבה זיבן מאל, וועגן שמחת החג וואס ווערט אנגערופן זמן שמחה.

*(לבוש סימן תר"ס ס"ב)*

## פארוואס נעמט מען די ערבות אלס הושענות?

ווייל ווען דאס בית המקדש איז געשטאנען, איז געווען א מצוה צו ברענגען אין בית המקדש אלע זיבן טעג ערבות, און ארומרינגלען דעם מזבח דערמיט, און דערנאך דאס אויפצושטעלן נעבן מזבח. שבת האט מען דאס נישט געטאן. נאר ווען דער זיבעטער טאג איז אויסגעפאלן אום שבת דעמאלטס האט מען גענומען די ערבות און געשטעלט נעבן מזבח. א זכר צו דעם נעמט מען די ערבות פאר הושענות, דעם זיבעטן טאג פון סוכות.

*(אוצר המועדים)*

## פארוואס מאכט מען נישט קיין ברכה ווען מען קלאפט די הושענות?

ווייל עס איז נאר א מנהג נביאים, און אויף א מנהג מאכט מען נישט קיין ברכה.

*(שו"ע)*

דאס קומט נאר אוועק צו טרייבן דעם שטן. דערפאר מאכט מען נישט קיין ברכה דערויף, פונקט ווי מיר מאכן נישט קיין ברכה אויף מים אחרונים, וויבאלד די מים אחרונים קומט נאר אוועק צו טרייבן דעם "מלח סדומית".

*(פע"ח שער המועדים)*

## פארוואס קלאפט מען מיט די הושענות אויף דער ערד?

דערמיט ווילן מיר מרמז זיין, אז השי"ת זאל אויך צוקלאפן און פארניכטן און אראפנידערן ביז דער ערד, אלע שלעכטע דינים, אז זיי זאלן מער נישט זיין אויף דער וועלט.

*(תולעת יעקב)*

דאס קומט מרמז און מחזק זיין די אידן וואס זענען אין גלות, כאטש זיי האבן נישט קיין סאך תורה און מצות, פונדעסטוועגן דאך וויל השי"ת זיי חלילה נישט פארלענדן, נאר השי"ת קלאפט זיי צוביסלעך מיט יסורים, כדי די אידן זאלן תשובה טוהן, אבער השי"ת וועט זיי חלילה נישט אינגאנצן פארלענדן.

*(המטעמים)*

## פארוואס קלאפט מען די הושענות פינעף מאל?

מיר קלאפן נאר פינעף מאל מיט די הושענות, ממתיק צו זיין די פינעף גבורות, פון די פינעף ענדע אותיות, וואס זיי זענען ענדע מ"ם, ענדע נו"ן, ענדע צדי"ק, ענדע ף', ענדע כ"ף.

*(האריז"ל)*

הגליון נתנדב לעילוי נשמת

# אינהאלט

## חג הסוכות

מחיל אל חיל - די טעג צווישן יום כיפור און סוכות זענען הייליג און לויטער ................ה
הלוי והגר והיתום והאלמנה - הכנה צום יום טוב דורך צדקה וחסד ..............ח
צא מדירת קבע - קוק ארויף און פארשטיי אַז דער אויבערשטער טוט אַלעס..........יב
זמן שמחתינו - די מצוה פון 'ושמחת בחגך', דייקא אין יום טוב סוכות ........יז
ולקחתם 'לכם' - זיך נעמען צו עבודת השם, מיט התחדשות ......................כא
צילא דמהימנותא - השראת השכינה אויף דער וואָס זיצט אין די סוכה ..........כד
וסוכה תהיה - די סגולות פון מצות סוכה.............................כח

## הושענא רבא

ביום הושענא יחתמון - זוכה זיין צו אַ גוט קוויטל...........................ל
אבינו אתה - טאַטע! איך האָב נישט אויף וועמען זיך אָנצוהאַלטן נאָר אויף דיר ..........לב
והושיענו אלוקי ישענו - די גרויסקייט און סגולות פון די ערבות ................לו

## שמיני עצרת ושמחת תורה

עכבו יום אחד - די געוואַל'דיגע נאָנטקייט צום באשעפער אין שמנ"ע............לח
ענגו ביום קראנו - שמנ"ע און שמח"ת זענען מסוגל אָנצונעמען אַלע תפילות ..........לט
שישו ושמחו בשמחת תורה - די סגולה פון שמחה ביי די הקפות ................מא

סדר ועימוד: א.י.ש. אשדוד shwrtz@bezeqint.net

**וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן וְגוֹ'** (ויקרא כג, מ). און עטס זאלטס נעמען צו אייך אינעם ערשטן טאג א 'פרי עץ הדר' (אתרוג) וגו'. **וְאִיתָא בַּגְּמָרָא** (תנחומא אמור פכ"ב) **וְכִי רִאשׁוֹן הוּא** און די מדרש פרעגט אויף די פסוק וואס זאגט וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן איז עס דען די ערשטע טאג, **וַהֲלֹא חֲמִשָּׁה עָשָׂר הוּא** ס'איז דאך די פופצענטע טאג, **אֶלָּא רִאשׁוֹן לְחֶשְׁבּוֹן עֲוֹנוֹת** נאר ענטפערט די מדרש - די פסוק מיינט צו זאגן די ערשטע טאג פון די חשבון פון די זינד.

**וְנִרְאֶה לוֹמַר עַל דֶּרֶךְ זֶה** און ס'געפעלט מיר צו זאגן אויף די וועג, **דְּהִנֵּה כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל קִבְּלוּ עֲלֵיהֶם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה הֶעָבַר** אונז וויסן אז כנסת ישראל האט מקבל געווען אויף זיך 'עול מלכות שמים' אינגאנצן אין די פארגאנגענע ראש השנה, **וְהָיוּ אוֹמְרִים הַמֶּלֶךְ הַקָּדוֹשׁ הַמֶּלֶךְ הַמִּשְׁפָּט** און זיי האבן כסדר געזאגט ביי שמונה עשרה הַמֶּלֶךְ הַקָּדוֹשׁ און הַמֶּלֶךְ הַמִּשְׁפָּט. **אֲבָל אוּמּוֹת הָעוֹלָם לֹא קִבְּלוּ עֲלֵיהֶם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה** אבער די גויאישע פעלקער האבן נישט מקבל געווען אויף זיך 'עול מלכות שמים' אין ראש השנה, **וּצְרִיכִים כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל לְהַכְנִיס בְּחִינַת כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ בְּכָל הַנִּבְרָאִים אֲפִילוּ בְּאוּמּוֹת הָעוֹלָם** און די יודן דארפן אריינברענגען די בחינה פון דער אייבערשטנ'ס כבוד אפילו צווישן די גויים.

**וְזֶה הוּא בְּחַג הַסּוּכּוֹת עַל יְדֵי הַקְרָבַת שִׁבְעִים פָּרִים מַשְׁפִּיעִים בְּחִינַת כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ בְּכָל הַשִּׁבְעִים אוּמּוֹת** און דאס טוט מען אין די יום טוב סוכות דורך דאס וואס אונז זענען מקריב די 70 אקסן זענען אונז משפיע און ברענגען אריין ביי די 70 פעלקער די בחינה פון 'כבוד מלכותו' (אז זיי זאלן אנערקענען דעם אייבערשטנ'ס כבוד). **וְזֶהוּ 'וּלְקַחְתֶּם לָכֶם'** און דאס איז וואס די פסוק זאגט וּלְקַחְתֶּם 'און עטס זאלטס נעמען' - לָכֶם פאר אייך, **אוֹתִיּוֹת מֶלֶךְ** וואס די אותיות לָכֶם איז די אותיות מֶלֶךְ, **פֵּירוּשׁ שֶׁתִּקְחוּ בְּחִינַת מֶלֶךְ** דאס מיינט צו זאגן אז עטס זאלטס נעמען צו אייך די בחינה פון מלך, **הַיְינוּ שֶׁתְּקַבְּלוּ עֲלֵיכֶם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן שֶׁל סוּכּוֹת** דאס מיינט אז עטס זאלטס נעמען אויף אייך די בחינה פון עול מלכות שמים אינעם ערשטן טאג פון סוכות.

**וּפָרִיךְ הַגְּמָרָא וְכִי יוֹם רִאשׁוֹן הוּא לְקַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם** און אויף דעם פרעגט די גמרא איז עס דען די ערשטע טאג פון קבלת עול מלכות שמים, **וַהֲלֹא חֲמִשָּׁה עָשָׂר הוּא לְקַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם** ס'איז דאך די פופצענע טאג פון קבלת עול מלכות שמים, **שֶׁכְּבָר בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה קִבְּלוּ כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל עֲלֵיהֶם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם** וויל אין ראש השנה האבן שוין כנסת ישראל מקבל געווען אויף זיך די עול מלכות שמים. **וְתֵירֵץ הַגְּמָרָא** און די גמרא ענטפערט, **שֶׁבֶּאֱמֶת אֵצֶל כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל הוּא חֲמִשָּׁה עָשָׂר** אז אין אמת'ן אריין איז עס די פופצענטן טאג ביי די יודן, **רַק שֶׁאֵצֶל אוּמּוֹת הָעוֹלָם הוּא יוֹם רִאשׁוֹן** נאר ביי די גוים איז עס די ערשטע טאג, **שֶׁהֵם לֹא קִבְּלוּ עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה** ווייל זיי האבן נישט מקבל געווען אויף זיך עול מלכות שמים אין ראש השנה.

**וְזֶהוּ רִאשׁוֹן לְחֶשְׁבּוֹן עֲוֹנוֹת** און דאס איז וואס די מדרש רופט אן די טאג אלס די ערשטע טאג פון רעכנען די עבירות, **לְאוֹתָן שֶׁמְּחַשְּׁבִים עֲוֹנוֹתֵיהֶן** דאס מיינט די ערשטע טאג צו די גוים וואס דער באשעפער רעכנט זייערע זינד. **שֶׁאֵצֶל כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל מֵרוֹב אַהֲבָתָם יִתְבָּרֵךְ לָהֶם אֵינוֹ מְחַשֵּׁב לָהֶם עֲוֹנוֹת** ווייל פאר כנסת ישראל טוט השי"ת צוליב זיין גרויסע ליבשאפט צו זיי נישט רעכענען זייערע עבירות.

**וְזֶהוּ 'וּלְקַחְתֶּם לָכֶם'** און דאס איז וואס די פסוק זאגט און עטס זאלטס נעמען לָכֶם (צו אייך), בְּחִינַת **מֶלֶךְ** וואס די אותיות לָכֶם איז די אותיות מלך, **הַיְינוּ שֶׁתִּקְחוּ בְּחִינַת מַלְכוּת** דאס מיינט עטס זאלטס נעמען די בחינה פון 'מלכות', **'בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן'** די פסוק זאגט 'אין די ערשטע טאג' וואס דאס מיינט צו די וואס האלטן נאך ביי די ערשטע טאג און האבן נאכנישט מקבל געווען אויף זיך עול מלכות שמים, **וְתַשְׁפִּיעוּ לְשִׁבְעִים אוּמּוֹת** און עטס זאלטס עס משפיע זיין פאר די גויאישע פעלקער, **וְהָיָה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ** און דעמאלסט וועט דער אייבישטער זיין א קעניג טויף די גאנצע וועלט - וואס זאל מקויים ווערן שנעל אין אונזערע טעג. **כֵּן יְהִי רָצוֹן אָמֵן.** **(דרושים לסוכות)**

# חג הסוכות

**מחיל אל חיל - די טעג צווישן יום כיפור און סוכות זענען הייליג און לויטער**

**אין** די טעג צווישן יום כיפור און סוכות, שטייען מיר אין גאר א דערהויבענע מדרגה, נאָך דעם ווי מיר האָבן אין דעם הייליגן טאָג פון יום כיפור, זוכה געווען צו אַ טהרה פון הימל, מיט אַ מחילה און כפרה[א].

די גמרא זאָגט (שבת קיט:) אַז די וועלט שטייט אין זכות פון לימוד התורה און תפילה פון די תינוקות של בית רבן, ווייל ס'איז נישט גלייך 'הבל פיהם שאין בו חטא' (די תורה און תפילה פון איינעם וואָס האָט נישט קיין עבירות), צו 'הבל פיהם שיש בו חטא', און די תינוקות של בית רבן זענען דאָך ריין פון עבירות.

---

**א.** דער טאָג צומאָרגענס נאָך יום כיפור, ווערט אָנגערופן **'גאָט'ס נאָמען'**. ברענגט דער ביטשאָטשער רב זי"ע (אשל אברהם', סי' תרכד) אין נאָמען פון דעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע אַ טעם פאַרוואָס עס ווערט גערופן אַזוי, ווייל אין די עשרת ימי תשובה פירט מען אויס די ברכה פון 'אתה קדוש' מיט די ווערטער '**המלך** הקדוש', און נאָך יום כיפור גייט מען צוריק צום געוועגליכן סדר, און מ'פירט אויס '**הא-ל** הקדוש'. קומט אויס, אַז דער סיום פון די ברכה איז מיט דעם נאָמען פונעם אויבערשטען. צוליב דעם ווערט דער טאָג גערופן 'גאָט'ס נאָמען'.

דער פריערדיגער בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע האָט געזאָגט אַ טעם פאַרוואָס עס ווערט גערופן 'גאָט'ס נאָמען', ווייל אין דער צייט ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען, האָבן די אידן זוכה געווען יעדעס יאָר יום כיפור צו הערן דעם שם המפורש אַרויסקומען פונעם מויל פונעם כהן גדול בקדושה וטהרה, און דער ירושלמי זאָגט (יומא פ"ג, ה"ז) אַז עס האָט פאַסירט אַ נס, אַז מוצאי יום כיפור האָבן די אידן פאַרגעסן ווי אַזוי מ'זאָגט אַרויס דעם שם [ווייל די גמרא זאָגט (קידושין עא.) אַז דעם אויבערשטען'ס נאָמען ווערט איבערגעגעבן נאָר פאַר יחידי סגולה], און דאָס האָט גורם געווען אַז איינער האָט געפרעגט דעם אַנדערן, **'וואָס איז גאָט'ס נאָמען'**... ווייל יעדער איינער האָט זיך פרובירט דערמאָנען ווי אַזוי דער שם המפורש איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך דעם כהן גדול אין יום כיפור, וועגן דעם ווערט דער טאָג גערופן, 'גאָט'ס נאָמען'.

אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע האָט געזאָגט אַ טעם פאַרוואָס עס ווערט גערופן 'גאָט'ס נאָמען', מיט אַ מעשה שהיה ביי זיין זיידן, הרה"ק רבי דודל לעלוב'ער זי"ע, אַז ער האָט אַמאָל געזעהן ווי אַ מלמד לערנט חומש מיט איינעם פון זיינע תלמידים, און ווען ער איז אָנגעקומען צום דעם אויבערשטען'ס נאָמען (וואָס איז געדרוקט אין חומש מיט צוויי יודי"ן), האָט ער איהם געזאָגט אַז צוליב די גרויסע קדושה פון דעם שם, שרייבט מען נישט אַרויס דעם שם אַזוי ווי עס דאַרף ווערן געשריבן, נאָר אנשטאט דעם שרייבט מען צוויי יודי"ן איינע לעבן דעם אַנדערן. דאָס איז אַ סימן פאַר דעם וואָס קוקט אַריין אין חומש, אַז דאָ דערמאָנט מען דעם אויבערשטען'ס נאָמען.

דאָס קינד האָט אנגענומען דעם הסבר פונעם מלמד. שפעטער, אָבער, ווען מ'האָט געלערנט ווייטער, האָט דאָס יונגל געזעהן אַז ביים סוף פונעם פסוק, זענען דאָ צוויי נקודות, און דער מלמד זאָגט נישט אַז דאָס איז דעם אויבערשטען'ס נאָמען, און ער האָט זיך געוואונדערט דערויף. האָט דער מלמד איהם ערקלערט, אַז דעם אויבערשטען'ס הייליגער 'שם', איז נאָר ווען די צוויי אותיות זענען איינער **לעבן** דעם צווייטן, אָבער ווען זיי שטייען איינער **העכער** פונעם אַנדערן, איז נישט נאָר וואָס עס איז נישט דעם אויבערשטען'ס נאָמען, נאָר עס איז אַ 'הפסק' צווישן איין פסוק און דעם אַנדערן...

פון דעם האָט הרה"ק רבי דודל לעלוב'ער זי"ע אַראָפּגעלערנט בדרך מוסר, אַז ווען צוויי אידן (וואָס זענען מרומז אין די צוויי אותיות יו"ד) שטייען איינער ביי דער זייט פון צווייטן - מיט ליבשאַפט, באהבה ואחוה ושלום וריעות - רוהט די שכינה צווישן זיי, אָבער אויב איינער האַלט זיך העכער פון דעם אַנדערן, ווערן די נקודות אַ 'סוף פסוק', ווייל עס איז אַזוי ווי מ'פאַרטרייבט די שכינה ח"ו פון צו רוהען דאָרט.

לויט דעם, האָט אא"ז הרה"ק הרמ"מ מלעלוב זי"ע געזאָגט, אַז צומאָרגענס פון יום כיפור, ווען אַלע אידן שטייען אויף איין מדריגה, קיינער איז נישט העכער פון אַנדערן, ווייל אַלע זענען דאָך געוואָרן ריין פון עבירות אין יום כיפור, ווערט דער טאָג אָנגערופן 'גאָט'ס נאָמען', ווייל דער שם שמים איז חל אויף זיי, וויבאַלד זיי האַלטן זיך אַלע באחדות.

**זאָגט** דער קאָזשיגלובער רב ז"ל, הגאון רבי ארי' צבי פראָמער זצ"ל הי"ד, (׳ארץ צבי׳, לחג הסוכות) אַז אין די יעצטיגע טעג צווישן יום כיפור און סוכות, האָבן אַלע אידן אַט די מעלה פון ׳הבל שאין בו חטא׳, ווייל אין יום כיפור זענען דאָך אַלע אידן גערייניגט געוואָרן פון זייערע חטאים און פגמים, און יעדער איד ווערט יעצט גערעכנט אַזוי ווי אַ ניי-געבוירן קינד, וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געזינדיגט.

**און** נאָך מער, יעצט איז די מעלה פון אידן נאָך גרעסער ווי די מעלה פון די תינוקות של בית רבן, ווייל די יונגע קינדער זענען דאָך נישט אין גדר פון ׳מצווה ועושה׳, אָבער מיר זענען אַלע ׳מצווה ועושה׳, מיר זענען מחויב מקיים צו זיין די מצוות פון די תורה, און חז"ל זאָגן ׳גדול מצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה׳. דער וואָס איז מחויב צו טוהן די מצוה און ער איז עס מקיים, איז גרעסער ווי דער וואָס איז עס מקיים כאָטש ער איז נישט באַפוילן געוואָרן דערויף.

**די גמרא זאָגט** (יומא סד.) אַז דאָס וואָרט ׳השטן׳ באַטרעפט 364, צו לערנען, אַז דער שטן איז בכח מקטרג צו זיין ח"ו נאָר 364 טעג אַ יאָר, אָבער נישט אין יום כיפור. דעמאָלס האָט ער נישט קיין רשות צו זאָגן שלעכטס אויף אידן.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, זיין נאָמען איז דאָך ׳שטן׳, אָן די ה׳, און ׳שטן׳ באַטרעפט נאָר 359 (עס פעלן נאָך פינף צו די צאָל 364).

**ענטפערט** דער גאון רבי יהונתן אייבעשיץ זי"ע, אין ׳יערות דבש׳ (ח"ב דרוש י׳) אַז דער שטן האָט טאַקע נישט קיין רשות מקטרג צו זיין נאָר 359 טעג אין יאָר, אַזוי ווי עס באַטרעפט די וואָרט ׳שטן׳. די אַנדערע פינף טעג וואָס ער האָט נישט קיין רשות מקטרג צו זיין (אַזוי ווי יום כיפור), **זענען צווישן יום כיפור און סוכות, און דעם ערשטן טאָג פון יום טוב סוכות.** דעמאָלס הייבט זיך אָן דער חשבון פון די עבירות: ׳ביום הראשון - ראשון לחשבון עוונות׳[ב].

---

**ב.** הרה"ק רבי דוד'ל טאָלנער זי"ע האָט געפרעגט, אויף דעם וואס דער מדרש זאָגט אין די יעצטיגע טעג ווען אידן זענען טרוד מיט מצוות און מ'גרייט זיך צום יום טוב, ווערן די עבירות נישט גערעכנט, אָבער אין יום טוב סוכות, ווען מ'איז מקיים די מצוות פונעם יום טוב, מ'זיצט אין סוכה און מ'שאָקלט די פיר מינים, ווערן די עבירות שוין גערעכנט, און אַז דער ערשטער טאָג סוכות ווערט אָנגערופן ׳ראשון׳, ווייל עס איז ׳ראשון לחשבון עוונות׳. לכאורה וואָלט געדאַרפט זיין פאַרקערט, אַז ווען מ'איז מקיים די מצוות פונעם יום טוב, זאָלן די עבירות נישט גערעכנט ווערן. נאָר וואָס דען, פון דאָ זעהט מען אַז **די הכנה צו די מצוה, איז גרעסער ווי די מצוה אַליין.**

הרה"ק בעל ׳אמרי אמת׳ מ'גער זי"ע, האָט געזאָגט, אַז דאָס קען מען אויך זעהן פון די גרויסע שמחה וואָס מ'האָט זיך געפרייט אין בית המקדש ווען מ'האָט געשעפּט דאָס וואַסער פאַר די מצוה פון ׳ניסוך המים׳. מ'האָט געטאַנצט און זיך געפרייט אַ גאַנצע נאַכט. פון דער אַנדערער זייט, זעהען מיר נישט אַז מ'האָט זיך געפרייט ביים ׳ניסוך המים׳ אַליין, ווען מ'האָט געגאָסן דאָס וואַסער אויפ'ן מזבח אין יום טוב. זעהט מען פון דעם אַז **די הכנה צו אַ מצוה איז אַ גרויסע עבודה, און מ'דאַרף עס טוהן מיט אַ פרייליך האַרץ.**

### מן הבאר

עס איז באַקאַנט אַז דער גאון בעל ׳חתם סופר׳ זי"ע האָט אין די טעג צווישן יום כיפור און סוכות פאַרפאַסט ניגונים מיט זמירות ותשבחות פאַר'ן אויבערשטען. ער האָט עס שפּעטער צוזאַמענגענומען און געמאַכט דערפון אַ ספר, וואָס ער האט אָנגערופן **׳שירת משה׳.** די סיבה דערפאַר איז געווען, ווייל צוליב זיינע גרויסע געגועים צו דעם אויבערשטען, נאָך דעם ווי ער האָט זוכה געווען צו ווערן ריין און געלייטערט אין יום כיפור, האָט ער נישט געקענט מצמצם זיין דעם גרויסן מח זיך צו פאַרטיפן אין די תורה, וועגן דעם האָט ער דעמאָלס מחבר געווען ניגונים.

אַוודאי איז דאָס געזאָגט געוואָרן פאַר אַזעלכע צדיקים קדושי עליון ווי דער הייליגער ׳חתם סופר׳ זי"ע, אָבער פשוט'ע מענטשן ווי מיר זענען, דאַרפן זיך כאָטש משתדל זיין יאָ מצמצם צו זיין דעם קאָפּ און אויסנוצן יעדע פרייע מינוט פאַר תורה און תפילה...

**אזוי** שרייבט אויך דער של"ה הקדוש זי"ע (מסכת סוכה, פרק תורה אור, אות ב') אז פונקט אזוי ווי דער אויבערשטער האט מיט זיין רחמנות אונז געגעבן דעם הייליגן טאג יום כיפור כדי מיר זאלן זוכה זיין צו א כפרה אויף אונזערע עבירות, אזוי זענען די יעצטיגע פיר טעג אזוי ווי 'צווייגן' פון יום כיפור, מכפר צו זיין די עבירות פון פארגאנגענעם יאר, און נאר פון דעם ערשטן טאג סוכות איז 'ראשון לחשבון עוונות'[ג], אין זכות פון דעם וואס אידישע קינדער זענען יעצט פארנומען מיט רוחניות'דיגע ענינים, מיט א התעוררות פון הארץ, האבן די טעג אליין א כח פון מחילה און סליחה.

**ממילא,** 'החכם עיניו בראשו', דער וואס האט שכל זאל זעהן אויסצונוצן די צייט מיט מצוות און מעשים טובים, מיט די מצוה פון סוכה און די ארבעה מינים, מיט א טירחא און פאר א טייערן פרייז פאר'ן הידור מצוה, 'וישוב אל ה' וירחמהו'.

**די** גמרא זאגט (ר"ה יח.) אז דער פסוק (ישעיה נה, ו) 'דרשו ה' בהמצאו, קראוהו בהיותו קרוב', גייט ארויף אויף די צען טעג צווישן ראש השנה און יום כיפור. איז שווער, צווישן ראש השנה און יום כיפור, זענען דאך נאר דא זיבן טעג.

**ענטפערט** דער של"ה הקדוש זי"ע (מסכת סוכה, פרק תורה אור, אות ע) אז עס גייט ארויף אויף די צען טעג צווישן יום כיפור און הושענא רבא, ווייל יום כיפור ווערט אויך אנגערופן 'ראש השנה', אזוי ווי דער פסוק זאגט (יחזקאל מ, א) 'בראש השנה, בעשור לחודש', און הושענא רבא ווערט אנגערופן 'יום כיפור', ווייל דעמאלס ווערט פארטיג די חתימה, און עס ווערט דעמאלס צוגעענדיגט דער ענין פון יום כיפור במלואו וטובו.

**דאס** איז די כוונה פון די ווערטער פון חז"ל, 'עשרה ימים שבין ראש השנה ליום הכפורים'. דאס

---

**ג.** הרה"ק בעל 'תפארת שלמה' זי"ע האט געזאגט על דרך צחות, אז ווען אידן צאלן אסאך געלט צו קויפן די ארבעה מינים, זענען זיי זוכה צו א גוט און זיס יאר, ווייל ווען דער שטן איז מקטרג ח"ו אין די הייליגע טעג מיט פעקלעך עבירות פון אידישע קינדער, שטעלט זיך אוועק דער סניגור און איז מלמד זכות, אז אידן האבן זיך געלאזט איבעררעדן פונעם יצר הרע ווייל ער האט 'געפארבט' די עבירות אז זיי זענען מצוות. דער שטן טענה'ט אבער פון דער אנדערער זייט, אז די אידן זענען גארנישט אזעלכע 'בטלנים', ווייל ביי מסחר, ווען עס קומט צו קויפן און פארקויפן, זענען די אידן גאנץ 'געריבן', און זיי 'פארשטייען אן עסק'... מ'קען זיי גארנישט אפנארן, יעדער איינער שטייט אויף דעם אז מ'זאל איהם נישט קענען אויספאפן. ממילא, טענה'ט דער שטן, קען מען זיי נישט בארעכטיגן אז זיי זענען 'תמימות'דיג' און 'נאאיוו'. זאגט דער סניגור צום שטן: ווער זאגט אז זיי זענען 'געריבן' אין 'ביזנעס'... אפשר קען מען זיי אויך אין מסחר לייכט פארנארן. גיט דער בית דין של מעלה ארויס א פסק, אז מ'זאל ווארטן מיט'ן פסק דין ביז נאך סוכות, און דאן וועט מען זעהן ווי אזוי די אידן פירן זיך ביים האנדלען איינער מיט'ן אנדערן.

וויבאלד אבער, 'בין כסה לעשור', און שפעטער, ביז דעם יום טוב סוכות, גיבן אידן אויס אסאך געלט פאר די ארבעה מינים, קומט דער מלאך דער סניגור מיט א מליצה ישרה פאר'ן בית דין של מעלה, אויפצואווייזן די גערעכטיגקייט פון זיין טענה, ווייל ווער איז דען גרייט צו באצאלן פאר א פרוכט מער ווי א פאר פרוטות, און אוודאי און אוודאי פאר'ן לולב און די אנדערע מינים, אלא מאי, זעהט מען פון דעם אז מ'קען לייכט אפנארן די אידן, און ממילא קומט זיי נישט באשטראפט צו ווערן פאר די עבירות וואס זיי האבן געטוהן, נאר מ'דארף זיי פארשרייבן לשנה טובה ומתוקה בספרן של צדיקים גמורים.

לויט דעם קען מען פארשטיין וואס דער מדרש זאגט אויפ'ן פסוק וואס שטייט ביי לולב, **'ולקחתם לכם ביום הראשון'**, זאגט דער מדרש: **'ראשון לחשבון עוונות'**. דאס איז מרומז דווקא ביי די ארבעה מינים, און נישט ביי די מצוה פון סוכה, ווייל אויף די מצוה פון ארבעה מינים געבן אידן אויס אסאך געלט, און אין דעם זכות זענען זיי זוכה צו מחילת עוונות, אבער סוכה, איז א מצוה וואס האט נישט קיין 'חסרון כיס' (ע"ז ג.), עס קאסט נישט אזוי פיל געלט, און אויך האבן אסאך מענטשן די סוכה פון יאר צו יאר, אבער **די ד' מינים וואס קאסטן געלט, זענען א לימוד זכות אויף די אידן, אז דער אויבערשטער זאל מוחל זיין זייערע עבירות.**

מיינט, פון אַ טאָג נאָך יום כיפור ביז הושענא רבא (און הושענא רבא איז נישט אַריינגערעכנט אין חשבון), וואָס דאָס איז צען פולע טעג.

**הלוי והגר והיתום והאלמנה - הכנה צום יום טוב דורך צדקה וחסד**

**אין** די טעג צווישן יום כיפור און סוכות, איז די צייט צו טיילן אַסאַך צדקה און טוהן אַסאַך חסד, ווי דער 'שערי תשובה' ברענגט (או"ח סי' תרכ"ה) אין נאָמען פון ספר 'אור צדיקים' למהר"מ פאפר"ש זצ"ל, אַז ערב סוכות דאַרף מען טיילן אַסאַך צדקה[ד], און הרה"ק רבי חיים וויטאל זצ"ל פלעגט טאַקע ערב סוכות פאַרטיילן די פושקע פאַר אָרימעלייט.

**עס** שטייט אין ספר 'יסוד ושורש העבודה' (פי"ב), אַז ערב סוכות איז די צייט ווען דער מענטש זאָל

---

**ד.** מ'דאַרף אָבער געדענקען צו טוהן 'צדקה וחסד' אויך **מיט די אייגענע בני בית**, מ'זאָל נישט זיין אַזוי ווי די וואָס טוהען גוטס מיט די גאַנצע וועלט, אויסער ביי זיך אינדערהיים...

איינער פון די צדיקים האָט אַמאָל געזעהן ווי איינער פון זיינע חסידים שטייט לאַנגע שעה'ן און זוכט אַ מהודר'דיגן אתרוג סוכות שחל בשבת (ווען דאָס שאָקלען לולב אין צווייטן טאָג יום טוב איז דאַן נאָר 'מדרבנן'). פון דער אַנדערער זייט, האָט יענער נישט אַזוי מקפיד געווען מקיים צו זיין דעם מאמר חז"ל (פסחים קט.) אַז יעדער מאַן און טאַטע איז מחויב צו דערפרייען די הערצער פון זיינע בני בית און די קינדער אין יום טוב... (זעה שולחן ערוך או"ח סי' תקכט, ס"ב, ווי אַזוי מ'דערפרייט זיי. פאַר די קליינע קינדער, גיט מען זיסקייט און ניסלעך, און פאַר די ווייבער, קויפט מען קליידער און צירונג, לויט וויפיל מ'קען זיך ערלויבן). האָט דער צדיק געזאָגט צו דעם חסיד:

**- דו ביזט פאַרנומען מיט אַ מצוה דרבנן, פאַרוואָס זעהסטו נישט מקיים צו זיין אַ מצוה מן התורה?...**

'דברי תורה צריכין חיזוק'. אין די טעג פון ערב יום טוב, ווען יעדער איינער איז טרוד מיט די הכנות צום יום טוב, דאַרף מען שטאַרק אַכטונג געבן נישט אַריינצופאַלן אין כעס אָדער אין מחלוקת ח"ו.

ווען דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע איז שוין געווען אויף דער עלטער, האָט ער אַמאָל געבויט די סוכה מיט גרויס האָרעוואַניע בכל פרטיה ודקדוקיה. ווען די רעביצין (וועלכע איז שוין געווען זיין זיווג שני) האָט געזעהן די סוכה, האָט זי איהם געזאָגט, אַז לויט איר מיינונג, איז אפשר בעסער צו בויען די סוכה ביים צווייטן עק פונעם הויף. האָט דער 'חפץ חיים' צענומען די סוכה, און עס געבויט דאָרט וואו די רעביצין האָט געוואָלט. ווען די רעביצין האָט אָבער געזעהן די סוכה אויף איר נייעם אָרט, האָט זי 'מודה געווען' צו איר גרויסן מאַן אַז ער איז געווען גערעכט, און מ'דאַרף טאַקע שטעלן די סוכה דאָרט וואו ס'איז פריער געשטאַנען... האָט דער 'חפץ חיים' רואיגערהייט נאָך אַמאָל צענומען די סוכה, און עס אויפגעבויט צום דריטן מאָל, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט פאַסירט...

עס איז באַקאַנט די מעשה (לויט ווי עס ווערט געברענגט אין ספר 'תורת המגיד מזלאטשוב'), אַז דער זלאָטשובער מגיד הרה"ק רבי מיכל'ע זי"ע האָט געליטן פון דחקות ל"ע. ער האָט געהאַט אַ פּאָר טייערע תפילין וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון זיין גרויסן טאַטן, הרה"ק רבי יצחק'ל דראָהביטשער זי"ע, און די רעביצין האָט איהם אַסאַך מאָל געבעטן ער זאָל פאַרקויפן די תפילין, כדי זי זאָל האָבן וואָס צו געבן צו עסן פאַר זייערע הונגעריגע יונגע קינדערלעך. רבי מיכל'ע האָט אָבער בשום אופן נישט מסכים געווען צו פאַרקויפן די תפילין וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון זיין גרויסן טאַטן.

איין יאָר, ווען דער יום טוב סוכות האָט זיך דערנענטערט, איז אין גאַנצן אומגעגנט פון זלאָטשוב נישט געווען צו באַקומען אַ שיינעם אתרוג. דער הייליגער זלאָטשובער מגיד האָט אָבער זייער געוואָלט האָבן אַ מהודר'דיגן אתרוג, אַזוי אַז ווען ער האָט געהערט אַז ס'איז דאָ אַ סוחר וואָס האָט באַוויזן צו באַקומען אַ גאָר שיינעם אתרוג, און ער איז גרייט עס צו פאַרקויפן פאַר פופציג ריייניש, וואָס איז אין יענע צייטן געווען גאָר אַסאַך געלט, האָט הרה"ק רבי מיכל'ע פאַרקויפט די תפילין וואָס ער האָט געהאַט בירושה פון זיין טאַטן, און געקויפט דעם שיינעם אתרוג. ער איז אַהיימגעקומען לוסטיג און פריילך, אַז דער אויבערשטער האָט איהם מזכה געווען מיט אַ מהודר'דיגן אתרוג אין יום טוב סוכות.

ווען דער מגיד איז אַריינגעקומען אין הויז, האָט די רעביצין באַמערקט אַז ער האָט אַהיימגעברענגט גאָר אַ שיינעם אתרוג, און וויסנדיג אַז היי יאָר הערשט אַ גרויסער מאַנגל אין אתרוגים, האָט זי זיך געוואונדערט און איהם געפרעגט פון וואו ער האָט גענומען אַזוי פיל געלט צו קויפן דעם שיינעם אתרוג. איר הייליגער מאַן האָט

טיילן צדקה, ווייל עס איז אַ גרויסער טאָג[ה]. אויך איז עס  די צייט פון 'אסיפה', אַריינצונעמען צו זיך אין הויז אויף

---

איר אָבער נישט געוואָלט דערציילן פון וואו ער האָט גענומען דאָס געלט פאַר'ן אתרוג... ערשט נאָך אירע לאַנגע הפצרות, איז רבי מיכל'ע געווען געצוואונגען איר צו דערציילן דעם 'סוד', אַז ער האָט פאַרקויפט די טייערע תפילין כדי צו קויפן דעם שיינעם אתרוג. ווען זי האָט דאָס געהערט, איז זי געוואָרן אין כעס, און אין איר רוגזא, האָט זי איהם אָנגעשריגן, ווי אַזוי האָסטו געקענט טוהן אַזאַ זאַך. דו ווייסט דאָך אַז שוין אַ לאַנגע צייט בעט איך זיך ביי דיר דו זאָלסט פאַרקויפן די תפילין פון דיין טאַטן כדי צו קענען שפייז די קינדער, און דו האָסט קיינמאָל נישט מסכים געווען דערצו, כאָטש עס איז געווען אַן ענין פון 'פיקוח נפש', און דאָ, כדי צו קויפן דעם אתרוג, האָסטו אַזוי לייכט פאַרקויפט די תפילין... אין אויפרעגעניש, האָט זי געכאַפּט דעם אתרוג און אַראָפּגעביסן דעם פּיטם, אַזוי אַז דער אתרוג איז פסול געוואָרן...

ווען דער הייליגער זלאָטשובער מגיד האָט געזעהן וואָס די רעביצין האָט געטוהן, האָט ער נישט געזאָגט אַ וואָרט, מ'האָט אַפילו נישט דערקענט אויף איהם אַ צייכן פון כעס און קפידא, נאָר ער האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל, און געזאָגט:

- **רבונו של עולם, די טייערע תפילין האָב איך שוין נישט, אַן אתרוג האָב איך אויך נישט. נו, זאָל איך נאָך אַריינפאַלן אין כעס?...**

יענע נאַכט, האָט ער געזעהן אין חלום זיין טאַטן, הרה"ק רבי יצחק'ל דראָהאָביטשער זי"ע, און דער טאַטע האָט איהם געזאָגט, אַז **דאָס זיך איינהאַלטן פון כעס, איז געווען חשוב'ער אין הימל, מער ווי דיין מסירות נפש צו פאַרקויפן מיינע תפילין כדי צו קויפן דעם אתרוג. דורך דעם האָסטו בטל געמאַכט אַסאַך שלעכטע גזירות...**

**ה.** עס איז באַקאַנט, אַז דער הייליגער צאַנזער רב בעל 'דברי חיים' זי"ע, האָט ערב סוכות פאַרטיילט ריזיגע סכומים געלט פאַר צדקה, און כאָטש אויך איבער'ן יאָר האָט ער געטיילט צדקה מיט אַ ברייטע האַנט, האָט ער אָבער געטיילט אַסאַך מער אין די טעג פאַר סוכות. ער האָט געזאָגט: **'ס'איז נישט דאָ אַ שענערע 'נוי סוכה', ווי די צדקה וואָס מ'טיילט ערב סוכות'.**

דער טעפּליקער רב, הגאון רבי שמשון אהרן פּאָלאַנסקי זצ"ל, איז געווען באַקאַנט מיט זיין גדלות בתורה, זייענדיג איינער פון די גדולי הפוסקים אין ירושלים, וואו ער האָט געוואוינט אויף די עלטערע יאָרן. ער איז אויך געווען באַרימט מיט זיינע מעשים טובים פון צדקה וחסד, זיך זאָרגנדיג פאַר אָרימע און נויטבאַדערפטיגע משפחות אין ירושלים. אַמאָל צווישן יום כיפור און סוכות, ווען ער איז געזעסן און געענטפערט שאלות פון אידן וועגן די כשרות פון זייערע אתרוגים, האָט דער טעפּליקער רב געהערט וועגן עטליכע אָרימע משפחות וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געלט אויף צרכי החג, און ער האָט געבעטן יעדן איינעם וואָס איז אַריינגעקומען צו איהם מיט אַ שאלה אדער ווייזן א אתרוג, בייצושטייערן געלט פאַר די אָרימעלייט. איינער פון די אידן וואָס איז אַריינגעקומען צום טעפּליקער רב, האָט זיך פאַרענטפערט אַז אויך ער פלאָגט זיך זייער אויף פרנסה, און ער האָט נאָך אַפילו נישט קיין געלט צו קויפן די ד' מינים, איז ווי אַזוי קען ער געבן פאַר אַנדערע, ווען ער אַליין האָט אויך נישט גענוג. מיר ווייסן דאָך אַז 'חייך קודמין'. האָט דער טעפּליקער רב איהם געזאָגט:

- אויב עס פעלט דיר נאָר געלט צו קויפן די ד' מינים, דאַרפסטו געבן דאָס געלט וואָס דו האָסט יאָ, פאַר די אָרימע משפחות, ווייל די ד' מינים קענסטו נעמען פון אַנדערע אויף אַן אופן פון 'מתנה על מנת להחזיר', אָבער יענע אָרימע משפחה וואָס וועט נישט האָבן פיש און פלייש אויף יום טוב, און וועלן חלילה פאַרלאָזן אַפילו איין טרער צוליב זייער אָרימען מצב, קען דאס מעורר זיין שרעקליכע קיטרוגים רח"ל אין הימל, און מ'וועט זיך נויטיגן אין גאָר אַסאַך רחמים און חסדים כדי ממתיק צו זיין דעם קיטרוג...

ס'איז טאַקע 'ראוים הדברים למי שאמרם'. בדידיה הוה עובדא, דער טעפּליקער רב זצ"ל אַליין, האָט אַמאָל דעם ערשטן טאָג פון יום טוב סוכות געבעטן פון איינעם פון די מתפללים אין ביהמ"ד, ער זאָל איהם געבן דעם לולב מיט'ן אתרוג אויף אַן אופן פון אַ 'מתנה על מנת להחזיר', כדי ער זאָל קענען יוצא זיין די מצוה פון שאָקלען מיט די ארבעה מינים. האָבן די מתפללים זיך אינטערעסירט פאַרוואָס דער רב האָט נישט קיין אייגענע ד' מינים, און זיי האָבן געהערט אַז ערב יום טוב האָט דער טעפּליקער רב טאַקע געהאַט גאָר אַ שיינעם אתרוג, אָבער ער האָט דאַן געהערט דאָס געוויין פונעם הויז פון אַ שכנ'טע (וואו די עלטערן האָבן חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל), און ער איז

אַלע טעג פון יום טוב סוכות, אָרימעלייט מהוגנים בני תורה, און זיי זענען אַ חלק פון די זיבן הייליגע אושפיזין.

**אויף** אַן אַנדער אָרט (שם פי"ג) שרייבט דער 'יסוד ושורש העבודה' צווישן אַנדערן, גיט אַ קוק, וועט איר זעהן ווי חשוב עס זענען די אידן וואָס זענען מקיים די מצוה פון הכנסת אורחים' אין די סוכה, זיי זענען נוחל און מנחיל די גאולה און חירות פאַר זיך און זייערע קינדער נאָך זיי לדורות עולם. די שכינה רוהט אויף איהם אַ גאַנצן טאָג, ער זיצט אין שאָטן פון די סוכה, און די הייליגע אבות קומען פאַרברענגען מיט איהם אונטער דעם שאָטן פון די סוכה, און זיי פרייען

---

געגאַנגען פרעגן וואָס עס האָט פאַסירט, האָט ער געהערט אַז דאָס קליינע יונגל האָט בטעות אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד דעם אתרוג פון זיין שטיף-פאָטער, און די מאמע און איר זון האָבן זייער מורא אַז ווען דער טאַטע וועט אַהיימקומען און אויסגעפינען וואָס עס האָט פאַסירט, וועט ער זיך שטאַרק בייזערן און ער וועט שטרענג באַשטראָפן זיין שטיף-קינד.

איז דער טעפּליקער רב אַהיימגעגאַנגען און געברענגט זיין אייגענעם אתרוג, און ער האָט זיי געזאָגט אַז זיי זאָלן זאָגן פאַר'ן טאַטן, אַז דער רב האָט פונקט באַזוכט ביי זיי אין הויז און געזעהן זיין אתרוג, און ער האָט גע'פסק'ענט אַז עס איז נישט ראוי לברכה, און ער האָט איהם געגעבן אַן אַנדערן אתרוג, אַז ער זאָל קענען יוצא זיין די מצוה פון נטילת ד' מינים כתיקונה...

אויף דעם זאָגט דער זוהר הקדוש, אַז **דער אתרוג איז אַנטקעגן דאָס האַרץ פון מענטש, ווייל דער אויבערשטער גליסט מער אין אַ ריינעם האַרץ** (דאָס מיינט, מיט גוטע מידות), **ווי אין אַ ריינעם מהודר'דיגן אתרוג אַן פלעקן...**

הרה"ק רבי מרדכי'לע נעשכיזער זי"ע פלעגט שפּאָרן במשך פון גאַנצן יאָר אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה, כדי ער זאָל האָבן געלט צו קויפן אַ מהודר'דיגן אתרוג. אַמאָל ווען ער איז געוועז אויפ'ן וועג צו קויפן דעם אתרוג, האָט ער געהערט ווי אַ איד וויינט מיט ביטערע טרערן. האָט ער איהם געפרעגט וואָס עס האָט פאַסירט, און דער איד האָט געענטפערט, איך ארבעט פאר פרנסה אַלס בעל עגלה, פירנדיג פעקלעך און אַרטיקלען פון איין אָרט צום אַנדערן. אָבער יעצט איז דאָס פערדל פּלוצלינג אָפּגעשטאָרבן און איך בין געבליבן אָן קיין פרנסה. האָט הרה"ק רבי מרדכי'לע איהם געפרעגט וויפיל געלט ער דאַרף האָבן צו קויפן אַ ניי פערדל, און דער דאָרפסמאַן האָט געזאָגט אַ גרויסן סכום געלט, כמעט וויפיל רבי מרדכי'לע האָט צוגעגרייט צו קויפן דעם אתרוג.

אַלזאָ, דער הייליגער נעשכיזער האָט נישט צופיל געטראַכט, ער האָט אַרויסגענומען דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט צוגעגרייט צו קויפן דעם אתרוג, און עס דערלאַנגט פאַר דעם אָרימען בעל עגלה. מיט די געציילטע פּרוטות וואָס זענען איבערגעבליבן, האָט ער געקויפט אַן אתרוג וואָס איז כשר 'בדיעבד', און איז אַהיימגעגאַנגען מלא שמחה, זאָגנדיג פאַר זיינע בני בית: **אַלע אידן וועלן יום טוב בענטשן אויף אַ מהודר'דיגן אתרוג, אָבער מיר וועלן בענטשן אויף אַ שיין פערדל...**

אַן ענליכע זאַך האָט פאַסירט ביי הרה"ק רבי אורי'לע סטרעליסקער זי"ע, באַקאַנט אַלס דער 'שרף'. ער איז געוועזן אויף יום טוב סוכות ביים הייליגן רבי'ן ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע. ביים דאַווענען שחרית, האָט דער רבי ר' אלימלך מרגיש געוועזן ברוח קדשו אַז דעם סטרעליסקער'ס אתרוג שמעקט מיט אַ ריח פון גן עדן... איז ער צוגעגאַנגען צו איהם און איהם געפרעגט ווי אַזוי ער האָט זוכה געוועזן דערצו. האָט דער סטרעליסקער דערציילט אַז ער האָט אַוועקגעגעבן פאַר אַן אָרימאַן דאָס געלט וואָס ער האָט צוגעגרייט צו קויפן אַן אתרוג. האָט דער רבי ר' אלימלך געזאָגט:

**- יעצט פאַרשטיי איך שוין ווי אַזוי אַן אתרוג, אויך אויב עס איז 'בדיעבד', קען שמעקן מיט אַ ריח פון גן עדן...**

**ו.** די גמרא זאָגט (ע"ז ג.) אַז לעתיד לבוא וועט דער אויבערשטער זאָגן צו די גוים וואָס זיי וועלן טענה'ן פאַרוואָס מ'האָט זיי נישט געגעבן די תורה, אַז עס איז דאָ אַ 'מצוה קלה' וואָס רופט זיך 'סוכה', גייט און בויט פאַר זיך סוכות. ווער יעדער גוי גייען און בויען אַ סוכה **אויפ'ן דאַך**, און דער אויבערשטער ווער מאַכן עס זאָל זיין זייער הייס, אַזוי ווי אין חודש תמוז, און יעדער איינער פון די גוים ווער צושטויסן זיין סוכה און אַרויסגיין דערפון.

זאָגן די ספרים בדרך מליצה, פאַרוואָס עפּעס וועלן די גוים בויען סוכות 'אויפ'ן דאַך'? איז דער תירוץ, ווייל זיי ווילן נישט אַז די אָרימעלייט זאָלן דאָרט קענען אַריינקומען מיטעסן... אָבער אידן בויען זייערע סוכות אין הויף (וואָס איז געוועגליך אַן אָפענע פּלאַץ פאַר יעדן איינעם), כדי אַז יעדער זאָל קענען אַריינקומען אין סוכה און עסן דאָרט אַ סעודה.

זיך מיט איהם ווען ער פארטיילט פאַר די אָרימעלייט וואָס זענען 'הגונים ובני תורה'[ז].

**אַזוי** שרייבט אויך דער של"ה הקדוש זי"ע (מסכת סוכה, נר מצוה, ח) אַז דער כלל איז, דער מענטש זאָל צו ערשט איינלאַדן די 'אושפיזין' אַריינצוקומען אין סוכה, און דערנאָך זאָל ער געבן זייער פארציע פאַר די אָרימעלייט וואָס זיצן אַרום זיין טיש, און אויב ער האט נישט ביי זיין טיש קיין אורחים, זאָל ער שיקן די עסן צו די אָרימעלייט אַהיים, ווייל דאָס איז זייער חלק וואָס עס קומט זיי[ח].

**ז.** דאָס איז ספּעציעל גילטיג אין ערשטן טאָג פון יום טוב סוכות, ווען עס איז די 'אושפיזא' פון אברהם ע"ה, דער ערשטער גרויסער מכניס אורחים.

הרה"ק רבי אליעזר'ל דזיקובער זי"ע האָט שטאַרק מקפיד געווען צו האָבן אַ גאַסט דעם ערשטן טאָג יום טוב, ווען עס איז די אושפיזא פון אברהם אבינו ע"ה. איין יאָר זענען נישט געווען קיין געסט, און דער דזיקובער רב האָט געהייסן זיין זון, הרה"ק בעל 'אמרי נועם' זי"ע, ער זאָל אַרויסגיין אויפ'ן גאַס זוכן אַן אָרימאַן וואָס האָט נישט וואָס צו עסן, און איהם איינלאַדן צו קומען צו איהם אין סוכה פאַר די סעודה. איז דער 'אמרי נועם' אַרויסגעגאַנגען זוכן אַן אָרימאַן, און נאָך לאַנגע זוכעניש האָט ער געטראָפן אַ שיכור וואָס וואַלגערט זיך אין די מיסטן. האָט ער פאַרשטאַנען אַז יענער האָט נישט וואו צו עסן די סעודת יום טוב, און ער האָט איהם געברענגט צו זיין טאַטן אין סוכה, וואו מ'האָט איהם געגעבן צו עסן אַלע געשמאַקע מאכלים לכבוד יום טוב, 'ברבורים ושליו ודגים'. האָט דאן דער דזיקובער רב געזאָגט: ביי אברהם אבינו ע"ה זענען די געסט נישט געווען בעסער ווי דער פאַרשוין... נאָר מיט זיין גוטהאַרציגקייט האָט ער אַריינגענומען יעדן גאַסט, אין וועלכן מצב ער זאָל זיך נאָר נישט געפינען. מיר דאַרפן כאַטש אין דעם טאָג, די אושפיזא פון אברהם, גיין אין זיינע וועגן, און זיך פירן אַזוי ווי ער האָט זיך געפירט.

**ח.** אין כלל פון געבן אַסאַך 'צדקה', איז אויך דאָס וואָס חז"ל זאָגן (ב"ב פח:) 'צדק משלך ותן לו' - **מוותר צו זיין אַ צווייטן ווען עס פעלט אויס.**

## מן הבאר

אַ מורא'דיגע מעשה ווערט דערציילט וועגן דעם גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע, אַז אין צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען ער איז געווען אין גלות אין דער רוסישער שטאָט סנאָבסק, איז נישט געווען צו באַקומען קיין אתרוגים. דער 'חפץ חיים' האָט באַקומען אַן אתרוג פון אַ יאָר פריער, און בלית ברירה האָט ער יוצא געווען דערמיט די מצוה פון ארבעה מינים. יום טוב אינדערפרי האָט ער געמאַכט די ברכה אויף די 'ארבעה מינים', אָבער ביי הלל, האָט ער נישט געוואָלט נוצן די אַרבעה מינים פאַר די 'נענועים', זאָגנדיג, אַז ער וועט דערמיט גורם זיין צער און חלישות הדעת פאַר די אַנדערע מתפללים אין ביהמ"ד, וועלכע ווילן אויך מאַכן 'נענועים', אָבער זיי האָבן נישט די ארבעה מינים. **גורם צו זיין אַ צער און חלישות הדעת פאַר אַנדערע רירט אַן עשין און לאווין פון דער תורה, אין דער צייט וואָס צו מאַכן די 'נענועים' איז נאָר אַ מנהג** - טאַקע אַן אַלטער הייליגער מנהג, אָבער פאָרט, נאָר אַ 'מנהג', און ממילא, קען מען זיך באַגיין אָן צו מאַכן די 'נענועים... ('החפץ חיים חייו ופעלו', ח"ג, ע' תתקכב)

מיר האָבן געהערט פון די בעלי העובדא אַ וואונדערליכע מעשה, וואָס מ'קען לערנען דערפון ווי מיט וותרנות ווערט מען געראַטעוועט אַפילו פון אַ מיתה משונה רח"ל. איינער פון די יקירי קרתא דשופריא אין ירושלים, מיט אַ געבענטשטע משפחה פון קינדער בלע"ה. ווען די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן, איז נישט געווען גענוג פלאַץ אין די סוכה פאַר אַלעמען. האָבן די קינדער באַשלאָסן צו בויען אַ גרעסערע סוכה אונטן אין הויף. געזאָגט און געטוהן: מ'האָט געקויפט ווענט פאַר די סוכה, געגוי לויט די מאָס, און לאַנגע שעה'ן האָבן די קינדער געאַרבעט צו בויען די סוכה עס זאָל זיין אויפ'ן בעסטן אופן.

ווען זיי זענען שוין געווען פאַרטיג מיט'ן בויען די סוכה, האָט אַ שכן אָנגעקלאַפּט אויפ'ן טיר און געזאָגט, אַז אַ טייל פון די סוכה איז געבויט געוואָרן אויף דעם שטח וואו ער טוט 'פּאַרקירן' זיין קאַר, און ער פאָדערט דעריבער מ'זאָל אַוועקנעמען פון דאָרט די סוכה, און עס אויפשטעלן ערגעץ אַנדערש. די קינדער האָבן איהם פרובירט

**צא מדירת קבע - קוק ארויף און פארשטיי אז דער אויבערשטער טוט אלעס**

**דער** יום טוב סוכות הבא עלינו לטובה, 'זמן שמחתינו', ווערט אָנגערופן אין די תורה (שמות לא, כב) 'חג האסיף'.

**פרעגן** די ראשונים, פאַרוואָס ווערט דער יום טוב סוכות אָנגערופן 'חג האסיף'? דאָס אַריינעמען די תבואה פון פעלד, איז דאָך נישט מער ווי אַ סימן פון אַ צייט פאַר דעם יום טוב, אָבער עס האָט נישט בעצם אַ שייכות מיט'ן מהות פונעם יום טוב.

**נאָך** מער דאַרף מען פאַרשטיין, דעם פסוק (דברים טז, יג) 'חג הסוכות תעשה לך שבעת ימים באספך מגרנך ומיקבך', וואָס פון דעם פסוק איז משמע אַז דער עצם יום טוב האָט יאָ אַ שייכות צו דעם, וואָס עס איז די צייט ווען מ'נעמט אַריין די תבואות און די טרויבן. אויב די תורה וואָלט אונז נאָר געוואָלט לאָזן

---

ערקלערן ווי שווער ס'איז זיי אָנגעקומען צו בויען די סוכה, און געבעטן ער זאָל מוותר זיין און זיי לאָזן האַלטן דאָרט די סוכה פאַר די אַכט טעג פון יום טוב. יענער האָט אָבער נישט געוואָלט הערן פון גאָרנישט. ער האָט שאַרף געזאָגט, 'אדם אוסר את שלו', ס'איז זיין שטח, און ער גיט זיי נישט קיין רשות צו האָבן דאָרטן זייער סוכה. די קינדער פון דעם איד האָבן פרובירט זיך טענה'ן מיט'ן שכן, און געזאָגט אַז עס איז אַ 'מידת סדום', וואָס אַרט דיך צו 'פאַרקן' דיין קאַר אין די אַכט טעג פון יום טוב ערגעץ אַנדערש. זיי האָבן אַפילו פרובירט אויפוויזן אַז לויט'ן דין אין שולחן ערוך באַלאַנגט דאָס אָרט נישט צו איהם, נאָר אַלע שכנים האָבן דאָרט אַ חלק. ער האָט אָבער נישט געוואָלט הערן פון גאָרנישט.

פון די אנדערע זייט, האָט דער טאַטע, וועלכער איז געווען אַ איד אַ צדיק, קלאָר געזאָגט פאַר זיינע קינדער, אַז ער וועט בשום אופן נישט זיצן אין אַ סוכה וואָס איז גורם צער און עגמת נפש פאַר אַ צווייטן אידן, און אויב זיי ווילן עסן מיט איהם אין סוכה, דאַרפן זיי צעוואַרפן די סוכה וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט און עס אַריבערפירן ערגעץ אַנדערש. בלית ברירה האָבן די קינדער אויפגעבויט אַן אַנדערע סוכה אויף אַ צווייטן אָרט אינעם הויף.

מוצאי יום טוב (פון ערשטן טאָג יום טוב), אינמיטן נאַכט, האָט מען פלוצלינג געהערט אַ שטאַרקן 'זעץ' אין הויף. יעדער איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף אין אַ בהלה, און אָט זעהען זיי דריי גרויסע שטיינער (ווי די ירושלימ'ער שטיינער...) וואָס זענען געפאַלן פון אַ הויכן שטאָק פונעם בנין צו דעם אָרט וואו דער שכן האָט געהאַט אַוועקגעשטעלט זיין קאַר, און די קאַר איז צעזעצט געוואָרן אויף פיצלעך פון די שטיינער. אויב זיי וואָלטן נישט אַוועקגעפירט פון דאָרט זייער סוכה, און זיי וואָלטן יעצט געשלאָפן דאָרט, וואָלט עס געווען אַ גרויסע סכנה ח"ו, און ווער ווייסט אויב זיי וואָלטן אַרויס פון דאָרט לעבעדיג. זעהט מען אַז **אין זכות פון דעם וואָס זיי האָבן מוותר געווען לפנים משורת הדין, זענען זיי געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טראַגעדיע ה"י.**

אויך אין בני ברק האָט פּאַסירט אַן ענליכע מעשה, אין אַ בנין פון פיר שטאָק, האָט אַ שכן פון פערטן שטאָק געוואָלט בויען אַ 'פּאַרטש', פאַר אַ סוכה. די שכנים פון די אונטערשטע שטאָקן האָבן אָבער נישט מסכים געווען, זאָגנדיג, אַז זיי האָבן דאָרט זייערע סוכות, און אויב ער וועט דאָרט בויען אַ סוכה, וועט עס פסל'ען זייערע סוכות. בלית ברירה האָט דער שכן פון פערטן שטאָק באַשלאָסן צו בויען זיין זוכה אין הויף פונעם בנין. ס'איז געווען פאַר איהם אַ גרויסע טירחא, ווייל פאַר יעדן לעפעל אָדער טעלער א.א.וו.. וועט מען דאַרפן אַרויפקריכן און אַראָפּגיין פיר שטאָק.

איינער פון די שכנים אויפ'ן ערשטן שטאָק האָט רחמנות געהאַט, און האָט געזאָגט פאַר דעם שכן פון פערטן שטאָק, דו קענסט בויען דיין 'פּאַרטש' העכער דעם אָרט וואו איך האָב געהאַט מיין סוכה, און איך וועל בויען מיין סוכה אויפ'ן צווייטן זייט פון דעם בנין. אַזוי זענען אַלע געווען צופרידן.

דאָס האָט פּאַסירט אין יאָר תשע"ח. אינמיטן חול המועד, זענען געווען גרויסע שטורעם ווינטן אין גאַנץ ארץ ישראל. די שטאַרקע ווינטן האָבן אויך נישט איבערגעהיפּט די שטאָט בני ברק, און דאָ האָט פּאַסירט דער גרויסער נס וואָס האָט געראַטעוועט אידישע נפשות. פונקט דעמאָלס איז געפאַלן פון דריטן שטאָק אַ גרויסער דאַך, וואָס דעקט צו אַ גאַנץ יאָר דעם 'פּאַרטש' (סוכות איז עס געוואָנדן צו אינדרויסן) אויף דעם אָרט וואו דער שכן פון ערשטן שטאָק האָט ביז היינט געבויט יעדעס יאָר זיין סוכה, און היי יאָר האָט ער עס אַריבערגעפירט צום צווייטן זייט.

**פון דעם זעהען מיר, אָפט מאָל זעהט עס אויס ווי מ'האָט געטוהן אַ טובה פאַר אַ צווייטן, ווען אין אמת'ן, טוט מען אַ טובה פאַר זיך אַליין.**

וויסן ווען מ'דאַרף האַלטן דעם יום טוב סוכות, וואָלט דער פסוק געדאַרפט זאָגן 'בחמשה עשר לחודש השביעי', א.ד.ג.. אָבער פון דעם פסוק איז משמע אַז עס איז בכלל נישט אַ 'צופאַל', וואָס דער יום טוב סוכות קומט אויס אין די צייט ווען מ'נעמט צוזאַמען די תבואה. דאַרף מען פאַרשטיין די שייכות פון איינס צום אַנדערן.

**איז** דער תירוץ, ווייל דער פסוק זאָגט (ויקרא כג, מב-מג) 'בסוכות תשבו שבעת ימים כל האזרח בישראל ישבו בסוכות, למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים'. שרייבט דער רשב"ם ז"ל, 'למען תזכרו' - איר זאָלט געדענקען אַז איך האָב אַריינגעזעצט די אידן אין סוכות ווען זיי זענען געווען אין מדבר במשך פון פערציג יאָר, אָן אַ ישוב און אָן אַ נחלה. אַזוי וועט איר געדענקען צו לויבן און דאַנקען דעם אויבערשטן פאַר דעם וואָס ער האָט אייך געגעבן אַ נחלה, און הייזער פול מיט אַלעם גוטן. איר זאָלט זיך נישט איינרעדן, 'כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה', עכ"ל.

**פון** די ווערטער פונעם רשב"ם זעהען מיר, אַז דער עיקר לימוד פון דעם יום טוב סוכות איז איינצואוואָרצלען אין אונזערע הערצער[ט], און אין די

**ט.** דאָס איז די עבודה וואָס מ'פאַרלאַנגט פון אידן אין די יעצטיגע טעג, ספּעציעל ווען מ'זיצט אין סוכה, איז איינצואוואָרצלען גוט אין האַרצן אַט דעם געדאַנק, ווייל צומאָל קען דער מענטש אַרויסגיין פון זיין הויז צו די סוכה, און אַפילו שאָקלען מיט די ד' מינים מיט גרויס דביקות און התלהבות, און מיט דעם אַלעם, האָט ער נאָך אַלץ נישט דערגרייכט די מטרה פון די מצוה, ווייל ער איז פאַרנומען נאָר מיט'ן טפל, און נישט מיט'ן עיקר.

מ'קען עס בעסער פאַרשטיין מיט א משל, אַ מענטש פאָרט אַדורך יעדן טאָג צווישן די גרעניצן מיט אַ הערליכע 'קאַר', פול מיט זאַמד. די גרעניץ-וועכטער וואונדערן זיך אויף דעם וואָס ער פירט זאַמד יעדן טאָג פון איין לאַנד צום אַנדערן. האָט ער זיי געזאָגט, אַז ער בויט פאַר זיך אַ גרויסן שיינעם פּאַלאַץ אין זיין היימשטאָט, וואָס פאַר דעם צוועק פאַרלאַנגט זיך אַסאַך זאַמד און ערד, און וויבאַלד אין דעם אַנדערן לאַנד איז זאַמד פיל ביליגער, פירט ער יעדן טאָג זאַמד פון איין לאַנד צום צווייטן.

די וועכטער האָבן אָבער נישט געגלייבט זיינע 'מאָדנע' ווערטער, ווייל זיי ווייסן דאָך אַז זאַמד איז זייער ביליג איבעראַל. זיי האָבן אַלזאָ פאַרדעכטיגט אַז ער שמאָגלט אַריין אינעם זאַמד טייערע דיאַמאַנטן-שטיינער, כדי ער זאָל נישט דאַרפן באַצאָלן שטייערן דערויף. האָבן זיי איהם באַפוילן אויסצוגיסן דאָס גאַנצע זאַמד פון זיין קאַר, און זיי האָבן אַלעס אַדורכגענישטערט. צו זייער שטוינונג, האָבן זיי אָבער דאָרטן גאָרנישט געפונען, און זיי האָבן בלית ברירה איהם ווייטער געלאָזט אַריבערפאָרן די גרעניץ מיט'ן זאַמד.

דאָס איז אָנגעגאַנגען אַזוי אַ לענגערע צייט. טאָג-טעגליך האָבן די וועכטער אַדורכגעזיפּט די זאַמד, אָבער זיי האָבן דאָרט גאָרנישט געפונען, אויסער זאַמד... נאָך אַ שטיק צייט, האָט דער מענטש געלאָזט וויסן פאַר די וועכטער, אַז ער האָט שוין געענדיגט בויען זיין פּאַלאַץ, און ער דאַרף מער נישט אַדורכפאָרן די גרעניץ.

צווישן די וועכטער, איז געווען איין קלוגער חברה-מאַן, וואָס האָט פאַרשטאַנען אַז דער מענטש איז נישט אַזאַ נאַר צו אַרבעטן אַזוי שווער, צו פירן זאַמד יעדן טאָג איבער די גרעניץ, בלויז כדי צו פאַרדינען אַ פּאָר פּרוטות... האָט ער איהם גערופן אין אַ זייט, און איהם געבעטן ער זאָל איהם אויסזאָגן דעם סוד. האָט יענער איהם געענטפערט, 'איך וועל דיר אַנטפּלעקן דעם סוד, נאָר בתנאי אַז איך וועל נישט באַשטראָפט ווערן דערפאַר, און דו וועסט נישט מאָנען דאָס געלט פון די שטייערן'. ער האָט איהם דאָס פאַרזיכערט, און דאַן האָט יענער איהם געזאָגט מיט אַ שמייכל:

- האָב איך זיך דען גענויטיגט אינעם זאַמד?... עס פעלט מיר נישט קיין זאַמד ביי מיר אין הויף... נאָר וואָס דען, איך האָב יעדן טאָג אַריינגעבערענגט אַן אַנדערע קאַר, צו פאַרקויפן פאַר אַ שיינעם סכום געלט, און כדי עטס, די גרעניץ-וועכטער זאָלן זיך נישט כאַפּן דערויף, האָב איך אָנגעפילט די קאַר מיט זאַמד. אַזוי האָט איר יעדעס מאָל געטראַכט נאָר וועגן דעם זאַמד, און איר האָט אינגאַנצן פאַרגעסן צו טראַכטן וועגן די קאַר...

דער נמשל איז, דער יצר הרע פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט פאַרשידענע זאַכן, כדי ער זאָל פאַרגעסן פון די 'נקודה הפנימית'.

קומענדיגע דורות - 'למען ידעו דורותיכם'' - אַז אַלעם וואָס דער מענטש פאַרמאָגט, איז אַ מתנה פון דעם אויבערשטען. דער מענטש טאָר זיך נישט איינרעדן אַז ער האָט אַלעם אַליין פאַרדינט, 'כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה', נאָר ער זאָל גוט געדענקען אַז דער אויבערשטער איז דער וואָס ער גיט אַלעם פאַר דעם מענטש.

לויט דעם קען מען פאַרשטיין די שייכות פון יום טוב סוכות צו דעם וואָס מ'נעמט אַריין די תבואה פון פעלד אין הויז אַריין, ווי דער 'חזקוני' שרייבט דאָרט, אַז דער יום טוב איז באַשטימט געוואָרן אין דער צייט ווען מ'נעמט צוזאַמען די תבואות פון די פעלדער, ווייל ס'איז די טבע פון מענטשן, ווען עס גייט זיי גוט אויף דער וועלט, זיי האָבן הצלחה אין אַלע ענינים, פאַסירט אָפט מאָל אַז עס גנב'עט זיך אַריין אין זייער קאָפּ דער געדאַנק אַז 'זיי' האָבן מצליח געווען. זיי האָבן 'עפּעס' געטוהן... ווי דער פסוק זאָגט (דברים ח, יב-יז) 'פן תאכל ושבעת ובתים טובים תבנה וישבת ובקרך וצאנך ירביון, וכסף וזהב ירבה לך, וכל אשר לך ירבה. ורם לבבך ושכחת את ה' אלוקיך וגו', ואמרת בלבבך כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה'.

**דעריבער**, ווען מ'נעמט אַריין די תבואה פון פעלד, און דאָס הויז ווערט אָנגעפילט מיט אַלעם גוטן, האָט די תורה באַפוילן צו פייערן דעם יום טוב סוכות, כדי מיר זאָלן געדענקען אַז אין מדבר האָבן מיר גאָרנישט פאַרדינט, און דער אויבערשטער האָט אונז אַריינגעזעצט אין סוכות. פון דעם וועט יעדער איד זיך אַראָפּלערנען אַ יסוד אין לעבן, אַז דער אויבערשטער גיט איהם די נחלה, און ער איז דער וואָס פילט אָן דיין הויז מיט אַלעם גוטן[יא].

**דער** גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע ברענגט (פ' אמור, ד"ה 'ולקחתם'), די ווערטער פונעם רמב"ם ז"ל אין 'מורה נבוכים' (ח"ג, פמ"ג) וואָס ער זאָגט אַז דאָס איז טאַקע

---

דאָס איז די כוונה פון די גמרא (סוכה ב.) 'אמרה תורה, כל שבעת הימים **צא מדירת קבע** ושב בדירת עראי'. לכאורה וואָלט געווען גענוג צו זאָגן 'שב בדירת עראי', ווייל דאָס איז דאָך דער הויפּט ציל פון די מצוה פון סוכה. פאַרוואָס האָבן חז"ל אויך געזאָגט 'צא מדירת קבע'? וואָס איז מיר דען אַ חילוק וואו דער מענטש איז פריער געזעסן. מ'דאַרף זאָגן בקיצור אַז אַלע זיבן טעג פון סוכות זאָל מען זיצן אין אַ 'דירת עראי'.

איז דער תירוץ, אַז חז"ל האָבן אונז געוואָלט לערנען אַז **ס'איז נישט גענוג צו 'זיצן' אין סוכה אָן קיין מח און האַרץ... מ'דאַרף זיך פריער 'אַרויסציען' פון די 'דירת קבע', און זיך מתבונן זיין אין דעם טעם פאַרוואָס מ'זיצט אין סוכה.**

**י.** די דאָזיגע ידיעה דאַרף זיין אַזוי קלאָר און שטאַרק, אַז עס זאָל משפיע זיין אויך אויף די קינדער - 'דורותיכם'. אויך זיי זאָלן זיין 'אַדורכגעזאַפּט' מיט אמונה אין דעם אויבערשטען ברוך הוא. דאָס איז מרומז אין די ווערטער ל'מען י'דעו ד'ורותיכם, איז ראשי תיבות 'ילד'. **די אמונה זאָל זיין ביי אונז אַזוי פשוט, אַז אויך אַ 'קליין קינד' זאָל עס קענען פאַרשטיין...**

דער זמן און די השפעה פון קיום מצוות היום, זענען מסוגל משפיע צו זיין אמונה, און אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'למען ידעו דורותיכם', ווייל **דורך די מצוה פון סוכה, קען מען אָנקומען צו די העכסטע מדריגה פון אמונה, עס זאָל ווערן אַ בחינה פון 'ידיעה'** (וואָס 'ידיעה' איז מער און גרעסער ווי 'אמונה', ווייל דאָס מיינט אַז נישט נאָר גלייבט מען, נאָר מען ווייסט קלאָר אַז אַזוי איז עס).

עס שטייט אין ספר 'קרן לדוד' (מועדים, סוכות, אות יב), אַז אַ איד וואָס זיצט אין סוכה לשם שמים, שפּירט די עצם קדושה מיט אַ התלהבות. ער שפּירט די הארה פון די מצוה, און ער ווייסט קלאָר אַז מיר האָבן זוכה געווען אַרומגענומען צו ווערן מיט די ענני הכבוד. דאָס קען מען נישט אויפקלערן. דער קלוגער מענטש פאַרשטייט עס אַליין, עכ"ל.

**יא.** די פוסקים שרייבן, אַז ווען מ'מאַכט די ברכה אויפ'ן לולב, האַלט מען דעם אתרוג איבערגעדרייט (או"ח סי' תרנ"א, ס"ד). דאָס לערנט אונז, אַז **ווען דער מענטש געפינט זיך אין אַ מצב וואָס איז 'מיט'ן פּיטום אַראָפּ', איז אַ שעת הכושר צו מאַכן די ברכה...** ווייל מ'גלייבט אַז אַלעס איז לטובה, און אַלעס וועט ווערן איבערגעדרייט צום גוטן.

דאָס איז אויך מרומז אין דעם מנהג צו מאַכן 'נענועים' ביי הלל, ווי עס ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (סי' תרנ"א, ס"ח) אַז מ'פירט זיך צו שאָקלען דעם לולב ביים זאָגן די ווערטער 'הודו לה'', און דער 'משנה ברורה' ברענגט

(שם סקל"ז) אַז יעדעס מאָל ווען מ'שאָקלט דעם לולב אויף איין זייט, זאָל מען זאָגן איין וואָרט. קומט אויס, אַז ווען מ'שאָקלט 'אַראָפּ', זאָגט מען דאָס וואָרט 'לעולם', און ווען מ'שאָקלט אין דער ריכטונג 'אונטער זיך', זאָגט מען 'חסדו'. דאָס קומט צו לערנען, **אַז אויב מען געפינט זיך חלילה 'אַראָפּ' אָדער 'פון אונטן'... זאָל מען אַלץ געדענקען אַז 'לעולם חסדו'... און אויך אין אַזאַ מצב, האָט דער אויבערשטער אונז נישט פאַרלאָזט.**

די עצם ידיעה אַז אַלעס וואָס קומט פאַר מיט'ן מענטש איז מיט השגחה פרטית פון הימל, און מיט אַ געגויען חשבון וואָס דער אויבערשטער האָט מיט איהם, גיט כח און חיזוק פאַר דעם מענטש, ווי עס איז מרומז אין פסוק (דברים כט, ט) 'אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלוקיכם'. דער טייטש פון וואָרט 'ניצב', איז שטיין מיט אַ פעסטקייט. זאָגט דער פסוק: 'אתם נצבים' - איר קענט שטיין און זיך האַלטן פעסט, ווייל איר גלייבט אַז 'כולכם לפני ה' אלוקיכם', איר שטייט פאַר דעם אויבערשטען, און ער האַלט אַן אויג אויף יעדע באַשעפעניש אויף דער וועלט.

מ'קען עס נאָך בעסער ערקלערן מיט אַ מעשה שהיה, וואָס האָט פאַסירט ביי דעם משגיח הגה"צ רבי אלי' לאָפּיאַן זצ"ל, אַז ער האָט זיך אַמאָל נישט גוט געשפּירט, און ער האָט געבעטן אַז מ'זאָל אַריבערופן אַ דאָקטאָר. ווען דער דאָקטאָר איז אַריבערגעקומען און געפרעגט רבי אלי'ן אויב ער שפירט זיך גוט, האָט רבי אלי' געענטפערט: יאָ, ברוך השם, ער שפירט זיך גוט... האָט דער דאָקטאָר איהם געפרעגט אויב עפּעס טוט איהם וויי, און אויך אויף דער דאָזיגער פראַגע האָט רבי אלי' לאָפּיאַן געענטפערט אַז ניין, עס טוט איהם גאָרנישט וויי. איז דער דאָקטאָר געוואָרן אויפגערעגט און געזאָגט, אויב איר שפירט זיך גוט, און איר פילט נישט קיינע ווייטאָגן, פאַרוואָס האָט מען מיך אומזיסט גערופן? סתם צו פאַרברענגען מיין צייט און אייער צייט אומזיסט?... האָט רבי אלי' געענטפערט: פונדעסטוועגן, אויב דו ווערסט מיך 'באַהאַנדלען', וועל איך שפירן נאָך בעסער...

נאָך דעם ווי דער דאָקטאָר האָט געטוהן וואָס ער האָט געטוהן און האָט פאַרלאָזט דאָס הויז, האָבן די שטוב-מענטשן געפרעגט דעם משגיח איבער די רעטעניש וואָס דאָ איז פאָרגעקומען... האָט רבי אלי' געענטפערט:

- לאָמיר זיך מתבונן זיין אין 'מעשים שבכל יום'. אַ קליין יונגל, אַ פּאָר יאָר אַלט, איז אַרומגעלאָפן אין הויז. פּלוצלינג איז ער געפאַלן און האָט זיך שטאַרק צעקלאַפּט, ער איז געוואָרן פול מיט ווייטאָגן, זיין וויי-געשריי דערגרייכט ביז'ן הימל, און זיינע טרערן גייען ביז'ן תהום... איז זיין דערבאַרימדיגע מאמע צוגעקומען און איהם אָנגעהויבן באַרואיגן, אַרויסווייזנדיג צו איהם ליבשאַפט און נאָנטקייט. זי האָט איהם אויך דערלאַנגט אַ 'צוקערל', און וואונדער איבער וואונדער: דאָס קינד באַרואיגט זיך, און ער הערט אויף וויינען. זיינע ווייטאָגן ווערן ווייניגער און ווייניגער... איז דאָך אַ גרויסער וואונדער, צי דען איז דאָס 'צוקערל' בכח צו היילן זיין צעקלאַפּטן פוס, אָדער אפשר איז עס גאָר געוועזן אַ מעדיצין וואָס היילט... ניין, נאָר וואָס דען, דאָס מציאות איז, אַזוי האָט דער אויבערשטער באַשאַפן אין די טבע פון דער וועלט, אַז יעדער ווייטאָג פון אַ קלאַפּ אָדער אַ פאַל און דאָס גלייכן, האָט אין זיך צוויי טיילן: **א)** אַ קערפּערליכער ווייטאָג פונעם קלאַפּ וכדומה. **ב)** אַ גייסטישער ווייטאָג, דאָס הייסט, אַז אויסער דעם אבר פונעם גוף וואָס איז צעקלאַפּט געוואָרן, שפירט אויך דאָס נפש פונעם מענטש, זיין גייסט, דעם קלאַפּ (אדרבה, דער גייסטישער ווייטאָג באַשטייט פון 90 פראָצענט, און נאָר צען פראָצענט פונעם ווייטאָג איז דער קערפּערליכער ווייטאָג). דעריבער, ווען די מאַמע פונעם קינד באַרואיגט זיין גייסטישן ווייטאָג דורך אַרויסווייזן פאַר איהם אַן אויסערגעוויינליכע ליבשאַפט, ווערט דער נפש ממילא רואיגער, ווייל דאָס פירט אויך דערצו אַז דאָס קינד זאָל זיך פאַרלאָזן אויף זיין מאמע אַז זי נעמט אויף איהם די פולע פאַראַנטוואָרטליכקייט, און זי וועט זיך גוט אָפּגעבן מיט איהם. עס בלייבט נאָר דער קערפּערליכער ווייטאָג, וואָס ווערט 'בטל ביותר משישים'. דער ווייטאָג פונעם גוף, אָן אַ ווייטאָג פונעם נפש, עקזיסטירט כמעט נישט.

דאַן האָט רבי אלי' פאָרגעזעצט:

ביי מיר, איז אויך אַזוי. ווען איך האָב יסורים און ווייטאָגן ח"ו, שטאַרק איך זיך מיט די ריינע אמונה אַז דאָס אַלעס איז מיר געקומען פון באַשעפער. ער טוט זיך 'אָפּגעבן' מיט מיר, און איך בין רואיג ווייל איך ווייס אַז אַלעס ווערט געפירט אויפ'ן בעסטן אופן, און ממילא, איז נישט דאָ קיין אָרט פאַר די יסורי הגוף והנפש און פאַר די ווייטאָגן, נאָר די איברים פון גוף שפירן זיך נישט גוט און דאַרפן האָבן מעדיצינישע הילף, אָבער זיי פאַר זיך, זענען כמעט נישט 'תופס מקום'... דערפאַר האָב איך געבעטן מ'זאָל אַריבעררופן דעם דאָקטאָר, אָבער בעצם, שפיר איך זיך גוט, ברוך השם...

אַ רב פון ניו יאָרק האָט מיר געזאָגט, די וועלט פירט זיך, אַז ווען מ'קומט עסן אַ מאכל, קוקט מען נאָך און מ'פאָרשט די 'השגחה', ווער עס איז דער רב וואָס גיט דעם הכשר, און ווי כשר דאָס מאכל איז. **נישט ווייניגער**

דער טעם פאַרוואָס מ'שאָקלט סוכות מיט די ד' מינים, כדי אַז נאָך דעם ווי מ'האָט געשניטן די תבואות און זיי אַריינגענומען אין הויז, זאָל מען דאַנקען און לויבן דעם אויבערשטען. מ'זאָל נישט זאָגן 'כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה'. און דעריבער האָט דער אויבערשטער באַפוילן צו נעמען די שענסטע און בעסטע פירות.

**נאָך** מער זאָגן די מפרשים. ס'איז די טבע פון מענטש זיך צו פאַרלאָזן אויף זיין געלט און אויף זיינע פאַרמעגנס (ווי די גמרא זאָגט (פסחים קיט.) 'ממונו של אדם מעמידו על רגליו'). צוליב דעם, דייקא אין דער צייט ווען מ'נעמט צוזאַמען די תבואה, איז דאָ אַן אָרט פאַר אַ חשש אַז דער מענטש וועט זיך פאַרלאָזן אויף זיין עשירות, און ער וועט ח"ו פאַרגעסן פון דעם אויבערשטען. צוליב דעם האָט די תורה געזאָגט 'צא מדירת קבע ושב בדירת עראי' (סוכה ב.).

**אַזוי** שרייבט דער 'מנורת המאור' (נר ג, כלל ד, ח"ו פ"א) אַז מיט די ווערטער 'צא מדירת קבע ושב בדירת עראי', האָבן חז"ל געמיינט צו זאָגן, אַז די מצוה פון סוכה לערנט אונז אַז דער מענטש זאָל זיך נישט פאַרזיכערן אויף די הויך פון זיין הויז, און אויף די שטאַרקייט פון זיין הויז, אויך אויב עס איז פול מיט אַלעם גוטן. ער זאָל זיך נישט פאַרלאָזן אויף די הילף פון אַנדערע מענטשן, אויך אויב ער געוועלטיגט איבער'ן לאַנד. נאָר ער זאָל זיך פאַרזיכערן אויף דעם אויבערשטען. און צוליב דעם דאַרף מען זיצן אין סוכה נאָכ'ן אַריינעמען די תבואה פון פעלד, ווייל אין די צייט ווען די אוצרות זענען פול מיט אַלעם גוטן, און דער מענטש גייט אַריין אין שטאָט. ער באַשמירט זיין דאַך מיט פעך פאַר'ן ווינטער, עס זאָל נישט אַריינרעגענען, און ער שטאַרקט דאָס הויז צו עס שיצן פון רעגנס און פון ווינטן א.א.וו., איז דאָך דאָס אַ צייט ווען מ'קען חלילה לייקענען אין דעם אויבערשטען'ס טובה.

**צוליב** דעם דאַרף דער מענטש פאַרלאָזן זיין שטאַרקע הויז, און אַריינגיין אין סוכה, כדי ער זאָל נתעורר ווערן און זיך פאַרזיכערן נאָר אויף דעם אויבערשטען. ער זאָל אַריינעמען אין האַרץ און אין מוח, אַז דאָס גאַנצע גוטס וואָס ער האָט פון זיין פעלד, איז נאָר ווייל אַזוי איז געווען דער רצון פון דעם אויבערשטען, און אַזוי וועט ער געדענקען אַז די גאַנצע שמירה פון זיין גוף, און אַלעם וואָס ער האָט, איז פון דעם אויבערשטען, און ער וועט זיך נישט פאַרזיכערן אויף דעם וואָס ער פאַרמאָגט'[ב].

---

**פון דעם דאַרף דער מענטש גוט נאָכקוקן און זיך מתבונן זיין ווען עס קומט צו 'זיך עסן דאָס האַרץ'**, דאָס הייסט, ער איז אין כעס איבער זיין מצב, אָדער אויף איינעם וואָס האָט איהם עפּעס געטוהן. איינער האָט איהם קאַליע געמאַכט אַ שידוך, אַ צווייטער האָט איהם געמאַכט אַ שאָדן אין פרנסה וכו' וכו' און דאָס קאָסט איהם געזונט בגוף ובנפש. זאָל ער קודם זעהן די **'השגחה' פרטית** פון דעם אויבערשטען, וואָס ער האַלט אַן אויג אויף יעדן פרט וואָס קומט פאַר אויף דער וועלט, און אַלעס איז פון איהם פאַר די טובה פונעם מענטש.

**יב.** דער 'שפת אמת' שרייבט (סוכות תרמ"ה, ד"ה 'מצות'), די מצוה פון סוכה איז די מדה פון בטחון, אַזוי ווי חז"ל זאָגן 'צא מדירת קבע'. **מ'זאָל זיך נישט פאַרזיכערן אויפ'ן רייכטום און אויף די פאַרמעגנס, נאָר מ'זאָל זיך פאַרלאָזן נאָר אויף דעם אויבערשטען.**

די משנה זאָגט (סוכה ט:), אַז אויב מ'האָט געבויט די סוכה אונטער אַ בוים, איז גלייך ווי מ'וואָלט עס געבויט אינעווייניג אין הויז. קען מען זאָגן אַ רמז, ווייל דער תכלית פון מצות סוכה איז דאָך צוצוברענגען דעם מענטש צו אמונה אין דעם אויבערשטען, און צוליב דעם דאַרף דער סכך פון די סוכה זיין אונטער דעם פרייען הימל, אָן אַ הפסק אינמיטן. צו לערנען דעם מענטש אַז **מ'איז אָנגעוויזן נאָר אויף דעם אויבערשטען**, און ער זאָל זיך נישט פאַרלאָזן אויף זיינע אייגענע מעגליכקייטן. ממילא, וועט ער נישט זוכן זיך צו שיצן אונטער דעם הויז אָדער אונטער דעם בוים, נאָר ער וועט זיך פאַרלאָזן נאָר אויף דעם אויבערשטען.

הגה"צ רבי שמשון רפאל הירש זצ"ל האָט געזאָגט אַ טעם פאַרוואָס מ'טאָר נישט מאַכן דעם סכך פון העלצער וואָס זענען באַהאָפטן צו דער ערד, נאָר עס דאַרף זיין אָפּגעריסן, ווייל ווען דער מענטש האָט אַ נחלה, איז ער 'באַהאָפטן' צו זיין שטיק ערד. ער פאַרלאָזט זיך אויף זיינע פאַרמעגענס. וועגן דעם זאָגט מען פאַר דעם מענטש, ער זאָל אַרויסגיין אויף אַ וואָך צייט פון זיין הויז, און **אויסשווענקען זיין מח פון אַלע פסול'ע געדאַנקען**, און זיך אַריינזעצן אין דעם שאָטן פון ריינע אמונה: 'צילא דמהימנותא'.

**אזוי** שרייבט אויך דער 'כלי יקר' אויף'ן פסוק (ויקרא כג, מב) 'כל האזרח בישראל ישבו בסוכות'. דער פסוק כאפט אן דאס לשון 'אזרח', וואס איז א לשון פון א 'תושב', אן 'אלט-איינגעזעסענעם', ווייל אין דער צייט ווען מ'נעמט אריין די תבואה פון פעלד, וויל יעדער איינער אריינגיין פון זיין פעלד אין הויז אריין, צו זיצן דארט בקביעות. האט די תורה געהאט א חשש אז מיט'ן זיצן בקביעות אינדערהיים, וועט דער מענטש זיך גרויס האלטן אז ער האט מצליח געווען, און עס וועט ביי איהם מקוים ווערן 'וישמן ישרון ויבעט' ח"ו.

**אויף** דעם זאגט דער פסוק, 'כל האזרח'. דער מענטש וואס וויל זיין אזוי ווי א תושב אויף דער וועלט, און נישט אזוי ווי א גר, דארף ארויסגיין פון זיין 'דירת קבע', און אריינגיין אין א 'דירת עראי', כדי ער זאל דערקענען זיין אייגענע מינדערוויכטיגקייט אז ער איז נאר א 'גר' אויף דער וועלט - נישט א 'תושב'[יג]...

**ממילא**, וועט ער זיך נישט פארלאזן אויף זיך, נאר 'בצל ש-ד-י יתלונן', אזוי ווי די אידן האבן געטוהן ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען פריי פון מצרים. זיי זענען נישט געזעסן אין שיינע הייזער, נאר זיי זענען געווען ארומגענומען מיט די זיבן וואלקענס, וואס דארט האט גערוהט די הייליגע שכינה.

**די** משנה זאגט (סוכה ב.) אז א סוכה וואס דער סכך דערפון איז העכער פון צוואנציג איילן, איז פסול, ווייל עס ווערט גערעכנט ווי מ'זיצט אונטער דעם שאטן פון די ווענט, און נישט אונטער דעם שאטן פון סכך.

**זאגט** דער 'ערוך לנר' (בסיום למסכת סוכה, געדרוקט ביים סוף פון זיינע חידושים אויף מסכת סוכה) א טעם פארוואס א סוכה וואס איז העכער פון צוואנציג איילן איז פסול, ווייל די ווענט וואס נעמען ארום די סוכה, זענען מרמז אויף ענייני עולם הזה וואס נעמען ארום דעם מענטש. אבער דער וואס פארשטייט, הייבט אויף די אויגן צום הימל, און ער ווייסט אז דער עיקר איז דער סכך. ער פארשטייט אז דער אויבערשטער האלט אייביג אן אויג אויף איהם מיט זיין השגחה פרטית. ער גלייבט אז דער אויבערשטער גיט איהם אלע זיינע באדערפענישן יעדע רגע פונעם טאג. דאס איז דער עיקר פון די מצוה פון סוכה, צו דערמאנען דעם מענטש אז די שכינה רוהט אייביג אויף איהם.

**צוליב** דעם טעם איז די סוכה פסול ווען ס'איז העכער פון צוואנציג איילן, ווייל דעמאלס זיצט דער מענטש אין שאטן פון די ווענט, און נישט אונטער דעם שאטן פונעם סכך. דאס איז א רמז אז ער פארזיכערט זיך אז זיין ישועה וועט קומען דורך ענינים פון דער וועלט, וואס דאס איז 'פסול'. עס איז נישט באוויליגט פאר דעם אויבערשטען.

### זמן שמחתינו - די מצוה פון 'ושמחת בחגך', דייקא אין יום טוב סוכות

**זה** היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו. דער אויבערשטער ברוך הוא האט אונז באפוילן ווען עס קומט דער יום טוב סוכות, זמן שמחתינו, 'ושמחת בחגך וגו' והיית אך שמח'[יד] (דברים טז, יד-טו).

---

א איד האט זיך אמאל אראפגערעדט פון הארץ פאר זיין רבי'ן, אז ער שפירט זיך 'אפגעריסן'... כמעט יעדן טאג שיקט מען איהם אוועק פון דער ארבעט, אזוי אז כמעט יעדן מאנטאג און דאנערשטאג ארבעט ער אויף אן אנדער ארט. אמאל איז עס בקביעות, און אמאל ארבעט ער אלס א 'ממלא מקום'. אויך דרייט ער זיך אסאך מאל ארום אן ארבעט. האט דער רבי איהם געזאגט:

- ביזטו דען צוליב דעם 'אפגעריסן' ח"ו? איך האב נאך נישט געזעהן אזא 'באהאפטענעם' מענטש אזוי ווי דו. דו פארלאזט זיך נישט אויף דיין ארבעט, נאר **דו ביזט אייביג באהאפטן צום באשעפער פון דער וועלט**, צו וועמען דו טוסט אייביג אויפהייבן דיינע אויגן!

**יג.** אזוי שרייבט דער 'פרי מגדים' (אשל אברהם, סי' תרלא סק"ב) א טעם פארוואס עס ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (סי' תרלא, ס"ג) אז מ'דארף קענען זעהן די שטערן דורכ'ן סכך, ווייל דער פסוק זאגט (ישעיה מ, כו) 'שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה'. **דער מענטש דארף קענען ארויפקוקן צום הימל און פארשטיין אז דער באשעפער פירט די גאנצע וועלט**, און אז דער מענטש אליין איז נישט מער ווי א 'גר' אויף דער וועלט...

**יד. גאר גרויס איז די מצוה צו זיין פריילך אין יום טוב סוכות**, ווי מיר האבן שוין נאכגעזאגט אין די פריערדיגע יארן, פונעם 'אבן עזרא', וואס ער שרייבט אויף'ן פסוק 'ושמחת בחגך וגו', כי יברכך ה' אלוקיך בכל תבואתך ובכל מעשי ידיך **והיית אך שמח**', שרייבט דער 'אבן עזרא', אז דאס מיינט, **אלס שכר פון דער מצוה פון שמחה**

**נו.** ווערט אַ מענטש פרעגן: ווי אַזוי קען מען מקיים זיין בשלימות די מצוה פון שמחה אין יום טוב[טו]? וואו

---

אין יום טוב, **ווערט דער מענטש זוכה זיין ממשיך צו זיין די שמחה אויפ'ן גאַנץ יאָר.** און וועגן דעם זאָגט די תורה **'אך'** - ווייל אויב דו וועסט נישט אַזוי טוהן, וועסטו נישט זיין פריילעך...

ענליך שרייבט דער 'אברבנאל' (פרשת ראה): 'והיית אך שמח', **דער אויבערשטער פאַרזיכערט דעם מענטש, אַז אויב ער וועט זיך פרייען אין יום טוב סוכות, וועט ער זיין גוטמוטיג און פריילעך אַ גאַנץ יאָר.** דער 'אברבנאל' פירט אויס: אָבער אויב דו וועסט זיין צוגעלייגט אַנהייב יאָר, וועסטו זיין בעצבות אויך שפּעטער, ווייל אַזוי איז די נאַטור פונעם מענטש, אַז דער וואָס פרייט זיך מיט זיין חלק, ביי איהם איז שמחה וששון...

דער 'פלא יועץ' (ערך סוכה, סוף ד"ה 'ועוד נלוה'), שרייבט, אַז דער אויבערשטער האָט אונז באַפוילן זיך צו פרייען מיט אַ שמחה של מצוה, און דאָס איז אַ גוטער סימן פאַר'ן גאַנצן יאָר, אַזוי ווי די 'גורי האריז"ל' שרייבן, אַז **דער וואָס איז פריילעך און גוטמוטיג און איז זיך בכלל נישט מצער אין דעם הייליגן יום טוב, איז ער פאַרזיכערט אַז ער וועט האָבן אַ גוט יאָר, און ער וועט אייביג זיין פריילעך.**

דער טריסקער מגיד זי"ע ברענגט ('מגן אברהם', שבת חול המועד סוכות) אין נאָמען פון זיין הייליגן טאַטן, הרה"ק רבי מאָטעלע טשערנאָבילער זי"ע, אַז 'זמן שמחתינו', איז פון לשון צוגרייטן ('זימון'), ווי ס'איז דאָס לשון פון דער משנה (ביצה י:) 'זימן שחורים ומצא לבנים'. דאָס הייסט, **אַז די מצוה פון סוכה וואָס מיר זענען מקיים אין די זיבן טעג פון יום טוב, איז אַ צוגרייטונג ממשיך צו זיין שמחה אויפ'ן גאַנצן יאָר.**

ענליך זאָגט הרה"ק רבי שמואל מליובאַוויטש זי"ע (ספר המאמרים, שנת תרנ"ה, ע' תיג), אַז **דער תמצית און דער ענין פון שמחה ווערט נשפע פון דעם כח פון יום טוב סוכות.**

**אויך איז שמחה מסוגל צו ראַטעווען דעם מענטש מכל צרה וצוקה,** ווי רש"י (במדבר כט, יח) ברענגט אין נאָמען פון חז"ל, אַז די 98 שעפּסן וואָס מ'האָט געבראַנגט אַלס קרבנות אין יום טוב סוכות, קומען מכפר זיין אויף די 98 קללות פון די תוכחה אין פרשת כי תבא.

זאָגט אויף דעם הרה"ק בעל 'אבני נזר' זי"ע אַז **דורך די שמחה אין סוכות, ווערן נתכפר די 98 קללות וואָס קומען ווען עס פעלט שמחה,** אַזוי ווי דער פסוק זאָגט דאָרט (דברים כח, מז) 'תחת אשר לא עבדת את ה' אלוקיך בשמחה'. (ספר 'שם משמואל', סוכות תרע"ג, אין נאָמען פון זיין טאַטן)

עס שטייט אין ספה"ק 'בית אהרן' (דף קנו.) אַז פונקט אַזוי ווי אין די ימים נוראים ווערן די מקורות געעפענט דורך יראה, אַזוי אין יו"ט **סוכות ווערן די מקורות פון רחמים און חסדים געעפענט דורך אהבה און שמחה.**

### מן הבאר

אַמאָל יום טוב סוכות, האָט מען מזכיר געווען פאַר הרה"ק רבי מאיר'ל פרעמישלאַנער זי"ע, זיינס אַ קרוב וועלכער איז געווען זייער נישט געזונט ל"ע און זיין לעבן איז געווען אין אַ געפאַר רח"ל. האָט הרה"ק רבי מאיר'ל געזאָגט:

- דער אויבערשטער האָט אונז באַפוילן צו בלאָזן שופר אין ראש השנה, און מאיר'ל האָט געבלאָזן; ער האָט אונז באַפוילן צו פאַסטן אין יום כיפור, און מאיר'ל האָט געפאַסט; ער האָט אונז אָנגעזאָגט מיר זאָלן זיך פרייען אין היינטיגן יום טוב, און מאיר'ל וויל זיך פרייען, אָבער, רבונו של עולם, מיר ווייסן דאָך אַז 'אין מערבין שמחה בשמחה'. אויב עס וועט חלילה פאַסירן עפּעס נישט גוט רח"ל וועל איך דאָך דאַרפן מאַכן אַ ברכה 'בשמחה' (אַזוי ווי חז"ל זאָגן אַז מ'דאַרף מאַכן די ברכה 'דיין האמת' ווען מ'איז בשמחה), און עס אָננעמען מיט שמחה. ממילא, מוז מען אָפּטוהן פון הימל יעדע אַנדערע 'שמחה', און איבערלאָזן אונז נאָר מיט די שמחה פון 'ושמחת בחגך'...

פון די מעשה לערנען מיר, אַז **דער וואָס האָט ח"ו אַ צער און ער שטופּט עס אָפּ כדי מקיים צו זיין די מצוה פון 'ושמחת בחגך', וועט מען אַוודאי איהם העלפן פון הימל אַז ער זאָל זיך נישט דאַרפן 'פרייען' מיט אַן אַנדערן סאָרט שמחה...**

**טו.** קודם כל, דאַרפן מיר וויסן אַז 'לא ניתנה תורה למלאכי השרת'. דער אויבערשטער פאַרלאַנגט נישט פון דעם מענטש אַ זאַך וואָס ער קען נישט מקיים זיין, און אויב די מצוה פון שמחה איז געגעבן געוואָרן פאַר יעדן

נעמט מען אַביסל שמחה, ווען מ'איז אַרומגענומען מיט אַזוי פיל טירדות פון אַלע זייטן, מ'האָט ליידער נישט קיין מנוחה. אפילו איינער וואָס איז, ברוך השם, געבענטשט געוואָרן מיט קינדער, 'בניך כשתילי זיתים סביב לשולחנך', געזונטע לעבטיגע קינדער בגוף ובנפש בלע"ה, איז ער דאָך אייביג באַזאָרגט, אַז די טובה זאָל זיך נישט אָפּטוהן ח"ו פון איהם און דעריבער שטעלט זיך די קשיא 'שמחה מנלן'..?

**צו אַלעם ערשט**, דאַרף מען זיך מתבונן זיין פאַרוואָס האָט מען באַשטימט די מצוה פון 'ושמחת בחגך', דייקא אין יום טוב סוכות, אויף אַזוי ווייט אַז חז"ל רופן עס (אין סדר התפילה) מיט'ן טיטול 'זמן שמחתינו' [טז].

**איז דער תירוץ**, אַז דער גאַנצער מהות פון די מצוה פון זיצן אין סוכה, איז צו שטאַרקן אונזער אמונה אין דעם אויבערשטען ברוך הוא, אַזוי ווי דער פסוק

---

איד, אין יעדן מצב וואו ער געפינט זיך, **איז אַ סימן אַז ער איז טאַקע בכח זיך צו פרייען, טראָץ אַלע שוועריגקייטן וואָס ער גייט אַריבער...**

מיר האָבן געהערט פון דעם בעל העובדא, וואָס האָט געליטן אַסאַך צרות רח"ל, און ער האָט זיך אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ פאַר דעם גאון און פוסק רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל. האָט רבי שלמה זלמן איהם געזאָגט, אַז ער קען אַ איד וואָס האָט געדאַרפט אַריבערגיין אַן אָפּעראַציע, און זינט דאַן הערט ער נישט אויף איין אויער. אויך איז ער אַן אלמן ל"ע, און אין צוגאָב דערצו, האָט ער דריי קינדער וואָס האָבן ל"ע נישט זוכה געווען צו קינדער. פונדעסטוועגן, איז ער אייביג פריילִיך. ער גייט אַרום שטענדיג מיט אַ פריילִיך און שמייכלדיג פנים.

האָט יענער איד געזאָגט צו רבי שלמה זלמן, אַז ער גלייבט נישט אַז ס'איז מעגליך אַזאַ זאַך. האָט רבי שלמה זלמן איבערגעזאָגט נאָך אַמאָל די זעלבע ווערטער, אָבער יענער האָט ווייטער געזאָגט אַז ער גלייבט נישט אַז ס'איז מעגליך אַזאַ זאַך, אַ מענטש אין אַזאַ שווערן מצב זאָל זיין פריילִיך. האָט רבי שלמה זלמן איהם געזאָגט:

**- דער דאָזיגער איד שטייט יעצט פאַר דיר, און ער רעדט מיט דיר...**

עטליכע יאָר צוריק איז אַוועק פון דער וועלט אַן איש תם וישר, וועלכער האָט זיך מסתופף געווען בצל קדשם פון די לעלובּ'ער רבי'ס זי"ע, הרב ר' משה כהן ז"ל פון בני ברק, וועלכער איז געווען באַקאַנט מיט'ן נאָמען 'משה בן עליזה'. נאָך דעם ווי ער איז לאַנגע יאָרן פריער פאַרוואונדעט געוואָרן ל"ע, האָט ער זיך נישט געקענט רירן רח"ל. ער איז שטענדיג געזעסן אין אַ רעדל-שטוהל (ווילטשעיר'), און אויסער זיין קאָפּ, האָט ליידער גאָרנישט געאַרבעט אין זיין קערפּער. רבי משה איז אָבער אייביג געווען בשמחה.

מיר האָבן געהערט פון יבלחט"א זיין זון, אַז ער האָט אַמאָל געפרעגט זיין טאַטן, ווי אַזוי קען ער זיין אַזוי פריילִיך און גוטמוטיג, ווען ער איז אין אַזאַ שווערן מצב, און זיין גאַנצער גוף איז ממש אַ 'שבר כלי' רח"ל. האָט רבי משה איהם געענטפערט:

- אויב אַלע מענטשן אויף דער וועלט וואָלטן געווען אין אַזאַ מצב ווי איך בין, אַלע וואָלטן געזעסן אויף אַ 'ווילטשעיר' און געדאַרפט הילף אויף יעדן טריט און שריט, איז דאָך פּשוט אַז איך וואָלט געקענט זיין פריילִיך, ווייל וואָס איז דען אַ חילוק צווישן מיר און די אַנדערע מענטשן... נאָר וואָס דען, יעדער איז ב"ה געזונט און פריש, נאָר איך בין פּאַראַליזירט. נו, **איז עס דען אַ יושר אַז איך זאָל זיין טרויעריג אויף דעם וואָס אַלע מענטשן זענען ברוך השם זוכה צו זיין געזונט?!...**

אויסער דעם שטאַרקן אמת וואָס ליגט אין די ווערטער פון דעם 'פּשוט'ן' איד... און אַ מוסר השכל פאַר יעדן איינעם מיט די שוועריגקייטן וואָס ער האָט, אַז מ'דאַרף זייער שטאַרק אַכטונג געבן נישט צו זיין טרויעריג פון דעם וואָס עס איז גוט פאַר אַנדערע... לערנען מיר אָבער אויך פון דעם, אַז מ'קען זיין בשמחה, אויך ווען דער **'גוף'** ליידט יסורים רח"ל. דער **'נפש'** פון מענטש קען נאָך אַלץ זיין פריילִיך...

**טז.** הגה"ק רבי חיים וויטאַל זי"ע פרעגט אַ מורא'דיגע קשיא (הקדמה לספר 'שער המצוות'): מיר זעהען דאָך אַז מענטשן טוהען אַזוי פיל מצוות, און עס ווערן חלילה נישט פאַרווירקליכט ביי זיי די ווערטער און די הבטחות פון די הייליגע חז"ל, וועגן זייער גרויסן שכר אויך אויף דער וועלט. נאָר מיז זיין, אַז ווען דער מענטש איז מקיים אַ מצוה, זאָל ער נישט טראַכטן אַז עס איז אויף איהם ווי אַ לאַסט, וואָס ער קוקט אַרויס שוין אַראָפּצונעמען פון זיך די לאַסט, נאָר ער זאָל טראַכטן ביי זיך ווי **מיט'ן טוהן די מצוה וועט ער פאַרדינען פילע טויזנטער דאָלאַרן, און ער זאָל זיך פרייען ווייל ער טוט די מצוה מיט שמחה אָן אַ גרעניץ.**

זאָגט (ויקרא כג, מב-מג) 'בסוכות תשבו שבעת ימים, כל האזרח בישראל ישבו בסוכות, למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים, אני ה' אלוקיכם'.

**דאָס** הייסט, מ'דאַרף זיך שטאַרקן מיט אמונה אין דעם אויבערשטען, אַז ער פירט אידישע קינדער און שטענדיג טוט ער גוטס מיט זיי, אויך ווען זיי זענען אין 'מדבר', וואָס איז אַן 'ארץ ציה ועיף בלי מים'".

---

אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע האָט דערציילט, אַז דער עלטער-עלטער זיידע, הרה"ק רבי משה לעלוב'ער זי"ע, איז אַרויסגעפאָרן פון פוילן קיין ארץ ישראל אין חודש אלול. פאַר דער נסיעה, האָט ער צוגעגרייט אַ שופר אויף ראש השנה, און די ארבעה מינים אויף יום טוב סוכות.

ערב סוכות, זייענדיג אויף דער שיף, האָט ער באַמערקט, אַז די ערבות זענען געוואָרן פאַרטריקנט, און זענען פסול, און ער וועט נישט קענען יוצא זיין די מצוה פון ארבעה מינים. האָט רבי משה'לע געבעטען דעם שיף-קאַפּיטאַן, ער זאָל זיך אָפּשטעלן ביי איינע פון די אינדזלען, כדי ער זאָל קענען אַראָפּשטייגן דאָרט און קלויבן ערבות אויף יום טוב. דאָס איז געווען אַ פאַרלאַנג, וואָס דער קאַפּיטאַן האָט - זעלבסט-פאַרשטענדליך - קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן. ער קען דאָך נישט אויפהאַלטן אַ גאַנצע שיף מיט מענטשן, צוליב איין מענטש וואָס זוכט אַ פּאָר ערבות...

הרה"ק רבי משה'לע האָט אָבער נישט נאָכגעלאָזט. ער האָט כסדר געבעטען דעם קאַפּיטאַן, און אַן טראַכטן צופיל, האָט ער אַרויסגענומען דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט מיטגענומען מיט זיך קיין ארץ ישראל (איידער ער איז אַרויסגעפאָרן פון פוילן, האָט ער דאָרט באַקומען אַסאַך געלט פון די חסידים), און עס דערלאַנגט דעם קאַפּיטאַן אין האַנט, אויב ער וועט זיך אָפּשטעלן אינעם אינדזל, כדי ער זאָל דאָרט קענען קלויבן ערבות. אַזאַ אָנבאָט, האָט דער קאַפּיטאַן שוין נישט געקענט אָפּוואַרפן... און דער צדיק האָט זוכה געווען מקיים צו זיין די מצוה כתיקונה. ער איז אָבער אָנגעקומען קיין ירושלים, אָן אַ פּרוטה אין טאַש.

פון ירושלים, האָט ער געשיקט אַ בריוו קיין חוץ לארץ, צו די גבאים פון צדקה אין חוץ לארץ, זיי זאָלן איהם שיקן 'תמיכה'-געלט, אַ פאַרלאַנג אויף וועלכן זיי האָבן זיך זייער געוואונדערט, ווייל מ'האָט דאָך געוואוסט אַז רבי משה'לע האָט פאַר'ן אַרויספאָרן פון פוילן באַקומען (אויך פון די גבאים) אַסאַך געלט. ערשט נאָכ'ן פאָרשן די זאַך, האָבן זיי געהערט וועגן דער מסירות נפש פון הייליגן לעלוב'ער צדיק פאַר אַ מצוה, אַז ער האָט מסכים געווען אַוועקצוגעבן זיין גאַנצן פאַרמעגן 'בעד נפשו', פאַר אַ מצוה וואָס איז ביי איהם געווען די גאַנצע נשמה. **עס האָט איהם געברענט אין די ביינער דער קיום פון אַ מצוה, און די גאַנצע וועלט האָט נישט געהאַט קיין שום חשיבות אין זיינע אויגן, קעגן דעם תענוג און די שמחה וואָס ער האָט געהאַט פון דעם וואָס ער קען גורם זיין אַ נחת רוח פאַר'ן באַשעפער ברוך הוא, ווען ער איז מקיים אַ מצוה בשלימות.**

הרה"ק רבי אשר סטאָלינער זי"ע האָט געזאָגט, אַן ערבה קאָסט עטליכע גרייצער, און פונדעסטוועגן, איז עס אַזוי חשוב אַז ס'ווערט אַ 'חפצא' פון דעם 'יום ערבה' - הושענא רבה. דאָס איז דערפאַר ווייל **די שמחה פאַרוואַנדלט עס אין אַ חשוב'ן חפץ**. אַ מצוה וואָס ווערט געטוהן מתוך שמחה, איז ווערד טויזנטער, אַנדערש ווי אַ מצוה וואָס מ'טוט 'כמצוות אנשים מלומדה'.

פון דער צווייטער זייט, זאָגט הרה"ק רבי מענדעלע וויטעבסקער זי"ע ('פרי הארץ', מכתב כב) אויף די ווערטער פון חז"ל (חגיגה כז.) 'פושעי ישראל מלאים מצוות כרמון'. איז שווער, אויב זיי טוהען אַזוי פיל מצוות, פאַרוואָס ווערן זיי אָנגערופן 'פושעי ישראל'?

זאָגט הרה"ק רבי מענדעלע וויטעבסקער, די דאָזיגע מענטשן זענען טאַקע מקיים אַסאַך מצוות, **אָבער זיי פרייען זיך נישט און האָבן נישט הנאה פונעם טוהן די מצוה, און דאָס נעמט אַראָפּ די גאַנצע ווערד פון די מעשה המצוה.** צוליב דעם ווערן זיי באַצייכנט אַלס 'פושעי ישראל'.

אַנדערע זענען מוסיף, אַז אויף דעם זאָגט די גמרא 'מלאים' מצוות. זיי 'פילן' זיך אָן מיט מצוות. זיי טוהען איין מצוה, און נאָך אַ מצוה, און נאָך אַ מצוה, אבער אָן התלהבות און התפעלות פון יעדע מצוה פאַר זיך.

**יז.** דער הייליגער רבי ר' הירש פון רימנוב זי"ע האָט געזאָגט, אַז מיט די מצוה פון סוכה זענען מיר מרמז, **אַז דער אויבערשטער האַלט זיין השגחה אויף אונז, דורך די לעכער אינעם סכך.**

אמאָל אין יום טוב סוכות, זענען די חסידים אין קאַרלין געזעסן און געלערנט לאַנגע שעה'ן ברציפות. דערנאָך זענען זיי געוועזן אַזוי בשמחה, אַז זיי זענען אַרויס אין אַ טאַנץ לכבוד דעם הייליגן יום טוב און לכבוד די תורה.

**זייער** אַ הערליכע געדאַנק שרייבט דער נצי"ב אין זיין ספר 'העמק דבר', אַז לכאורה זאָגט דער פסוק אַ דאָפּלטן לשון, 'בסוכות תשבו שבעת ימים', און 'כל האזרח בישראל ישבו בסוכות'. נאָר די פשט קען זיין, ווייל דער תכלית פון די מצות סוכה (לויט'ן פשט) איז, אַרויסצוגיין פונעם אייגענעם 'ישיבת קבע', צו אַ 'דירת עראי', כדי די מענטשן וואָס פאַרמאָגן גרויסע פעלדער און שיינע הייזער, זאָלן געדענקען אַז זיי זענען אַזוי ווי גרים, און מ'דאַרף אַרויסגיין פון די 'דירת קבע'.

**אבער**, לויט דעם וואָלט מען געקענט מיינען, אַז די מצוה פון זיצן אין סוכה איז געגעבן געוואָרן נאָר פאַר איינעם וואָס פאַרמאָגט אַ פעלד אָדער אַ הויז אין ארץ ישראל, ער פאַרמאָגט פירות און תבואה, און ממילא, איז פילט ער זיך ברייט און באַקוועם, אָבער אַן אָרימאַן וואָס וואַנדערט אַרום פון איין אָרט צום אַנדערן דאַרף נישט מקיים זיין די מצוה פון סוכה, אויף דעם האָט די תורה געזאָגט: 'כל האזרח בישראל ישבו בסוכות', און דער טעם דערפאַר שטייט גלייך אין דעם קומענדיגן פסוק: 'למען ידעו דורותיכם' וגו', כדי אידישע קינדער זאָלן זיך נישט מייאש זיין ח"ו פון אַ גוט און זיס לעבן, אַפילו אויב זיי האָבן נישט אַ מוצלח'דיגע פעלד אדער אייגענע הייזער וואָס זאָל זיי גורם זיין אַ נאַטורליכע שמחה, דאַרפן זיי אויך מקיים זיין די מצוה פון סוכה, ווייל מ'דאַרף זיך דערמאַנען אַז אידישע קינדער זענען געזעצן אין סוכה ווען דער אויבערשטער האָט זיי אַרויסגענומען פון מצרים, און דאַן זענען זיי אויך געווען בשמחה.

**דער** נצי"ב זצ"ל פירט אויס: דער אויבערשטער פירט אידישע קינדער און האַלט זיין השגחה אויף זיי אייביג, און ער האָט נישט קיין שום אָפּהאַלט משפיע צו זיין טובות און ברכות, אפילו אויב מ'פאַרמאָגט נישט קיין אייגענע אחוזה.

**דאָס** איז דער ענטפער פאַר אַלע מענטשן וואָס 'זיכן' שמחה און אמונה. ווייל די ריינע אמונה איז דער מקור און יסוד פון די שמחת החיים פון יעדן איד. אַ איד גלייבט אַז דער אויבערשטער פירט די וועלט, און ער פירט איהם 'בחן בחסד וברחמים', און אַז ער געפינט זיך 'אין גוטע הענט'. 'כל מאי דעביד רחמנא לטב עביד'. דאַן איז ער רואיג, 'באמונתו יחיה', און עס פאַלן אוועק פון איהם יעדע סאָרט דאגה און צער.

**אַזוי** שרייבט הרה"ק בעל 'שפת אמת' זי"ע (סוכות תרמ"ה, ד"ה 'מצות'), אַז די מצוה פון סוכה איז אויך די מצוה פון בטחון, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (סוכה ב.) 'צא מדירת קבע' - מ'זאָל זיך נישט פאַרלאָזן אויפ'ן אייגענעם רייכטום, נאָר מ'זאָל זיך פאַרזיכערן אין דעם באַשעפער, און צוליב דעם איז סוכות 'זמן שמחתינו', ווייל ס'איז נישט דאָ אַ שמחה אַזוי ווי די שמחה פון איינעם וואָס פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען מיט אַן אמת, אַזוי ווי עס שטייט אין ספר 'חובות הלבבות'.

**ולקחתם 'לכם' - זיך נעמען צו עבודת השם, מיט התחדשות**

'**ולקחתם** לכם ביום הראשון, פרי עץ הדר כפות תמרים, וענף עץ עבות וערבי נחל' (ויקרא כג, מ).

**זאָגט** הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע (געברענגט אין ספה"ק 'שפת אמת', סוכות שנת תרל"ט), על דרך רמז, 'ולקחתם לכם' - דער מענטש זאָל זיך 'נעמען' צו דעם אויבערשטען ברוך הוא[יח].

---

אינמיטן איז דער 'בית אהרן' אַריינגעקומען אין בית המדרש, און ווען ער האָט געזעהן ווי די חסידים טאַנצן, האָט ער זיך אָנגערופן צו זיי:

- חז"ל זאָגן (ב"ר פ"ע, ח), אַז עס ווערט אָנגערופן 'שמחת בית השואבה', ווייל 'משם היו שואבין רוח הקודש' - מ'האָט פון דאָרט געשעפּט רוח הקודש. קען מען זאָגן אַ כוונה אינעם וואָרט '**משם**' - פון דאָרט - **פון די שמחה** וואָס מ'האָט זיך געפרייט, האָט מען געשעפּט רוח הקודש. 'רוח' איז פון לשון רצון, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (איוב לב, ח) 'רוח היא באנוש'. דאָס מיינט, אַז אַ איד וואָס האָט אַ רצון צו דינען דעם אויבערשטען, איז זוכה צו ווערן הייליג ('הקודש'), **אָבער כדי זוכה צו זיין צו האָבן אַ רצון, דאַרף מען זיך שטאַרקן מיט שמחה, ווייל שמחה ברענגט דעם מענטש צו האָבן השתוקקות זיך צו דערנענטערן צום באַשעפער.**

**יח.** דער מחבר פסק'ענט (שו"ע או"ח סי' תרלב, סעיף א', און סעיף ב') אַז פסול'ע סכך פסל'ט די סוכה ביי פיר טפחים, און לופט (אינעם סכך) פסל'ט די סוכה ביי דריי טפחים. דאַרף מען פאַרשטיין דעם חילוק, פאַרוואָס 'אויר' פסל'ט ביי דריי טפחים, און 'סכך פסול' פסל'ט ערשט ביי פיר טפחים?

**דאָס** מיינט, איינע פון די הויפט עבודות פון דעם יום טוב סוכות, איז זיך צו באַנייען מיט עבודת השם. עס ליגט אויף אונז אַ פליכט 'זיך צו נעמען' צו עבודת השם.

**דאָס** איז דער תכלית פון די מצוה צו נעמען די ד' מינים^יט, אַזוי ווי דער מדרש זאָגט (ויק"ר פ"ל, יד) רבי מני האָט געזאָגט, 'כל עצמותי תאמרנה ה' מי כמוך'. דער פסוק איז געזאָגט געוואָרן אַנטקעגן דעם לולב. די שדרה פונעם לולב איז ענליך צו די שדרה פונעם מענטש. דער הדס איז ענליך צום אויג. די ערבה איז ענליך צום מויל, און דער אתרוג איז ענליך צום האַרץ. האָט דוד המלך ע"ה געזאָגט, צווישן אַלע איברים איז נישט דאָ גרעסערס ווי די דערמאַנטע איברים וואָס זיי זענען אַנטקעגן דעם גאַנצן גוף, און אויף דעם האָט דוד המלך געזאָגט 'כל עצמותי תאמרנה', עכ"ד המדרש.

**לערנען** מיר פון דעם, אַז דאָס איז דער טעם פאַרוואָס מ'שאָקלט אין סוכות די ד' מינים, כדי אונז צו לערנען אַז מ'דאַרף משעבד זיין די הויפט-איברים - די שדרה און דאָס אויג, דאָס מויל און האַרץ, צו דעם אויבערשטען ברוך הוא.

**באמת**, איז דער יום טוב סוכות מסוגל צו התחדשות אין עבודת השם^כ. מ'זאָל נישט קוקן צוריק אויף דעם עבר, נאָר מ'זאָל נעמען אויף זיך גוטע קבלות פון היינט און ווייטער. מ'זאָל נישט פאָלגן דעם יצר הרע וואָס וויל אַריינברענגען יאוש אינעם מענטש, אַז

---

ענטפערט דער קאָצקער רבי זי"ע (און אַזוי שטייט אויך אין ספר 'מאמר יחזקאל', אין נאָמען פון הרה"ק רבי יחזקאל'ס קאָזמירער זי"ע), אַז 'בטלה', גיין ליידיג, איז אַזוי ווי 'לופט', וואָס איז ליידיג. **דאָס איז ערגער ווי פסול'ער סכך, ווען מ'טוט כאָטש 'עפּעס' מיט די גשמיות'דיגע זאַכן, וואָס כאָטש ער לערנט נישט דעמאָלס קיין תורה, און ער האָט נישט** אין זינען לשם שמים, אָבער פונדעסטוועגן איז עס נאָך אַלץ בעסער ווי סתם צו פאַרברענגען די צייט מיט ליידיג-גיין.

הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, פלעגט אַסאַך מאָל איבערזאָגן די ווערטער פון זיין זיידן, אין 'שפת אמת' (סוכות תרל"ד, ד"ה 'שמחת'), וואָס ער זאָגט אויף די ווערטער פון די גמרא (סוכה נג.) אַז רבי יהושע בן חנני' האָט געזאָגט, 'כשהיינו שמחים בשמחת בית השואבה, לא ראינו שינה בעינינו'.

זאָגט דער 'שפת אמת', ווייל דער מדרש זאָגט (שמו"ר פמ"ז, ז) אַז דער טעם פאַרוואָס משה רבינו ע"ה איז נישט געשלאָפן במשך פון די פערציג נעכט ווען ער איז געווען אין הימל, איז געווען ווייל ער האָט געוואוסט אַז יעדע מינוט וואָס ער וועט שלאָפן, וועט ער שאָדן האָבן פון די תורה, על דרך משל, אַ קעניג זאָגט צו זיין גוטן פריינט ער זאָל אָפּמעסטן גאָלדענע רענדלעך, און וואָס ער וועט אָפּמעסטן, וועט ער קענען באַקומען במתנה. ער האָט געוואָלט שלאָפן, אָבער דאַן האָט ער געקלערט, אויב איך וועל שלאָפן, וועל איך שאָדן האָבן די גאָלדענע רענדלעך. דאָס זעלבע האָט משה רבינו ע"ה 'געמאָסטן' די תורה, און ער האָט נישט געגעסן און נישט געטרינקען. ווען ער האָט געוואָלט שלאָפן, האָט ער געטראַכט ביי זיך, אויב איך וועל שלאָפן, וועל איך דאָך האָבן אַ שאָדן.

זאָגט דער 'שפת אמת', אַז דאָס זעלבע איז געווען ביי שמחת בית השואבה. די אידן זענען דעמאָלס נישט געשלאָפן, **כדי נישט שאָדן צו האָבן פון די גרויסע התגלות'ן פון שמחת בית השואבה, דורכ'ן שלאָפן...**

**יט.** עס שטייט אין ספה"ק 'בית אברהם' (שבת חוה"מ) אַ טעם פאַר די 'נענועים' מיט'ן לולב, ווייל עס איז דאָך באַקאַנט וואָס דער רמב"ם שרייבט (הלכות תשובה פ"ג, ה"ד) אַז כאָטש תקיעת שופר אין ראש השנה איז אַ גזירת הכתוב, אָבער דאָ אין דעם אַ רמז, 'עורו ישנים משנתכם, ונרדמים הקיצו מתרדמתכם, וחפשו במעשיכם וחזרו בתשובה'. צומאָל איז אָבער דער מענטש פאַרזינקען אין אַזאַ טיפן שלאָף, אַז מ'קען איהם נישט ערוועקן, אַפילו ווען מ'רופט איהם ביים נאָמען און מ'שרייט צו איהם. דעמאָלס איז די איינציגע עצה נאָר איהם 'אויפצושאָקלען'...

דאָס איז דער ענין פון מאַכן 'נענועים' מיט'ן לולב, כדי מרמז צו זיין, **אַז אויך אויב דער מענטש איז 'טיף געשלאָפן' אין די הייליגע טעג, די תקיעות האָבן איהם נישט ערוועקט פון זיין טיפן שלאָף, איז יעצט די צייט ווען ער דאַרף זיך אויפוועקן...**

**כ.** אויף דעם פסוק (דברים טז, יג) 'באספך מגרנך ומיקבך', דרש'ענען חז"ל (סוכה יב.), אַז דער פסוק לערנט אונז אַז די סכך דאַרף באַשטיין פון 'פסולת גורן ויקב'.

האָט געזאָגט אויף דעם דער אַלטער סאַדיגערער רבי, הרה"ק רבי אברהם יעקב זי"ע, אַז דאָס לערנט אונז אַז **אויך דער נידעריגסטער פאַרשוין, וואָס איז אַזוי ווי 'פסולת' ח"ו, איז אויך זוכה אויפגעהויבן צו ווערן אין דעם יום טוב סוכות, און צו זיין אַזוי ווי סכך, וואָס איז אַ טייל פון דעם אויבערשטען'ס הייליגע שמות.**

ער וועט זיך סיי-ווי נישט קענען האַלטן, און ממילא, וואָס האָט ער אָנצוהייבן צו דינען דעם אויבערשטען.

**מורא'דיגע** ווערטער, שרייבט דער 'בית אברהם' (לסוכות, ד"ה 'ולקחתם'), פר"י ע"ץ הד"ר איז סופי תיבות יצ"ר. דער אתרוג איז ענליך צום האַרץ פון מענטש. פּונקט אַזוי ווי דאָס האַרץ פון אַ איד, כאָטש דער יצר ברענט אין איהם אָן אויפהער, ווערט עס גערעכנט אַזוי ווי אַ 'פרי עץ הדר', און איהם האָט דער אויבערשטער אויסדערוויילט, אַז ער זאָל האָבן פון איהם אַ נחת רוח מער ווי ער האָט פון די עבודה פון מלאכים און שרפים, און דאָס איז דער רצון פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, אַז דער מענטש זאָל אייביג האָבן אַ שווערע מלחמה מיט'ן יצר הרע, עכ"ד[כא].

---

די ספרים זאָגן, אַז דאָס איז אויך מרומז אין דעם וואָס די נענועים דאַרפן זיין אויף אַן אופן פון 'מוליך ומביא, מעלה ומוריד' (סוכה לז:). דאָס איז אַ רמז אַז **אויך אויב דער מענטש האָט זיך דערווייטערט צו זיין אין דער בחינה פון אַ 'מוליך', קען ער נאָך אַלץ זיין אַ 'מביא' - צוריקצוקומען צו זיין שורש אין די קדושה.**

**כא.** מ'דאַרף געדענקען אַז **דער עיקר חשיבות פון מענטש איז דורך זיין מלחמה** - נישט קיין חילוק צי ער האָט צום סוף געזיגט אין די מלחמה, אָדער נישט - ווי דער עס שטייט אין תיקוני זוהר (כט.) אַז די פיר מינים זענען 'מנא דקרבא' (אַ וואָפן), און זיי קומען אויסרופן, אַז די אידן האָבן געזיגט אין די ימי הדין.

דאַרף מען פאַרשטיין, געוועהנליך, ווי ס'איז דער סדר ביי מלחמות צווישן לענדער אויף דער וועלט, טוט דער וואָס האָט געזיגט, איבערלאָזן די וואָפּענס נאָכ'ן זיג. די סאָלדאַטן גייען אַהיים מיט זייער קעניג בראש, רואיג און מיט אַ שלוות הנפש. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער אונז באַפוילן אַרויסצוגיין מיט אונזערע 'וואָפּענס' אין די הענט אין יום טוב סוכות.

זאָגן צדיקים, אַז די מלחמה מיט'ן יצר הרע איז אַנדערש ווי אַנדערע מלחמות. ביי מלחמת היצר, איז אויך נאָך דעם ווי דער מענטש זיגט איין מאָל און נאָך אַמאָל, דאַרף ער נאָך אַלץ וויסן אַז ער איז נאָך אַלץ געבליבן אַן 'איש מלחמה', און אדרבה, דאָס איז דער נצחון, אַז ער זאָל אַרויסגיין מיט די 'וואָפּענס' אין האַנט, און ווייטער קענען שטיין בקשרי המלחמה, 'כי זה כל האדם'.

מ'האָט אַמאָל געברענגט גאָר אַ שיינעם אתרוג, ממש אַ 'הדר' בכל העניינים, צום ערשטער באַבובער רב, הרה"ק רבי שלמה זי"ע. דער באַבובער רב האָט אויסגעדרוקט התפעלות אויף דער שיינקייט פונעם אתרוג, אָבער ער האָט געזאָגט אַז נישט אַזאַ אתרוג זוכט ער, און ער וועט נישט מאַכן דערויף די ברכה אין יום טוב, נאָר אויף אַן אַנדערן אתרוג וואָס ער האָט צוגעגרייט פריער.

מפני הכבוד, און אויס מורא פאַר'ן רבי'ן, האָבן די גבאים נישט געפרעגט דעם רב פאַרוואָס ער וויל נישט נוצן דעם הערליכן אתרוג, אָבער איינער פון די גבאים אַליין, האָט בשעת'ן דאַווענען באַשלאָסן, אַז אויב דער רבי נוצט נישט דעם אתרוג, קען ער דאָך דאָס נעמען און מקיים זיין די מצוה בתכלית ההידור והשלימות. ווען ער האָט גענומען דעם אתרוג אין האַנט, איז דער אתרוג אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד 'מיט'ן פיטם אַראָפּ'. ווען ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן אויפצוהייבן דעם אתרוג פון דער ערד, האָט ער באַמערקט אַז אינווייניג איז דער 'פיטם' געווען באַהאַפטן צום אתרוג מיט אַ נאָדל, אַזוי אַז דער אתרוג איז מן הדין געווען פסול צום באַנוץ.

די מעשה האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט צווישן דעם עולם און אַלע האָבן געזאָגט, אַז דאָ האָט מען געזעהן אַ אָפענע 'רוח הקודש' ביים רבי'ן, וועלכער האָט געזעהן מיט זיינע אָפענע אויגן אַז מ'טאָר נישט מאַכן די ברכה אויף דעם אתרוג, ווייל ער איז פסול. ווען דער באַבובער רב האָט געהערט דערפון, האָט ער געזאָגט צו די מקורבים, אַז דאָס איז נישט אַ 'מופת' אָדער 'רוח הקודש', 'לא מיניה, ולא מקצתיה'. נאָר ווען ער האָט געזעהן אַז דער אתרוג איז **'צו-שיין'**, ממש בתכלית השלימות, עס האָט נישט קיין שום חסרון, האָט ער פאַרשטאַנען דערפון אַז עס האָט מסתמא באַהאַלטענע מומין, ווייל **אויף דער וועלט איז נישט דאָ קיין זאַך וואָס איז 'בשלימות'...**

פון די מעשה קענען מיר אַרויסנעמען אַ געוואַלד'יגע חיזוק, ווייל דער אתרוג איז דאָך מרמז אויפ'ן האַרץ, און דער מענטש דאַרף וויסן אַז מ'טאָר זיך קיינמאָל נישט מייאש זיין, און **כאָטש דער מענטש זעהט זיינע אייגענע חסרונות טאָר ער נישט פאַלן ביי זיך, און וויסן אַז עס איז נישט דאָ אויף דער וועלט קיין שלימות.** אדרבה, דאָס איז די עבודה פון אַ איד, צו זיין כסדר אַן 'איש מלחמה', און פּרובירן זיך שטאַרקן אויפ'ן יצר הרע, דער 'מלך זקן

**עס** שטייט אין ספה"ק 'ייטב פנים' (לסוכות, מאמר ב'), אַ טעם פאַרוואָס מ'טאַנצט און מ'פרייט זיך ביי שמחת בית השואבה, ווייל ווען דער מענטש טאַנצט, הייבט ער זיך אויף פון דער ערד, באַטש ער ווייסט אַז דערנאָך וועט ער צוריק אַראָפּפאַלן אויף דער ערד, און דאָס איז די גרעסטע שבח פאַר אַ מענטש, אַזוי ווי דער זוהר הקדוש זאָגט (נח, סט:), 'בשוא גליו אתה תשבחם', חז"ל זאָגן (מדרש שוחר טוב, מזמור ב') אַז די כוואַליעס פונעם ים גייען אַרויף און שטאַרקן זיך גלייך ווי זיי זענען גרייט צו פאַרפלייצן די וועלט ח"ו. אָבער ווען זיי קומט אָן צום ברעג פונעם ים, בלייבן זיי שטיין און רוקן זיך צוריק פאַר'ן זאַמד, זיי זאָלן נישט קענען פאַרפלייצן די יבשה. און באַטש יעדע כוואַליע וואָס דערנענטערט זיך צו די יבשה זעהט אַז די פריערדיגע כוואַליע פאַר איר האָט נישט באַוויזן צו פאַרפלייצן די וועלט, פונדעסטוועגן, טוט זי נישט אויפגעבן, און זי קומט פונדאָסניי צו פאַרפלייצן די יבשה. דאָס טוהען זיי שוין אַזוי טויזנטער יאָרן. זיי זענען זיך בכלל נישט מייאש דערפון...

**דאָס** איז די כוונה פון פסוק, 'אתה תשבחם'. ס'איז אַ לויב פאַר די כוואַליעס פון ים, אַז זיי גיבן נישט אויף, און יעדער איינער פון זיי זאָגט, איך וועל יאָ באַוויזן דאָס וואָס דער פריערדיגער האָט נישט מצליח געווען.

**דורך** די השתוקקות צו שטייגן אין עבודת השם יתברך, און זיך דערנענטערן צו דעם באַשעפער, איז דער מענטש זוכה צו אַ שפע פון סייעתא דשמיא און צו שטייגן, ווי עס שרייבט דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע ('דרשות חתם סופר', ח"א, דף מה.), אויפ'ן פסוק (דברים לג, יב) 'לבנימין אמר ידיד ה' ישכון לבטח עליו, חופף עליו כל היום', און חז"ל (זבחים נג:) דרש'ענען אויף דעם פסוק, אַז אַ 'רצועה' איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם חלק פון יהודה און איז אַריינגעגאַנגען אין דעם חלק פון בנימין, און בנימין הצדיק האָט יעדן טאָג געהאַט צער דערפון, וועלנדיג עס באַקומען. צוליב דעם האָט בנימין זוכה געווען און ער איז געוואָרן אַן אכסניא פאַר די שכינה און דער בית המקדש איז געווען אין זיין חלק, ווייל ער האָט געשפירט אַז ער איז נישט גענוג נאָנט צו דעם אויבערשטען (דורך די 'רצועה', וואָס איז נישט געווען אין זיין חלק), און ער האָט זיך נאָך אַלץ משתוקק געווען צו האָבן מער. ער איז נישט געווען צופרידן מיט דעם וואָס ער האָט. וועגן דעם, 'ידיד ה' ישכון לבטח עליו', וועט אייביג בלייבן דעם אויבערשטען'ס ליבשאַפט צו איהם.

**פון** דעם זעהען מיר, אַז פונקט אַזוי ווי בנימין האָט זוכה געווען צו ווערן אַן אכסניא פאַר די שכינה אַדאַנק זיין רצון און השתוקקות צו זיין נאָך נענטער, איז דאָס אַ לימוד פאַר יעדן איינעם פון אונז, אַז אויך ווען מ'איז נישט מצליח משיג צו זיין און שטייגן אין עבודת השם אַזוי ווי מ'וואָלט געוואָלט, זאָל מען נישט אויפגעבן די השתוקקות, ווייל צום סוף וועט מען זוכה זיין צו גאָר אַסאַך סייעתא דשמיא. אַ ראיה דערצו האָבן מיר פון בנימין הצדיק, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט זוכה זיין צו די 'רצועה' (וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון יהודה'ס חלק), אַלס אַ חלק פון דעם בית המקדש, און למעשה, האָט ער זוכה געווען צו נאָך מער פון דעם, אַז דער בית המקדש איז געבויט געוואָרן אין זיין חלק.

**פון** דעם זעהט מען אַז די השתוקקות און דער רצון טוט אויפהייבן און ריינגן דעם מענטש, אַסאַך מער ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט. 'הבא ליטהר, מסייעין אותו', טויזנטער מאָל מער ווי דאָס וואָס ער וויל און ער טראַכט זיך צו הייליגן.

### צילא דמהימנותא - השראת השכינה אויף דער וואָס זיצט אין די סוכה

**'הביאני** המלך חדריו' - די ספרים ברענגען ('שם משמואל' ועוד), אַז דער פסוק איז מרמז אויף די מצוה פון סוכה, אַז דער וואָס קומט אַריין אין סוכה, איז אַזוי ווי איינער וואָס קומט אַריין אין אינעווייניגסטן צימער פון דעם אויבערשטען כביכול בכבודו ובעצמו, און אויף דעם פירט אויס דער פסוק (שה"ש, דאָרט) 'נגילה ונשמחה בך'. מיר וועלן זיך פרייען מיט דיר, ווייל ביי דעם אויבערשטען איז אייביג דאָ שמחה, ווי דער פסוק זאָגט (דה"א טז, כז) 'עוז וחדוה במקומו'.

**דער** זוהר הקדוש זאָגט (ח"ג קג:) 'תא חזי' - קום און זעה, ווען אַ איד זיצט אין די סוכה וואָס ווערט

---

וכסיל'. דאָס איז דער ציל פון דעם מענטשן'ס באַשאַף אויף דער וועלט, און ממילא טאָר מען נישט אַריינפאַלן אין יאוש ח"ו פון די נפילות, ווייל אין דעם באַשטייט דאָס חיות פון אַ איד אויף דער וועלט.

אַנגערופן 'צילא דמהימנותא'[כב] - דער שאָטן פון אמונה, טוט די שכינה אויסשפרייטן אויף איהם אירע פליגל פון אויבן[כג].

**עם** שטייט אין ספה"ק 'אוהב ישראל' (ליקוטים לסוכות) אַ כוונה אין די ווערטער פון זוהר, אַז דער ענין פון מצות סוכה איז, אַזוי ווי מיר זעהען אַ הינדל וואָס רופט צום ערשט אירע קינדער און זי גיט זיי צו עסן, און דערנאָך נעמט זי זיי אַריין אונטער אירע פליגל, דאָס זעלבע פירט זיך די הייליגע שכינה מיט אונז. ראש השנה און יום כיפור, פאַרשרייבט זי פאַר אונז פרנסה און אַ גוט לעבן, און נאָך דעם ווי זי באַשטימט פאַר אונז פרנסה, נעמט זי אונז אַריין אונטער אירע פליגל. דאָס איז דער ענין פון יום טוב סוכות, ווען די הייליגע מאַמע פון כלל ישראל - די שכינה הקדושה, באַדעקט אונז מיט אירע פליגל[כד].

**די** גמרא זאָגט (סוכה ד:) אַ טעם פאַרוואָס אַ סוכה וואָס איז נידעריגער ווי צען טפחים איז פסול, ווייל מ'לערנט עס אַרויס פון דעם וואָס חז"ל זאָגן אַז די שכינה האָט

---

**כב.** די גמרא זאָגט (סוכה ב.) 'אדם יושב בצל סוכה'. ווען אַ איד זיצט אין אַ סוכה, זיצט ער אין איר 'שאָטן'. אויך אין זוהר הקדוש (ח"ג קג:) ווערט די סוכה אָנגערופן 'צילא דמהימנותא'. דאַרף מען לכאורה פאַרשטיין, אַ 'שאָטן' מיינט, ווען דער מענטש זיצט נישט אונטער די זאַך וואָס גיט דעם שאָטן, נאָר אַביסל אָפּגערוקט דערפון, אַזוי ווי איינער וואָס שטייט נעבן אַ בוים, און דער שאָטן פונעם בוים שפרייט זיך אויס איבער איהם, אָבער דער מענטש וואָס זיצט אינעם סוכה, זיצט ער דאָך אונטער די סוכה, און נישט אונטער איר שאָטן?

ענטפערט דער הייליגער ראָפּשיצער רב זי"ע ('זרע קודש', ליל א' דסוכות) לויט ווי דער מדרש זאָגט (של"ה הקדוש, תולדות אדם, שער הגדול) אויף דעם פסוק (תהלים קכא, ה) 'ה' צלך', אַז פונקט אַזוי ווי ווען אַ מענטש מאַכט אַ באַוועגונג, קען ער עס זעהן אינעם שאָטן, אַזוי איז דער מענטש מעורר מיט זיין אויפפירונג אויף דער וועלט, אַז מ'זאָל זיך אַזוי פירן מיט איהם אויך אין הימל - מדה כנגד מדה.

זאָגט דער ראָפּשיצער רב זי"ע, אַז דאָס איז דער ענין פון מצות סוכה, צו מאַכן אַזוי ווי די 'סוכה העליונה'. און דערפאַר ווערט עס אָנגערופן 'צל סוכה', ווייל אונזער סוכה איז אַזוי ווי די סוכה אין הימל. דאָס מיינט, **דער מענטש גרייט צו אַ סוכה מיט העלצער און שטיינער אויף דער וועלט, און דורך דעם איז ער זוכה צו זיצן אין שאָטן פון די אויבערשטע סוכה אין הימל.** פירט אויס דער 'זרע קודש' זי"ע: **'והגם שאין ערך ודמיון כלל, עם כל זה מוכרח לומר כן'.**

**כג.** יעדער איד קען צוקומען צו די דאָזיגע הויכע מדריגה, אַפילו איינער וואָס באַטראַכט זיך אַלס אַ פשוט'ער מענטש. דער אַלטער סאַדיגערער רבי, הרה"ק רבי אברהם יעקב זי"ע, האָט געברענגט דערצו אַ ראיה פון דעם וואָס חז"ל דרש'ענען (סוכה יב.) אויפ'ן פסוק (דברים טז, יג) 'באספך מגרנך ומיקבך', אַז דער פסוק רעדט וועגן 'פסולת גורן ויקב' (מ'דאַרף מאַכן די סכך דערפון). דאָס לערנט אונז, אַז **אויך אַ 'פחות שבפחותים', דער נידעריגסטער מענטש וואָס איז אין דער בחינה פון 'פסולת', איז אויך זוכה צו אַן עלי' אין יום טוב סוכות, און ער ווערט אַזוי ווי די סכך, וואָס איז אַ חלק פון די סוכה, וואָס איז פול מיט די שמות הקדושים פון דעם אויבערשטען.**

די ספרים זאָגן אַ רמז אין די הלכה וואָס ווערט גע'פסק'ענט ביי די 'נענונים' פונעם לולב (סוכה לז:) 'מוליך ומביא, מעלה ומוריד'. דאָס איז אַ רמז אַז אויך איינער וואָס האָט זיך דערווייטערט צו זיין אַ 'מוליך', קען ער צוריק ווערן אַ 'מביא', און צוריקקומען צו זיין שורש אין די קדושה.

צדיקים האָבן געזאָגט וועגן די גרויסקייט פון די סוכה, אַז אויך אַ פשוט'ער מענטש ווערט הייליג פון די קדושה פון די סוכה. דאָס איז מרומז אין לשון פון די משנה (סוכה כב.) 'המעובה כמין בית', אַז אַ סוכה וואָס איר סכך איז געדעכט אַזוי ווי אַ הויז, איז כשר. דאָס איז מרמז, **אַז אויך אַ מענטש וואָס קומט אַריין אין די סוכה אין אַן אופן פון 'מעובה' - ער איז 'פאַרגרעבט' - ווערט ער הייליג דורך די סוכה**, וואָס ברענגט איהם צו אַ הויכע מדריגה מיט איר גרויסע קדושה.

פון דער אַנדערער זייט, האָט דער קאָצקער רבי זי"ע געטייטשט די ווערטער פון דער גמרא (סוכה כה:) 'מצטער פטור מן הסוכה'. וויבאַלד ער זיצט אין קודש הקדשים, אונטער'ן שאָטן פון די הייליגע שכינה, **ווי אַזוי קען אַ איד דעמאָלס שפירן אַ גשמיות'דיגן צער?** וועגן דעם איז ער פטור פון מצות סוכה.

**כד.** הרה"ק רבי הערשעלע זידיטשויב'ער זי"ע, בעל 'עטרת צבי', האָט געזאָגט אַז דאָס איז מרומז אין דעם פיוט (וואָס מיר זאָגן, תפילת נעילה ליוה"כ) 'יחביאנו צל ידו תחת כנפי השכינה'. **יום כיפור דערמאַנענען מיר און מיר בעטן פון דעם אויבערשטען אַ שמירה אין זכות פון מצוות סוכה.**

קיינמאָל נישט אַראָפּגעניִדערט אויף דער וועלט, נידעריגער פון צען טפחים. דאַרף מען פאַרשטיין די שייכות צווישן ביידע זאַכן (בפשטות איז דער פשט דערין, אַז מ'לערנט ארויס אַז נאָר אַן אָרט וואָס איז הויך צען טפחים, ווערט גערעכנט אַזוי ווי אַ באַזונדערער רשות פאַר זיך).

**זאָגט** הגה"ק רבי אברהם אזולאי זי"ע, אין זיין הייליגן ספר 'חסד לאברהם' און אַזוי זאָגט דער 'שפת אמת' (לסוכות, שנת תרמ"ב) אַז דאָס קומט אונז לערנען אַז די שכינה הקדושה רוהט אין יעדע אידישע סוכה, און דעריבער טאָר מען נישט בויען אַ סוכה נידעריגער פון צען טפחים, ווייל דאַן וועט דאָרט נישט רוהען די שכינה.

**אַזוי** זאָגט אויך די גמרא (סוכה ט.) 'כשם שחל שם שמים על החגיגה, כך חל שם שמים על הסוכה'. פונקט אַזוי ווי דעם אויבערשטען'ס נאָמען איז חל אויף דעם קרבן (עס ווערט 'הקדש', און מ'טאָר נישט הנאה האבן דערפון), אַזוי איז אויך חל דעם אויבערשטען'ס נאָמען אויף די סוכה[כה].

## מן הבאר

דער 'שם משמואל' זאָגט (שבת חוה"מ סוכות תרע"ג) אַ טעם פאַרוואָס מיר פירן **זיך נישט צו זאָגן 'שלום עליכם', פרייטאָג צו נאַכטס חול המועד סוכות**. זאָגט דער 'שם משמואל', לויט ווי זיין טאַטע, הרה"ק בעל 'אבני נזר' זי"ע, האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון זיינע רבי'ס, אַז אויב אַ מלאך קומט אַריין אין אַן אָרט וואו עס קומען זיך צוזאַמען צען אידן, ווערט דער מלאך בטל פון פחד ה', ווייל די גמרא זאָגט (סנהדרין לט.) 'כל בי עשרה שכינתא שריא' - איבעראל וואו עס געפינען זיך צען אידן, רוהט דאָרט די שכינה, און וועגן דעם קען דער מלאך דאָרט נישט בלייבן.

זאָגט דער 'שם משמואל', אַז לויט דעם קומט אויס אַז אַ מלאך קען נישט אַריינקומען אין די סוכה, צוליב דעם גרויסן פחד פון באַשעפער, ווייל דעם אויבערשטען'ס נאָמען רוהט אויף די סוכה, און ס'איז באַקאַנט אַז די אושפיזין זענען פיל גרעסער ווי די מלאכים, און ממילא איז נישט דאָ אַן אָרט פאַר אַ 'פּאַרמיטלער' (די מלאכים), ווייל **אין די סוכה האָט יעדער איד אַ גרויסע מעלה, וואָס אַ מלאך קען נישט צוקומען דערצו.** ער ווערט בטל פאַר די גרויסע קדושה וואָס רוהט דאָרט.

דער 'שם משמואל' פירט אויס אַז **דאָס איז אַ לימוד מוסר פאַר יעדן איד וואָס זיצט אין סוכה, ער זאָל וויסן מיט וועם און ווער עס איז מיט איהם אין די סוכה.**

הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע האָט אַמאָל געשמועסט וועגן דעם סדר פון זאָגן 'שלום עליכם', שבת חול המועד סוכות (פאַר די וואָס פירן זיך יאָ צו זאָגן), צי מ'איז מקדים 'אזמין לסעודתא' - איינצולאַדן די אושפיזין, אָדער מ'זאָל פריער זאָגן 'שלום עליכם' פאַר די מלאכים. האָט איינער פון די אָנוועזנדע חסידים זיך אָנגערופן צום רבי'ן, אַז מצד הסברא, וואָלט מען ערשט געדאַרפט זאָגן 'שלום עליכם', צוליב דעם כלל אַז 'תדיר ושאינו תדיר, תדיר קודם', און מיר זאָגן דאָך 'שלום עליכם' צו די מלאכים יעדן פרייטאָג צו נאַכטס.

האָט דער רבי זי"ע געזאָגט, אַז פון דעם איז נישט קיין ראיה, ווייל **ס'איז נישט גלייך דאָס זאָגן 'שלום עליכם' איין שבת, צום אַנדערן שבת.** דאָס אַריינקומען פון די מלאכים אין אַ אידישע שטוב פרייטאָג צו נאַכטס, ווענדעט זיך אין די הכנה וואָס דער מענטש האָט געמאַכט אין משך פון די זעקס טעג פון דער וואָך. וואָס מער ער האָט געדינט דעם אויבערשטען, קומען צו איהם העכערע און חשוב'ערע מלאכים, און ממילא, איז נישט שייך צו זאָגן אַז 'שלום עליכם' אין שבת איז 'תדיר', ווייל די מלאכים קומען יעדן שבת אויף אַן אַנדערן אופן.

און לגבי די עצם שאלה וואָס מ'זאָגט פריער, 'אזמין לסעודתא' פאַר די אושפיזין, אָדער 'שלום עליכם', האָט דער רבי זי"ע געזאָגט, אַז מ'זאָל ערשט איינלאַדן די אושפיזין, די הייליגע אבות צו זיצן מיט אונז אין סוכה, און דערנאָך טוט מען איינלאַדענען די מלאכים, ווייל ס'איז באַקאַנט אַז דער צדיק וואָס דרייט איבער זיין 'חומר' צו אַ 'צורה', האָט אַ גרעסערע מעלה ווי אַ מלאך, וואָס האָט אינגאַנצן נישט אַ 'חומר' און אַ גוף. וועגן דעם דאַרף מען מצד הדין איינלאַדענען די אושפיזין ערשט, איידער מ'טוט באַגריסן די מלאכים.

**כה.** נאָך מער: אין תורת כהנים (אמור, יב) איז דאָ אַ הוה אמינא, אַז יעדער איינער דאַרף בויען זיין סוכה אויפ'ן הר הבית, ווייל מ'דרש'ענט דעם פסוק 'חג הסוכות שבעת ימים לה'', איך וואָלט געוואָלט מיינען אַז ביידע, דער קרבן חגיגה, און די סוכה, זאָלן זיין 'לגבוה' (הקדש). טייטשט דער ראב"ד (שולי הגליון, שם), אַז דאָס מיינט אַז

**חז"ל** דרש'ענען (שהש"ר פ"ב יט) דעם פסוק (שה"ש ב, ו) 'שמאלו תחת לראשי וימינו תחבקני'. 'שמאלו תחת לראשי' גייט אַרויף אויף די סוכה, און 'וימינו תחבקני' איז מרמז אויף דעם וואָלקן פון די שכינה הקדושה לעתיד לבוא. זאָגט דער אריז"ל אין 'פרי עץ חיים' (שער חג הסוכות, פ"ד) לויט ווי די גמרא זאָגט (סוכה ז:) אַז דער שיעור פון אַ כשר'ע סוכה איז, צוויי ווענט 'כהלכתן', און די דריטע וואַנט קען זיין אַפילו אַ טפח. דאָס איז ענליך צו די צורה ווען אַ מענטש טוט אַרומנעמען און 'האַלדזן' זיין חבר, ווייל די האַנט פון אַ מענטש באַשטייט פון דריי טיילן: איין טייל איז נעבן די אַקסל, דער צווייטער טייל איז די האַנט זעלבסט, און דער דריטער טייל איז פון די פינגער. אַזוי טוט דער אויבערשטער כביכול 'האַלדזן' אידישע קינדער אין די סוכה מיט זיין רעכטע האַנט, דורך די דריי ווענט, ווען פאַר די דריטע וואַנט איז גענוג איין טפח. זעהט מען דאָ די גרויסע קירבה און ליבשאַפט וואָס ווערט נתעורר פון דעם אויבערשטען צו אידישע קינדער.

**עס** שטייט אין ספה"ק 'יסוד יוסף' (פרק ע"ז) אַז אַ איד וואָס זיצט אין סוכה און ער לערנט אָדער ער דאַווענט, זיצט ער ממש אין די עולמות העליונים. און אויף דעם זאָגט דער פסוק (ויקרא כג, מב) 'בסוכות תשבו שבעת ימים', אַז אין די טעג פון יום טוב סוכות, גייט דער מענטש אַריין אין די זיבן עולמות העליונים.

**ענליכע** ווערטער שרייבט דער 'יערות דבש' (ח"א דרוש ו'), אַז די סוכה איז אַזוי ווי אַ וואָלקן פון דעם אויבערשטען. און באַטש מ'זעהט עס נישט, איז עס אָבער קלאָר און אמת, אַז די אידן וואָס זיצן אין סוכה לשמה, כדי מקיים צו זיין מצוות סוכה, זיי לערנען תורה און פרייען זיך מיט דעם יום טוב, מיט די מצוה און די שמחה פון די ימים טובים, שוועבט דער וואָלקן פון דעם אויבערשטען העכער די סוכה. 'עין ראתה ותאשרונו'.

**גלייך** ביים אנהייב פון שו"ע (או"ח סי' א' ס"א), שרייבט דער רמ"א אַז מ'דאַרף אַלעמאָל געדענקן אַז מיר שטייען פאַר'ן מלך מלכי המלכים. און יעדער פאַרשטייט אַז דער אויפפירונג פונעם מענטש און זיינע באַוועגונגען און געשעפטן זענען גאר אנדערש ווען ער איז אַליין ביי זיך אינדערהיים, צו ווען ער געפינט זיך אין דער אָנוועזנהייט פון אַ גרויסן קעניג. ער רעדט אַנדערש ווען ער איז מיט זיין משפחה און זיינע קרובים, ווי ווען ער געפינט זיך נאָנט צום קעניג.

**קען** מען זאָגן, אַז כאָטש דער רמ"א רעדט וועגן די אויפפירונג פון אַ איד אַ גאַנץ יאָר, איז עס אָבער נאָך מער געזאָגט געוואָרן לגבי דעם ווען מ'זיצט אין די סוכה, ווייל דאַן זיצט מען אין דעם 'פּאַלאַץ' פונעם קעניג.

**אַזוי** שרייבט דער 'ראשית חכמה' (שער הקדושה פ"ד) אַז זיין רבי, דער הייליגער רבי משה קורדובארו זי"ע, האָט זיך געפירט אין יום טוב סוכות, צו רעדן אין די סוכה נאָר דברי תורה, ווייל די מצוה פון סוכה האָט אין זיך אַ גרויסע קדושה. אַ ראיה דערצו האָבן מיר, ווייל די העלצער פון די סוכה האָבן אין זיך אַ קדושה, און זענען אסור בהנאה, אַלע זיבן טעג פון דעם יום טוב.

**אַזוי** שרייבט אויך דער 'משנה ברורה' (סי' תרל"ט, סק"ב) אַז וויבאַלד די קדושה פון סוכה איז גאָר גרויס, דאַרף מען זעהן צו רעדן וואָס ווייניגער דברי חול אין די סוכה. מ'זאָל רעדן אין די סוכה נאָר ענינים פון קדושה און תורה, און אַוודאי דאַרף מען זיך היטן נישט צו רעדן אין סוכה לשון הרע, רכילות, און אַנדערע זאַכן וואָס מ'טאָר נישט רעדן.

---

מ'זאָל בויען אַ סוכה אויפ'ן הר הבית, און עס 'מקדיש' זיין פאַר דעם אויבערשטען - אַזוי ווי די קרבנות וואָס מ'איז מקריב אין בית המקדש. אבער מ'לערנט אַרויס פון פסוק 'חג הסוכות תעשה לך שבעת ימים', אַז די חגיגה איז 'הקדש', און די סוכה איז נישט 'הקדש'. על כל פנים, זעהען מיר אָבער פון דעם, **אַז די סוכה האָט אַזאַ קדושה, אַז חז"ל האָבן געהאַט אַ הוה אמינא אַז מ'זאָל דאַרפן בויען די סוכה דייקא אויף דעם אָרט פון בית המקדש, ווייל די קדושה פון סוכה איז אַזוי גרויס ווי די סוכה פון בית המקדש!**

דער 'פרי מגדים' שרייבט, אַז מ'טאָר נישט מאכן די סוכה פאר א 'קפנדריא', אַדורכצוגיין פון איין זייט צו דער אַנדערער זייט - פונקט ווי מ'טאָר עס נישט טוהן אין בית המקדש, און אַוודאי געוויס אַז מ'טאָר דאָרט נישט שפּילן.

צוליב דעם טעם ברענגען די מקובלים (פרי עץ חיים, שער חג הסוכות) אַז מ'זאָל מקפיד זיין צו עסן אין סוכה אויף אַ טיש וואָס האָט פיר פיס, ענליך צום 'שולחן הפנים', וואָס האָט געהאַט פיר פיס. **כאָטש מיר רעדן דאָ נישט להלכה למעשה, קען מען אָבער על כל פנים זעהן און פאַרשטיין, די קדושה פון בית המקדש וואָס רוהט אין די סוכה.**

**דער** 'ביכורי יעקב' (סי' תרל"ט סק"ב) שרייבט, אַז דער של"ה הקדוש זי"ע האָט אָנגעזאָגט, מ'זאָל נישט זיין אין כעס ווען מ'זיצט אין סוכה.

**וסוכה תהיה - די סגולות פון מצות סוכה**

**דער** ערשטער בעלזער רב הרה"ק מהר"ש זי"ע, האָט געזאָגט (געברענגט אין די הקדמה פון הרה"ק בעל 'חקל יצחק' מ'ספינקא זצ"ל הי"ד, צום ספר פון זיין טאטע, 'אמרי יוסף', בראשית, אות ב') אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין די הושענות ('אום אני חומה' וכו'), 'שואגים הושע נא'. פאַרוואָס שרייען מיר 'הושע נא'? מ'זאָגט דאָך (תפילת מוסף לימים נוראים), 'וכל מאמינים שהוא עונה לחש'. מיר גלייבן אַז דער אויבערשטער ענטפערט אויך אַ תפילה וואָס ווערט געזאָגט שטילערהייט. אויב אַזוי, פאַרוואָס דאַרפן מיר 'שרייען' צו דעם אויבערשטען, 'הושע נא'?

**ענטפערט** דער בעלזער רב זי"ע, אַז ראש השנה און יום כיפור דאַרף מען טאַקע דאַווענען שטיל, כדי די תפילה זאָל זיין באַהאַלטן פון די מקטרגים, זיי זאָלן עס נישט שטערן אָנגענומען צו ווערן דורך דעם באַשעפער. אָבער אין יום טוב סוכות, ווען מיר זיצן 'בצילא דמהימנותא', וואו די מקטרגים זענען נישט בכח אַריינצוקומען[כו], קענען מיר יאָ שרייען און בעטן דעם אויבערשטען ער זאָל אונז העלפן, ווייל עס איז נישט דאָ ווער עס זאָל שטערן אונזערע תפילות.

**מיר** געפינען טאַקע אַז די צדיקים אין אַלע דורות האָבן באַטאָנט די גרויסקייט פון מצות סוכה, אַז מ'קען דורך איר פּטור ווערן פון אַלע צרות און יסורים[כז], און זוכה זיין צו אַ גוט לעבן, מיט שמחה און כל טוב, לפרנסה טובה ולכלכלה.

---

**כו.** אַזוי זאָגט דער זוהר הקדוש (ח"ג ק: וואָס מ'זאָגט פאַר די תקיעות) אַז **ווען יעקב אבינו ע"ה איז אַנטלאָפן פון עשו הרשע, איז ער אַריינגעלאָפן אין די סוכה.**

**כז.** די מצוה פון סוכה, האָט וואונדערליכע סגולות צו העלפן אין אַלע ענינים.

**א.** אַ ישועה בכלליות, ווי דער 'שפת אמת' זאָגט (סוכות תרנ"ח, ד"ה 'במדרש'), דעם נוסח פון די ברכה וואָס מיר זאָגן ביי שמונה עשרה, 'מלך ממית ומחיה ומצמיח ישועה'. זאָגט דער 'שפת אמת', **'מלך ממית ומחיה'** איז מרמז אויף ראש השנה און יום כיפור, ווען דער אויבערשטער, מלך מלכי המלכים, זיצט אויף זיין שטול און ער טוט משפּט'ן אַלע זיינע באַשעפענישן צום לעבן. **'ומצמיח ישועה'** איז מרמז אויף דעם יום טוב סוכות, ווען **מ'קען פועל'ן ישועות אין אַלע ענינים וואָס מ'דאַרף האָבן, און בטל מאַכן אַלע שלעכטע גזירות.** דער גאַנצער משפט אין ראש השנה איז געווען אויפצושפּאָרן די דאָזיגע ישועה.

צוליב דעם זאָגן מיר 'הושענות' אין יום טוב סוכות, ווייל אין די געהויבענע טעג פונעם יום טוב קען מען זוכה זיין צו גרויסע וואונדערליכע ישועות.

**ב.** געראַטעוועט צו ווערן פון יעדן צער, ווי דער 'תפארת שלמה' טייטשט (מועדים, להושענא רבא), די ווערטער פון די גמרא (סוכה כה:) 'מצטער פטור מן הסוכה'. **די מצוה פון סוכה האָט די סגולה, אַז אין זכות פון די מצוה ווערט דער מענטש פּטור פון יעדן צער און צרה.**

דאָס איז אויך די כוונה פון דעם תנא אין די משנה (שם עמוד א') 'חולין ומשמשיהן פטורין מן הסוכה'. **דער מענטש ווערט פּטור פון יעדע קראַנקהייט און ווייטאָג אין זכות פון קיום מצות סוכה.** דורך די סוכה ווערט ער אויסגעהיילט מיט אַ רפואת הנפש און רפואת הגוף.

ווען מ'איז מקיים די מצוה פון זיצן אין סוכה, **צערייסט מען דעם גזר דין וואָס מ'האָט אויסגערופן אין די ימים נוראים**, ווי הרה"ק בעל 'ייטב לב' זי"ע האָט געזאָגט, אַז אויך אויב מ'האָט חלילה אָפּגעפּסק'ענט אויפ'ן מענטש 'חייב' ח"ו אין ראש השנה און יום כיפור, קען ער דורך מקיים זיין די מצוה פון סוכה, איבערדרייען די גזירה, אַז פון 'חייב' זאָל ווערן די ראשי תיבות פון **י**'עלזו **ח**'סידים **ב**'כבוד **י**'רננו (תהלים קמט, ה).

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז דער 'שפת אמת' (סוכות תרנ"ג, ד"ה 'איתא בזוה"ק'), דרש'ענט אויף דעם גאַנצן דערמאָנטן פסוק אויפ'ן יום טוב סוכות. דער 'שפת אמת' שרייבט, 'יעלזו חסידים בכבוד', איז אַ רמז אויף די 'ענני הכבוד' (וואָס די סוכה איז דאָך אַנטקעגן די 'ענני הכבוד' וואָס האָבן אַרומגענומען די אידן אַלע פערציג יאָר וואָס זיי זענען געווען אין מדבר). און אויף דעם איז דער פסוק מסיים: 'ירננו על משכבותם', ווייל די איינציגע מצוה וואָס דער מענטש איז מקיים מיט'ן שלאָפן, איז ווען ער שלאָפט אין סוכה.

**אויך** די עצם טעג פונעם יום טוב זענען טעג פון גרויס רחמים און חסדים, ווי דער ווילנער גאון זצ"ל זאָגט (׳קול אליהו׳, פ׳ אמור), אויף די ווערטער פון די גמרא (סוכה כח:) אַז אויב עס האָט געדונערט אין יום טוב סוכות, איז עס אַ משל ׳לעבד שמזג כוס לרבו׳ - אַ קנעכט וואָס גיסט אָן אַ גלאָז פאַר זיין האַר, און דער האַר באַגיסט איהם מיט אַ פלאַש וואַסער אויף זיין פנים.

**פרעגט** דער ווילנער גאון, פאַרוואָס זאָגט נישט די גמרא אַז עס איז אַ משל צו אַ קנעכט וואָס קומט ׳געבן׳ אַ גלאָז פאַר זיין האַר.

**ענטפערט** דער ווילנער גאון, ס׳איז דאָך באַקאַנט אַז ראש השנה און יום כיפור זענען טעג פון דין. דערנאָך קומט דער יום טוב סוכות, ווען ס׳איז אַ מצוה צו שאָקלען די ד׳ מינים און זיצן אין סוכה. דאָס זענען טעג פון רחמים, ממתיק צו זיין די דינים דורך די מצוות וואָס רינגלען אונז אַרום. אין די טעג פון יום טוב סוכות פילן מיר אָן אונזערע הענט מיט די ברכה... און ס׳איז באַקאַנט, אַז דער טייטש פון ׳מזיגה׳ איז, אַז מ׳טוט אויסמישן וואַסער מיט וויין, כדי אַביסל זיסער צו מאַכן די שאַרפקייט פונעם וויין, מ׳זאָל עס קענען טרינקען און נישט ווערן שיכור.

**דאָס** איז די כוונה פון דעם משל, מיט דעם קנעכט וואָס קומט ׳אויסמישן׳ (׳שמזג׳) אַ גלאָז פאַר זיין האַר. דאָס הייסט, בטל צו מאַכן די שאַרפקייט פון די דינים, עכ"ד.

**פון** די ווערטער פון ווילנער גאון זעהען מיר, אַז אויך אויב מ׳האָט פאַר׳משפט דעם מענטש צום שלעכטן ח"ו אין די ימים נוראים, זענען אידן בכח אין די טעג פון יום טוב סוכות, ממתיק צו זיין די גזירה, עס זאָל נמתק ווערן צו חסדים.

---

**ג.** אין זכות פון קיום מצות סוכה, איז מען זוכה צו אריכות ימים, ווי דער הייליגער ׳זרע קודש׳ זי"ע שרייבט (ליקוטים לסוכות, ד"ה ׳כל׳), אַז **דער וואָס איז מקיים מצות סוכה, איז זוכה צו אריכות ימים**. ער זאָגט אַז עס איז מרומז אין דעם פסוק ׳כל האזרח בישראל ישבו בסוכות׳. דאָס וואָרט ׳אזרח׳ באַטרעפט 216, אַזוי ווי ׳גבורה׳. דער אויבערשטער פאַרזיכערט די אַלע אידן וואָס זיצן אין סוכה, אַז זיי וועלן זוכה זיין צו זיין אַלטע אידן און עס וועט ביי איהם מקוים ווערן דער פסוק (תהלים צ, י) ׳ואם בגבורות שמונים שנה׳.

**ד.** אויך איז מען זוכה צו אַ גוטע פרנסה, ווי דער ׳תפארת שלמה׳ (לסוכות) זאָגט אויף די ווערטער פון די משנה (סוכה כח.) ׳מי שהיה ראשו ורובו בסוכה **ושלחנו בתוך הבית**׳. חז"ל זענען אונז דאָ מרמז, אַז **דורך דעם וואָס מ׳זיצט אין סוכה, איז מען ממשיך גוטע השפעות אויפ׳ן אייגענעם טיש אַ גאַנץ יאָר**. ער וועט האָבן פרנסה בריווח, און עס זאָל גאָרנישט פעלן ׳בתוך הבית׳ - אינעם הויז, במשך פונעם יאָר.

מיט דעם טייטשט דער ׳תפארת שלמה׳, אויך די גמרא (סוכה כט.) ׳מאני מיכלא בר במטלטלא׳. **אין זכות פון מצות סוכה, ווערט נמשך אַ שפע פון פרנסה פאַר יעדן איינעם**, אויך ווען מ׳געפינט זיך שוין ׳בר ממטללתא׳ - אינדרויסן פון די סוכה, אַ גאַנץ יאָר.

ה. מ׳איז זוכה צו שלום ושלוה, עס זאָל נישט הערשן מחלוקת ח"ו אין הויז, ווי דער ׳כף החיים׳ שרייבט (סי׳ תרכ"ו סק"ו) אין נאָמען פון ספר ׳יפה ללב׳ (ח"ה, אות ג) אַז דער וואָס איז מקיים מצות סוכה כתיקונה, איז פאַרזיכערט אַז ער וועט נישט האָבן אַ קריגעריי אין זיין הויז אַ גאַנץ יאָר.

אַזוי שרייבט דער ׳סגולות ישראל׳ (מערכת מ, אות יח) אויך לגבי לערנען מסכתא סוכה, אַז **דער וואָס וויל אָפּגעהיטן ווערן פון מחלוקת, זאָל ער לערנען מסכת סוכה**. ער גיט צו, אַז דאָס איז מרומז אין דעם פסוק (תהלים לא, כא) ׳תצפנם **בסוכה מריב** לשונות׳. ווען מ׳לערנט מסכת סוכה, ווערט מען געראַטעוועט פון קריגערייען.

אַזוי ווערט אויך געברענגט אין נאָמען פון הייליגן ראָפּשיצער רב זי"ע (ספר ׳דרכי חיים ושלום׳), אַז ער האָט אַ גאַנץ יאָר געלערנט מסכת סוכה, און ער האָט געזאָגט אַז דער לימוד פון די מסכתא איז מסוגל צו האָבן שלום מנוחה און שלום ביי זיך אין הויז, און אין דעם זכות איז מען זוכה צו די גאולה שלימה, ווען מיר וועלן זוכה זיין צו ׳הפורש סוכת שלום עלינו ועל כל עמו ישראל ועל ירושלים׳.

ו. מ׳איז זוכה צו אַ הארה פון קדושה, ווי דער ׳שפת אמת׳ שרייבט (סוכות תרל"ז, ד"ה ׳מצות׳), אַז די מצוה פון סוכה ברענגט אַ ברכה און אַ הארה פון קדושה אויף די דירה פונעם מענטש. ער טייטשט דעם פסוק, ׳למען ידעו דורותיכם׳. ׳דורותיכם׳ איז פון לשון ׳דירה׳. **וויבאַלד מצות סוכה איז אין די דירה, בלייבט פון איר אַ ברכה פאַר די דירה פון מענטש אויפ׳ן גאַנצן יאָר.**

# הושענא רבא

**ביום הושענא יחתמון - זוכה זיין צו אַ גוט קוויטל**

**דער** זוהר הקדוש זאָגט[כח] (ח"א, רב. בתרגום), אַז אין ראש השנה שרייבט מען די 'קוויטלעך', און זיי געפינען זיך אין דעם איבערשטען'ס אוצר. אויב דער מענטש איז זוכה צו תשובה טוהן, צערייסט מען דעם ברייוו. דערנאָך האָט דער אויבערשטער צוגעגרייט יום כיפור אַלס אַ טאָג פון תשובה. אויב דער מענטש האָט תשובה געטוהן איז גוט, און אויב נישט, באַפעלט דער אויבערשטער אַז מ'זאָל אונטערשרייבן די ברייוו. אויב דער מענטש האָט זוכה געווען און געטוהן תשובה, אָבער ס'איז נישט בשלימות, וואַרט מען פאַר איהם ביז'ן לעצטן טאָג וואָס דאָס איז שמיני עצרת, דער לעצטער טאָג פון יום טוב סוכות. דעמאָלס, אויב ער האָט זוכה געווען און תשובה געטוהן, צערייסט מען די ברייוו, און אויב נישט, גייען אַרויס די קוויטלעך פונעם קעניג'ס הויז, און מ'גיט זיי איבער אין די הענט פון די ממונים מקיים צו זיין דעם פסק. דאַן קומען זיי שוין נישט צוריק צום קעניג, נאָר זיי ווערן פאַקטיש אויסגעפירט.

**זעהען** מיר פון די ווערטער פון זוהר הקדוש, אַז הושענא רבא איז אַ 'יום הדין', אַזוי ווי ראש השנה און יום כיפור.

**און** כאָטש פון די ווערטער פון זוהר הקדוש איז לכאורה משמע, אַז די קוויטלעך ווערן איבערגעגעבן אין שמיני עצרת, נישט הושענא רבא, זאָגט שוין דער אר"י הקדוש זי"ע ('שער הכוונות', ענין סוכות, דרוש ו) אַז די 'קוויטלעך' ווערן באמת איבערגעגעבן אין הושענא רבא, נאָר די שליחים האָבן נישט קיין רשות צו טוהן קיין שום זאַך ביז שמיני עצרת. אויב דער מענטש טוט נאָך דעמאָלס תשובה, צערייסט מען באַלד יענע צעטלעך[כט].

**כח.** די מסדרים פון 'תיקון ליל הושענא רבא' האָבן אויסגעשטעלט דעם סדר, צו זאָגן די אויבן-דערמאַנטע ווערטער פון זוהר ביים **סוף** פון דער נאַכט, אָבער באמת איז גוט צו לערנען דעם זוהר **אָנהייב** נאַכט. דאַן וועט מען צוגיין צו די הייליגע נאַכט אויף גאָר אַן אַנדערן אופן.

## מן הבאר

דער גאון רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל זאָגט ('הליכות שלמה', סוכות, ע' רמא) אַ טעם פאַרוואָס עס ווערט נישט דערמאַנט אין תורת הנגלה וועגן די גרויסקייט פון דעם טאָג הושענא רבא, אַז עס איז דער טאָג פון די חתימה און גמר דין, ווייל אין די פריערדיגע דורות האָט אַזאַ ידיעה, אַז עס איז אַ יום הדין, געקענט גורם זיין צו שטערן אידן פון מקיים זיין די מצוה פון 'ושמחת בחגך'. צוליב דעם האָבן חז"ל נישט דערמאַנט אַז הושענא רבא איז אַ יום הדין, אָבער וויבאַלד שפּעטער זענען די דורות געוואָרן שוואַכער און שוואַכער, און מ'ציטערט שוין סיי-ווי נישט אַזוי פאַר דעם יום הדין, און פון דער אַנדערער זייט, האָבן חז"ל געוואָלט אַז **אידן זאָלן פאַרשטיין אויסצונוצן דעם שעת הכושר תשובה צו טוהן,** וועגן דעם האָבן זיי אונז אַנטפּלעקט די הייליגקייט פון דעם טאָג, אַז עס איז דער טאָג פון דעם גמר החתימה.

מ'קען זאָגן נאָך אַ פשט, אַז באמת, אין די פריערדיגע דורות איז עס יאָ געווען באַקאַנט פאַר די ערליכע אידן, חסידים ואנשי מעשה אַז עס איז אַ יום הדין, אבער זיי האָבן געוואוסט ווי אַזוי איבערצובעטן דעם אויבערשטען **אויך מיט שמחה,** ווייל די שמחה איז געטוהן געוואָרן מיט פחד און יראה פאַר'ן באַשעפער (אין דער בחינה פון 'שמחתי מתוך יראתי'), און אַזוי האָבן זיי מבטל געווען אַלע דינים. אָבער אין די לעצטע דורות, וואָס זענען שוין שוואַכער ווי די פריערדיגע דורות, איז דאָ אַ חשש אַז פון די שמחה וועט מען קומען צו קלות ראש ח"ו, צוליב דעם האָט מען געדאַרפט מער מזרז זיין אידן, און פאַר דעם האָבן חז"ל אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז הושענא רבא איז אַ יום הדין.

**כט.** נאָר ס'זענען דאָ דעות צווישן די מקובלים, אויב די שליחים האָבן רשות שוין ביי **עלות השחר** פון שמיני עצרת, אָדער ערשט ביי **תפילת מוסף.**

**אַזוי** שרייבט דער 'ריקנטי' אין זיין פירוש על התורה (פ' שלח) אַז עס זענען דאָ קהילות וואו מ'זאָגט 'ביום הושענא יחתמון'. דאָס מיינט, מ'האָט געזאָגט אינעם פיוט 'בראש השנה ישפוטון, וביום צום כיפור יכתבון, וביום הושענא יחתמון'.

**דער** גאון רבי יהונתן אייבעשיץ זי"ע שרייבט אין זיין ספר 'יערות דבש' (ח"א, דרוש ו'), אַז די 'בינוניים' ווערן בכלל נישט אויפגעשריבן אין ראש השנה. זייער כתיבה איז אין יום כיפור, און זייער חתימה איז צען טעג שפּעטער, ליל הושענא רבא. און דאס איז טאקע דער טעם פארוואס הושענא רבא ווערט נישט דערמאנט אין די תורה, ווייל די תורה איז געזאָגט געוואָרן בכלליות פאַר צדיקים און ערליכע אידן, וואָס זייער חתימה איז אין יום כיפור.

**דער** 'סדר היום' שרייבט (סדר יום הושענא רבא) אַז וויבאַלד עס איז אַ מורא'דיגער טאָג, ווען מ'פאַרזיגלט אַלע ספרים, און די פסקי דין ווערן געגעבן אין דער האַנט פון יעדן משטין (מקטרג), דעריבער דאַרף מען פאַרמערן אין דעם טאָג צו טוהן צדקה און תפילה ותחנונים, כדי מעורר רחמים צו זיין אין הימל אַז מ'זאָל רחמנות האָבן אויף אונז, און מ'זאָל אונז פאַרשרייבן אין דעם ספר פון לעבן, און אין דעם ספר פון די צדיקים צו אַ גאולה און ישועה.

**הושענא** רבא, איז דאָך איינער פון די פיר טעג וואָס דער של"ה הקדוש זי"ע ברענגט (אָנהייב פון זיין פירוש אויף מסכת ראש השנה) אין נאָמען פון די קדמונים, אַ סימן אין פסוק (עמוס ג, ד) 'אריה שאג מי לא יירא'. 'אריה' איז די ראשי תיבות פון 'א'לול ר'אש השנה י'ום הכיפורים ה'ושענא רבא. דאָס הייסט, אַז אויך אין הושענא רבא שרייט דער 'לייב', אַז מ'זאָל תשובה טוהן, און 'מי לא יירא' - ווער ציטערט דען נישט דעמאָלס פון פחד הדין[ל].

**אויך** איז עס אַ טאָג פון מחילת עוונות, אַזוי ווי יום כיפור, ווי דער 'מטה משה' ברענגט (סימן תתקנז) פון חז"ל, אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אברהם אבינו ע"ה, איך בין אַ יחיד און דו ביזט אַ יחיד. איך וועל געבן פאַר דיינע קינדער איין טאָג מוחל צו זיין זייערע עבירות, דאָס איז הושענא רבא. דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אברהם אבינו, אויב דיינע קינדער וועלן נישט האָבן אַ כפרה אין ראש השנה, וועלן זיי עס האָבן אין יום כיפור, און אויב נישט, וועלן זיי האָבן זייערע כפרה אין הושענא רבא[לא]...

**דער** זוהר הקדוש זאָגט (ח"ג לב.) אַז אין די נאַכט פון הושענא רבא קען יעדער מענטש זעהן אויף זיין שאָטן וואָס עס וועט פּאַסירן מיט איהם דורכ'ן יאָר. אויב דער שאָטן זעהט אויס ווי עס פעלט דערפון וועט ער האָבן נישט גוטע פּאַסירונגען רחמנא ליצלן, און אויב זיין שאָטן איז פול, וועט ער זוכה זיין צו אַ גוט יאָר.

די דערמאנטע ווערטער פון זוהר הקדוש ווערן געברענגט אין 'רוקח' (הלכות סוכה, אות רכא), אַז דאָס וואָס ס'איז נגזר געוואָרן אין ראש השנה און אונטערגעשריבן געוואָרן אין יום כיפור, ווייזט דער שאָטן אין הושענא רבא.

**זאָגט** דער 'רוקח' אַ טעם, ווייל די גמרא זאָגט דאָך (ר"ה טז.) אַז אין יום טוב סוכות ווערט די וועלט גע'משפט אויף וואַסער (דאָס מיינט, פרנסה), און וועגן דעם, איז אין די נאַכט פריער, דאַרף מען זעהן וויפיל מענטשן דאַרפן האָבן פרנסה אין קומענדיגן יאָר. מ'ווייזט עס אינעם שאטן, און דאַן (אויב דער שאָטן ווייזט אַזוי) זאָגן די

---

**ל.** עס ווערט געברענגט אין ספר 'הליכות שלמה' (סוכות, ע' רמא) אַז ביים גאון רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל איז ליל הושענא רבא, שוין פון אָנהייב נאַכט געווען די גאַנצע הנהגה פונעם רב **באימה וביראה, ממש אַזוי ווי אין די ימים נוראים.** רוב שעה'ן פון דער נאַכט האָט רבי שלמה זלמן געזאָגט תהלים מיט גרויס התעוררות. אויך ווען ער איז שוין געווען אויף די עלטערע יאָרן, איז ער עטליכע מאָל אויפגעשטאַנען פון בעט און פאַרגעזעצט צו זאָגן תהלים. ער האָט אויך מזרז געווען זיינע בני בית צו זאָגן אסאַך תהלים. אַסאַך יאָרן האָט ער געדאַוונט שחרית 'וותיקין'.

ער שרייבט אויך, אַז עס איז געווען זייער נישט ניחא פאַר רבי שלמה זלמן דער פאַקט וואָס מענטשן פלעגן קומען אין דעם נאַכט צו באַזוכן (מקיים צו זיין 'קבלת פני רבו ברגל'), און אַז ס'איז עמיצער יאָ געקומען, האָט ער מיט איהם גערעדט זייער קורץ און תיכף נאָכ'ן שמועס, האָט ער פאַרגעזעצט צו זאָגן תהלים.

**לא.** דער 'מחבר' שרייבט (סי' תרס"ד, ס"א) אַז מ'צינדט אַביסל מער לעכט, **אַזוי ווי יום כיפור.**

מלאכים, יענער וועט דאָך נישט לעבן ח"ו, ממילא דאַרף ער נישט האָבן וואַסער און פרנסה[לב].

**דער** רמ"א ז"ל שרייבט אבער (סי' תרס"ד ס"א) אַז מ'דאַרף נישט קוקן דערויף, כדי דאָס מזל זאָל נישט זיין שלעכט ח"ו. אויך ווייל אַסאַך מענטשן פאַרשטייען נישט דאָס ענין געהעריג, און ס'איז פיל בעסער צו זיין אַ 'תמים' און נישט נאָכפאָרשן די צוקונפט, ע"כ.

**עס** איז אָבער קלאָר, אַז מיר האַלטן יעצט ביים סוף פונעם משפט, און דער גאַנצער 'עתיד' אין קומענדיגן יאָר הבאה עלינו לטובה שטייט יעצט אויפ'ן וואָגשאָל. ס'איז נאָך אַלץ מעגליך צו תשובה טוהן און זוכה זיין צו פאַרשריבן ווערן צו אַ זיס לעבעדיג יאָר[לג].

### אבינו אתה - טאַטע! איך האָב נישט אויף וועמען זיך אָנצוהאַלטן נאָר אויף דיר

**עס** שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ג לב.), אַז די 'ערבה' איז ענליך צו די ליפן פון מענטש, ווייל **הושענא רבא** (וואָס ווערט גערופן 'יום ערבה'), ווענדעט זיך אַלעס אינעם מויל[לד]. כל זמן ס'איז נאָך נישט געזוען דער גמר דין, קען מען נאָך אַלץ ראַטעווען זיך און אַלע ארום[לה].

---

**לב.** מ'טאָר אָבער נישט אַריינפאַלן אין יאוש און עצבות ח"ו, ווייל עס איז באַקאַנט וואָס עס שרייבט דער 'ספר חסידים' (סי' תמ"ב) אַז ס'איז געווען איינער וואָס האָט הושענא רבא ביינאַכט נישט געזעהן דעם שאָטן פון זיין קאָפּ, און ער און זיינע גוטע פריינט האָבן געפאַסט אַסאַך תעניתים, און ער האָט געטיילט אַסאַך צדקה, און ער האָט דערנאָך געלעבט אַסאַך יאָרן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (משלי יא, ד) 'וצדקה תציל ממות'.

**לג.** אַ טאַטע וואָס האָט לײַדער פאַרלוירן אַ קינד רח"ל ביי אַ 'שפּאַציר' וואָס דער מלמד האָט געמאַכט מיט די תלמידים, איז געשטאַנען ביי די לוי' און אנגעהויבן דעם הספד זאָגענדיג הויך: איך באַשולדיג נישט דעם מלמד! האָבן באַטייליגטע ביי די לוי' געמיינט אַז ער גייט יעצט באַשולדיגן דעם מנהל. דאַן האָט דער טאַטע פונעם קינד געזאָגט: איך באַשולדיג אויך נישט דעם מנהל! האָבן אַלע געטראַכט, ווער ווייסט וועמען ער גייט דאָ יעצט באַשולדיגן. צום סוף האָט דער צובראָכענע טאַטע געזאָגט: **איך באַשולדיג נאָר זיך אַליין, פאַרוואָס איך האָב נישט פאַרגאָסן גענוג טרערן פאַר'ן באַשעפער אין דער צייט ווען די ספרי חיים און ... זענען געווען אָפן. דעמאָלס האָב איך געדאַרפט מער מתפלל זיין.**

**אחי ורעי! מ'דאַרף יעצט האָבן שכל, איידער מ'פאַרזיגלט דעם גזר דין, קען מען נאָך אַלעס ממתיק זיין.**

**לד.** דאָס מיינט מען דעם כח פון תפילה, וואָס מ'זאָגט מיט די ליפן.

מיר האָבן געהערט אַ מורא'דיגע מעשה פון איינעם פון אונזער חבורה אין חיפה, אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט ביי איהם. זיין זעקס-יעריג יונגל האָט געליטן שוין אַ יאָר צייט אויף די אויגן (זיינע אויגן זענען זיך 'צוזאַמענגעקומען', וואָס מ'רופט אויף ענגליש Crosseyed). די עלטערן זענען געגאַנגען מיט'ן קינד צו דאָקטוירים, וואָס האָבן פּרובירט איהם העלפן אויף פאַרשידענע וועגן (ספּעציעלע אויגן-גלעזער, און אַנדערע מיטלען), אָבער זיי האָבן גאָרנישט אויפגעטוהן.

אין חודש תמוז תשפ"ד, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז די איינציגע עצה איז צו מאַכן אַן אָפּעראַציע אויף די אויגן פונעם קינד, און ער האָט באַשטימט די אָפּעראַציע אויף דאָנערשטאָג, ח' תשרי תשפ"ה, צוויי טעג פאַר יום כיפור. זונטאָג פאַר ראש השנה, כ"ו אלול תשפ"ד, האָט דער דאָקטאָר נאָך אַמאָל אונטערזוכט דאָס קינד, און אויך דאָס מאָל האָט ער געזאָגט אַז מ'וועט מוזן אָפּערירן דאָס קינד.

ערב ראש השנה האָט דער טאַטע צוזאַמענגענומען די גאַנצע משפחה, און זיי דערציילט די מעשה פון סלאָנימער רבי'ן, הרה"ק בעל 'נתיבות שלום' זצ"ל, אַז ער איז אַמאָל זומער געווען זייער נישט געזונט ל"ע און מ'האָט איהם געוואָלט אָפּערירן, אָבער דער 'נתיבות שלום' האָט געבעטן דעם דאָקטאָר אָפּצולייגן די אָפּעראַציע אויף נאָך די ימים נוראים, ווייל **מיט די תפילות פון די הייליגע טעג קען מען אַלעס פועל'ן**, אַפילו אַז מ'זאָל אינגאַנצן נישט דאַרפן אָפּערירן. נאָך די הייליגע טעג, ווען דער 'נתיבות שלום' איז נאָך אַמאָל געקומען צום דאָקטאָר, האָט זיך אַרויסגעשטעלט ביי די טעסטן אַז ער איז אינגאַנצן געזונט געוואָרן ב"ה און מ'האָט בכלל נישט געדאַרפט מאַכן די אָפּעראַציע.

אַזוי האָט דער פאָטער פונעם קינד געזאָגט צו די משפחה, און צוגעגעבן: אויך מיר וועלן בעטן ראש השנה פאַר אונזער קינד און ברידער, אַז ער זאָל נישט דאַרפן אַריבערגיין די אָפּעראַציע אויף די אויגן. אַזוי האָבן מיר ביידע טעג ראש השנה דערמאָנט איין מאָל און נאָך אַמאָל די מעשה מיט'ן 'נתיבות שלום', און מיר האָבן מתפלל געווען פאַר אונזער קינד אַז ער זאָל נישט דאַרפן אַדורכגיין די אָפּעראַציע.

**מ'קען** זעהן עד היכן הדברים מגיעים, פון די ווערטער פון דעם 'רוקח' (הל' סוכות, אות רכא) אַז בית דין פלעגט מעבר זיין די חדשים לויט'ן צורך, כדי הושענא רבא זאָל נישט אויסקומען אין שבת, ווייל מ'פלעגט דעמאָלט מתפלל זיין אויף וואַסער, און עס איז נישט אויסגעהאַלטן עס צו טוהן אין שבת.

**פון** דעם זעהען מיר ווי גרויס עס איז דער טאָג פון הושענא רבא, אַז מ'שטופּט אָפּ אַלע ימים טובים פונעם 'ירח האיתנים', חודש תשרי, ראש השנה און יום כיפור, אַלעס כדי הושענא רבא זאָל נישט אויסקומען אין שבת, און חז"ל זאָגן דאָך, 'מי נדחה מפני מי, הוי אומר קטן נדחה מפני גדול'...

**נאָך** מער, מיר זעהען אַז חז"ל האָבן נישט חושש געווען גורם צו זיין אַז ראש השנה זאָל אויסקומען אין שבת, וואָס דורך דעם איז מען מבטל די מצוה פון תקיעת שופר אין שבת. זיי האָבן נאָר געזאָרגט אַז הושענא רבא זאָל נישט זיין שבת.

**זעהען** מיר פון דעם די גרויסע מעלה פון די תפילות פון אידישע קינדער אין דעם טאָג פון הושענא רבא - עס איז אַזוי ווי 'פיקוח נפש' ממש - ביז עס קען נישט אויספאַלן אין שבת. ממילא, דאַרף מען שטאַרק בעטן אין דעם הייליגן טאָג, ווייל דער גאַנצער מהות פונעם מענטשנ'ס לעבן ווענדעט זיך אין דעם טאָג.

**דער** 'שפתי צדיק' ברענגט (הושענא רבא, אות לב) אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, מיר געפינען ביי די 'נערה המאורסה', אַז אפילו אויב זי איז געווען געצוואונגען, ווערט זי באַשטראָפט מיט אַ האַרבע שטראָף 'על דבר אשר **לא צעקה**' (דברים כב כד). פון דעם זעהט מען אַז ווען דער מענטש קען

---

און וואונדער איבער וואונדער: מ'האָט געזעהן די ישועה למעלה מדרך הטבע. מאָנטאָג נאָך ראש השנה, ה' תשרי תשפ"ה נאָכמיטאָג, איז מען געגאַנגען מיט'ן קינד צום אויגן-דאָקטאָר, און דער דאָקטאָר האָט אויסגעדרוקט זיין שטוינונג פון **אַ זאַך וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהן אין זיין לעבן**. דער גרעסטער טייל פון די 'פזילה' איז אַראָפּגעגאַנגען, און מ'האָט נישט געדאַרפט אָפּערירן דאָס קינד... ווי עס ווייזט אויס, איז אַלעס 'פלוצלינג' פאַרשוואונדן... דאָס קינד איז מער נישט געווען 'קראָסאייד' (מיר האבן שוין פאריאר געברענגט דא, די דאָקומענטן פונעם דאָקטאָר, ווי ער באַשטימט די אָפּעראַציע אויף כ"ו אלול תשפ"ד, און אַ וואָך שפּעטער, ה' תשרי תשפ"ה, האָט ער צוריקגעצויגן דערפון).

**לה.** דער הייליגער 'דברי חיים' פון צאַנז זי"ע האָט געזאָגט, אַז 'הושענא רבא' קען מען טייטשן אויף דריי אופנים, און אַלע דריי זענען אמת: **א.** מיר בעטן דעם 'גרויסן' ('רבא') באַשעפער ברוך הוא, ער זאָל אונז העלפן. **ב.** דער אויבערשטער זאָל העלפן די אידן, וואָס ווערן גערופן 'בני בכורי ישראל' (שמות ד, כב). **ג.** דער אויבערשטער זאָל אונז העלפן מיט אַ גרויסע ישועה ('רבא'), מיט די גאולה שלימה במהרה בימינו.

## מן הבאר

ביים קאַרלינער רבי'ן הרה"ק רבי אברהם אלימלך זצ"ל הי"ד, האָט אַמאָל פּאַסירט אַז הושענא רבא ביינאַכט, איז ער אַריינגעקומען אין בית המדרש און געזעהן צוויי יונגעלייט שמועסן צווישן זיך. האָט ער זיי געזאָגט: 'מסתמא רעדט איר דאָ גאָר וויכטיגע זאַכן וואָס מ'קען עס נישט אָפּשטופּן, אָבער פונדעסטוועגן, **וואָלט געווען בעסער אויב איר וואָלט גערעדט וועגן דעם אינמיטן 'כל נדרי', ענדערש ווי אין די היינטיגע הייליגע נאַכט'...**

דאָס איז דערפאַר, ווייל הושענא רבא איז וויכטיגער מתפלל צו זיין אַפילו ווי אין יום כיפור.

עטליכע יונגעלייט 'מבקשים', זענען אַמאָל הושענא רבא ביינאַכט צוגעגאַנגען צו דעם באַקאַנטן חסיד רבי אליהו ראָטה זצ"ל (מנקיי הדעת שבירושלים און דער משמש בקודש פון הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע), און איהם געזאָגט אַז זיי ווילן הערן פון איהם אביסל דברי חיזוק. האָט רבי אליהו זיך אָנגערופן צו זיי מיט אַ 'קאָך':

**- יעצט איז נישט די צייט אַפילו פאַר חיזוק שמועסן. נעמט שנעל אַ תהלים אין האַנט, און הייבט אָן בעטן... ווייל מ'דאַרף אויסנוצן יעדע רגע. די צייט ברענט ווי אַ פייער, און מ'טאָר נישט פאַרפאַסט אַזאַ געהויבענעם שעת הכושר.**

שרייען און ער שרייט נישט, איז עס אין גדר פון אַ 'רצון' [און ס'ווערט נישט באַטראַכט ווי אַן 'אונס' - געצוואונגענערהייט]. ממילא, דאַרף מען שרייען הושענא רבא צום באַשעפער: 'הושענא'[לו]. אַז מ'שרייט, ענטפערט דער אויבערשטער זיכער, און יעדער איינער איז מחויב צו שרייען כאָטש ער ווייסט נישט וואָס ער דאַרף האָבן

---

**לו.** **עס ווערט דערציילט** (אין ספר 'מאריה דארעא דישראל', תולדות הגאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל גאב"ד ירושלים), **וועגן דעם** גאון רבי ישעי' ברדאקי זצ"ל, וועלכער איז געווען פון די גרינדער פונעם ישוב אין ירושלים עיה"ק. ווען ער איז אַרויפגעקומען מיט די שיף קיין ארץ ישראל צוזאַמען מיט זיינע צוויי קליינע קינדער, אַ זון און אַ טאָכטער, איז די שיף צובראָכן געוואָרן אינמיטן וועג, ווען זיי זענען שוין געווען נישט ווייט פון די ברעגן פון ארץ ישראל, און זיי זענען געווען געצוואונגען אַריינצושפּרינגען אין ים, און שווימען אויפ'ן וואַסער. האָט דער טאַטע, רבי ישעי', גענומען אויף די הענט זיינע צוויי קליינע קינדער, און פּרובירט שווימען צוזאַמען מיט זיי... נאָך אַ קורצע צייט האָט ער אָבער געשפּירט ווי די כוחות לאָזן זיך איהם אויס, און ער האָט פאַרשטאַנען אַז אויב ער וועט פּאָרזעצן צו האַלטןביידע אויף די הענט, וועלן אַלע דריי חלילה דערטרינקען ווערן אינעם ים. אין יענע שווערע מינוטן, האָט ער אַריינגעקלערט אין די הלכה, ווער פון זיי ס'איז וויכטיגער, און וועמען ער דאַרף מפקיר זיין פאַר'ן צווייטן. צום סוף איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז צו ראַטעווען דעם זון איז פריער ווי צו ראַטעווען זיין טאָכטער, ווי עס איז מבואר אין די פוסקים.

איידער ער האָט אָבער נאָכגעלאָזט זיין האַנט פון זיין טאָכטער, האָט ער איר געזאָגט מיט אַ צובראָכן און ציטערדיג האַרץ, איך האָב מברר געווען די הלכה, און כדי צו ראַטעווען כאָטש צוויי נפשות, מוז איך דיך איבערלאָזן אַליין... ווען דאָס קליינע מיידל האָט דאס געהערט, האָט זי אָנגעהויבן שרייען: **'טאַטע... טאַטע... איך האָב נישט אויף וועמען זיך אָנצוהאַלטן נאָר אויף דיר, צי וועסטו מיך איבערלאָזן און אַריינוואַרפן אין ים?'** (זי האָט געמיינט אַרויסצוברענגען, האָב רחמנות אויף מיר, אָן צו 'טראַכטן חשבונות', אַז על פי דין ביזטו מחויב אַזוי צו טוהן). הערנדיג אירע ווערטער, איז דער טאַטע אויפגעציטערט געוואָרן, און האָט אָנגעהויבן שרייען צום באַשעפער ער זאָל זיך דערבאַרימען און ראַטעווען אַלע דריי נפשות. ער האָט טאַקע באַלד געשפּירט ווי ער באַקומען נייע שטאַרקע כוחות, און מיט דעם כח איז ער צוגעשוואומען מיט די צוויי קינדער צום ברעג, און אַלע דריי זענען ב"ה געבליבן לעבן.

אין ירושלים האָט מען געטייטשט דעם פסוק (תהלים סח, לה) 'תנו עוז לאלוקים'. **מיט אונזערע תפילות, גיב מיר אַ כח פאַר דעם אויבערשטען כביכול אונז צו העלפן מיט אַ ישועה.**

דאָס איז אויך מרומז אין פסוק (שם קלא, ב) 'כגמול עלי אמו כגמול עלי נפשי', טייטשט רש"י: 'הנני עליך כמו שאין לו ידים ורגלים כגולם מוטל לנגדך, כגמול שהוא נתון עלי אמו נפשי בקרבי לנגדך כיונק על שדי אמו' - **איך בין אויף דיר אַזוי ווי איינער וואָס האָט נישט קיין הענט און פיס ח"ו, ווי אַ גולם וואָס ליגט פאַר דיר, אַזוי ווי אַ קינד וואָס שפּייזט זיך פון דעם וואָס זיין מאַמע גיט איהם צו עסן.**

**הושענא רבא, ווען מיר שרייען 'הושענא', ווי אַ קינד וואָס שרייט 'טאַטע, העלף', זענען מיר ביכולת צו פועל'ן אַלע סאָרטן ישועות, אָן צו מאַכן חשבונות וואָס עס קומט אונז על פי דין, נאָר ער וועט אונז העלפן מיט זיין גרויס רחמנות.**

דאָס איז וואָס מיר שרייען אויס אין דעם טאָג, **הושע נא והושיעה נא 'אבינו אתה'**. מיר האָבן דאָך נישט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, נאָר אויף אונזער ליבן טאַטן אין הימל. אַז מיר וועלן אַזוי שרייען, וועלן מיר אַוודאי געהאָלפן ווערן מיט 'הושענא רבא'...

מיר האָבן שוין דערציילט, אַז הרה"צ רבי יהודה לייב סלאָנים זצ"ל (פאָטער פון הרה"ק רבי מאָטיל סלאָנים זצ"ל) איז אַמאָל געפאָרן פון טבריא קיין סלאָנים, צו זיין רבי'ן, הרה"ק בעל דברי שמואל זצ"ל. פאָרנדיג צוריק אויף די באַן פון סלאָנים קיין אָדעס, פון וואו ער איז געפאָרן קיין ארץ ישראל מיט די שיף, האָט רבי יהודה לייב באַקומען גרויסע יסורים ל"ע צוליב אַן אַטאַקע פון די מערידין רח"ל. אַ איד וואָס האָט זיך געפונען אויף די באַן, האָט באַמערקט אויף רבי יהודה לייב אַז ער שפּירט זיך נישט גוט, און ער האָט איהם געפרעגט וואָס עס קומט פאַר מיט איהם. האָט רבי יהודה לייב געענטפערט אַז ער האָט גרויסע יסורים רח"ל. האָט דער איד געזאָגט: **"הוא יקראני, אבי אתה"** (תהלים פט, כז), **אין יעדן מצב וואָס אַ איד געפינט זיך, אויב ער שרייט, "טאַטע, העלף!", איז ער זוכה צו אַ ישועה פון דעם באַשעפער:** "קלי וצור ישועתי".

האָט רבי יהודה לייב שפעטער דערציילט, אַז תיכף נאָך דעם ווי ער האָט געהערט די ווערטער פון דעם איד'ס מויל, איז איהם בעסער געוואָרן ב"ה. אַרויפגייענדיג אויף דער שיף, האָט רבי יהודה לייב זיך איינגע'חזר'ט די ווערטער: "**הוא יקראני אבי אתה, טאַטע'ניו העלף!**", און ער האָט צוגעגעבן, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ לייכטע נסיעה ווי דאַן.

אין תל-אביב האָט געוואוינט אַ גערער חסיד, ר' יוסף פאַלעך ע"ה, וועלכער האָט אין שליחות פון הרה"ק בעל "לב שמחה" זצ"ל אויפגעטוהן גאָר אַ סאַך פאַר אידישקייט אין תל-אביב. ער פלעגט פאַרלערנען שיעורים פאַר אידן אין אַ ישיבה וואָס ער מייסד געווען אין צפון תל-אביב.

שבת שובה תשס"ט איז ר' יוסף פאַלעך נפטר געוואָרן. איינער פון די מנחמים וואס איז געקומען אין דער וואָך פון די 'שבעה' האָט דערציילט פאַר ר' יוסף'ס קינדער, ווי פאָלגענד:

- ענקער טאַטע, ר' יוסף, פלעגט **יעדן טאָג** פאַרלערנען דעם שיעור, אויך ווען ס'איז געווען אַ שווערער וועטער. אַמאָל איז געווען גאָר אַ שווערער וועטער, און ר' יוסף איז געגאַנגען מיט מסירות נפש פאַרלערנען דעם שיעור, אָבער ער האָט געטראָפן נאָר איין איד. גייט ר' יוסף אַרויס אינדרויסן זוכן אידן וועמען מ'קען אַריינרופן צום לערנען, אָבער אין יענע געגענט - וואו עס דרייען זיך נישט צופיל אידן מיט רבינו תם'ס תפילין, און אויך נישט מיט רש"י'ס תפילין ... - איז נישט אַזוי לייכט געווען צו טרעפן אַ איד וואָס זאָל וועלן קומען לערנען. אַזוי האָט ר' יוסף זיך געוואָנדן צו איין איד, און צו נאָך אַ איד, אָבער אַלע האָבן איהם אויסגעלאַכט.

איז ר' יוסף אַרויפגעגאַנגען אין אַ בנין קעגן-איבער, און אָנגעקלאַפּט אויף איינעם פון די טירן. ווען יענער האָט נישט געענטפערט, איז ר' יוסף צוריק אַרויס אויף דער גאַס. ווען ער האָט אָבער ווייטער נישט געפונען קיינעם וואָס זאָל וועלן קומען לערנען, איז ר' יוסף פאַלעך ווידעראַמאָל אַרויפגעגאַנגען און אָנגעקלאַפּט אויף דער טיר פון דער זעלבער דירה, און ווען קיינער האָט נישט געענפערט, האָט ר' יוסף געקלאַפּט שטאַרקער, און נאָך שטאַרקער, ביז עמיצער האָט געעפענט די טיר. דער איד האָט אויסגעזעהן מאוימ'דיג, און אויף זיין פראַגע וואָס ער וויל, האָט ר' יוסף געזאָגט, אַז אין ישיבה ווערט פאַרגעלערנט אַ שיעור אין גמרא.

פרעגט דער איד ר' יוסף'ן: "ווער האָט דיך אַהער געשיקט?!". זאָגט ר' יוסף, ס'איז דאָ אַ שיעור אין גמרא אין ישיבה, אפשר ווילסטו קומען לערנען?... פרעגט דער איד ווייטער מיט כעס: "ווער האָט דיך אַהער געשיקט?". דאָס האָט זיך אַזוי איבערגע'חזר'ט עטליכע מאָל, ביז דער איד האָט אים אַריינגעשלעפּט אין די דירה, און פאַרשפּאַרט די טיר. דער איד פרעגט איהם ווידער, ווער האָט דיך אַהער געשיקט? איך גיב דיר דריי מינוט צייט צו ענטפערן...

נאָך דריי מינוט, קומט דער איד און פירט איהם אַריין אין אַ צימער, און ער ווייזט איהם ווי אַ שטריק הענגט אַראָפּ פון דאַך. דאַן זאָגט ער איהם:

- הער זיך איין, איך בין צוקריגט מיט מיינע עלטערן שוין פערציג יאָר, און איך זיץ שוין דאָ אַליין אין דער דירה. קיינער האָט נאָך קיינמאל נישט געקלאַפּט אויף מיין טיר אין לויף פון די אַלע יאָרן (קיין גבאי צדקה זענען נישט דאָ אין יענע געגנט...). איך שפּיר נישט קיין טעם אין לעבן, נישט בגשמיות און נישט ברוחניות. היינט האָב איך צוגעגרייט דעם שטריק, זיך צו נעמען דאָס לעבן רח"ל. איך דריי זיך שוין דאָ צוויי שעה, און איך האָב געבעטן ביי דעם אויבערשטען, "אויב ס'איז דאָ אַ ג-ט אויף דער וועלט, ווייז מיר כאָטש אַ צייכן". און דאָ, פלוצלינג, האָסטו געקלאַפּט אויף די טיר, און **איך האָב שוין געהאָנגען אויפ'ן שטריק**, און ווען איך האָב געהערט קלאַפּן, בין איך צוגעלאָפן צו די טיר, אָבער ביז איך בין צוגעקומען צו די טיר, ביזטו שוין נישט דארט געווען, האָב איך זיך ווייטער צוגעבונדן צום שטריק, אָבער איך האָב ווייטער געבעטן דעם באַשעפער, אויב ס'איז דאָ אַ ג-ט אויף דער וועלט, ווייז מיר עפּעס אַן אות חיים. אָבער אין דער לעצטער מינוט, האָסטו ווייטער געקלאַפּט אויף דער טיר...

פון דעם האָט דער איד געזעהן אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט, ער איז געוואָרן אַ בעל תשובה, און היינט איז ער אַ וואוילער איד. דער בעל המעשה האָט אויסגעפירט, "דאס בין איך געווען"! אַדאַנק ענקער טאַטע רבי יוסף פאַלעך ז"ל, האָב איך זיך אומגעקערט צום באַשעפער.

זעהט פון דעם אַ מוסר השכל, דער מענטש מיינט, איך טוה גאָרנישט, ווער איז יאָ דאָ ביים שיעור, און ווער נישט, אָבער דער גרעסטער לימוד דערפון איז, אַ אַפילו אַזאַ פושע ישראל, אַן אוכל נבילות וטריפות, וואָס האָט זיך געפונען בשפל המצב, אָבער אַז **ער האָט געשריגן צום באַשעפער**, "**רבונו של עולם, ווייז מיר אַן אות חיים**", **איז דער "אות חיים" אָנגעקומען** אין דער געשטאַלט פון ר' יוסף פאַלעך.

און וואָס עס פעלט איהם, פונדעסטוועגן זאָל ער שרייען סתם 'הושע נא'.

**והושיענו אלוקי ישענו - די גרויסקייט און סגולות פון די ערבות**

**הרה"ק** בעל 'אמרי נועם' זי"ע שרייבט (הוש"ר, אות ד) אַ רמז אין דעם וואָס מ'פירט זיך הושענא רבא אַראָפּצונעמען די רינגלעך פונעם לולב (טושו"ע סי' תרס"ד ס"א), ווייל דער פסוק זאָגט (אסתר ח, ב) 'ויסר המלך את טבעתו אשר העביר מהמן ויתנה למרדכי'. אינעם קעניג'ס רינגל געפינט זיך אַ זיגל, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (שם פסוק ח) 'וחתמו בטבעת המלך'. איבעראַל וואו עס שטייט 'המלך' אין דער מגילה, גייט עס אַרויף אויף דעם אויבערשטען. איז דער פסוק מרמז, אַז דער אויבערשטער ברוך הוא גיט איבער זיין זיגל פאַר די צדיקים, און ער זאָגט זיי, 'כתבו על היהודים וחתמו כטוב בעיניכם' - איר קענט שרייבן אויף די אידן און אונטערשרייבן עס, ווי עס געפעלט אייך.

**זאָגט** דער 'אמרי נועם', דער לולב איז מרמז אויף'ן אויבערשטען (ויק"ר פ"ל, ט). ווען מען נעמט דעם אַראָפּ פונעם לולב דעם רינגל, צו ווייזן אַז דעם זיגל פון הושענא רבא, סיי לזכות און סיי חלילה פאַרקערט, גיט דער אויבערשטער איבער צו די אידן, צו טוהן דערמיט וואָס זייער האַרץ גליסט.

**הושענא** רבא זוערן בטל אַלע דינים, ווי ס'איז מרומז אין די משנה (סוכה מה.) אַז דער פלאַץ פון וואו מ'האָט גענומען די ערבות האָט זיך געפונען אונטער ירושלים, און עס האָט געהייסן 'מוצא'. דאָרט איז מען אַראָפּגעפאָרן און מ'האָט געברענגט פון דאָרט גרויסע בינטלעך מיט ערבות.

---

ממילא, **ווען מיר שרייען 'הושע נא והושיעה נא אבינו אתה', דאַרפן מיר גלייבן אַז דער אויבערשטער הערט אונזער געשריי, און ער וועט אונז אַוודאי ווייזן אַן 'אות חיים', און מיר וועלן זוכה זיין צו אַ זיס לעבטיג יאָר.**

הושענא רבא זאָגן מיר אין די הושענות, 'אני והו הושיעה נא'. דערנאָך בעטן מיר, 'אנא הושיעה נא'. דערנאָך בעט מען ווייטער, 'אנא א-ל נא, הושע נא והושיעה נא', און צום סוף זאָגט מען 'אנא א-ל נא, הושע נא והושיעה נא אבינו אתה'.

זאָגט הרה"ק בעל 'דברי שמואל' מ'סלאָנים זי"ע ('ליקוטי אמרים', אות יג), אַ טעם פאַר דעם אריכות און שינוי אין דעם לשון, מיט אַ משל, אַ קעניג האָט פאַרטריבן זיין זון פון זיין פּאַלאַץ צוליב אַ געוויסע עוולה וואָס ער איז באַגאַנגען. מיט דער צייט, זענען די קליידער פונעם זון געוואָרן צעריסן און פאַרשמירט. איז דער זון נתעורר געוואָרן צו פּרובירן צוריקקומען צו זיין טאַטן. וויבאַלד ער האָט געדאַרפט האָבן געלט צוריקצופאָרן אַהיים צו זיין טאַטן'ס קעניגליכן פּאַלאַץ, איז ער געגאַנגען זאַמלען נדבות. ער האָט זיך אָבער געשעמט צו זאָגן אַז ער איז דער זון פונעם קעניג. מענטשן האָבן איהם געגעבן זייערע נדבות, אַזוי ווי מ'גיט פאַר יעדן קבצן און 'ארחי פרחי'. ער האָט דאָך אָבער יאָ געוואוסט אַז ער איז דער זון פונעם קעניג, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אַ קליינע נדבה, און האָט געבעטן אַ גרעסערע נדבה. האָבן די מענטשן איהם געגעבן אַ גרעסערע נדבה. ער האָט אָבער נאָך אַלץ זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען. אַזוי האָט ער זיך געוואַלגערט ביז ער איז אָנגעקומען צו זיין טאַטן'ס פּאַלאַץ. ווען ער האָט אויך דאָרט געבעטן אַ נדבה, און זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אַ קליינע נדבה, האָט דער קעניג איהם געפרעגט פאַרוואָס ער וויל נישט נעמען די נדבה. האָט דער זון געענטפערט, אַז ער איז אַ 'קרוב' פונעם קעניג, און ממילא קומט איהם מ'זאָל איהם געבן אַזוי ווי מ'געט פאַר אַ 'קרוב'. האָט דער קעניג איהם געגעבן אַ שיינע נדבה, אָבער ער האָט ווייטער גע'טענה'ט, אַז ער איז 'גאָר אַ נאָנטער קרוב' פונעם קעניג, און עס פּאַסט נישט פאַר איהם צו נעמען וואָס מ'גייט פאַר אַ 'ווייטן קרוב'. צום סוף האָט ער זיך שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן, און ער האָט אויסגעשריגן פון טיפן האַרץ צו זיין טאַטן דעם קעניג: **'דו ביזט דאָך מיין טאַטע'...!**

דער נמשל איז, הושענא רבא, שעמען מיר אין אָנהייב צו בעטן, און וועגן דעם זאָגן מיר נאָר 'הושיעה נא', העלף אונז מיט אַן אומזיסטע מתנה, אָבער שפּעטער, בעטן מיר שוין מער, אַזוי ווי אַ קרוב, און מיר זאָגן דעריבער, 'הושע נא והושיעה נא', ביז צום סוף שרייען מיר אויס: 'אנא א-ל נא, הושע נא והושיעה נא **אבינו אתה**', און וויבאַלד מיר זענען דיינע קינדער און דו ביזט אונזער פאָטער, האָט דאָך די נתינה וואָס דו דאַפסט אונז שענקען, נישט קיין גרעניץ... וויפיל דו וועסט אונז געבן, וועט נישט זיין גענוג לויט דעם גרויסן רחמנות וואָס אַ טאַטע האָט אויף זיין קינד...

**זאָגט** די גמרא, אַז דאָס פלאַץ ווערט אָנגערופן 'מוצא', 'אידי דמיפק מכרגא דמלכא'. וויבאַלד עס איז געווען פריי פון באַצאָלן שטייערן פאַר די מלוכה, דערפאַר איז עס גערופן געוואָרן 'מוצא'.

**זאָגט** דער ערלויער רב, הגאון רבי שמעון סופר זצ"ל הי"ד, אין ספר 'שיר מעון', אַ רמז אין דעם וואָס דאָס פלאַץ איז געווען פטור פון שטייערן, אַז דאָס מיינט מען די 'שטייערן' וואָס מ'איז שולדיג פאַר'ן מלך מלכי המלכים הקב"ה. דאָס הייסט, די יסורים וואָס זענען נגזר געוואָרן אויף'ן מענטש צו ליידן ח"ו, ווערט מען פטור דערפון אין הושענא רבא, ווי דער אריז"ל שרייבט (שער הכוונות', סוכות, דרוש ח'), און דער מקור דערפון איז אין זוהר הקדוש (פ' צו, לא:), אַז הושענא רבא ווערן בטל אַלע דינים[לז], ווען מ'טוט אויסקלאַפּן די פינף ערבות, און ממילא איז מער נישט דא קיין 'כרגא דמלכא' - 'שטייערן' צו באַצאָלן, און צוליב דעם טעם, האָט מען געקליבן די הושענות פון דעם אָרט 'מוצא', מרמז צו זיין אַז אין דעם טאָג ווערט מען פטור פונעם 'כרגא דמלכא'.

**אַזוי** שרייבט אויך הרה"ק בעל 'בית אהרן' זי"ע (דף קמב:), אַז מיטן אויסקלאַפּן די ערבה אין הושענא רבא, טוט מען כדי ממתיק צו זיין די דינים, און אַז עס זאָל נשפע ווערן חסדים אויף דער וועלט.

**אויף** אַן אַנדער אָרט (דף יז:), שרייבט דער 'בית אהרן': ספּעציעל הושענא רבא, דאַרף מען זייער שטאַרק תשובה טוהן בשעת'ן קלאַפּן די ערבה, ווייל דעמאָלס איז דער גמר פון די חתימה, און דער מענטש דאַרף זייער שטאַרק תשובה טוהן פאַר דעם אויבערשטען, און דורך דעם באַשאַפט ער אַ נייע באַשעפעניש, ווי באַקאַנט, אַז 'ערבה' באַטרעפט 277, אַזוי ווי דאָס וואָרט 'זרע', און דאָס וואָרט 'עזר' - הילף פון הימל[לח].

**לז.** דער 'מנורת המאור' שרייבט, איך האָב געהערט אַז **די ערבה פון הושענא רבא האָט אין זיך די סגולה פאַר אַ שמירה אויף'ן וועג**, ווען מ'האָט אין זינען בשעת'ן קלאַפּן, אָפּצוהיטן צו ווערן פון סכנת דרכים.

דער 'ליקוטי צבי' (עניני תפילת הדרך) ברענגט אין נאָמען פון אַ קדמון, אַז אויב מ'געפינט זיך אין אַ סכנה ח"ו אויף'ן וועג, איז אויב מ'האָט מיט זיך אַן אויסגעקלאַפּטע ערבה איז גוט, און אויב נישט, **זאָל מען זיך דערמאָנען וואו מ'האָט עס אַוועקגעלייגט, און מ'זאָל זאָגן 'אני והא הושיעה נא', וועט מען זעהן ניסים.**

דער 'כף החיים' ברענגט אין נאָמען פונעם ספר התניא, אַז **מ'פלעגט אַוועקלייגן די אויסגעקלאַפּטע ערבות צוקאָפּענס פונעם בעט, אַרויסצואווייזן ליבשאַפט פאַר די מצוה.**

מ'קען פון דעם לערנען אַ 'קל וחומר', אויב איינער האַלט ביי זיך די אויסגעקלאַפּטע ערבה און ער זאָגט 'אני והו הושיעה נא', זעהט ער ניסים און עס איז אַ שמירה אויף'ן וועג, איז דאָך אַ **'קל וחומר, בן בנו של קל וחומר', אַז ווען מ'האַלט אין דער האַנט דאָס בינטל מיט די ערבות אין הושענא רבא, און מ'זאָגט 'אני והו הושיעה נא', איז אַודאי אַ שעת הכושר משפיע צו זיין אויף'ן מענטש אַ שמירה פון הימל אין אַלע ענינים.**

אין צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה, האָט דער גאון בעל 'אור שמח' זצ"ל געטיילט פאַר אידישע סאָלדאַטן וואָס האָבן געדאַרפט אַרויסגיין קעמפן אויף'ן פראַנט, פון די אויסגעקלאַפּטע ערבות פאַר אַ שמירה, געראַטעוועט צו ווערן פון יעדע סכנה ביי די שלאַכטן. די אידישע זעלנער וואָס האָבן באַקומען די ערבות פונעם 'אור שמח', זענען טאַקע צוריקגעקומען געזונט און שטאַרק פון די מלחמה.

אויך איז כדאי אַראָפּצוברענגען וואָס עס ווערט געברענגט אין 'ספר המידות', אין נאָמען פון ספר 'יפה ללב', **אַ סגולה קעגן פחדים ביי קינדער וכדומה, נאַכט שרעק אָדער פון חלומות, אַז מ'זאָל באַהאַלטן פון די ערבות צוקאָפּענס און מ'זאָל שלאָפן דערויף, וועלן אַלע פחדים פאַרשווינדן.**

**לח.** הרה"ק רבי מאיר'ל פרעמישלאַנער זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט מוסר פאַר אַ געוויסן פאַרשוין. האָט יענער געענטפערט חוצפה'דיג, דער רבי איז דאָך אין דער בחינה פונעם 'אתרוג', וואָס האָט אַ טעם און אַ ריח, און איך בין אַזוי ווי די 'ערבה', וואָס האָט נישט קיין טעם און נישט קיין ריח, אָבער סוף כל סוף, קען מען נישט שאָקלען מיט'ן אתרוג - זאָל ער אַפילו זיין אַ 'מהודר שבמהודרים' - אויב מ'טוט עס נישט צוזאַמענבינדן מיט די 'ערבה'... ממילא, איז דאָך נישט קיין חילוק צווישן מיר און דעם רבי'ן. ביידע דאַרפן מיר אָנקומען איינער צום אַנדערן... האָט הרה"ק רבי מאיר'ל איהם געענטפערט, 'אויף זיין שפּראַך':

- דער חילוק צווישן אונז ביידן איז אָבער זייער קלאָר און פשוט: ריכטיג טאַקע, אַז לכתחילה איז אַוודאי ראוי אַז מ'זאָל זיך צוזאַמענבינדן צו טוהן דעם אויבערשטען'ס רצון, אָבער ווען דער רשע טיילט זיך אָפּ פונעם ציבור

# שמיני עצרת ושמחת תורה

עכבו יום אחד - די געוואַלדיגע נאָנטקייט צום באשעפער אין שמנ"ע

**דער** זוהר הקדוש זאָגט (ח"ג לב.) אַז די דינים ענדיגן זיך אין הושענא רבא, און עס פאַנגען זיך אָן די ברכות, ווייל אין שמיני עצרת זענען אידן אָנגעגרייט זיך משתעשע צו זיין מיט'ן קעניג[לט], צו באַקומען פון איהם ברכות אויפ'ן גאַנצן יאָר, און ביי די גרויסע שמחה, געפינען זיך נאָר די אידן אַליין.

**דער** זוהר הקדוש פירט אויס: 'ומאן דיתיב עם מלכא ונטל ליה בלחודיה, כל מה דבעי שאיל ויהיב ליה' - און יעדער וואָס זיצט אַליין מיט'ן קעניג, איז אַלעס וואָס ער וויל, קען ער בעטן און דער קעניג וועט ערפילן זיין בקשה.

**גאָר** וואונדערליכע ווערטער שרייבט דער רמ"ע מפאנו זצ"ל (מאמר חיקור הדין, ח"ב, סוף פכ"ו) אַז דאָס וואָרט 'חג' איז אויך טייטש אַ רינג ('חוגה', און 'עיגול'), וואָס דרייט זיך אַרום אַן אינעווייניגסטע און צענטראַלע נקודה, און דעריבער ווערט שמיני עצרת נישט אָנגערופן 'חג' (שו"ע או"ח סי' תרס"ח), ווייל אַלע אַנדערע ימים טובים 'דרייען' זיך אַרום די נקודה פון שמיני עצרת, ווייל ער איז אַ קדושה וואָס איז העכער פון אַלע קדושות, אַפילו פון די קדושה פון יום כיפור, און עס איז נישט שייך עס אָנצורופן אַ יום טוב.

**אויף** די ווערטער פונעם רמ"ע מפאנו, איז מוסיף דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע (דרשות, סוכות תקפ"א, ד"ה 'והיית'), אַז די קדושה פון שמיני עצרת איז אַנדערש פון די קדושה פון יום כיפור, ווייל די קדושה פון יום כיפור קומט דורך 'עינוי הנפש', ווען דער מענטש פאַסט, אָבער די קדושה פון שמיני עצרת קומט דורך שמחה, און עס איז אין דער בחינה פון 'מה יפית ומה נעמת אהבה בתענוגים' (שה"ש, ז, ז), ווייל אהבת ה' דורך פאַסטן, אַזוי ווי יום כיפור, איז אַ קלענערע מדריגה ווי די אהבה פון שמיני עצרת וואָס קומט דורך שמחה. בכלל, איז דער אַכטער טאָג אַליין אַזוי ווי יום כיפור [ווייל אין ביידע, ברענגט מען פאַר אַ קרבן מוסף נאָר איין 'פר' פאַר אַ חטאת], און פונדעסטוועגן, איז זיין קדושה גרעסער ווי די קדושה פון יום כיפור - דורך שמחה - ווען דער גרויסער קעניג - מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא - פרייט זיך מיט די אידן.

**לויט** דעם, זאָגט דער 'חתם סופר' אַ טעם פאַרוואָס שמיני עצרת איז אַנדערש פון אַלע ימים טובים, וואָס זייער קדושה שטייט אויף אַ מצוה, ווי דער קרבן

---

און ער באַהעפט זיך מיט אַזעלכע חברה ווי ער איז, נעמט מען דאָס גאַנצע בינטל מיט ערבות און מ'קלאַפּט עס אויס אין דער ערד, ביז עס בלייבט גאָרנישט איבער פון זיי...

**לט.** דער 'שפת אמת' שרייבט, אַז אין יום טוב סוכות זיצן מיר אין סוכה אונטער דעם סכך וואָס איז אַזוי ווי אַ 'חופה', וואָס דער אויבערשטער טוט אויסשפרייטן זיין חופה אויף אונז, אָבער אין שמיני עצרת איז עס אַזוי ווי דער 'יחוד' נאָך די חופה [זעה אויך אין 'בני יששכר' (תשרי מאמר י, אות י) וואו ער רעדט אַרום איבער די גרויסקייט פון די נאָנטקייט און ליבשאַפט וואָס ס'איז דאָ אין שמיני עצרת, וואָס דאָס מויל קען עס גאָרניטש אַרויסזאָגן, צוליב זייער גרויסע קדושה].

זאָגט דער 'שפת אמת', אַז ביי אַלע ימים טובים האָט די תורה אונז אָנגעזאָגט (דברים טז, טז) 'שלוש פעמים בשנה יראה כל זכורך וגו', ולא יראה את פני ה' ריקם', ווייל דאָס קומען פונעם מענטש פאַר דעם אויבערשטען איז נישט באַוויליגט אויב ער קומט מיט ליידיגע הענט, נאָר כדי אַ מענטש זאָל קענען מקבל זיין די הייליגע שכינה, דאַרף ער פריער באַוויליגן דעם אויבערשטען מיט קרבנות כדי נאָנט צו ווערן מיט איהם, אָבער **אין שמיני עצרת, דאַרף מען גאָרנישט טוהן כדי צוצוליי‍גן באַוויליגונג צו דערנענטערן אידישע קינדער צום באַשעפער אין הימל, נאָר דאָס עצם אָנקומען פונעם טאָג איז די שמחה און דער ריצוי פאַר דעם אויבערשטען**, 'כדי שאהנה מכם' - כדי איך זאָל געניסן פון אייך.

פסח אין יום טוב פסח, דער קרבן פון 'שתי הלחם' אין יום טוב שבועות, שופר אין ראש השנה, עינוי הנפש אין יום כיפור, און די מצוות פון לולב און סוכות אין יום טוב סוכות, און אויך איז דער עיקר פון זייער מצוה נאָר בייטאָג, וועגן דעם האָט די תורה געהייסן מ'זאָל זיך פרייען מיט די מצוות פון די אַנדערע ימים טובים, בייטאָג פון יום טוב, אָבער די קדושה פון שמיני עצרת איז נאָר דורך די שמחה פונעם מענטש, וואָס ער פרייט זיך מיט'ן אויבערשטען ברוך הוא, און ער שטייט נישט אויף אַ ספעציעלע מצוה, און וועגן דעם האָבן חז"ל געדרש'ענט (סוכה מה.) מרבה צו זיין אַז מ'איז מחויב זיך צו פרייען אויך אין די נאַכט פון שמיני עצרת.

**אויך** זאָגט דער זוהר הקדוש (ח"א רח:) אויפ'ן פסוק (בראשית מה, א) 'ולא עמד איש אתו בהתודע יוסף אל אחיו', אין דער צייט ווען דער אויבערשטער טוט זיך מייחד זיין מיט אידישע קינדער, קענען די אַנדערע פעלקער נישט אַריינגיין מיט זיי, און וועגן דעם זאָגט דער פסוק (במדבר כט, לה) 'ביום השמיני עצרת תהיה לכם', ווייל אין דעם זמן געפינט זיך דער אויבערשטער אין איין חבורה מיט די אידן אַליין (עיין שם).

**דער** 'שפת אמת' זאָגט (שמ"ע תרל"ב, ד"ה ח' ימי) אַז די קדושה פון שמיני עצרת איז אַ 'מעין' פון די קדושה פון לעתיד לבוא.

**דער** רמב"ן ז"ל שרייבט אין זיין פירוש על התורה (פרשת אמור) אַז טעם פאַרוואָס מ'שאקלט נישט לולב און אתרוג אין שמיני עצרת: שמיני עצרת דאַרף מען נישט נעמען דעם 'פרי עץ הדר', ווייל דער טאָג אַליין איז אין אַ בחינה פון 'הדר'! כאָטש מיר האָבן נישט קיין השגה אין די טיפקייט פון די הייליגע ווערטער פונעם רמב"ן, אָבער מיר זעהען דאָ פון זיינע ווערטער, אַז דער טאָג פון שמיני עצרת איז אַ 'הדר שבהדרים', און דער 'ספר החינוך' זאָגט אַ טעם פאַרוואָס מ'שאָקלט נישט לולב אין שמיני עצרת, ווייל 'יום שמיני עצרת כולו לה'' - דער טאָג איז אינגאַנצן פאַר דעם אויבערשטען.

### עננו ביום קראנו - שמנ"ע און שמח"ת זענען מסוגל אַנצונעמען אַלע תפילות

**חז"ל** זאָגן (ילקוט שמעוני פ' פנחס, רמז תשפב) אויפ'ן פסוק 'ביום השמיני עצרת תהיה לכם', פאַרוואָס דאַרף מען זיך אויפהאַלטן נאָך אַ טאָג? זאָגט רב, עס איז אַ משל צו אַ קעניג וואָס האָט געפראַוועט אַ יום טוב, זענען געקומען זיינע באַדינער און איהם אָפּגעגעבן כבוד. עס זענען געקומען זיינע בני בית און איהם אָפּגעגעבן כבוד. האָט די 'מטרונא' זיי געזאָגט ברמז, אַזוי לאַנג ווי ער גייט אַן מיט אייך, קענט איר בעטן אייערע באַדערפענישן פונעם קעניג. דאָס זעלבע טוט די תורה מרמז זיין פאַר די אידן, יעצט קענט איר נאָך בעטן אייערע באַדערפענישן.

**דאָס** מיינט, אַז די טעג פון שמיני עצרת און שמחת תורה, זענען מסוגל אַנצונעמען אַלע תפילות פון אידישע קינדער, און משפיע זיין גוטע השפעות אויפ'ן גאַנצן יאָר הבא עלינו לטובה, ווי דער זוהר הקדוש זאָגט 'כל מה דבעי שאיל ויהיב ליה' - מ'קען בעטן וואס מ'וויל מ'גיט עס איהם.

**ממילא,** טאָר מען נישט פאַרפאַסן דעם שעת הכושר און דעם ספעציעלן עת רצון, ווייל צוליב די גרויסע ליבשאַפט וואס ווערט נתעורר ביי דעם אויבערשטען פאַר זיינע ליבע אידישע קינדער, ערפילט ער אַלע זייערע פאַרלאַנגען, און מיר זענען אַזוי ווי אַ קינד וואָס בעט זיך ביי זיין טאַטן, און ער ערפילט זיין בקשה.

**דער** 'יסוד יוסף' שרייבט (פרק עט) אַז עס איז אַ מנהג ישראל אַרויסצונעמען אַלע ספרי תורה פון ארון הקודש, כדי אַרויסצואווייזן די גרויסע ליבשאַפט צו דעם אויבערשטען ברוך הוא, אַזוי ווי אַ טאַטע וואָס האָט ליב זיין זון, און ער עפענט פאַר איהם אַלע זיינע באַהאַלטענע אוצרות, ער האַלט גאָרנישט צוריק פון איהם. דאָס זעלבע ווייל דער אויבערשטער משפיע זיין אויף אונז אַלע הייליגע אורות, אויף אַן אופן אַז אויך מיר זאָלן זיין 'כלים' גרייט צו באַקומען די קדושה פון הימל, און נישט פוגם זיין ח"ו.

**אַזוי** שרייבט דער גאון רבי חיים פאלאג'י זצ"ל ('מועד לכל חי', כה, א) אַז מ'דאַרף זיך זייער שטאַרק אָנשטרענגען צו דאַווענען די תפילות פון שמיני עצרת מיט גרויס כוונה, ווייל אויסער דעם וואָס דער גאַנצער תיקון פון ראש השנה ביז שמיני עצרת ווערט יעצט נשלם, און אַלעס ווענדעט זיך אין דעם טאָג, איז דאָ דערין נאָך אַ זאַך, ווייל פון די אַלע טעג איז נישט

דאָ נאָך אַזאַ באַוויליגטער טאָג פאַר דעם אויבערשטען צו הערן די תפילה פון אידישע קינדער מיט אַלעם וואָס זיי בעטן, אַזוי ווי אין דעם טאָג פון שמיני עצרת[מ].

הרה"ק רבי אהרן טשערנאָבילער זי"ע האָט געזאָגט, אַז די תפילה פון 'גשם' ביי מוסף פון שמיני עצרת, איז מסוגל פאַר פרנסה.

**דער** 'ייטב פנים' (מאמר שמחת הרגל, אות א) ברענגט אַ טעם פאַרוואָס מ'דאַווענט די תפילה פון 'גשם' [מ'בעט אויף גשמיות'דיגע באַדערפענישן] אין שמיני עצרת, ווייל אין דעם טאָג פסק'ענט מען אָפּ פאַר דעם מענטש זיין פרנסה.

**זאָגט** דער 'ייטב לב', אַז דאָס איז מרומז אין פסוק (במדבר כט, לה) 'ביום השמיני עצרת תהיה לכם', וואָס חז"ל זאָגן (ביצה כה:) אַז דאָס וואָרט 'לכם' קומט מרבה זיין, 'לכל צרכיכם'. דאָס הייסט, אַז דער טאָג איז מסוגל פאַר אַלע גשמיות'דיגע באַדערפענישן פונעם מענטש.

**דאָס** איז אויך מרומז אין די ווערטער פון חז"ל (סוכה מח.) 'שמיני רגל בפני עצמו הוא'. דאָס הייסט, אַז די צייט איז געאייגנט צו בעטן פאַר די אייגענע באַדערפענישן, אַז דער אויבערשטער זאָל משפיע זיין גוטע השפעות אויך בגשמיות.

**דער** זמן אַליין איז משפיע אַסאַך ברכות אויף אידישע קינדער, ווי הרה"ק בעל 'שם משמואל' זי"ע ברענגט (שמח"ת שנת תרע"ג) אין נאָמען פון הרה"ק רבי העניך מ'אלכסנדר זי"ע, אַז מ'דוכנ'ט נישט שמחת תורה (אין אַסאַך קהילות), ווייל מ'לייענט אין דעם טאָג 'וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלוקים את בני ישראל', און עס איז אַ 'בושה' פאַר די ברכות פון משה רבינו ע"ה אַז מיר דאַרפן אָנקומען צו די ברכות פון די כהנים (ביים דוכנ'ען) אין צוגאָב צו משה'ס ברכות.

**פרעגט** דער 'שם משמואל', אויב אַזוי, זאָלן די כהנים קיינמאָל נישט דוכנ'ען, ווייל די ברכות פון משה רבינו ע"ה האָבן דאָך אייביג אַ קיום.

**ענטפערט** דער 'שם משמואל', אַז ווען מ'לייענט די ברכות, יעדעס יאָר שמחת תורה, איז עס גלייך ווי משה רבינו ע"ה שטייט נאָך אַליין און בענטשט די אידן, און דעריבער איז נאָר דעמאָלס אַ שאַנדע מוסיף צו זיין אויף די ברכות פון משה רבינו ע"ה (דער 'שם משמואל' גיט צו, אַז עס פעלט אויס פאַר דעם אַז מיר זאָלן זיין 'כלים' וואָס זענען ראוי צו באַקומען די ברכות, ווייל די ברכה איז חל נאָר לויט די הכנה פון דעם מקבל, עיי"ש).

**די** תפילות אין שמיני עצרת און שמחת תורה דאַרפן אָבער זיין מיט אַ התעוררות פון תשובה, כדי מ'זאָל קענען פועל'ן פאַר זיך און פאַר אַלע אידן אַ גוט און זיס יאָר, ווי הרה"ק רבי משה'לע קאָזשניצער זי"ע זאָגט ('באר משה', שמיני עצרת, ד"ה 'ביום השמיני') אַז טעם פאַרוואָס דער יום טוב ווערט אָנגערופן 'עצרת', פון לשון אויפהאַלטן, ווייל כאָטש די 'קוויטלעך' גייען שוין אַרויס הושענא רבה, אָבער מ'האַלט זיי צוריק ביז שמיני עצרת, און יעדער איד האָט נאָך צייט תשובה צו טוהן אין שמיני עצרת, מיט אַן עול מלכות שמים בשלימות. און אויף דעם זאָגט דער פסוק (במדבר כט, לה) 'ביום

**מ.** הרה"ק רבי מרדכי'לע נאַדבורנער זי"ע פלעגט אנזאגן זיין דעם עולם צו **ענדיגן ספר תהלים אין שמיני עצרת,** ווייל אין דעם טאָג זענען אָפּען די טויערן פון הימל. ער האָט אויך געזאָגט, אַז אַ **בית המדרש וואו מ'ענדיגט נישט תהלים אין דעם טאָג, זאָל נישט גערופן ווערן אַ 'נאַדבורנער בית מדרש'**, ווייל דער זמן איז זייער מסוגל פאַר קבלת התפילות.

## מן הבאר

דער מונקאַטשער רב, הרה"ק בעל 'מנחת אלעזר' זי"ע, ברענגט ('שער יששכר', זמן שמחתינו, אות יז) אַז ער האָט בקבלה 'איש מפי איש' ביז דעם הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע, אַז ער האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון בעל שם טוב הקדוש זי"ע, 'מפי אליהו הנביא', אַז **דער וואָס האָט אין זינען פירוש המילות ביים דאַווענען אין די דריי טעג, הושענא רבא, שמיני עצרת, און שמחת תורה, איז פאַרזיכערט אַז ער וועט אַ גאַנץ יאָר אין זינען האָבן די ווערטער וואָס ער זאָגט אַרויס ביים דאַווענען.**

השמיני עצרת תהיה', אַז מ'קען נאָך 'אויפהאַלטן' די קוויטלעך. 'לכם' האָט די זעלבע אותיות ווי 'מלך'. דאָס איז אַ רמז, אַז שמיני עצרת קען מען נאָך אַליין נעמען אויף זיך דעם עול מלכות שמים, און תשובה טוהן פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא[מא].

די גמרא זאָגט (סוכה מח.) אַז שמיני עצרת איז אַ יום טוב פאַר זיך, לגבי די זעקס ענינים 'פז"ר קש"ב'. ('פייס', 'זמן', 'רגל', 'קרבן', 'שיר', 'ברכה').

**זאָגט** דער מיטעלער בעלזער רב, הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, אַז 'פזר קשב' איז אַ רמז, אַז אין שמיני עצרת, ווערן צוזאַמענגענומען און אָנגענומען פאַר דעם אויבערשטען אַלע תפילות פון יאָר וואָס זענען צוליב ווערלבע ס'איז סיבה נישט אַריף לרצון פאַר'ן כסא הכבוד. 'פז"ר' - זיי זענען געווען 'צעשפרייט' אין די עולמות העליונים, 'קש"ב' - טוט דער אויבערשטער זיי יעצט הערן.

**דער** 'שפתי צדיק' (לסוכות) ברענגט אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אַז ער האָט נאָכגעזאָגט פון הרה"ק רבי שמחה בונם פון פשיסחא זי"ע, אַז ער האָט אָנגעזאָגט פאַר די חסידים אַז שמיני עצרת זאָלן זיי אַלע דאַווענען בציבור און מיט דעם וועלן זיי פאַרעכטן די תפילות וואָס זיי האָבן געדאַוונט ביחידות דורכ'ן יאָר[מב].

**שישו ושמחו בשמחת תורה - די סגולה פון שמחה ביי די הקפות**

**עס** שטייט אין ספה"ק 'יסוד ושורש העבודה' (פט"ז) אַז דער וואָס פרייט זיך מיט די תורה אין שמחת תורה, איז פאַרזיכערט אַז די תורה וועט זיך קיינמאָל נישט אָפּשטעלן ביי זיינע קינדער און אייניקלעך. און אַזוי איז געווען דער מנהג פון די גדולים וקדושים, אַז זיי פלעגן טאַנצן מיט אַלע זייערע כוחות לכבוד די הייליגע תורה[מג].

---

**מא.** הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאַזמירער זי"ע האָט געזאָגט אַ רמז אין די ווערטער פון חז"ל (עירובין נד.) 'חש בראשו יעסוק בתורה'. **דער וואָס האָט נישט תשובה געטוהן בשלימות אין ראש השנה** ('בראשו'), **קען עס משלים זיין אין שמחת תורה** ('יעסוק בתורה').

**מב.** הרה"ק רבי דוד'ל קאָצקער זי"ע פלעגט פון צייט צו צייט דאַווענען ביחידות ('סוד ה' ליראיו'). איין יאָר שמיני עצרת האָט זיין טאַטע, דער קאָצקער רבי זי"ע, באַמערקט אַז זיין זון רבי דוד איז נישט אין ביהמ"ד. האָט ער איהם געשיקט רופן, און געזאָגט **אַז אין דעם טאָג פאַרזיגלט מען דעם גזר דין פון יעדן מענטש אין דעם ענין פון פרנסה, און כדי זוכה צו זיין בדין דאַרף מען דאַווענען בציבור.** ער האָט געזאָגט אַ רמז, ווייל אויפ'ן פסוק (דברים טז, טו) 'והיית אך שמח', זאָגט די גמרא (סוכה מח.) אַז עס קומט מרבה צו זיין דעם לעצטן טאָג פון יום טוב סוכות (שמיני עצרת) אַז מ'דאַרף זיך אויך פרייען (און ברענגען אַ קרבן שלמים), און די סופי תיבות פון די ווערטער והיי**ת** א**ך** שמ**ח** איז חת"ך, אַזוי ווי דער נאָמען פון דעם מלאך וואָס איז ממונה אויף פרנסה ווי באַקאַנט, אַ רמז אַז דעמאָלס איז דער גמר פון די חתימה איבער פרנסה.

**מג.** עס שטייט אין ספר 'שלמי חגיגה' (געדרוקט אין יאָר תק"נ, דף רצב:) וועגן דעם יום טוב פון שמחת תורה: 'אשרי אנוש יעשה זאת ובן אדם יחזיק בה, בשמחתה של תורה, לתקן את פגמי נשמתו אשר פגם בכבודה של תורת ה' תמימה, ומצא כדי גאולתו'. **מיט'ן פרייען זיך מיט די תורה, איז מען מתקן די פגמים פון די נשמה, וואָס מ'האָט פוגם געווען אין דעם כבוד פון די הייליגע תורה, און מ'איז זוכה אויסגעלייזט צו ווערן.**

ער שרייבט ווייטער: אין צוגאָב צו דעם וואָס די ראשונים זאָגן, אַז **דער וואָס פרייט זיך אין דעם היינטיגן טאָג מיט די תורה, איז פאַרזיכערט אַז די תורה וועט זיך קיינמאָל נישט אָפּטוהן פון זיינע קינדער**, און מיר האָבן געזעהן אַ גרויסן רב וואָס פלעגט זיך זייער שטאַרק פרייען מיט די תורה אין דעם טאָג, און מ'האָט עדות געזאָגט וועגן איהם, אַז ביז דריי דורות זענען זיינע קינדער געווען באַקאַנטע תלמידי חכמים און מרביצי תורה איינער נאָכ'ן אַנדערן, 'חבל נמרץ'. אַלע האָבן אויך געוואוסט אַז ער האָט זוכה געווען דערצו, אַדאַנק דעם וואָס **ער האָט זיך געפרייט אין שמחת תורה**, אַ זאַך וואָס מ'האָט נישט געזעהן ביי אַנדערע גדולי תורה זיי זאָלן אַזוי טוהן. מיט זיין גרויסקייט, האָט ער געטאַנצט מיט אַלע כוחות און מעורר געווען די הערצער פון די מענטשן זיך צו פרייען מיט'ן אויבערשטען, און זאָגן 'שמחו בה' וגילו צדיקים, והרנינו כל ישראל', עכ"ד.

מיר געפינען אין נ"ך (שמואל ב' ו, טז-כג), אַז מיכל, די טאָכטער פון שאול המלך, האָט נישט זוכה געווען צו קינדער ווייל זי האָט געקוקט בבזיון אויף דוד המלך ע"ה ווען ער האָט געטאַנצט פאַר דעם אויבערשטען'ס ארון.

הגה"ק רבי חיים וויטאל זי"ע ברענגט אין 'שער הכוונות' (דרושי חג הסוכות דף קד.), אַז ער האָט געזעהן ביי זיין רבי'ן (דער אר"י הקדוש זי"ע), **אַז ער איז שטאַרק** נזהר געווען אין דעם ענין, אַרומצוטאַנצן די ספר תורה פון פאָרנט אָדער פון אונטן, און טאַנצן און זינגען מיט'ן ספר מיט אַלע זיינע כוחות[מד], אין דער נאַכט פון מוצאי יום טוב, נאָך תפילת ערבית.

**מפי** השמועה איז מקובל נאָך מער, אַז דער אריז"ל פלעגט אַרומגיין פון איין ביהמ"ד צו די אַנדערע

---

האָט געזאָגט הרה"ק בעל 'ישמח ישראל' זי"ע, מיר ווייסן דאָך אַז 'מדה טובה מרובה'. ממילא, איז פאַרקערט, **דער וואָס טאַנצט מיט אַלע זיינע כוחות לכבוד די תורה, און קוקט נישט אויף זיין אייגענעם כבוד, איז זוכה צו קינדער.** (ספר 'תפארת רבותינו')

מיר ווייסן פון אַ מעשה פון אַ יונגערמאַן פון אונזער חבורה, וואָס האָט געוואַרט לאַנגע יאָרן נאָך די חתונה אויף קינדער. שמחת תורה, האָט ער געטאַנצט לכבוד התורה אויף אַ וואונדערליכן אופן. ער האָט זיך ממש געלאָזט מבזה זיין פאַר'ן כבוד פון די תורה, און ניין חדשים שפּעטער, איז ביי איהם געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער למזל טוב.

דאָס זעלבע האָט זיך איבערגע'חזר'ט צוויי יאָר שפּעטער שמחת תורה. ער האָט אויך דעמאָלס שטאַרק געטאַנצט לכבוד די תורה, און אויך דעמאָלס האָט ער זוכה געווען צו אַ בן זכר 9 חדשים שפּעטער.

זיינס אַ חבר, וואָס האָט געהערט פון איהם וועגן די סגולה, און האָט ליידער אויך נישט געהאַט קיין קינדער, איז שמחת תורה שנת תשע"ז, געגאַנגען דאַווענען אין אַ 'מושב זקנים' וואו מ'האָט איהם נישט געקענט, און ער האָט זיך ממש מבזה געווען פאַר'ן כבוד פון די תורה. אויך דער דאָזיגער יונגערמאַן האָט ב"ה געמאַכט אַ ברית פאַר זיין בכור אין חודש תמוז פון יענעם יאָר. זינט די מעשה איז געוואָרן מפורסם, האָט מען שוין געהערט פון מערערע מענטשן וואָס האָבן אַזוי געטוהן. זיי האָבן זיך געלאָזט 'פאַרשעמען' פאַר'ן כבוד פון די תורה, און אויך זיי זענען געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער.

באמת איז דאָס אַלעס נישט געזאָגט געוואָרן דווקא פאַר דעם וואָס טוט זיך לאָזן פאַרשעהמען... נאָר יעדער איינער וואָס טוט זיך איבערשטרענגען זיך צו פרייען מיט די תורה **מער ווי ס'איז זיין נאַטור און זיין תכונת הנפש**, איז זוכה געהאָלפן צו ווערן בזרע של קיימא.

אַ יונגערמאַן וואָס האָט געוואַרט אַ לאַנגע צייט געהאָלפן צו ווערן, האָט פיר יאָר צוריק זיך געשטאַרקט מיט אַלע כוחות (קעגן זיין נאַטור) זיך צו פרייען מיט די תורה (געוועינליך, איז ער פון די וואָס שטייען אין אַ זייט...). צום יאָר, שמחת תורה תשפ"ג, האָט ער געפראַוועט דעם ברית פון זיין בכור...

מ'קען ברענגען אַ סמך דערצו, פון דעם וואָס עס ווערט געברענגט אין ספר 'שבחי הבעל שם טוב', בזה הלשון: אַמאָל שמחת תורה האָט די הייליגע חבורה פון די תלמידים פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע זיך געפרייט און געטאַנצט אין אַ רינג, און די הייליגע שכינה האָט ממש 'געפלאַקערט' אַרום זיי. אינמיטן טאַנצן האָט זיך צעריסן אַ שוך ביי דעם 'זעירא דמן חבריא' (דעם יונגסטן פון די חבורה), וועלכער איז ליידער געווען אַן אָרימאַן ל"ע. עס האָט איהם זייער וויי געטוהן אַז צוליב דעם קען ער נישט מיטטאַנצן מיט'ן עולם, זיינע הייליגע חברים, און זיך פרייען ביי די הקפות בשמחה של מצוה.

בשעת די הקפות, איז געשטאַנען אין אַ זייט (אין עזרת נשים) די טאָכטער פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, הצדקנית מרת אדל ע"ה, און זיך צוגעקוקט צו די הייליגע עבודה פון איר טאַטן'ס הייליגע חבריא ביים זיך פרייען מיט די תורה. האָט די רעביצין אדל געזאָגט צו דעם תלמיד וועמענס שוך האָט זיך צעריסן: 'אויב דו וועסט מיר צוזאָגן אַז איך וועל היי יאָר זוכה זיין צו געבוירן אַ בן זכר, וועל איך דיר באַלד ברענגען נייע גוטע שיך' (זי האָט געהאַט שיך אין איר געשעפט). האָט דער תלמיד איר פאַרזיכערט אַ בן זכר, וכן הוה, עס איז יענעם יאָר געבוירן געוואָרן ביי איר אַ זון, דער הייליגער רבי ר' ברוך'ל פון מעזיבוזש זי"ע.

פון דעם זעהט מען קלאָר, **אַז אפילו דער וואָס טוט בלויז 'אַרויסהעלפן' אַ צווייטן צו קענען טאַנצן און פרייען זיך מיט די תורה, איז זוכה צו קינדער...** לאָמיר זיך אַלזאָ מאַכן אַ חשבון. דאָ רעדט מען דאָך פון די צדיקת אדל, דעם בעל שם טוב'ס טאָכטער, וואָס אויך איר מאַן (הרה"ק רבי יחיאל אשכנזי זי"ע) איז געווען אַ הייליגער צדיק, פונדעסטוועגן, ווען זי האָט זיך גענויטיגט אין אַ ישועה געהאָלפן צו ווערן בזרע של קיימא, האָט איר געהאָלפן **דייקא דער ענין פון טאַנצן שמחת תורה.**

כדי צו טאַנצן מיט די תורה, אין משך פון לאַנגע שעה'ן[מה].

**עס** שטייט אין דעם נוסח התפילה וואָס דער חיד"א זי"ע האָט מתקן געווען, אַז מיט'ן כח פון די הקפות פאַלן אַראָפּ אַלע 'מחיצות של ברזל' (אייזערנע מויערן) וואָס טיילן אָפּ צווישן אונז און אונזער טאַטן אין הימל[מו].

**דער** מיטעלער בעלזער רב, הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, האָט נאָכגעזאָגט (געברענגט אין ספר 'מדבר קדש') אין נאָמען פון זיין טאַטן, הרה"ק מהר"ש מבעלזא זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט: 'וואָס די ריקודים זענען קען איך אייך נישט זאָגן, אָבער דאָס קען איך אייך יאָ זאָגן, אַז אַלע תפילות וואָס האָבן נישט אַן עליה במשך פון גאַנצן יאָר, גייען אַרויף אין דעם טאָג, דורך די ריקודים'[מז].

**עס** שטייט אין ספה"ק 'בית אהרן' (לפסח, דף צד.), אַז הרה"ק בעל 'בית אהרן' זי"ע האָט געזאָגט, די שמחה פון די ריקודין אין יום טוב איז אַ גרעסערע מדריגה, פון די הויכע מדריגות וואָס זענען דאָ ביי תפילה. תפילה רעדט מען מיט'ן מויל, און ווען דער אויבערשטער העלפט איהם, שטייט (תהלים קמה, כא) 'תהלת ה' ידבר פי ויברך כל בשר שם קדשו לעולם ועד', אַז עס גייט אַריין אינעם 'פלייש', אָבער ווען מען איז אין אַ העכערע מדריגה, זאָגט דער פסוק (שם לה, י) 'כל עצמותי תאמרנה' וגו'. איך דאַנק דעם אויבערשטען מיט אַלע מיינע ביינער. דאָס זעלבע איז אויך ווען דער מענטש טאַנצט, הייבט ער אויף זיין גאַנצן גוף מיט די שמחה פונעם יום טוב.

---

**מד.** ס'איז באַקאַנט אַז הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע פלעגט שמחת תורה טאַנצן מיט גרויס התלהבות לאַנגע שעה'ן, ממש ביז כלות הנפש. אַמאָל האָט מען איהם געפרעגט פון וואו ער נעמט די כוחות הנפש אַזוי שטאַרק צו טאַנצן לכבוד התורה (און דאָס אַלעס, נאָך די הייליגע עבודה וואָס ער האָט געפראַוועט אין די ימים נוראים, ספּעציעל אַ טאָג פריער, הושענא רבא, ווען ער האָט מאריך געווען לאַנגע שעה'ן בתפילה ובתחנונים). האָט דער רבי געענטפערט בדרך צחות, די גמרא זאָגט (סוכה מח.) 'שמיני רגל בפני עצמו'... דאָס איז אַ רמז אַז **דער אויבערשטער גיט פאַר דעם מענטש נייע פיס אין דעם יום טוב פון שמיני עצרת און שמחת תורה, ער זאָל קענען טאַנצן לכבוד די הייליגע תורה...**

**מה.** אין ספר 'מעשה רב' (אות רלג) ווערט געברענגט, אַז דער ווילנער גאון זי"ע האָט זיך געפירט אין שמחת תורה, ווען מ'האָט מען אַרומגענומען די בימה מיט'ן ספר תורה זיבן מאָל, איז דער גאון ז"ל געגאַנגען פאָרנט פון די ספר תורה מיט גרויס שמחה, 'וחכמת אדם תאיר פניו כלפיד אש בוערת'. ער האט געפּאַטשט מיט די הענט און געטאַנצט מיט שטאַרקע כוחות פאַר די ספר תורה.

**מו.** דער פריערדיגער ליובאַוויטשער רבי, הרה"ק רבי יוסף יצחק זי"ע, האָט נאָכגעזאָגט (געברענגט אין ספר המאמרים, שנת תשי"א, ע' 79) אין נאָמען פון זיין טאַטן, הרה"ק רבי שלום בער פון ליובאַוויטש זי"ע, אַז **די 48 שעה פון שמיני עצרת און שמחת תורה, דאַרף מען האלטן זייער טייער. מ'קען יעדע רגע שעפּן אוצרות מיט עמערס און קאָדקעס בגשמיות וברוחניות. און דאָס איז דורך די ריקודים.**

**מז.** איין יאָר שמחת תורה, האָט דער פריערדיגער ליובאַוויטשער רבי, הרה"ק רבי יוסף יצחק זי"ע, געזאָגט, אַז ביי די הקפות קען מען פועל'ן גאָר גרויסע זאַכן, ווייל מ'האַלט די ספר תורה מיט ליבשאַפט, און מ'ווייזט אַז מיר זענען אין דער בחינה פון 'חבוקה ודבוקה בך' [נישט ווי אין די אַנדערע טעג פונעם יום טוב, ווען מ'האַלט די ספר תורה ביי די בימה און מ'טוט איר אַרומרינגלען].

און דער ליובאַוויטשער רבי האָט עס ערקלערט מיט אַ משל: געווענליך ווער אַ געוועלבער אַרויסגעבן סחורה אויף באָרג, נאָר פאַר אַ קונה וואָס ער קען איהם און ער ווייסט אַז ער באַצאָלט אייביג זיינע חובות. אָבער פאַר מענטשן וואָס צאָלן נישט באַצייטענס, ווער ער פאַרקויפן פון זיינע סחורות נאָר פאַר מזומן, כדי נישט שאָדן צו האָבן געלט.

דער נמשל איז, די טענץ מיט די תורה ווערן אָנגערופן 'הקפות', פון לשון באָרגן, ווייל **יעצט קען יעדער איינער באַקומען גוטע השפעות 'בהקפה' - אויף באָרג**, און אָנפילן זיינע אוצרות מיט אַסאַך סחורה [מסתמא איז די כוונה דערפון, ווייל נאָך די עבודה אין די ימים נוראים איז נישט דאָ קיין איין איד וואָס איז נישט נתעורר געוואָרן אין די טעג צו תשובה. צוליב דעם זענען זיי באַגלייבט אַז מ'זאָל זיי געבן סחורה אויף 'באָרג'].
שפּעטער דאַרף אָבער דער מענטש יעדן טאָג באַצאָלן זיינע חובות, דורך דאַנקען און לויבן און מתפלל זיין צום באַשעפער.

על דרך רמז, זאָגט דער 'עטרת ישועה' (ד"ה 'במאמרם') אויף די ווערטער פון די משנה (נגעים פי"ב, מ"א) 'בית עגול אינו מטמא בנגעים'. זאָגט דער 'עטרת ישועה', דאָס איז אַ רמז אַז דורך די 'עיגולים' און טענץ וואָס אידן טאַנצן שמחת תורה, זענען זיי מבטל פון זיך אַלע נגעים און פגעים רעים און אַלע צרות און יסורים[מח].

**מיט בעטן דעם באַשעפער, הושע נא למענך אלוקינו הושע נא, הושע נא למענך בוראנו הושע נא, און מיר זאָלן זוכה זיין צו אַ גוט קוויטל[מט], לשנה טובה ומתוקה. פון דעם חודש, 'ירח האיתנים', זאָל נשפע ווערן אויף אונז אַסאַך שפע, אורך ימים ושנות חיים ושלום, בבריות גופא ונהורא מעליא, מיט אַלע ישועות און ברכות, אמן.**

---

**מח.** עס ווערט געברענגט אין ספר 'אמרי פנחס' (שער ד, אות ד), אַז איין יאָר שמחת תורה פאַר די הקפות, האָט הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע געזאָגט צו דעם חסיד הרה"ק רבי רפאל בערשידער זי"ע:

- ווייסן זאָלסטו, רפאל, ביז יעצט האָבן מיר געמאַכט הקפות, און מיר האָבן געהאַט אין די הענט גרויסע און שטאַרקע וואָפענס - די ד' מינים, און יעצט גייען מיר מאַכן די הקפות מיט ליידיגע הענט, ווייל מיט'ן האַלטן די ספר תורה בשעת די הקפות, איז מען דאָך נישט מקיים אַ מצות עשה אַזוי ווי ווען מ'שאָקלט מיט'ן לולב. נו, זאָג מיר, רפאל, וואָס פאַר אַ פנים האָט אַ מענטש אַז ער מאַכט הקפות מיט ליידיגע הענט. נאָר די עצה צו דעם איז, אַז **יעצט זאָל דער מענטש אַליין זיין הייליג מיט די קדושה פון די ד' מינים.** זיין האַרץ זאָל זיין אין די בחינה פון אַן אתרוג, זיין שדרה זאָל זיין אין די בחינה פון אַ לולב, זיינע אויגן זאָלן זיין אין די בחינה פון הדסים, און זיינע ליפּן - אין די בחינה פון אַן ערבה. דעמאָלס קען דער מענטש נעמען די ספר תורה, און טאַנצן און זיך פרייען מיט איר...

ווען דער חסיד רבי רפאל זצ"ל האָט געהערט די ווערטער פון זיין הייליגן רבי'ן רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע, זענען גערינען טייכן טרערן פון זיינע אויגן, וויסנדיג אַז ער האָט נאָך נישט משיג געווען אט די קדושה. האָט הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער איהם געזאָגט בזה הלשון 'בדרך שחוק מעט': 'וויין נישט, רפאל, וויין נישט. דיך וועל איך מיטנעמען אויף מיינע פלייצעס'...

**מט.** דער הייליגער ראָפּשיצער רב זי"ע פלעגט אָנווינטשן, **דער אויבערשטער זאָל אָפּפסק'ענען פאַר אונז און פאַר אַלע אידן לעכטיגע קוויטלעך, מיט גרויסע אותיות, אַז אויך די נשים און עם הארצים זאָלן עס קענען לייענען...** דאָס הייסט, עס זאָל זיין דערין אָפענע חסדים.

דאָס איז מרומז אין די ווערטער וואָס מיר זענען מתפלל פרייטאָג צו נאַכטס, 'מודה אני לפניך... **על כל החסד** אשר עשית עמדי, ואשר אתה עתיד לעשות עמי'. איי, וועט דער מענטש פרעגן, אַוודאי איז אַלעס וואָס דער אויבערשטער טוט מיט מיר, נאָר חסד און רחמים. אויף דעם פירט מען אויס: **'ועם כל בני ביתי' -** די חסדים זאָלן זיין אַזוי אָפן, אַז אויך די בני בית זאָלן זעהן די רחמים און חסדים פון דעם באַשעפער, אמן.

# כי בסכות הושבתי את בני ישראל

הגה"צ רבי נטע פריינד זצ"ל, מזקני ירושלים של מעלה, האָט דערציילט אַ מעשה וואָס ער האָט געהערט פון צעהלימער רב, הגה"צ רבי לוי יצחק גרינוואַלד זצ"ל, אַז ער האָט אַמאָל באַזוכט זיינעם אַ באַקאַנטן אין אַ 'מושב זקנים'. זייענדיג דאָרט אינעם 'מושב זקנים', איז צוגעקומען צו איהם אַן אַלטער איד, און געזאָגט אַז ער וויל מיט איהם רעדן אַ פריוואַטן ענין. זענען ביידע אַריין אין אַן אַנדערן צימער, און דאָרט האָט דער אַלטיטשקער איהם דערציילט, אַז ער איז שוין יעצט 116 יאָר אַלט... ער בעט דעריבער פונעם צעהלימער רב, ער זאָל מתפלל זיין פאַר איהם אַז ער זאָל אַוועקגיין פון דער וועלט...

האָט דער צעהלימער רב געזאָגט צו דעם איד: איך זעה דאָך אַז איר זענט, ברוך השם, געזונט און אויך ביים קלאָרן זינען. אויב אַזוי, פאַרוואָס ווילט איר אַוועקגיין פון דער וועלט? האָט דער איד געענטפערט, אַז דאָ, אין זעלבן 'מושב זקנים', געפינט זיך אויך זיין זון, אַ ניינציג-יעריגער איד, וועלכער ליידט שרעקליכע יסורים ל"ע, און ער קען פשוט נישט צוקוקן דעם צער פון זיין זון. וועגן דעם וויל ער שטאַרבן...

דער צעהלימער רב איז אַריינגעגאַנגען מיט דעם זקן אין צימער פון זיין זון, און דאָרט האָט ער טאַקע געזעהן ווי ער ליידט יסורים ל"ע, און דער זון האָט איהם געזאָגט אַז ער ווייסט אַז ער האָט נאָך צו לעבן פיר יאָר... האָט דער צעהלימער רב איהם געפרעגט, ווער האָט דיר אויסגעזאָגט דעם סוד, וויפיל יאָר דו וועסט לעבן אויף דער וועלט?... דער זון איז אָבער נישט געווען בכח צו ענטפערן פאַר'ן צעהלימער רב. האָט דער צעהלימער רב זיך געוואָנדן צום אַלטן טאַטן, און געבעטן ער זאָל איהם אויסזאָגן וואָס דאָ קומט פאָר...

האָט דער אַלטיטשקער געענטפערט, אַז אין זיין יוגנט האָט ער געוואוינט אין דער שטאָט קאָלאָמיי. ער איז נישט געווען פון די מצויינים אין ישיבה, ווייל ער האָט ליידער געהאט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ צום לערנען. אַזוי אַז אין בלויזן עלטער פון צוואָנציג יאָר, האָט ער שוין אָנגעהויבן אַרבעטן אינעם שטאָטישן פּאָסט-אפיס. צוערשט האָט ער געאַרבעט אַלס פּאָסט-טרעגער, אַרומפירנדיג די בריוו וואָס זענען אָנגעקומען פון אויסערן שטאָט, און זעהענדיג אַז ער איז פיזיש שטאַרק, האָט מען אויף איהם אַרויפגעלייגט די אויפגאַבע אויך צו דעליווערן שווערע פּעקלעך פון איין אָרט צום אַנדערן.

איין יאָר ערב סוכות, איז ער געגאַנגען - אַזוי ווי יעדן טאָג - אין פּאָסט אָפיס, און ער האָט דאָרט באַמערקט אַ שווערן פּעקל מיט ספרים, וואָס איז געשיקט געוואָרן פאַר דעם גאון רבי הלל קאָלאָמייער זצ"ל. ער האָט פאַרשטאַנען אַז דער רב וועט אַוודאי וועלן לערנען אין די ספרים אין יום טוב סוכות. האָט ער גענומען דאָס פּעקל און עס צוגעפירט צום רב'ס הויז.

ווען ער איז אָנגעקומען אין הויז פונעם רב, האָט ער געזעהן אַז דער רב איז צוגעלייגט, און ער האָט זיך זייער געוואונדערט דערויף, און געפרעגט דעם רב פאַרוואָס ער איז צוגעלייגט, ספּעציעל ערב יום טוב, 'זמן שמחתינו', און דערצו זעה איך נאָך אַז די סוכה איז שוין גרייט און באַצירט מיט שיינע 'נוי סוכה'. אויך האָט דער רב זיך שוין פאַרשאַפט שיינע ד' מינים, אַלעס איז שוין געלעגן גרייט אויפ'ן טיש.

האָט רבי הלל קאָלאָמייער איהם געענטפערט, אַז לעצטענס האָבן יונגע שקצים אָנגעהויבן ווילדעווען און שיכור'ן אין די נאכט שעה'ן. ער האָט דעריבער מורא צו שלאָפן אין סוכה,

טאָמער זיי וועלן איינוואַרפן די סוכה און וועלן איהם אויך נישט 'אָפּשוינען'... ספּעציעל אַז זיין הויז געפינט זיך פּונקט אינמיטן שטאָט, און יעדער וואָס גייט אַדורך זיין הויז, קען זעהן די סוכה.

האָט דער בחור געזאָגט צו רבי הלל קאַלאָמייער: דער רב דאַרף זיך נישט זאָרגן. איר זעהט דאָך אַז איך בין, ברוך השם, אַ בעל כח... איך וועל היטן דעם רבי'ן פון אַלע 'מזיקים'... הערנדיג די ווערטער פונעם בחור, האָט דאָס הייליגע געשטאַלט פון רבי הלל קאַלאָמייער אויפגעשיינט פון פרייד.

די ערשטע נאַכט יום טוב, האָט דער בחור מיטגעגעסן די סעודה פון יום טוב ביים רב אין סוכה, און ווען מ'האָט זיך געלייגט שלאָפן נאָך די סעודה, האָט דער בחור געלייגט זיין בעט נעבן די טיר פון סוכה, און זייענדיג באַוואָפנט מיט אַ שטעקן אין האַנט, האָט ער זיך געלייגט 'מוכן ומזומן'...

אינמיטן נאַכט, זענען טאַקע אָנגעקומען עטליכע שקצים, און דער בחור האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. ער איז אַרויס אינדרויסן, און ביז עטליכע סעקונדעס האָט ער זיי פאַריאָגט פון דאָרט... די זעלבע סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילט אויך די צווייטע נאַכט סוכות, און דערנאָך אין די אַנדערע נעכט פונעם יום טוב, ביז די שקצים האָבן פאַרשטאַנען מיט וועמען זיי האָבן דאָ אַן 'עסק'... און אַז ס'איז כדאי פאַר זיי צו זוכן אַנדערע 'געשעפטן'...

אַזוי האָט דער בחור באַגלייט דעם רב, רבי הלל קאַלאָמייער, אין משך פון גאַנצן יום טוב סוכות, און איהם געהיטן אַז קיינער זאָל נישט וואַגן צו טשעפּען מיט'ן רב. נאָך סוכות, האָט רבי הלל איהם אָנגעוואונטשן ער זאָל לעבן 120 יאָר בבריאות השלימות, און קיין איינער פון זיינע קינדער זאָל נישט שטאַרבן ביי זיין לעבן.

דער איד האָט אויסגעפירט זיין מעשה צום צעהלימער רב: איר זעהט דאָך אַז די ברכה איז פולשטענדיג מקוים געוואָרן, און דער ניינציג-יעריגער בעל יסורים איז מיין זון... ווי עס ווייזט אויס, ווייסט ער אויך פון דעם אַז עס איז איהם נאָך געבליבן פיר יאָר צו לעבן... האָט דער צעהלימער רב געזאָגט צו דעם איד: אנשטאט צו בעטן אַז אייער זון זאָל שטאַרבן, איז דאָך שוין בעסער און מער כדאי צו בעטן אַז ער זאָל געזונט ווערן...

ביים סוף פון דעם באַזוך, האָט דער צעהלימער רב געבעטן דעם פאַרוואַלטער פונעם 'מושב זקנים', ער זאָל אַזוי גוט זיין און איהם לאָזן וויסן וועגן יעדע ענדערונג אינעם געזונט צושטאַנד פון דעם אַלטן איד. ער האָט נאָך באַזוכט ביי דעם זקן עטליכע מאָל, און טאַקע פיר יאָר שפּעטער האָט מען געלאָזט וויסן פאַר'ן צעהלימער רב, אַז דער איד איז געשטאָרבן ביי די 120 יאָר... אַ שעה שפּעטער, האָט דער צעהלימער רב געהערט אַז אויך דער זון איז אַוועק פון דער וועלט.

דער כח פון די מצוה פון סוכה איז גאַר גרויס, און ס'איז משפיע אריכות ימים ושנים, לאנגע געזונטע יארן פאַר אלע וואס זענען מקיים די מצוה מיט ליבשאפט. אויך לערנען מיר דאָ וועגן דעם חיוב פון 'הכרת הטוב', פאַר דעם וואָס העלפט אונז מקיים זיין די מצוה...

חג הסוכות-שמחת תורה ||| שנת תשפ"ו לפ"ק ||| גליון קכ"ג

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"

הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש

גליון מוגדל

לקראת חג הסוכות

חג הסוכות | שמיני עצרת | נקודה למחשבה

## חג הסוכות

### כי בסוכות הושבתי את בני ישראל;

דער 'יחוד שטיבל' בין ישראל לאביהם שבשמים

הכנה לסוכות שנת תשפ"ה - מתיבתא עץ חיים ד'באָבוב - באָראָ פּאַרק

א

# ופרוס עלינו סוכת שלומך: אונזער קשר מיט'ן רבוש"ע דורך די שפּאַלטנס פון דער סכך

## סוכות באַזעצט מען זיך אין דער נייער דירה

די **ספרים הק'** זאָגן דעם טעם, פאַרוואָס נאָך יוה"כ גייט מען אַריין אין דער סוכה, ווייל נאָכדעם וואָס אַ איד האָט זוכה געווען צו ווערן אויסגערייניגט אין די הייליגע טעג, **זוכט ער יעצט אַ נייער מהלך וויאַזוי צו דינען דעם רבוש"ע.** ער וויל אַריינגיין תחת כנפי השכינה, אין דעם שטוב פון השי"ת.

דער מענטש האָט איבערגעלאָזט זיין אַלטן וועג ביי תשליך און דאָרט וואו מ'האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם שעיר לעזאזל. **ער האָט אַרויסשפּאַצירט פון יוה"כ אָן די אַלע שווערע פּעקלעך,** יעצט זוכט דער איד אַ נייע שטוב וואו ער קען יאָ גיין וואוינען.

מ'פרעגט דעם מענטש: "וואָס איז דיין אדרעסע? וואו וואוינסטו?" זאָגט ער: **"כ'ווייס שוין וואו איך וואוין 'נישט', אָבער יעצט האַלט איך אינמיטן בויען אַ נייע שטיבעלע וואו 'יאָ' צו וואוינען"...** דערפאַר האָט אונז דער רבוש"ע געגעבן עטליכע טעג צווישן יוה"כ און סוכות, ווייל השי"ת האָט געוואוסט אַז עס געדויערט אַביסל צייט ביז מ'שלעפּט צוזאַם די העלצלעך צו מאַכן אַ כשר'ע סוכה. **דער מענטש זעצט זיך סוכות אַריין אין אַ נייע מהלך.** ער לאָזט זיך אַרויס אין זיין נייע וועג פון עבודת ה'.

## דורכקוקן די סכך צו געדענקן כביכול

ס'איז דאָ אַ הייליג וואָרט פון הרה"ק רבי ר' **הערש רימנוב'ער** זי"ע אויפ'ן פּסוק וואָס שטייט ביים ברית בין הבתרים (בראשית טו, ה): **וַיֹּאמֶר הַבֶּט נָא הַשָּׁמַיְמָה וּסְפֹר הַכּוֹכָבִים אִם תּוּכַל לִסְפֹּר אֹתָם וַיֹּאמֶר לוֹ כֹּה יִהְיֶה זַרְעֶךָ.** אַז אברהם אבינו האָט דאָ געפרעגט פון דעם רבוש"ע, וואָס איז די עצה פאַר אידישע קינדער וועלכע גייען זיך געפינען אין אַזאַ פינסטערן גלות, **וויאַזוי גייען זיי קענען געראַטעוועט ווערן פון די אַלע הבלי עולם הזה?** נאָך אַזעלכע לעכטיגע ימי הרחמים והרצון וויאַזוי וועלן זיי אַריינפאַלן צוריק אין אַזאַ מגושם'דיגער וועלט?

דערפאַר האָט אים דער אויבערשטער געענטפערט: **הבט נא השמימה וספור הכוכבי"ם,** אידן וועלן זיך בויען אַ סוכה, וואו מ'קען דורכקוקן און זען די כוכבים. [די הלכה (שו"ע סי' תרל"א ס"ג) איז דאָך ביי סכך אַז לכתחילה דאַרף זיין '**הכוכבים** נראים מתוכה'], דאָס וועט ברענגען אַז דער איד זאל אַלעמאָל זיך קענען זען דעם רבוש"ע. מען מאַכט זיך טאַקע אַ קליינע דעכעלע פון 'צילתה מרובה מחמתה', אָבער ס'איז נישט אַזאַ שטאַרקע מחיצה. **ער בלייבט נאָך נאָנט מיט'ן אויבערשטן!** מ'קען נאָך זען דעם הימל, און דאָס העלפט אַז מ'זאָל נישט אינגאַנצן אַריינפאַלן אין די הבלי עולם הזה.

דאָס וואָרט פון אַ צדיק איז נישט בלויז אַ ווערטל, נאר ס'איז אַ תורה שלימה וואָס האָט אין זיך אַ געוואַלדיגע טיפקייט. דער רבי ר' הערש זי"ע לערנט אונז אויס, אַז נאָך אַזאַ ראש השנה און יוה"כ **גייט מען אודאי צוריק צום עולם הזה!** מען לייגט מחיצות מיט אַ דאַך וואָס טיילט אָפּ פון הימל, מ'גיבט זיך אן עצה מיט השתדלות וויאַזוי צו אָנגיין אויף דער גשמיות'דיגער וועלט. אָבער גלייכצייטיג מאַכט מען דאָס **אויף אַזאַ סאָרט אופן אַז ס'זאָל נישט זיין צו אַ שטאַרקער מחיצה** צווישן דעם איד מיט'ן רבוש"ע. די דאך איז געבויעט אויף אַזאַ סאָרט אופן אַז **מ'קען נאָך זען און זיך האַלטן נאָנט צום אויבערשטן,** אפילו ווען מ'געפינט זיך אין דעם עולם הזה!

## כאָטש אָנהויבן מיט גדרים וסייגים

אין דעם מחזור ליום הכיפורים איז געדרוקט ביי ליל כל נדרי, אַ נוסח '**וידוי להשב**', פון דעם **של"ה הק'**, וואו ער שרייבט דאָס לשון פאַר'ן מענטש צו זאָגן אַזוי: "איך בין זיך מתחרט אויף דעם אַלטן וועג וויאַזוי איך האָב זיך ליידער געפירט, און לגבי דעם נייעם וועג בין איך מקבל אויף זיך צו מאַכן גדרים וסייגים אַז כ'זאָל דאָס קענען אָפּהיטן".

דאָ ליגט אַ געוואַלדיגע הדרכה: דאָס איז קלאָר אַז דער אַלטער וועג איז נישט געווען גוט. אַצינד וויל דער מענטש זוכה זיין צו מצליח זיין יאָ צו דינען דעם רבוש"ע אויף אַלע סאָרט אופנים. **אָבער ער ווייסט גוט אַז ער דאַרף אָנקומען צום אויבערשטן.** ער קען נישט בלויז זאָגן: "איך נעם זיך פאר אַז איך גיי מקיים זיין אַלע תרי"ג מצוות מיט אַלע הידורים". דאָס איז אַ גאוה, ווייל ווער זאָגט אַז דו גייסט טאַקע מצליח זיין?

דער איד האָט טאַקע שטאַרקע חרטה אויף זיין אַלטע וועג, אָבער ער דאַרף האָבן גאָר אַסאַך סייעתא דשמיא אויפ'ן נייעם וועג. דעריבער **נעמט ער זיך פאָר צו טון כאָטש עפּעס.** ער איז זיך מקבל צו אָנהויבן מיט גדרים וסייגים. זיין קבלה איז, אַז **ער גייט זיין אַ 'בא ליטהר'**, כדי אַז ס'זאָל קענען זיין 'מסייעין אותו'.

## ס'איז אוממעגליך זיך צו דראַסטיש טוישן אויף איינמאָל

עס שטייט פון אַסאַך צדיקים דער כלל וואָס מ'דאַרף געדענקן: אַז נאָכדעם וואָס אַ מענטש האָט זיך אָפּגעלעבט אַגאַנץ יאָר מיט אַזויפיל שלעכטע הרגלים, מיט אַזויפיל אומריכטיגע מחשבות און מעשים, **איז קיינעם נישט עולה על הדעת** אַז ווען ס'גייט אַריבערגיין די עשרת ימי תשובה און ער גייט זיך טרעפן אַ טאָג נאָך יוה"כ, **וועט ער מער קיינמאָל נישט צוריקגיין צו קיין שום שלעכטע הרגל.**

קיינער האָט נישט געמיינט אַז פון היינט און

ווייטער גייט ער ביי יעדן שמונה עשרה אינזין האָבן פונעם ערשטן ווארט ביז'ן לעצטן ווארט, ער גייט מער נישט רעדן קיין וואָרט דברים בטלים, ער גייט אַלעמאָל זיין בשמחה און מקבל זיין יעדע זאַך באהבה... אַזוי דאַרף באמת זיין, אָבער אין **הימל ערוואַרטעט מען נישט אַז ס'גייט געשען אויטאָמאַטיש מוצאי יו"כ** ווען אַלעס איז לעכטיג.

מוצאי יו"כ איז מען טאַקע זייער דערהויבן, אָבער **הערשט יעצט דאַרף מען ווייטער גיין אין דער מלחמת היצר.** דער אָריגינעלער פּלאַן איז נישט געווען אַז מ'גייט זיך דראַסטיש טוישן פון איין מינוט צום צווייטן! דער פּלאַן איז אַז דער מענטש גייט זיך בויען אַ שטיבעלע, און **ער גייט דאָרט זיך אויסשמועסן מיט'ן אויבערשטן,** אַז השי"ת זאָל אים העלפן אויסטרעטן אַ וועג **וויאַזוי ער זאָל קענען צוביסלעך פאַררעכטן נאָך אַ שטאַפּל און נאָך אַ חלק.** דאָס איז דער פּלאַן! דערפאַר בויעט מען דעם קליינעם נייעם סוכה'לע גלייך נאָך יוה"כ.

## אַ דירה'לע וואו מ'זאָל בלייבן בקשר

ס'איז דאָ אַמאָל אַ מענטש וואָס זיין טאַטע מאַמע זענען שוין עלטער געוואָרן לאורך ימים ושנים, און ער וויל אַז זיי זאָלן קומען וואוינען נעבן אים. דעריבער ווען ער בויעט זיך אַ נייע הויז, מאכט ער דאָס שוין לכתחלה אויף אַזאַ אופן אַז **אַ חלק פון דער דירה, די בעיסמענט אָדער אין דער זייט, זאָל זיין געאייגנט פאר זיינע עלטערן.**

געווענליך שטעלט מען דאָס אויס מיט'ן דעזיינער פונעם הויז, אַז די עלטערן זאָלן האָבן די פּריוואַטקייט פון אַן אייגענע דירה, נישט צו דאַרפן וואוינען ממש ביי די קינדער, אָבער **גלייכצייטיג ווען זיי דאַרפן הילף זאָל מען אַלץ זיין גענוג נאָנט צו זיי.** אַזוי האָט מען ביידע מעלות, מ'וואוינט איינער נעבן דעם אַנדערן, אָבער יעדער האָט זיין פּריוואַטקייט און ישוב הדעת. מ'לייגט אַריין אַ קלינגער וכדומה, אַז מ'זאָל אַלעמאָל קענען גלייך זיין בקשר.

דאָס איז איינס פון די טעמים פאַרוואָס די סוכה דאַרף זיין דוקא אַ 'דירת ארעי'. ווען אַ איד בויעט זיך זיין נייע הויז נאָך יוה"כ, בעט ער פון דעם דעזיינער: **"מאַך דעם דאַך אַז מ'זאָל קענען דורכזען"**... ווייל איך האָב שוין געזען וויפיל איך קען זיך אַליין אַן עצה געבן... **ער גייט טאַקע האָבן אַן אייגענע דירה, אָבער ער וועט אַגאַנצן צייט אַרויפקוקן און רעדן מיט'ן רבוש"ע.** ער וויל בלייבן גענוג נאָנט, ווייל ער ווייסט אַז ער דאַרף האָבן אַזויפיל סייעתא דשמיא אויף דעם נייעם וועג וואו ער גייט, ער קען נישט אַליין! ער וויל בלייבן נאָנט מיט'ן רבוש"ע, דעריבער בויעט ער דאָס אויף אַן 'ארעי'דיגן אופן, אַז ער זאָל קענען אַלעמאָל אַרויפקוקן צום הימל.

## הושענא גייט צוזאַמען מיט אַ נאָנטקייט

אין דעם יום טוב סוכות איז אויך דאָ **דער ענין פון מתפּלל זיין 'הושענות'.** יעדן טאָג סוכות ווען מ'שטייט מיט די ארבעה מינים אין דער האַנט בעט מען זיך: 'הושענא למענך אלקינו'. **מ'רעדט זיך אויס מיט געוואַלדיגע תפלות צום רבוש"ע.**

דאָס ברענגט אונז צו אַ פּשוט'ע הבנה וויאַזוי אַוועקצושטעלן אונזער נייע מהלך נאָך יוה"כ, אַז אודאי זענען מיר מתפּלל נאָכאַנאַנד וויסנדיג אַז מיר מוזן אָנקומען צום אויבערשטן, אָבער **די תפלות זענען אויך אַ חלק פון אונזער נאָנטשאַפט און אהבה כביכול,** ווי מ'זעט אַז די הושענות זאָגט מען **דוקא סוכות,** ווען מ'געפינט זיך צוזאַמען מיט'ן רבוש"ע אין איין שטיבעלע.

יעדעס מאָל ווען אַ איד געפינט זיך אין אן ענגשאַפט און ער לויפט צום אויבערשטן - וואָס דאָס איז בעצם יעדן טאָג, ווייל אַלעמאָל דאַרף מען זיך ראַטעווען פון דעם יצר הרע. דאַרף מען געדענקן דעם כלל: אַז **ס'איז נישט פּשט כאילו מיר האָבן דאָ אַן 'עמערדזשענסי נומער' וואו מ'קען בעטן פאַר הילף...** נאָר מיר האָבן דאָ אַ וועג, אַ 'דרך החיים', וויאַזוי אָנצוהאַלטן **אַ טיפער נאָנטער קשר מיט'ן רבוש"ע** אויף אַ רעגלמעסיגן אופן!

## אַ קשר פון ידידות ווען ער העלפט מיר

לאָמיר דאָס פאַרשטיין מיט אַ ביישפּיל: ס'איז דאָ אַ איד וואָס אויף זיין גאס וואוינט **אַ הצלה מעמבער,** און יעדער ווייסט אַז אויב ס'מאַכט זיך אַ מצב פון עמערדזשענסי, דאַרף מען רופן דעם הצלה מעמבער.

דער איד האָט אויך **אַ נאָנטער ידיד,** וואָס ער רעדט זיך דורך מיט אים אויף טריט און שריט. ער רעדט מיט אים מינימום צוויי מאָל אַ טאָג. יענער גיבט אים עצות, ער קען זיך אויסרעדן אַלע זיינע געפילן צו יענעם, און יענער העלפט אים גאָר אַסאַך.

יעדער פאַרשטייט אַז דער ידיד מיט'ן הצלה מעמבער זענען צוויי באַזונדערע זאַכן. **איינער ראַטעוועט מיר** ווען כ'געפין זיך אין אַ סכנה, און **דער אַנדערער איז מיר אַ נאָנטער ידיד.**

איי, דער ידיד גיבט זיך אויך אָפּ מיט מיינע פּראָבלעמען?! שטענדיג ווען כ'האָב אַ צרה רוף איך אים אָן און ער העלפט מיר?! אמת טאַקע, אָבער די הילף קומט פון אַן אַנדערע סאָרט ריכטיג, **כ'בין נאָנט מיט אים און דעריבער בעט איך אים פאר הילף.** אונזער קשר איז נישט קיין מהלך פון "קום מיך ראַטעווען", נאר **אַ מהלך פון לעבן צוזאַמען,** מיט אַ נאָנטשאַפט איינער צום אַנדערן.

## שלום בית - דורך זיך אַרויסהעלפן

לאָמיר דאָס רעדן אויף אַ שלום בית שפּראַך: ווען דער רבוש"ע העלפט אַז אַ אידישע שטוב איז געזונט אַוועקגעשטעלט, דעמאָלט ווען דער מאַן קומט אַהיים נאָך אַ טאָג אַרבעטן, רעדט מען זיך דורך די פּראָבלעמען. **די בני בית וואַרט שוין פאַר אים מיט אַ גאַנצע ליסטע פון קאָמפּליקאַציעס** וואָס מ'דאַרף מטכס עצה זיין, וויאַזוי מ'זאָל דאָס מסדר זיין און פאַרבעסערן.

אָבער געוויס איז דאָס נישט קיין טעכנישע זאַך, אַז דער מאַן איז דער מענטש וואָס העלפט דאָ אַרויס מיט געלט אָדער עצות. נאר **ס'איז אַ קשר פון צוויי מענטשן וואָס אַרבעטן צוזאַמען,** און דאָס איז די וועג וויאַזוי דער קשר אַרבעט, אַז מ'העלפט זיך אַרויס איינער דעם אַנדערן.

## אונזערע תפלות איז אונזער נאָנטקייט מיט השי"ת

דאָס זעלבע איז ברוחניות: ווען דער איד גייט אַריין אין דעם מהלך פון לעבן מיט'ן רבוש"ע, איז דאָס נישט אויסגעשטעלט בלויז צו נוצן דעם אויבערשטן ווען מ'דאַרף אן עמערדזשענסי ישועה... אדרבה, **ס'איז אַ מהלך פון אַ שטענדיגע קשר,** אַז מ'קען זיך אַלעמאָל דורכשמועסן מיט'ן אויבערשטן און אים פאַרציילן אַלעס וואָס פעלט.

דער איד שטייט מיט אַ שמחה נאָך הלל און ער וויינט זיך ביי די הושענות, ווייל **אַזוי בויעט ער דעם קשר מיט'ן רבוש"ע!** זיינע פּראָבלעמען מיט זיינע שוועריגקייטן **זענען ווי אַ כלי וויאַזוי ער קען פירן אַ שמועס מיט'ן רבוש"ע.** זיינע שוואַכקייטן מאַכן אַז ער זאָל געדענקן אַז דער אויבערשטער איז אים מחיה אויפ'ן יעדן טריט און שריט. זיין פאַרלוירנקייט איז אַ וועג וויאַזוי ער קומט אָן זיך צו פאַרלאָזן אינגאַנצן אויפ'ן אויבערשטן, ווייל ער אַנערקענט אַז "איך האָב נישט קיין וועג, נאר דו קענסט מיר העלפן".

**אונזער גאַנצע תפלה איז אַ מהלך וויאַזוי צו האָבן אַ פּנימיות'דיגער קשר.** דעריבער זיצט מען סוכות אין אַזאַ דירת עראי אינדרויסן, ווייל מיר ווילן זיין נאָנט און זיך פרייען מיט'ן אויבערשטן, און דעריבער איז מען סוכות אויך מתפּלל די הושענות, ווייל דאָס איז אַ חלק פון אונזער נאָנטקייט צום רבוש"ע.



# וימינו תחבקנו; די נאָנטקייט וואָס בויעט זיך דורך די מצוות פונעם יום טוב

## סוכה און ארבע מינים - סובב און ממלא

די **ספרים הק',** בפרט די ספרי חב"ד, זענען מסביר אויף דער קבלה שפּראַך, אַז ס'איז פאַראַן צוויי סאָרט מהלכים וויאַזוי דער רבוש"ע געפינט זיך אויף דער וועלט. ס'איז דאָ אַ בחינה פון **'ממלא כל עלמין',** און ס'איז דאָ אַ בחינה פון **'סובב כל עלמין'.**

אָן אַריינגיין אין אַלע העכערע זאַכן, איז די פּשוט'ע טייטש דערפון וואָס איז נוגע אויף למעשה. אַז דער רבוש"ע געפינט זיך **'אַרום' דעם מענטש** און דער רבוש"ע געפינט זיך **'אינעווייניג' אין דעם מענטש.** און אַ איד דאַרף זיין נאָנט צום רבוש"ע מיט אַלע ביידע סאָרט מהלכים.

אינעם יום טוב סוכות דינען מיר טאַקע דעם אויבערשטן מיט ביידע בחינות. **די סוכה איז מרמז אויף 'סובב כל עלמין',** אַז דער רבוש"ע נעמט אונז אַרום. און **די 'ארבע מינים' איז מרמז אויף 'ממלא כל עלמין',** אַז מיר האָבן אַן אינערליכער פּנימיות'דיגער קשר מיט'ן רבוש"ע און מיר האַלטן דאָס אָן מיט דער האַנט.

## סוכה נעמט אונז אַרום - ד' מינים נעם מיר אונז אַרום

די מצוה פון סוכה איז אַן ענין פון 'וימינו תחבקנו', **דער רבוש"ע באַשיצט אונז אַרום און אַרום.** אינדרויסן איז דאָ אַלע סאָרט שוועריגקייטן, מזיקים און פּראָבלעמען, אָבער **די סוכה היט אונז אָפּ פון אַלעם, ווייל דער רבוש"ע נעמט אונז אַרום.** יושב בסתר עליון בצל שקי יתלונן!

ווידעראום די ד' מינים איז אַ פּנימיות'דיגער קשר. מען האַלט עס ממש נאָנט צו זיך, ווי די **גמרא** זאָגט (סוכה מא, ב) אַז די אנשי ירושלים האָבן נישט אָפּגעלאָזט די ד' מינים אַגאַנצן טאָג. **דער איד נעמט כביכול אַרום דעם רבוש"ע און אַזוי דאַנקט ער, און אַזוי בעט ער.** הלל אַליין איז אויסגעשטעלט אויף אַזאַ סאָרט אופן

אַז מען האַלט אָן די ד' מינים ווען מ'זאָגט הלל, ווייל סוכות זענען מיר נישט בלויז נאָנט מיט'ן רבוש"ע דורך דעם דיבור, נאר **ממש מ'כאַפּט זיך אָן כביכול**. ס'איז העכערע ווערטער אָבער אַזוי האָבן חז"ל מתקן געווען צו טון למעשה.

## מ'דאַנקט פאַר'ן עבר, מ'בעט פאַר'ן עתיד

דער איד שטייט ביי הלל אָנכאַפּנדיג די ד' מינים, מיט אַזאַ נאָנטקייט צום רבוש"ע, און **ער דאַנקט דערויף:** "הודו לה' אַז דו האסט מיר געגעבן אַזעלכע חסדים". ער צעוויינט זיך "אַזויפיל חסדים!" און גלייכצייטיג **בעט ער ווייטער**: "פאַרלאָז מיך נישט! ווען כ'בין געווען אין שווערע מצבים, און ס'איז געווען 'מן המיצר קראתי קה', האָסטו מיר דעמאָלט געענטפערט. בעט איך דיר יעצט אויך, פאַרלאָז מיר נישט!".

די **מפרשים** זענען מסביר אַז דער גאַנצער הלל איז אויסגעשטעלט ווי דער איד דערציילט אַ מעשה: איך האָב געבעטן פון השי"ת, און ער האָט מיר טאַקע געהאָלפן, דערפאַר בעט איך נאָכאַמאָל! אַזוי'ווי מיר זאָגן ביי נשמת: **עד הנה עזרונו רחמיך ולא עזבונו חסדיך** - איך קען נישט אָן דעם רבוש"ע. העלף מיר ווייטער, ווייל דו האסט מיר קיינמאָל נישט פאַרלאָזט, און כ'ווייס זיכער אַז דו גייסט מיר ווייטער העלפן. **ואל תטשינו ה' אלקינו לנצח**, כ'האָב נישט קיין ספיקות דערינען אָבער כ'זאָג עס מתוך רגש, ווייל איך ווייס אַז אויב איין סעקונדע גייט השי"ת נישט זיין מיט מיר, דעמאָלט גיי איך אַלעס פאַרלירן.

אין דעם יום טוב סוכות האָבן מיר נאָך אַ ספּעציעלע געלעגנהייט אַז דער הלל האָט אַ הוספה פון 'הושענא', ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע מאָל במשך דאָס גאַנצע יאָר, וואָס גלייך נאָך הלל זאָל מען זאָגן 'הושענא', ווען אַ איד בעט זיך ווייטער: "**רבוש"ע, האסט מיר געהאָלפן ביז יעצט פאַרלאָז מיר נישט ווייטער**". אַזוי'ווי מ'זאָגט ביי מודים דרבנן: 'על שהחייתנו וקיימתנו כן תחיינו ותקיימנו'.

על כל פנים, **דאָס זענען די צוויי חלקים פון דעם יום טוב סוכות**. די מצוה פון סוכה ווייזט אַז דער רבוש"ע נעמט אונז אַרום, און די מצוה פון ד' מינים ווייזט אַז מ'איז נאָנט צום אויבערשטן בפנימיות. **אַזוי נעמט אונז דער אויבערשטער אַרום פון אינדרויסן און פון אינעווייניג.** דערפאַר שאָקלט מען טאַקע לולב אין דער סוכה, ווייל מיר דאַרפן האָבן ביידע סאָרט נאָנטקייטן צום רבוש"ע.

## אַ שטוב פון אינדרויסן, אַ קשר פון אינעווייניג

ווען אַ מענטש האָט חתונה און גייט אויפשטעלן אַ אידישע שטוב, **דאַרף מען צוערשט זוכה זיין צו אַ דירה**. דאָס איז נישט קיין לייכטע מעשה אין אַסאַך היימישע געגנטער... מ'זוכט כאָטש אַ בעיסמענט, אַ ד' אמות'דיגע שטיבל, כאָטש עפּעס אַ דעכל, אַז ס'זאָל זיין אַ דירה וואו מ'קען וואוינען.

אָבער בעצם איז די דירה זייער אַ חיצוניות'דיגע חלק כלפּי די פנימיות וואָס עס שפּילט זיך דאָ אָפּ. מ'גייט יעצט בויען אַ אידישע שטוב, מיט השראת השכינה, און אויפשטעלן דורות אויף אייביג. מיר האָבן דאָך נישט קיין השגה וואָס עס פּאַסירט אַלץ ווען מ'שטעלט אויף אַ אידישע שטוב, כאילו בנה אחת מחרבות ירושלים, ס'איז זייער אַ טיפע פנימיות'דיגע זאַך.

אָבער אַט די אַלע הייליגע ענינים קענען נישט געשען **נאר אויב מ'האָט אַ טעכנישע דירה וואו צו וואוינען**. ס'הערט זיך אפשר זייער חיצוניות'דיג כלפּי די פנימיות'דיגע באַדייט פון אַ אידישע שטוב, אָבער **מען מוז דאָס האָבן!** הערשט נאָכדעם וואָס ס'איז דאָ די חיצוניות'דיגע חלק, קען מען נאָכדעם אַוועקשטעלן אַ הייליגע שטוב מיט יראת שמים על אדני התורה והחסידות. **ס'מוז צוערשט זיין דער טעכנישער חלק.**

ווען אַ איד וויל אויפשטעלן אַ אידישע שטוב, קען ער נישט זאָגן אַז "איך גיי לערנען אין די כתבי האר"י אַלע הויכע בחינות פון חתונה. איך גיי זיך נישט נאַריש מאַכן וועגן אַ דירה, מ'דאַרף דען האָבן די אַלע מגושם'דיגע זאַכן?"... אודאי איז דאָס אַ ווערטל, ווייל **מ'מוז יאָ האָבן כלים אויף דער וועלט, וואו ס'זאָל קענען חל זיין די השראת השכינה.**

## די סוכה'לע איז דער שטוב וואו מ'נעמט אַריין כביכול

דאָס זעלבע שפּילט זיך אָפּ מיט יעדן איד יעדעס יאָר. די **משנה** זאָגט אין סוף מסכת תענית אַז דער פּסוק 'יום חתונתו ויום שמחת לבו' גייט אַרויף אויף יום הכיפורים. דער טאָג פון יוה"כ איז **אַ געוואַלדיגע שמחה פון אַ חתונה**. מ'גייט אָנהייבן בויען אַ נייע שטוב, צווישן אידישע קינדער מיט'ן רבוש"ע.

די נייע שטוב דאָס איז **די הייליגע סוכה**. מ'האָט אַוועקגעשטעלט אַ קליינע 'אַפּאַרטמענט' וואו דער איד געפינט זיך מיט'ן רבוש"ע. אָבער **אין דער סוכה דאַרף מען פּראַווען דעם קשר מיט'ן רבוש"ע**. אין דער סוכה דאַרף מען רעדן מיט'ן אויבערשטן, זינגען צום רבוש"ע, משתוקק זיין צום אויבערשטן. **טו דאָרט וואָס מ'טוט נאָך אַ חתונה!**

## אינמיטן 'שנה ראשונה' קען מען נישט אַוועקגיין

די סוכה איז די כלי אַז ס'זאָל קומען אויף אונז השראת השכינה. אין דעם פּלאַץ בויעט מען אַ טיפע אינערליכע קשר מיט'ן רבוש"ע, און **איינמאָל די שטוב איז ריכטיג געבויעט, דעמאָלט בלייבט עס שוין אויף אייביג**. אפילו אויב דער מענטש גייט אַמאָל אַוועק אויף אַ קורצע וויילע.

מ'קען דאָס זען ביי אַ גשמיות'דיגע שטוב, אַז עטליכע יאָר נאָך די חתונה קען זיך מאַכן אַז אַ מענטש דאַרף אַוועקפאָרן פון שטוב צוליב פּרנסה וכדומה. ער געפינט זיך נישט אינדערהיים אויף עטליכע טעג, **אָבער ס'איז בסדר**, ווייל די שטוב איז שוין אַוועקגעשטעלט און עס פּאַרט על מי מנוחות אפילו אויב ער איז פונקט נישט דאָרט.

אַנדערש איז אָבער אין שנה ראשונה ווען **מ'גייט נישט אין ערגעץ**, מ'דאַרף אַלעמאָל זיין אינדערהיים. הערשט ווען די שטוב איז שוין מסודר קען מען זיך ערלויבן אַמאָל אַהיימצוקומען שפּעט ביינאַכט ווייל מ'איז געווען פאַרנומען צו ענדיגן דעם שיעור. דעמאָלט איז עס שוין נישט קיין פּראָבלעם, ווייל די שטוב איז שוין אַוועקגעשטעלט ריכטיג.

## די זיבן טאָג פון סוכות איז אינמיטן די 'שבע ברכות'

דאָס זעלבע איז דער יום טוב סוכות, **ס'איז זיבן טאָג ווען אַ איד פּראַוועט די לעכטיגע שבע ברכות מיט'ן רבוש"ע**. דעמאָלט שטעלן מיר אַוועק די שטוב, אַזוי אַז שפּעטער, ווען מ'דאַרף אַרויסגיין על המחי' ועל הכלכלה זאָל אַלעמאָל בלייבן דער קשר. דער רבוש"ע ווייל אַז ס'זאָל זיין אַ חודש חשון ווען מ'איז שוין נישט אין דעם מצב פון חודש תשרי, **אָבער די שטוב איז שוין דעמאָלט אַוועקגעשטעלט**, עס פּאַרט על מי מנוחות.

אין די הייליגע טעג פון סוכות דאַרף אַ איד זיין פאַרנומען בלויז מיט'ן רבוש"ע. ער דאַרף זיין פאַרנומען בלויז צו דאַנקען, און זינגען און בעטן. **ס'איז יעצט אינמיטן די שבע ברכות!** ער האָט נישט יעצט קיין צייט צו גיין פאַרברענגען מיט חברים, ער איז אינמיטן שבע ברכות און ער געדענקט דאָס אַגאַנצן צייט!

## לאָז וויסן אַז דו קומסט גלייך צוריק...

מ'קען זען אַמאָל אַ פרישער חתן אינמיטן די שבע ברכות מיט'ן שטריימל נעמט אַרויס זיין נייע סעלפאָון און ער רופט אַהיים, אַז **ער האָט זיך עפּעס פאַרשפּעטיגט און ער גייט אַהיימקומען צען מינוט שפּעטער**... הלואי וועט ער אָנהאַלטן מיט דער הנהגה, אָבער כאָטש אינמיטן שבע ברכות איז דאָס טאַקע זייער וויכטיג צו טון.

און צום נמשל: ווען אַ איד טרעפט זיך חול המועד סוכות, אַז ער וויל אויף אַ וויילע אַפּלאָזן דעם רבוש"ע ביי שחרית אינמיטן לערנען. זאָל ער כאָטש בעטן דעם רבוש"ע דערויף: **"איך גיי אַרויס פון דער סוכה, אָבער כ'קום שוין צוריק"**... האַלט כאָטש דיין גמרא אָפן, אַזוי'ווי אין כולל ווען מ'לייגט אַרויף דעם היט אַלץ אַ סימן אַז מ'איז שוין אָט צוריק...

## אַלעמאָל זיין מיט'ן אויבערשטן

אַזוי ווערט טאַקע גע'פּסק'נט להלכה אין **שו"ע** (או"ח תרל"ט, ס"א) 'כיצד מצות ישיבה בסוכה? שיהיה אוכל ושותה וישן ומטייל בסוכה כל שבעת הימים. וואָס איז טייטש 'מטייל'? ס'מיינט געוויס נישט אַז מ'זאָל האָבן אַ שפּאַציר גאָרטן אין דער סוכה, ווייל ווי גרויס איז דען שוין די סוכה אַז מ'זאָל דאָרט קענען שפּאַצירן? **דאָס וואָרט טיול איז טייטש 'פאַרברענגען'**. דאָס הייסט אַז אפילו ווען מ'וויל זיך אַביסל נאָכלאָזן זאָל מען דאָס טון אין דער סוכה!

מ'רעדט נישט דאָ פון קיין קלות ראש וואָס איז אודאי אסור אין דער סוכה, נאר די כוונה איז **ווען מ'וויל זיך סתם אָפּרוען**. יעצט עסט מען נישט און מ'טרונקט נישט, מ'איז פּשוט זיך. **אום סוכות איז די הלכה אַז דאָס דאַרף זיין צוזאַמען מיט'ן רבוש"ע**. מ'איז אַגאַנצן צייט מיט'ן אויבערשטן, מ'טראַכט פון אים, מ'רעדט צו אים.

## נאָך יוה"כ שטעלט מען אויף אַ שטוב מיט השי"ת

די סוכה'לע איז אונזער נייע שטוב. דאָס איז די המשכה צו די קבלות טובות וואָס מ'האָט זיך אונטערגענומען אין די הייליגע טעג. יוה"כ האָט מען מקבל געווען צו זיין נאָנט מיט'ן רבוש"ע. מ'ווייסט נאָכנישט פונקטליך וויאַזוי ס'גייט זיך אויסאַרבעטן, אָבער **צוערשט ציעט מען זיך אַריין אין דער נייער דירה, מ'הייבט אָן צו בויען דעם שלום בית**. די מומחים זאָגן אַז אַן אמת'ע געזונטע שלום בית נעמט אַ שיינע עטליכע יאָר ביז ס'שטעלט זיך אַוועק בשלימות. ס'מיינט נישט אַז ביז דעמאָלט איז געפערליך, אָבער **עס געדויערט צייט ביז מ'פאַרשטייט זיך אינגאַנצן**. דאָס קען נישט געשען אין די ערשטע סעקונדע.

ביי אונזער קשר מיט'ן רבוש"ע איז אויך אַזוי: **וועסט נאָך זיכער דאַרפן פאַרדעכטן אַסאַך זאַכן, אָבער די סוכה איז אַן אָנהויב פון אַ נייע שטוב**, אַצינד נאָכ'ן אַרויסקומען פון דעם הייליגן יוה"כ.

# אני והו הושיעה נא; אמת'ע תפלות אויף רוחניות ווערן אַלעמאָל געענטפערט

## אַלע תפלות און הלל בויען דעם שייכות

מיר דאַרפן פשוט געדענקן אויסצונוצן אַזאַ לעכטיגער יום טוב און אַרויסנעמען די תועלת דערפון. די תפלות, דער הלל, די הושענות, און די שמחה, **זענען ממש די נשמה פון די טעג.**

ווען מ'טאַנצט ביי שמחת בית השואבה און מ'דאַנקט אויף אַלע חסדים, **בויעט מען דעם שייכות מיט'ן רבוש"ע.** מען באַמערקט וויפיל דער אויבערשטער טוט אַלץ פאַר אונז, מיט אַזויפיל אהבה. מ'איז נישט בלויז דאַנקבאַר פאר דער טובה אַליין, ווייל דער עיקר איז נישט די געלט אָדער די ישועה וואָס מ'האָט באַקומען, **דער עיקר איז דאָס מציאות אַז דער רבוש"ע איז נאָנט צו הערן אונזערע צרכים** און גיבט זיך אָפּ מיט אונז.

## די תפלות זענען אויך אַ דאַנק

נאָכמער: אויך די בקשות און די תפלות וואָס מ'בעט אויף די חלקים וואָס פעלן אונז, **איז אַלעס אַ חלק פון דעם קשר פון הכרת הטוב.** ווען אַ איד שטעלט זיך אַוועק שבת און ער בעט פון דעם רבוש"ע "קדשינו במצותיך ותן חלקינו בתורתך", איז דאָס נישט בלויז אַ תפלה, **נאר ס'איז אַ הודאה!**

שבת איז מען דאָך נישט מתפלל. מ'האָט אַראָפּגענומען אַלע מיטלסטע ברכות פון שמונה עשרה, ס'איז געבליבן נאר איין ברכה אינמיטן שמונה עשרה וואָס רעדט זיך וועגן שב"ק. און אויב דאָרט איז מען יאָ מתפלל איז דאָס לכאורה אַ קשיא, **שבת דאַרף מען בלויז דאַנקן, פאַרוואָס בעט מען?**

די תשובה איז אָבער זייער פשוט: ווען אַ מאַמע איז געשטאַנען און צוגעגרייט עסן פאר נאַכטמאָל, איז דאָ אַמאָל אַ קינד וואָס זאָגט פאר דער מאַמע: "יישר כח, ס'איז געווען זייער באַ'טעמ'ט, ס'איז געווען געוואַלדיג". דאָס איז איין וועג פון אויסדרוקן הכרת הטוב. **אָבער ס'איז דאָ נאָך אַ מהלך**, ווען דאָס קינד בעט: "ס'איז אפשר דאָ נאָך פון דעם מאכל?"... **דאָס הייסט נישט געבעטן, דאָס הייסט געדאַנקט!** דאָס קינד האָט דאָ געזאָגט אַ סטעיטמענט, וואָס איז נאָכמער ווי סתם זאָגן 'יישר כח'. ס'איז אַסאַך מער אַ נאַטירליכע אויסדרוק פון דאַנקן!

ווען ס'קומט צו רוחניות איז דאך אַ 'כל שכן' אַז ווען אַ מענטש איז מתפלל צו מצליח זיין בתורה ובקדושה, **האָט ער דאָ געזאָגט אַז ס'איז אים געווען אַזוי לעכטיג און גוט, אַז ער וויל האָבן נאָך.** ער איז מתפלל אויף דעם קשר ווייל ס'איז אים אַזוי גוט. דאָס הייסט נישט קיין תפלה, **דאָס איז אַ מהלך פון דאַנקן!** ס'איז אַ וועג פון זאָגן: "רבוש"ע, אונזער קשר מוז אָנהאַלטן. וויאַזוי קען מען מאַכן אַז מיר זאָלן אַלעמאָל בלייבן צוזאַמען?"... **אָט דאָס איז די עבודה פון הלל און הושענות אום סוכות!**

## דאָס געווין ביי שמונה עשרה

אין די לעצטע עטליכע טעג האָט דער אויבערשטער צוגעפירט אַז ס'איז אויסגעקומען צו הערן פון עטליכע יונגעלייט, וועלכע האָבן יעדער באַזונדער פאַרציילט ערשטהאַנטיגע מעשיות, **וויאַזוי זיי האָבן געבעטן אויף רוחניות און דער רבוש"ע האָט זיי געהאָלפן ממש למעלה מדרך הטבע.** ס'איז ממש 'תסמר שערות ראשי' פון התרגשות ווען מ'הערט אַזעלכע ישועות אַדאַנק די תפלות פון אידישע קינדער.

היינט האָט מיר אַ יונגערמאַן דערציילט מיט טרערן אין די אויגן, אַז ער האָט זייער שטאַרק געוואָלט לערנען, אָבער ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין לערנען און ער האָט זיך נישט געשפירט מקושר צו תורה. ער פלעגט קוקן ווי אַנדערע האָבן ליב צו לערנען און זענען מצליח אין תורה, אָבער ער האָט געשפירט אַז: "מיך גייט עס נישט, איך האָב עס נישט"...

איינמאָל ביי אַ שמונה עשרה האָט ער זיך צעוויינט מיט דמעות שליש: "רבוש"ע, געב מיר אַ פאַסיגע חברותא וואָס זאָל מיר העלפן אַז כ'זאָל יאָ קענען לערנען".

## אַ פלוצים'דיגער קלאַפּ אין דער פלייצע

ס'איז דורכגעגאַנגען אַ טאָג צוויי, און ער איז געשטאַנען אין אַ רייע ערגעץ וואו, ווען פלוצים שפירט ער אַ קלאַפּ אין דער פלייצע. עס שטייט דאָרט אַ חשוב'ער יונגערמאַן, אַ תלמיד חכם, **וואָס איז אינגאַנצן נישט זיין יאָרגאַנג און נישט זיין טיפּ בכלל,** ער קען אים ניטאַמאָל און ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט עפּעס מיט אים, און יענער פרעגט אים: "אפשר זוכסטו אַ חברותא?"

דער יונגערמאַן האָט די ערשטע זאַך געוואָלט רעאַגירן: "ביטע, נאר נישט דאָס... כ'האָב נישט געמיינט צו זאָגן אַז איך דאַרף אַ חברותא מיט אַזאַ גרויסע באָרד... ס'איז נישט פאר מיר..." ער האָט נאָר געהאַט איין פראָבלעם, אַז ס'האָט פּאַסירט אויף אַזאַ צורה פון אַ נס, אַז **ער האָט פשוט מורא געהאַט צו זאָגן דעם 'ניין'**, ווייל ער האָט געשפירט אַז מ'זאָגט אים פון הימל: "דו האסט געבעטן? נו, דאָ האָסטו"...

האָט ער שנעל גערופן אַ חבר און האָט אים דערציילט וואָס דאָ איז געשען. זאָגט אים דער חבר: "קודם די ערשטע זאַך, זאָג יאָ"... - אָבער כ'ווייס נישט צי ער איז געאייגנט פאר מיר? זאָגט דער חבר: "זיי נישט קיין נאַר, האסט ממש געוויינט דערויף, און יעצט פלוצים קומט איינער פשוט צו דיר מיט אַזאַ פאָרשלאַג, דו קענסט דאָס נישט פארשפילן".

אַזוי איז טאַקע געווען. **זיי האָבן קובע געווען אַ חברותא**, און זיי לערנען שוין אַ לאַנגע צייט יעדן טאָג מיט אַ געוואַלדיגע הצלחה ב"ה!

## ער ווייסט נישט פאַרוואָס ס'איז אים איינגעפאַלן...

מיט אַ צייט שפּעטער, נאָכדעם וואָס זיי זענען שוין געוואָרן נאָנטערע ידידים, האָט דער יונגערמאַן גענומען די קוראַזש צו פרעגן פון זיין חברותא: "וואָס האָט דיר געמאַכט דאָס טון? פאַרוואָס איז דיר בכלל איינגעפאַלן מיר צו פרעגן צי איך דאַרף אַ חברותא, כ'בין דאָך נישט דיין יאָרגאַנג און נישט דיין טיפּ?"...

יענער האָט אים געענטפערט אַ שטוינענדע תשובה: **"איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס איך האָב דיר דאָס געפרעגט"...**

די אמת'ע תירוץ אויף די שאלה איז, אַז ווען אַ איד בעט פון דעם רבוש"ע אַ לויטערע תפלה, מיט אַ צעבראָכנקייט עד הסוף, ווערט **דאָס אָנגענומען און מ'ווערט זיכער געהאָלפן!**

דאָס איז אַזאַ סאָרט תפלה, אַזויווי איינער טרעפט זיך שטיין אינמיטן די גאס און האָט נישט קיין השגה וואו צו גיין ווייטער, אָבער צו בלייבן שלאָפן אויפ'ן גאס איז אויך נישט קיין אָפּציע. הייבט ער אויף די אויגן צום הימל: **"רבוש"ע, דו ביסט מיין טאַטע, כ'האָב נישט קיין אַנדערע אויסוועג, נאר אַז דו זאָלסט מיר העלפן"**. ווען די תפלה אויף רוחניות קומט אַרויס אויף אַזאַ סאָרט צורה, באַקומט מען בלי ספק אַ ישועה!

## די שענסטע תפלה: פון אַ פלאַץ פון הכנעה און ביטול

ס'איז נישטאָ קיין לעכטיגערע תפלה, ווי אַ תפלה פון **אַ איד וואָס שטייט נאָך די הייליגע טעג, און ער לאָזט זיך אַרויס 'במדבר בארץ לא זרועה'.** ער גייט אויף דעם נייעם וועג וואָס ער וויל אַזוי שטאַרק דאָרט גיין, אָבער ער ווייסט נישט וויאַזוי.

יעדער איינער האָט אָט דעם געפיל ביי זיינע אייגענע שוועריגקייטן. איינער וויל אויפשטיין פריער; און אַ צווייטער וויל אינזין האָבן מער ביים דאַווענען, אָבער ער זאָגט: "קענסט מיר מסביר זיין וויאַזוי? **כ'קען עפּעס טון דערצו?** כ'קען אפשר נעמען אַ 'פּיל' פאַר'ן דאַווענען אַז כ'זאָל קענען מער קאָנצענטרירן ביי שמונה עשרה? זאָג מיר פּונקטליך וואָס איך זאָל טון אַז ס'זאָל געשען... **איך וויל אַזוי שטאַרק זיך אונטערנעמען**, אָבער כ'האָב נישט קיין השגה וואָס צו טון דערוועגן".

דער איד איז מתפלל דערויף צום רבוש"ע מיט אַזאַ פאַרלוירנקייט, אָבער צו דער זעלבער זייט איז ביי אים קלאָר ווי דער טאָג אַז "ניין איז נישט קיין אָפּציע". איך פאַרשטיי אַז איך האָב נישט קיין שום מהלך, אָבער **איך פאַרשטיי אויך אַז ס'איז נישט דאָ קיין שום וועג אַז דאָס זאָל נישט געשען!** איך בין זיכער אַז דאָס דאַרף פאַסירן!

זאָל דער איד וויסן, אַז אויב גייט ער דאַווענען מיט אַזאַ צוגאַנג אויף רוחניות, **דעמאָלט גייט אים דער רבוש"ע זיכער העלפן.**

## ביי רוחניות איז זייער קלאָר וואָס ס'איז ריכטיג

צומאָל ווען מ'וויל האָבן עפּעס אַ גשמיות'דיגע בקשה, וואָס ס'איז נישט קלאָר אויב ס'איז טאַקע וויכטיג אַז מ'זאָל עס האָבן, דעמאָלט גייט די תפלה אויף אַן אופן אַז "דער רבוש"ע פאַרשטייט בעסער פון מיר". מ'איז מתפלל אַז השי"ת זאָל אים פירן אויפ'ן ריכטיגן וועג וכדומה.

**די סאָרט שפּראַך איז זייער גוט ווען אַ מענטש וויל האָבן גשמיות, וואָס ער ווייסט נישט צי ס'איז ריכטיג,** אָבער ווען מ'איז מתפלל אויף רוחניות איז דאך נישטאָ קיין צוויי זייטן דערביי. דעריבער איז די תפלה אויף אַן אַנדערן אופן, מ'בעט מיט אַ זיכערקייט, און דעמאָלט ווערט מען בעז"ה געהאָלפן.

## דאַרפסט נישט טרעפן קיין לעזונג, דאַרפסט מתפלל זיין

דאָס זעלבע איז ווען ס'קומט צו לימוד התורה. איינס פון די גרעסטע שליסלען פאַר הצלחה מיט קביעת עתים לתורה, איז **צו האָבן אַ גוטע חברותא וואָס זאָל אָנהאַלטן דעם קביעות.** אָבער דער יונגערמאַן פרעגט: "וואו טרעף איך אַ חברותא?" זאָל איך זיין דער מענטש אין שול וואָס לייגט אויפ'ן וואַנט דעם אינטערעסאַנטן צעטל אַז "איך זוך אַ חברותא"

מיט אַ נומער וואָס מ'קען אַראָפּרייסן פון אונטן, און נאָך איידער מ'הענגט עס אויף רייסט מען אַליין אַראָפּ צוויי שטיקלעך אַז ס'זאָל נישט זיין קיין בושות... אַנטשולדיגט, איך בין נישט דער סאָרט מענטש, און כאילו ס'גייט אַרבעטן... **וואו פונקטליך זאָל איך יעצט טרעפן אַ חברותא?**

די תשובה פאר אַזאַ איד איז: **דער פּלאַן איז בכלל נישט געווען אַז דו גייסט אויפקומען מיט אַ מהלך.** דער פּלאַן איז געווען אַז דו גייסט זאָגן: **איך האָב נישט קיין וועג, אָבער איך גיי הונדערט טויזנט פּראָצענט זיך נישט מייאש זיין.** איך האָב נאָכנישט קיין שום מהלך, אָבער איך הייב אן פארן אָן קיין מהלך. איך גיי מקיים זיין דעם 'לך לך אל הארץ אשר אראך'!

וויאַזוי זאָל מען דאָס טון? אָה, דאָס איז שוין אן אינערליכער שמועס וואָס דער איד האָט מיט'ן רבוש"ע. דאָס איז זיין פּריוואַטע שוואַכקייט וואָס ער קען נאר דערציילן פאַר'ן נאָנטסטן ידיד וואָס ער פאַרמאָגט. פאר די גאָר נאָנטע פריינד קען מען דערציילן די אייגענע אינערליכע פּראָבלעמען, ווייל **כ'ווייס אַז יענער גייט מיך נישט אַראָפּקוקן.** פאַר אַ פרעמדן דאַרף מען באַהאַלטן געוויסע זאַכן, אָבער ווען מ'רעדט זיך אויס פאַר'ן רבוש"ע דאַרף מען גאָרנישט באַהאַלטן. **ער קען מיך גוט, ער האָט מיך ליב, ער וועט מיר ווייטער שעצן און העלפן, אפילו מיט אַלע מיינע חסרונות.** ער ווייסט עס סייווי!

און דער בעסטער פּלאַץ אָפּצוהאַלטן אַזאַ שמועס, איז אין דעם מקום וואָס איז געאייגנט דערפאַר: **אין דער סוכה'לע.**

ד

# אם זכרתיך על יצועי; שלאָפן אין דער סוכה מיט אַ קרבת אלקים

## געדענקן השי"ת אויפ'ן געלעגער

איינס פון די זמנים וואָס איז געאייגנט אַז אַ איד זאל דעמאָלט טראַכטן פון דעם רבוש"ע, איז ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים (סג, ג): **אִם זְכַרְתִּיךָ עַל יְצוּעָי בְּאַשְׁמֻרוֹת אֶהְגֶּה בָּךְ.** - ווען מ'לייגט זיך שלאָפן ביינאַכט און ווען מ'שטייט אויף אינדערפרי, **דעמאָלט איז 'אהגה בך'.** דאָס שלאָפן גיין ביינאַכט און דאָס אויפשטיין אינדערפרי איז אויסגעשטעלט אויף אַזאַ סאָרט אופן, אַז דעמאָלט איז דער מענטש אינגאַנצן אַליין מיט'ן רבוש"ע. קיינער איז נישט דאָרט, נאָר ער מיט השי"ת. דעמאָלט קען ער זיך מתבונן זיין, משתוקק זיין, און טראַכטן פון דעם אויבערשטן.

דערפאַר שטייט אין **ספרים הק'** אַז נאָכ'ן זאָגן קריאת שמע שעל המטה זאָל מען טראַכטן אין לערנען ביז מ'שלאָפט איין. ס'ווערט געברענגט פאַרשידענע פסוקים וואָס מ'זאָל דאָס זאָגן פאַר'ן איינשלאָפן, ווייל **דעמאָלט געפינט מען זיך מיט'ן רבוש"ע אַליין.** דאָס זעלבע זאַך איז אינדערפרי, ווי ס'שטייט אין אַלע ספרי קודש, אַז די ערשטע מחשבות ביים אויפשטיין, דאַרף זיין הייליגע מחשבות.

מ'זעט דאָס אויך אין דעם פסוק פון קריאת שמע: **וְדִבַּרְתָּ בָּם וכו' וּבְשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ.** עס שטייט נישט 'ביום ובלילה', נאר "ווען דו לייגסט זיך אַראָפּ שלאָפן און ווען דו שטייסט אויף". במשך דעם גאַנצן טאָג טרעפט מען זיך מיט אַנדערע מענטשן, אָבער יעצט ביסטו אַליין מיט'ן רבוש"ע, רעדט זיך אויס צו אים!

## יעדן טאָג – אַ קליינער יוה"כ

אין די מאמרים אויף יום הכיפורים פון הרה"ק **מהרש"ב מליובאוויטש** זי"ע שטייט, אַז יעדן טאָג פונעם יאָר האָט אין זיך אויך אַ קליינע בחינה פון יום הכיפורים. די קריאת שמע שעל המטה פון ביינאַכט, ווען מ'מאַכט זיך אַ חשבון הנפש אויפ'ן גאַנצן טאָג, איז **דער חלק פון 'וידוי' וואָס איז דאָ יוה"כ.** און די צייט פון ווען מ'שטייט אויף אינדערפרי ביז'ן דאַווענען, וואָס דעמאָלט איז להלכה אסור צו עסן, **איז דער חלק פון 'תענית' וואָס איז דאָ יוה"כ.** [ער לייגט דאָרט צו בסוגריים אַז אפילו אויב מ'טרונקט עפּעס כדי צו קענען דאַווענען בעסער, אָבער מעיקר הדין איז דאָך פאַר'ן דאַווענען אַ זמן ווען ס'איז אסור באכילה אַזוויו אין אַ תענית].

אין אנדערע ווערטער: יעדן טאָג ווען אַ איד לייגט זיך שלאָפן און ווען ער שטייט אויף, **איז דאָס זיין פּריוואַטע יום הכיפורים.** ער קען זיך דעמאָלט 'דיסקאנעקטן' פון דער גאַנצער וועלט, און זיך געפינען אַליין מיט'ן רבוש"ע.

ווען ס'קומט יום הכיפורים פאַרשטייט יעדער מיושב'דיגער מענטש אַז ס'איז נישט יעצט קיין צייט צו 'סאשעלייזן'... **ער איז היינט מיט'ן רבוש"ע.** ער וויקלט זיך איין מיט'ן טלית ביז איבער די אויגן און ער זאָגט וידוי. ער שפּירט אַז "יעצט האָב איך אַ טיפע נאָנטער קשר און כ'קען רעדן מיט'ן אויבערשטן".

אַגאַנץ יאָר במשך דעם טאָג דרייט מען זיך מיט אַנדערע מענטשן, אָבער **ס'איז דאָ איין חלק פונעם טאָג, ווען מ'קען פּראַווען אַן אייגענע יוה"כ.** דאָס איז אַ ספּעציעלער זמן, וואָס דעמאָלט קען מען זיך מתוודה זיין, דעמאָלט קען מען תשובה טון, דעמאָלט קען מען דאַנקן, דעמאָלט קען מען זיך אויסרעדן דאָס האַרץ פאַר'ן אויבערשטן.

## סוכות איז אַ גוטע התחלה צו גיין שלאָפן הייליג

דאָס אַלעס איז גילטיג אויך במשך דעם גאַנצן יאָר, אָבער **בפרט ווען ס'קומט דער יום טוב סוכות האָבן מיר אַ געוואַלדיגע געלעגנהייט** דאָס צו מקיים זיין, ווייל דעמאָלט געפינען מיר זיך ממש אין דער שטוב פון השי"ת.

אַגאַנץ יאָר איז צומאָל גרויסע בזיונות וויאַזוי ס'קוקט אויס ווען מ'לייגט זיך שלאָפן, אָן אַריינגיין אין צופיל דעטאַלן... איינער וואָס שלאָפט איין הערנדיג אַ שיעור איז שוין געוואַלדיג, אפילו אויב ער נוצט עס אַלס אַ מיטל צו איינשלאָפן, אָבער ס'לייגט זיך כאָטש אויפ'ן שכל, ער איז מיט'ן רבוש"ע אַביסל.

אָבער אין דער סוכה איז עס זיכער אַ געוואַלדיגע בזיון אויב מ'לייגט זיך שלאָפן אן טראַכטן פון דעם רבוש"ע. אַנטשולדיגט פאַר'ן אויסדרוק, אָבער ס'איז נישט אַנדערש ווי **אַ חתן וואָס צינדט אן 'קול מבשר' אויף ספּיקער אינעם 'יחוד שטיבל'...**

ווען אַ איד געפינט זיך אין דער סוכה איז עס אַ פּאַסיגע צייט, אַז מ'זאָל אָנהויבן גיין שלאָפן אַנדערש. **מאַך יעדן טאָג אַ קליינער יוה"כ.** "יעצט וויל איך זיין מיט'ן רבוש"ע אַביסל, כ'וויל נישט קיינער זאל דאָ אַריינקומען שטערן". אויב מ'קען נישט לעבן אַגאַנצן סוכות אַזוי, לאָמיר כאָטש מאַכן דעם חלק פונעם טאָג ווען מ'לייגט זיך אַראָפּ שלאָפן.

## די מצוה פון 'שינה בסוכה' איז אויף די מינוטן פאַרדעם און נאָכדעם

נאָכמער: ווען די תורה הק' האָט געהייסן אַז אַ איד דאַרף שלאָפן אין דער סוכה, **פאַר וועלכן חלק פונעם שלאָף איז די מצוה געגעבן געוואָרן?** פאר דעם חלק ווען מ'שלאָפט שוין און מ'האַלט גאָרנישט מיט? דעמאָלט איז מען דאָך שוין נישט קיין בר דעת און מ'איז פּטור פון אַלע מצוות.

אלא מאי, אַז די מצוה פון 'שינה בסוכה' איז טאַקע אויף דער צייט בעפאָר מ'שלאָפט איין ביינאַכט.

ווען מ'פרעגט אַ מענטש: "נו, וויאַזוי איז געווען די נאַכט?". וועט ער נישט ענטפערן: "איך ווייס נישט, כ'בין געשלאָפן"... ווייל יעדער פאַרשטייט אַז מיט דער שאלה מיינט מען צו פרעגן **אויב ס'איז אים געווען שווער איינצושלאָפן און אויפשטיין.** מ'וויל טאַקע וויסן וויאַזוי ס'איז געווען דער אַרום און אַרום.

## אויסנוצן די אומבאַקוועמליכקייט צו בויען אַ קשר

אייגנטליך איז מען מקיים אַסאַך מער די מצוה און עבודת ה' ווען מ'שלאָפט אין דער סוכה, **ווייל מ'גיבט אויף די געוועגליכע באַקוועמליכקייט.** געווענליך ביים שלאָפן איז דער מענטש צוגעוואוינט צו זיין פּריוואַטקייט און שטילקייט. אָבער אין דער סוכה איז אַמאָל צו קאַלט, אַמאָל איז צו הייס, און אַמאָל איז דאָ צופיל קולות. **מ'איז אַסאַך מער מקריב ביים שלאָפן אין דער סוכה ווי ביים עסן אין דער סוכה.**

אָט די אומבאַקוועמליכקייט און די שוועריגקייט איז **אַ כלי צו קענען בויען אונזער קשר מיט'ן רבוש"ע.** אָבער בתנאי אַז מ'טוט עס טאַקע ריכטיג! אינוועסטיר אין דעם קשר!

אַ איד קען זיך אַראָפּלייגן אין דער סוכה מיט אַ שיעור תורה, אָדער מיט אַ ספר, און נאָך בעסער איז, **אַז ער זאָל רעדן מיט'ן רבוש"ע,** ער זאָל דאַנקן אויף זיינע חסדים און ער זאָל בעטן אויף ווייטער. אַזוי טוט מען דאָס ריכטיג! דער איד געפינט זיך ביים באַשעפער אינדערהיים. דער רבוש"ע האָט אים געזאָגט: "קום זיי מיין גאַסט, קום דאָ אַריין אינעווייניג". און דאָרט רעדט ער און דאַנקט ער. דאָס האָט דאָך אַלע טעמים.

## אַ שאָד צו פאַרפּאַטשקען אַזאַ געלעגנהייט

ווי אַנדערש איז איינער וואָס טוט טאַקע די מצוה פון שלאָפן אין דער סוכה, אָבער ער הייבט נישט אן כאַפּן וואָס דאָ שפּילט זיך אָפּ: "אָקעי, מ'דאַרף שלאָפן אין דער סוכה, ס'איז טאַקע שווער, אָבער איך בין דאך אַ איד...". ווען ער קען נישט איינשלאָפן, ווייל ס'איז דאָ אַ גערודער פון אַלע שכינים. וואָס טוט ער? ער קויפט זיך הונדערט פונט 'ליין מאַטעריאַל', וואָס מ'דאַרף אַ שלעפּער טראָק דאָס אַהיימצוברענגען...

ס'איז אַ שאָד! **ביסט אַריינגעקומען אין דעם חדר היחוד מיט'ן רבוש"ע און ביסט געגאַנגען רעדן מיט אַ צווייטן.** פאַרשטיי אַז דער רבוש"ע האָט דיך אַריינגענומען דאָ, כדי צו בויען אַ קשר! צו רעדן מיט אים, צו דאַנקן און בעטן. דאָס וועט אַריינגיין זייער טיף אַריין אין דיין נפש און ס'וועט לאָזן אַן אייביגע רושם.

# מקדש ישראל והזמנים: דער כח פון אַ תמימות'דיגע ריינע תפלה אויף רוחניות

## מי שענה ל'בונם' הוא יעננו

ווען אַ מענטש געפינט זיך אין דער סוכה מיט'ן אויבערשטן, קען ער זיך אויסרעדן: **רבוש"ע, כ'וויל מער נישט גיין אויפ'ן אַלטן וועג, אָבער כ'האָב נישט קיין השגה וויאַזוי צו גיין אויפ'ן נייעם וועג, העלף מיר!**

אַמאָל קען מען מתפלל זיין: "**רבוש"ע האסט געהאָלפן מיין חבר צו מצליח זיין ברוחניות, העלף מיר אויך**". און אַמאָל קען מען מתפלל זיין: "**רבוש"ע האסט מיר אַליין געהאָלפן ברוחניות מיט אַ געוויסן ענין, העלף מיר ווייטער**". ווי הרה"ק רבי ר' בונם מפרשיסחא זי"ע האָט געזאָגט אַז ער קען צולייגן נאָך אַ 'מי שענה' ביי די סליחות: '**מי שענה לבונם, הוא יעננו**'. דער רבוש"ע האָט דאָך מיר אַליין אויך שוין געהאָלפן אַזויפיל מאָל! כ'האָב דאך געזען וויאַזוי ער האָט מיר באַגלייט, בין איך מתפלל אַז ער זאָל מיר ווייטער העלפן.

## בעלי תשובות זען אָפּענע זאַכן, ווייל זיי האָבן די ריינקייט

מ'זעט עס בחוש ביי בעלי תשובות וואָס הייבן אָן דעם וועג צוריק צו אידישקייט, אַז זיי האָבן אַזעלכע אומגלויבליכע מעשיות, וויאַזוי דער רבוש"ע באַווייזט זיך צו זיי.

מ'דאַרף נישט האָבן דערצו קיין גרויסע מדריגות. **מ'דאַרף בלויז דאָס תמימות.** ווען אַ איד איז מסכים צו האָבן דאָס געפיל פון תמימות און פאַרלוירנקייט אַז "איך האָב נישט קיין השגה וויאַזוי מ'קומט אָן אויפ'ן ריכטיגן וועג, איך שעם זיך". **דעמאָלט איז ער מתפלל מיט די זעלבע תמימות ווי דער בעל תשובה,** און דעמאָלט גייט ער האָבן די זעלבע סאָרט מעשיות!

ס'האָט אַלעס צוטון מיט אַ מהלך המחשבה, ס'איז נישט דער סאָרט מענטש און ס'איז נישט די סאָרט עבודה, **ס'איז די מחשבה וואָס דו האסט בשעת מעשה,** וואָס דאָס ברענגט יענע סאָרט נסים!

## אויב מ'דאַוונט תמימות'דיג ווערט מען געהאָלפן

ווען אַ מענטש זעט אַז זיין חבר איז געהאָלפן געוואָרן ברוחניות, זאָל ער דערהערן: **איין מינוט, יענער איז אַ בן יחיד פאַר'ן רבוש"ע און איך נישט?** יעדער איד איז דער זעלבער בן יחיד פאַר'ן רבוש"ע! אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט יענער געהאַט אַזאַ סאָרט מעשה און איך נישט?

די תירוץ איז געוועגליך: אין וועלכע מצב איז יענער געווען ווען ער האָט מתפלל געווען? ווי תמימות'דיג איז ער געווען? ווי ערליך האָט ער געדאַוונט? אויב דו וועסט אויך זיין אין יענער מצב, בשעת דו ביסט מתפלל אויף אַ רוחניות'דיגע זאַך, **וועסטו אודאי אויך געהאָלפן ווערן!**

אייגנטליך איז דער כלל אויך אמת ווען ס'קומט צו תפלות אויף גשמיות, נאר ביי גשמיות קען אַמאָל זיין אַן אויסנאַם, ווען מ'איז מתפלל אויף עפּעס וואָס איז נישט גוט פאַר'ן מענטש יעצט. אָבער **ברוחניות וויל דאָך דער רבוש"ע העלפן יעדן איד!** אודאי אויב ער וועט בעטן אַז ער וויל לערנען ש"ס אין איין נאַכט איז עס נישט צו דער זאַך, אָבער אויב ער איז מתפלל צו שטייגן בהדרגה, וועט ער אודאי מצליח זיין בעז"ה.

## נישטאָ קיין געלט פאַר די הוצאות

רעדנדיג פון דעם כח התפלה, האָט אַ איד לעצטנס פאַרציילט אַ פּערזענליכע מעשה, ווי פאָלגנד: מיט עטליכע יאָר צוריק האָט ער זיך אַריבערגעצויגן צו אַ נייע דירה. דאָרט איז געווען אַ גרויסע פּאָרטש, וואָס מ'קען דערויף בויען אַ שיינע רחבות'דיגע סוכה, ס'זאָל זיין 'כמנהג בעלי בתים חשובים', מיט אַ הידור מצוה.

אָבער ווען ס'איז געקומען פאר סוכות האָט ער זיך דערזען אַז **ס'איז דאָ צוויי פּראָבלעמען מיט דעם פּאָרטש.** צוערשט איז דאָרט געווען אן עקזיסטירנדע 'אונינג' (awning) וואָס וואָלט נישט געווען גענוג פאר אַזאַ גרויסע סוכה. ער וואָלט געמוזט קויפן און אינסטאַלירן אַ נייע, וואָס איז **אַ חשבון פון פינף טויזנט דאָלער.** צווייטנס, איז אויף איין זייט פונעם פּאָרטש געווען אַ בוים מיט צווייגן, וואָס דאַרף קאסטן **נאָך אַ שיינע סומע דאָס צו באַזייטיגן.** אַלעס צוזאַמען וואָלט דאָס אויסגעקומען אַ קנאַפּע 6-7 טויזנט דאָלער.

דער יונגערמאַן האָט אַצינד געהאַלטן נאָכ'ן קויפן די נייע דירה, ער איז געווען דערשטיקט מיט חובות פון די ביז יעצטיגע הוצאות, און ס'איז נישט געווען אין זיין מעגליכקייט צו צאָלן יעצט אַזויפיל געלט. האָט ער אַרויסגענומען דעם אַלטן סוכה פון פאַראַיאָר און עס פּלאַצירט אין אַ ווינקעלע פון דעם פּאָרטש, מיט'ן חשבון אַז אי"ה קומענדיגע יאָר 'לכשירחיב' וועט מען האָבן אַ גרעסערע סוכה.

## די גאַנצע משפחה איז מתפלל אין דער סוכה...

דאָס קומענדיגע יאָר איז טאַקע אָנגעקומען, אָבער **דער 'לכשירחיב' איז דערווייל נאָכנישט געשען...** בלית ברירה האָט ער נאָכאַמאָל אויפגעשטעלט דעם קליינעם סוכה'לע. אַזוי איז געווען אַ דריטע יאָר און אַ פערטע יאָר. ער איז געבליבן שטעקן מיט'ן אַלטן סוכה, נישט האָבנדיג די פינאַנציעלע מעגליכקייט זיך אויסצובורייטערן.

דערווייל ווערט די משפחה גרעסער ב"ה. און די קליינע סוכה'לע איז געוואָרן היפּש ענג און צעשטופּט. איינמאָל איז ער געזיצן ביי אַ סעודה אינמיטן סוכות און די ענגשאַפט האָט זיך געשפּירט פון אַלע זייטן. זאַכן האָבן זיך אויסגעגאָסן, דער טישטוך האָט זיך געשלעפּט, און די קינדער האָבן אַלע באַטאָנט אַז "נעקסטע יאָר מוז האָבן אַ נייע גרויסע סוכה"...

האָט דער טאַטע זיי געזאָגט: "קינדערלעך, לאָמיר זיך אויסשמועסן זייער קלאָר. **איך וויל דען נישט האָבן אַ גרויסע סוכה?** כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת, ס'קאָסט זייער אַסאַך געלט וואָס כ'האָב פּשוט נישט. יעצט זיצן מיר אין אַזאַ הייליגע פּלאַץ, אין דער סוכה, **לאָמיר זיך אויסבעטן!** לאָמיר צוזאַמען דאַווענען צום רבוש"ע אַז דאָס קומענדיגע יאָר זאָלן מיר קענען האָבן אַ גרויסע שיינע סוכה מיט גענוג פּלאַץ".

די קינדער האָבן מיט אַ ריינקייט אָנגענומען די ווערטער. ס'האָט זיך דאָרט אָפּגעטון וואַרימע תפלות און מ'האָט זיך געוואונטשן מיט'ן גאַנצן תמימות און אמונה אַז ס'זאָל שוין טאַקע זיין אַ 'סוכה בתפארתה'.

## איין זעץ, ביידע פּראָבלעמען געלעזט

ס'איז אַריבער אַהאַלב יאָר און דער מצב הפרנסה איז בכלל נישט געוואָרן בעסער. דער יונגערמאַן איז געזיצן אין שטוב, ווען פּלוצים הערט ער אַ זעץ אינדרויסן. ס'איז דעמאָלט געווען אַ גרויסער האָריקעין מיט שטורמישע ווינטן און גרויסע רעגנס. ווען ער איז שפּעטער אַרויסגעגאַנגען, האָט ער געזען אַז די ווינטן האָבן אַראָפּגעוואָרפן דעם דערנעבנדיגן בוים אויף זיין אַלטן 'אונינג' וואָס איז דורכדעם אינגאַנצן צעשמעטערט געוואָרן.

אינמיטן כאַפּט ער זיך, אַז אפשר איז דער שאָדן געדעקט דורך אינשורענס. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט און למעשה האָט ער טאַקע באַקומען גאָר אַ גרויסע סומע **וואָס האָט אים גענצליך אויסגעצאָלט אַ שפּאָגל נייעם 'אונינג',** גענוג ברייט און גרויס לויט'ן פאַרלאַנג. **ביידע פּראָבלעמען,** דער אונינג מיט'ן בוים, **האָבן זיך מסדר געווען אין דער זעלבער מינוט!**

דער יונגערמאַן דרוקט זיך אויס: איך האָב אַגאַנצן צייט געמיינט, אַז די סיבה פאַרוואָס איך קען נישט מאַכן קיין גרויסע סוכה, איז וויבאַלד איך האָב נאָך חובות. אָבער דער רבוש"ע האָט מיך אויסגעלערנט אַז **ס'האָט בכלל נישט צוטון איינס מיט'ן אַנדערן...** די חובות זענען געבליבן, אָבער דער פּראָבלעם מיט'ן סוכה איז געוואָרן געלעזט פון אַן אַנדערע ריכטונג, וואָס כ'האָב זיך בכלל נישט פאָרגעשטעלט...

וויאַזוי האָט דאָס פּאַסירט? **ווייל יעדער איד איז אַ בן יחיד פאַר'ן רבוש"ע,** און אַז אידישע קינדער האָבן געבעטן אַן אמת'ע תפלה אין דער סוכה, האָט זיי השי"ת געהאָלפן!

## אַז ס'איז דאָ קשר, איז דאָ ישועות

אַסאַך מאָל ווען מ'הערט אַזאַ מעשה, ווערן מענטשן ברוגז: "**פאַרוואָס ביי מיר געשעט נישט די סאָרט מעשיות?!**"... דער אמת איז אָבער: דו האסט נישט קיין שום קלענערע 'רילעישאָנשיפּ' מיט'ן רבוש"ע ווי יענער!

צומאָל מיינט מען אַז ס'אַרבעט בערך ווי דער רבוש"ע וואָלט געזאָגט איינמאָל אַ חודש: "אָקעי, ווער ס'גייט דאַווענען די קומענדיגע תפלה, גייט געהאָלפן ווערן... אופּס, נאָך איינער האָט זיך אַריינגעכאַפּט מיט אַ תפלה. אָבער ס'איז שוין געווען צופיל מעשיות דעם חודש. אַלע גליונות זענען שוין אָנגעפילט... בלי נדר קומענדיגן חודש איז דאָ נאָך דריי מופתים וואָס מ'קען כאַפּן..."

דער אמת איז זייער פּשוט: **טאָמער אַ איד דאַוונט מיט אַ ריכטיגע ביטול והכנעה, דעמאָלט אַרבעט עס,** ווייל ער האָט געהאַט אן אמת'ע נאָנטער קשר! והא ראי' דער יונגערמאַן וואָס פאַרציילט די מעשה איז נאָך אַלץ אַזוי נתרגש דערפון, כאָטש ס'איז שוין פיר יאָר שפּעטער. ער איז נתרגש פון זיין נייע 'אונינג'? פון זיין ברייטע סוכה? **ער איז נתרגש פון זיין קשר צום רבוש"ע!** "וואו (wow)! דער אויבערשטער האָט ממש מיטגעהאַלטן אַלע דעטאַלן! ער איז געווען אין דער סוכה וואו ס'איז געווען צושטופּט און ער האָט מיך געהאָלפן".

## די פראַגע איז: וויאַזוי באַקום איך אַזאַ דאַווענען?

אַלזאָ, ווען מ'זעט אַז אַ צווייטער איד איז געהאָלפן געוואָרן, דאַרף די פראַגע נישט זיין: "וויאַזוי קען איך אויך האָבן אַזאַ אינטערעסאַנטע מופת?", נאָר

די ריכטיגע פראַגע דאַרף זיין: **"וויאַזוי קען איך דאַווענען אַזויווי יענער האָט געדאַוונט?"**.

דאָס איז ענליך ווי איינער פון די גדולי ישראל האָט געזאָגט פאַר דעם נדיב פון 'ישיבת חכמי לובלין': "איך בין דיר נישט מקנא אויף די מצוה פון אויפבויען די ישיבה, נאר איך בין מקנא די ערשטע מצוה וואָס דו האסט געטון, וואָס האָט געברענגט אַ 'מצוה גוררת מצוה' אַז דו זאָלסט האָבן דעם זכות אויפצובויען די ישיבה".

דאָס זעלבע איז לענינינו: ווען מ'הערט וועגן אַ ישועה וואָס אַ איד האָט געהאַט, איז נישט אינטערעסאַנט צו מקנא זיין די 'מופת' וואָס האָט פאַסירט, נאר די עיקר אינטערעסע דאַרף זיין: **"וויאַזוי דאַוונט מען אויף אַזאַ אופן?** וויאַזוי איז מען מתפלל מיט אַזאַ תמימות? וויאַזוי ברענגט מען זיך צו האָבן פון איין זייט אַ מורא'דיגע פאַרלוירנקייט, און פון דער אַנדערער זייט אַ טיפע אמונה אַז דער רבוש"ע גייט זיכער העלפן".

ווען דו וועסט אָנקומען צו אָט דעם פלאַץ, **דעמאָלט וועט שוין אויטאָמאַטיש געשען די אַלע מעשיות און ישועות!** דער עיקר דאַרפסטו האָבן דעם קשר צום רבוש"ע כדי ס'זאָל קענען קומען די ישועה. די גרעסטע ראיי' דערצו איז, אַז נאָכדעם געדענקט מען בעיקר דעם קשר. ס'איז נישט די נייע סוכה וואָס ער האָט באַקומען, און ס'איז נישט דער חברותא וואָס ער האָט געטראָפן, **ער בלייבט מרוגש פון דעם נאָנטן קשר וואָס ער האָט געשפירט פון השי"ת!** ווען אַ איד קומט אָן צו אַזאַ קשר, געדענקט ער דאָס אַלעמאָל.

## ליבשאַפט בלייבט אין די ביינער אויף אייביג

מ'האָט אַמאָל געפרעגט פון אַן ערוואַקסענעם יונגערמאַן, וואָס איז יאָרן צוריק, אַלץ קליין קינד פון זיבן יאָר אַלט, געווען ביי זיין זיידן אויף סוכות: "וואָס געדענקסטו פון יענעם סוכות ביים זיידן?", האָט ער געזאָגט: "איך געדענק איין זאַך. כ'האָב געמאַכט אַ נוי סוכה אין חדר און ס'ליגט מיר אין די ביינער, אַז דער זיידע האָט גענומען די נוי סוכה און ער האָט דאָס אויפגעהאָנגען אין דער סוכה"...

**איר ווייסט וויפיל אַנדערע פרטים ס'איז געווען דורכאויס יענעם סוכות?** ס'איז דאָרט געווען לעבעדיגע סעודות מיט שמחות בית השואבה, און נאָך טויזנטער אַנדערע דעטאַלן **וואָס האָבן פאַרנומען אַסאַך אַ גרעסערע פלאַץ ווי די קליינע נוי סוכה.** אָבער דאָס קינד האָט אין יענע סעקונדע געשפירט אַ נאָנטער קשר. "מיין זיידע האָט מחבב געווען מיינס אַ זאַך"... דאָס האָט אים געגעבן אַן עפּן אויף זיין האַרץ, ממילא איז אים דאָס געבליבן אויף שטענדיג, אפילו אויב ער געדענקט גאָרנישט עפּעס אַנדערש.

## אַלעס איז אָנצוקומען צו דאָס פּינטעלע נאָנטקייט

ווען אַ מענטש האָט אַזאַ מאָמענט, ווען ער איז מתפלל מיט אַ ריכטיגע קשר און הכנעה, און דער רבוש"ע העלפט אים, איז דאָ איין זאַך וואָס איז אים אמת'דיג נוגע און ס'ווערט איינגעקריצט אין זיין האַרץ: **די קשר וואָס ער האָט דעמאָלט געשפירט מיט'ן רבוש"ע.**

מ'קען דורכגיין אַגאַנצן סוכות, מיט אַ ברייטע סוכה, מיט עסן סעודות, מיט מוזיק, מיט באַזוכן איינער דעם צווייטן, אָבער וואָס עס בלייבט איז: **דאָס פּינטל פון האַרץ.** די נאָנטקייט וואָס מ'האָט געשפירט **ווען מ'איז געווען מיט'ן רבוש"ע אין זיין דירת עראי מיט די ד' מינים.** די גאַנצע אַרום און אַרום איז אַלעס בלויז צוצוברענגען צו דער נקודה, אַז מ'זאָל אַגאַנץ יאָר געדענקען דעם קשר.

## הושענא רבה איז אַ חלק פון דער חתונה

ווען מען פאַרשטייט וואָס דאָ שפּילט זיך אָפּ, פראַוועט מען אויף גאנץ אַן אַנדערן אופן דאָס גיין שלאָפן ביינאַכט און דאָס אויפשטיין אינדערפרי. דאָס דאַווענען, דער הלל, די הושענות און דער גאַנצער סוכות.

דעמאָלט ווען ס'קומט די מורא'דיגע זמנים פון זיך אויסבעטן הושענא רבה, **פאַלט דאָס נישט אַראָפּ אַזוי פּלוצלינג.** צומאָל איז דאָ אַזאַ בליק כאילו אַז נאָך יוה"כ האָט מען אָפּיציעל פאַרמאַכט אַלע ערנסטקייט, יעצט מעג מען האָבן פאָן... אָבער נאָכדעם קומט אָן הושענא רבה, אופּס, מ'דאַרף צוריק ווערן ערנסט...

דער אמת איז, אַז הושענא רבה קומט נישט אָן סתם אַזוי. **הושענא רבה איז אַ המשך פון די הושענא וואָס מ'זאָגט יעדן טאָג סוכות!**

**די הייליגע טעג איז פּונקט ווי ביי אַ חתונה.** צוערשט קומט פאר די חופּה, וואָס איז יוה"כ. שפּעטער איז דאָ די סעודה מיט די ריקודים, און נאָכדעם קומט דער מצוה טאַנץ וואָס איז מער אַן ערנסטע צייט. אָבער אַלעס איז אַ חלק פון דער חתונה אַליין, סיי ווען מ'וויינט ביי דער חופּה, סיי ווען מ'עסט ביי דער סעודה און סיי ווען מ'טאַנצט. דער גאַנצער יום טוב סוכות איז געבויעט אויף דעם קשר: **צו זיין נאָנט מיט'ן רבוש"ע.**

ווען אַ מענטש דערהערט די נקודה, קען ער אַזויפיל מער אַריינלייגן אין דעם יום טוב. זאל השי"ת העלפן אַז מ'זאָל טאַקע קענען ריכטיג צוגיין צו די הייליגע מצוות מיט אַ ישוב הדעת, און האָבן אַ לעכטיגן יום טוב.

# שמיני עצרת

## חבוקה ודבוקה בך;

### שמיני עצרת שפּירט מען דעם 'טעם עולם הבא' פון אַלע ימים טובים

ערב הושענא רבא תשפ"ג, בבית המדרש וויזניץ מאנסי - בית שמש

א

# אהללה אלוקי ואשמחה בו; שמחת תורה איז מען זוכה צו אַ טעם פון לעתיד לבא

## שמיני עצרת - דער תכלית פון אַלע ימים טובים

דער הייליגער **חתם סופר** ברענגט אין די דרשות (דף מז, ד) בשם דעם **רמ"ע מפאנו** (מאמר חיקור דין ח"ב פכ"ז), אַז ביי שמיני עצרת געפינען מיר אַז מ'נוצט אַן אַנדערע סאָרט לשון ווי געווענליך. ביי אַלע אַנדערע ימים טובים זאָגט מען "חג המצות הזה", "חג הסוכות הזה", אָבער שמיני עצרת איז דער נוסח "שמיני עצרת החג הזה".

איז דער רמ"ע מפאנו מסביר, אַז ביי אַ זייגער דרייען זיך די שטעקענעס אַרום אויף אַלע זייטן, איז **אינמיטן דאָ איין נקודה, וואָס דאָס איז די צענטער פון דעם גאַנצן זייגער.** אָט די נקודה ווערט אָנגערופן אויף לשה"ק: **'מחוג'**, וואָס איז די זעלבע לשון פון 'חג'.

דאָס זעלבע איז מיט אַלע ימים טובים דורכאויס דעם גאַנצן מעגל השנה. ס'איז דאָ אַ מהלך פון שלש רגלים; אַ פּסח, אַ שבועות, און אַ סוכות, **אָבער אַלע ימים טובים דרייען אַרום איין געוויסע נקודה.** וואָס איז די צענטראַלע פּינטל וואו מ'וויל אָנקומען? **די נקודה איז דער הייליגער טאָג פון שמיני עצרת - שמחת תורה.** דערפאַר זאָגן מיר 'שמיני עצרת החג הזה', ווייל דעמאָלט דערגרייכט מען צום צענטער - פּונקט, און צום תכלית פון אַלע ימים טובים!

דער יסוד שטייט אין אַלע **ספרים הק'**, וועלכע זענען מאריך איבער דאָס גרויסקייט פון דעם הייליגן טאָג, אַז אַלע ימים טובים העלפן טראָגן דעם איד, אַז ער זאָל אָנקומען צו אַ נקודה פון דביקות, און **שמיני עצרת איז די צייט ווען די נשמה דערגרייכט טאַקע** צו אָט דעם העכסטן שלימות!

## העולם עומד - שמיני עצרת איז דער קיום פון אַלע וועלטן

הרה"ק רבי **דוד'ל טאָלנער** זי"ע (מגן דוד לשבועות) טייטשט דערמיט די משנה (אבות א, ב): "על שלושה דברים העולם עומד, על התורה, על העבודה, ועל גמילת חסדים". אַז די דריי ימים טובים פון די שלש רגלים זענען מרומז קעגן די דריי עמודי העולם. **שבועות** איז דער עמוד פון **תורה**. **פּסח** איז די בחינה פון אברהם אבינו וואָס איז דער עמוד פון **גמילת חסדים**, און **סוכות** איז דער עמוד פון **עבודה** ווייל מ'דאַוונט אַזויפיל תפלות, מעומקא דליבא, מיט די ד' מינים און ביי די הושענות.

און ער פירט אויס בלשון קדשו אַז ווען אידן זענען זיך מדבק - דורך די שלש רגלים - צו די דריי עמודי העולם, תורה, עבודה און גמילת חסדים, דורכדעם איז 'העולם עומד'. **"שזוכים לחג שמיני עצרת שהוא זמן קיום העולמות ויחוד ושלימות כל העולמות"**. לויט וויפיל דער מענטש האָט זיך אויסגעאַרבעט אין די ימים טובים, העלפט אים דער רבוש"ע מיט אַ שכר בעולם הזה, זיך צו קענען פרייען אין דעם הייליגן טאָג שמיני עצרת, וואָס דעמאָלט איז דער קיום און דער יחוד פון אַלע עולמות!

## די גאַנצע תורה איז אַ וועג צו דביקות

לאָמיר אָפּלערנען דעם ענין מיט אַ פּשוט'ע הבנה אויף למעשה:

איינס פון די שטאַרקסטע יסודות, וואָס די **תלמידי הבעש"ט הק'** האָבן גע'חזר'ט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל,

איז אַז מ'דאַרף אַלעמאָל געדענקען וואָס עס שטייט אין זוהר הק', אַז די תרי"ג מצוות זענען "תרי"ג עיטין" - **אַלע מצוות זענען 'עצות' און מהלכים וויאַזוי דער איד זאָל אָנקומען צו זיין תכלית פון 'ולדבקה בו'!** דאָרט איז בעצם דער ציל וואו מ'וויל אָנקומען, אַז מ'זאָל זיין דבוק צום רבוש"ע, נאָר היות ס'איז אַ העכערע פנימיות'דיגע מדריגה, האָט דער אויבערשטער אונז געשריבן אין דער תורה די אַלע 'עצות', דאָס זענען די מצוות וואָס ברענגט אַ מענטש אָנצוקומען צום שלימות.

דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן אַ תורה און ער האָט אונז מבטיח געווען: טאָמער דו וועסט מקיים זיין די רמ"ח מצוות עשה, און זיך אַכטונג געבן פון די שס"ה לא תעשה'ס, **וועסטו שוין אַליין זען וואָס עס גייט פּאַסירן!** דיין נשמה וועט קענען לעבן מיט אַ נאָענטקייט צום רבוש"ע, אויף אַ פנימיות'דיגע דרגא פון דביקות וואָס דו קענסט זיך נישט פאַרשטעלן!

## דער געווענליכער מהלך איז 'מלחמת היצר'

דער מהלך וויאַזוי השי"ת האָט אויסגעשטעלט איז, אַז רוב צייט וואָס אַ מענטש געפינט זיך דאָ אויף דער וועלט, איז ער פאַרנומען מיט מלחמות קעגן דעם יצר הרע. אויף דער וועלט איז געזאָגט געוואָרן דער 'היום לעשותם', דאָס באַדייט אַז **ס'איז דאָ פּראָבלעמען, און מ'דאַרף זיך דערויף מתגבר זיין**. ס'איז דאָ יצר הרע'ס, און מ'דאַרף זיך ספּראָוון דערמיט. דאָס איז דער מציאות פון דעם עולם הזה.

ווילסט לעבן ווי אַ מלאך? דאָס וועט זיין שפּעטער אויף 'יענער וועלט' - 'למחר לקבל שכרם'! דאָ אויף דער וועלט איז מען געקומען צו דינען דעם אויבערשטן ווי אַ מענטש און נישט ווי קיין מלאך, ווי דער **קאָצקער רבי** זי"ע האָט געזאָגט "ואנשי קודש תהיון לי", מ'זאָל זיין מענטשליך - הייליג. דער איד שלאָגט זיך מיט'ן יצר הרע, ער פאַלט דורך, ער הייבט זיך אויף און איז מתפלל צום רבוש"ע. דאָס איז דער סדר. ס'איז אַ וועלט פון חושך.

## דוד המלך איז געווען דער 'איש מלחמות'

הרה"ק רבי **צדוק הכהן מלובלין** זצ"ל (פרי צדיק - שמיני עצרת) איז מסביר אַז דער טאָג פון הושענא רבה איז די אושפּיזא פון דוד המלך, ווייל דאָס גאַנצע לעבן פון דוד המלך איז געווען מלחמות, דאָס איז געווען זיין עבודה, צו מלחמה האַלטן מיט'ן יצר הרע.

ווי פאַרשטענדליך האָבן מיר נישט קיין השגה אין די ענינים, אויך דער **אור החיים הק'** ברענגט כמה פעמים אַז דוד המלך האָט געדאַרפט האָבן אַזאַ סאָרט תכונת הנפש פון מלחמת היצר, ווייל **דאָס איז געווען זיין תפקיד און זיין עבודה אויף דער וועלט צו פירן מלחמות.** דורכדעם וואָס ער האָט לוחם געווען מיט זיין אייגענעם יצר הרע, האָט ער לוחם געווען און מנצח געווען די אַלע אומות העולם.

## שמיני עצרת איז אַ זמן פון מנוחה

אָבער שמיני עצרת - זאָגט רבי צדוק - איז די אושפּיזא פון שלמה המלך (ווי ס'ווערט געברענגט פון הרה"ק רבי בונם מפרשיסחא זי"ע), וואָס די עבודה פון שלמה המלך אויף דער וועלט איז נישט געווען מלחמות, **זיין תפקיד איז געווען מנוחה**. אויף אים איז געזאָגט געוואָרן דער פסוק (תהלים קכז, ב): **כֵּן יִתֵּן לִידִידוֹ שֵׁנָא**, ווייל ער איז אַלעמאָל געווען מקושר צו השי"ת אפילו ביים שלאָפן.

אויף דער תקופה פון שלמה שטייט טאַקע אין פסוק (מלכים א' ה, ה): **וַיֵּשֶׁב יְהוּדָה וְיִשְׂרָאֵל לָבֶטַח אִישׁ תַּחַת גַּפְנוֹ וְתַחַת תְּאֵנָתוֹ כֹּל יְמֵי שְׁלֹמֹה**. ס'איז געווען אַן עולם הבאַ'דיגע סאָרט לעבן, אָן קיין מלחמות.

## ס'איז דאָ צייטן ווען מ'שפּירט אַ טעם אין רוחניות

אַט די צוויי בחינות איז דאָ ביי יעדן איד וואָס געפינט זיך דאָ אויף דער וועלט. אין רוב צייטן איז דער מענטש טאַקע עוסק אין מלחמות, ער פּרובירט צו שטייגן און ער דאַרף דורכברעכן די נסיונות פון דעם יצר. אָבער ס'איז אויך דאָ אַ שטאַרקער יסוד אין די ספרים פון תלמידי בעש"ט הק', וואָס ווערט אָנגערופן מיט'ן נאָמען '**עולמך תראה בחייך**'. - דער רבוש"ע האָט געוואָלט אַז ס'זאָל זיין זמנים ווען דער איד זאל שפּירן אַ טעם פון עולם הבא, אפילו דאָ אויף דער וועלט!

דאָס הייסט, ס'איז טאַקע אמת אַז 'שכר מצוה בהאי עלמא ליכא'. ס'איז אמת אַז דער עולם הזה איז אַ פלאַץ פון חושך. די אַלע תענוגים מיט'ן רבוש"ע און די אַלע השגות, דאָס באַלאַנגט צו עולם הבא. **דאָ אויף דער וועלט איז מען געקומען צו האָרעווען און לוחם זיין.** אָבער פאָרט וויל דער רבוש"ע אַז **אַ מענטש זאל שוין יאָ טועם זיין אויך דאָ אויף דער וועלט פון יענעם אור!** אויב דער איד גייט אַרבעטן ריכטיג מיט זיינע מלחמות, גייט זיין צייטן וואָס דעמאָלט וועט ער טועם זיין אַ מורא'דיגער מעין עולם הבא.

## פאַרוואָס האָב איך נישט קיין שום הרגשה?!

איינס פון די סיבות פאַרוואָס השי"ת האָט אַזוי אויסגעשטעלט, איז ווייל **דאָס איז אַ שטיקל מבחן פאַר'ן מענטש, צו וויסן וואו ער האַלט**. אויב אַ איד זעט אַז ער שפּירט נישט קיין טעם אין דברים שבקדושה, אַלעס איז אַזוי נחש'דיג, ער שפּירט אַ טעם פון 'עפר', **דעמאָלט איז עפּעס נישט מסודר מיט מיר.** ווייל אַ איד וואָס איז אָפּגעהיטן, אַ איד וואָס האָט תשובה געטון אויף זיינע עבירה'לעך, אַ איד וואָס לערנט תורה מיט אַ ריינע כוונה, איז **לא ימלט אַז ער זאָל נישט שפּירן עפּעס אַ דערהויבנקייט** און זיסקייט. דאָס מוז געשען!

ריכטיג אַז ס'דאַרף נישט געשען יעדן טאָג. ס'איז אודאי דאָ זמנים וואָס דער רבוש"ע באַהאַלט זיך אַביסל. דאָס ווערט אָנגערופן אַ בחינה פון 'ימות החול'. **אָבער ס'איז אויך דאָ אַ בחינה פון 'שבת'**, ווען מען דאַרף יאָ קענען שפּירן אַ זיסקייט און אַ העכערקייט. דער רבוש"ע האָט עס אַזוי אויסגעשטעלט כדי אַז דו זאָלסט זיך קענען בוחן זיין. און אויב דו זעסט אַז אַלעס איז טרוקן, דאַרפסטו צוריק גיין זיך מתבונן זיין: וואָס האָב איך געטון נישט ריכטיג?!

## אַביסל לעכטיגקייט אין דעם עולם החושך

נאָך אַ סיבה פאַרוואָס השי"ת האָט אַזוי אויסגעשטעלט, אַז מ'זאָל יאָ קענען שפּירן אַ טעם אין דברים שבקדושה, איז ווייל **דער רבוש"ע איז אַ טוב ומטיב און ער וויל אַז דער מענטש זאָל אויך קענען טועם זיין אַ נאָענטקייט צו השי"ת.** נישט בלויז זאָל מען דינען דעם רבוש"ע ווי אַן עבד, נאָר מ'זאָל אויך מרגיש זיין דעם געפיל פון 'בנים למקום'. ווען אַ מענטש וואָלט געווען אַלע 120 יאָר אויף דער וועלט אין אַ טונקלקייט, וואָלט דאָס געווען צו שווער פאַר אים. ער מוז האָבן עפּעס לעכטיגקייט אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן, אין אַ העכערקייט און אין אַ נאָענטקייט. ס'קען נישט זיין בלויז חושך אַלעמאָל.

דער רבוש"ע זאָגט טאַקע אין פרשת וילך אַז ס'איז דאָ אַ מציאות פון "**ואנכי הסתר אסתיר**". אָבער אין דער זעלבער פרשת וילך איז אויך דאָ דער פסוק "**חזק ואמץ**". ס'איז דאָ אַ געפיל פון העכערקייט און נאָענטקייט ווען השי"ת באַווייזט זיך פאַר'ן מענטש.

## ביי חסידים זענען אַלע עבודות אַ 'הכנה'

דער באַקאַנטער פייערדיגער חסיד, הרה"צ רבי **נטע צענוויירט** זצ"ל, פלעגט זאָגן אַז ביי חסידי'שע אידן לייגט מען אַלעמאָל אַריין אַ גרויסע האָרעוואַניע אין **דער עבודה פון 'הכנה'**. ווען ס'קומט ביינאַכט איז דאָ אַ שטאַרקע עבודה פון **חשבון הנפש און קריאת שמע שעל המטה**. מ'גרייט זיך צו קענען אויפשטיין ווי אַ איד, ווי עס שטייט פון **אריז"ל** אַז דער קריאת שמע שעל המטה פון ביינאַכט איז אַ הכנה צו דעם קריאת שמע פון אינדערפרי. די גאַנצע עבודת הלילה גרייט אָן די נשמה אַרויפצוגיין, כדי ס'זאָל זיין אַ גוטע הכנה אויף דעם קומענדיגן טאָג.

ווען מ'שטייט אויף אינדערפרי, איז ווייטער דאָ **אַ גרויסע הכנה פאַר'ן דאַווענען**. דער גאַנצער מח דאַרף זיין פאַרנומען מיט איין זאַך, מ'גרייט זיך יעצט צו דאַווענען פאַר'ן רבוש"ע. ווען ס'קומט צום דאַווענען אַליין, איז דער סדר התפלה אויך אויסגעשטעלט אַז די קרבנות איז אַ **הכנה צו פסוקי דזמרה**, און די ברכת יוצר איז אַ **הכנה צו שמונה עשרה**.

ר' נטע האָט ממשיך געווען: אפילו די שמונה עשרה אַליין, איז בעצם **אַ הכנה אַז אַ איד זאָל קענען שפּעטער אַרויסגיין אויף דער גאַס במשך דעם טאָג**. תפלה ווערט אָנגערופן 'בחרבי ובקשתי' (ווי דער תרגום זאָגט 'בצלותי ובבעותי'), **ס'איז אַ כלי מלחמה**, ווייל אויב דו וועסט אַרויסגיין אויף דער גאַס אָנדעם וואָס דו האָסט ריכטיג געדאַווענט, וועסטו אודאי נכשל ווערן ווען דו וועסט זיך דרייען בשווקים וברחובות. **דאָס דאַווענען איז אַלזאַ אַן הכנה אויף שפּעטער**, אַז אַגאַנצן טאָג זאָל מען קענען האַלטן ריכטיג קאָפּ און בלייבן נאָענט צום רבוש"ע.

אַזוי גייט דער טאָג ווייטער, בשעת דער מענטש אַרבעט, טראַכט ער אַז **מ'דאַרף שוין באַלד גיין דאַווענען**

### אותיות מחכימות

ספה"ק פרי צדיק סוכות אות לג.

כִּי בְּשִׁבְעַת יְמֵי הֶחָג הִקְרִיבוּ שִׁבְעִים פָּרִים לְהַכְנִיעַ שִׁבְעִים אֻמּוֹת, שֶׁהֵמָּה שֶׁבַע מִדּוֹת שֶׁיֵּשׁ גַּם לְהָאֻמּוֹת אֲחִיזָה בָּהֶם וְנִצְרָךְ לְהַכְנִיעָם עַל פִּי פְּעֻלַּת הַמִּצְוֹת בַּד' מִינִים... וְנִצְרָךְ לָנוּ לְהַכְנִיעָם עַל יְדֵי כְּלֵי מִלְחָמָה. אֲבָל בְּיוֹם הַשְּׁמִינִי נִקְשָׁרִים כָּל הַמִּדּוֹת בַּלֵּב בַּנְּקֻדָּה הַפְּנִימִיּוּת, אֲשֶׁר אֵין לָזֶה שׁוּם שַׁיָּכוּת לְהָאֻמּוֹת הָעוֹלָם... וְלָכֵן אֵין מִצְוָה בְּפֹעַל בִּשְׁמִינִי עֲצֶרֶת, רַק עוֹשִׂים הַקָּפוֹת בְּסֵפֶר תּוֹרָה עַצְמָהּ, שֶׁהוּא עִנְיַן הִתְקַשְּׁרוּת הַתּוֹרָה בַּלֵּב בְּנַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל.

וּבְשֵׁם הרה"ק מפרשיסחא זצללה"ה שֶׁשְּׁמִינִי עֲצֶרֶת הוּא אֻשְׁפִּיזָא דִשְׁלֹמֹה... כִּי דָּוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה הָיָה תָּמִיד אִישׁ מִלְחָמוֹת וְלִבּוֹ כְּלֵב הָאֲרִי לְהִתְגַּבֵּר וּלְהַכְנִיעַ אֶת כָּל הָאֻמּוֹת, וְהוּא מִפְּנֵי שֶׁהָיָה לוֹ תָּמִיד מִלְחָמָה בְּעַצְמוֹ לִהְיוֹת גִּבּוֹר הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ, כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר 'וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי', שֶׁהֲרָגוֹ בְּתַעֲנִית. מִכְּלַל זֶה שֶׁהָיָה לוֹ תָּמִיד מִלְחָמָה עִם הַיֵּצֶר הָרָע, וּבְכֹחַ הַזֶּה נִתְגַּבֵּר בְּמִלְחָמָה תָּמִיד עַל הָאֻמּוֹת הָעוֹלָם, שֶׁהֵיוּ מִבְּחִינַת הַהֵפֶךְ וְהִכְנִיעָם, וְזֶהוּ עִנְיַן עִסְקֵנוּ בְּכָל שִׁבְעַת יְמֵי הֶחָג.

אֲבָל שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ ע"ה הָיָה אִישׁ מְנוּחָה, כִּי כְּבָר נִקְשְׁרָה הַחָכְמָה וְהַקְּדֻשָּׁה בְּלִבּוֹ, וְלֹא הָיָה צָרִיךְ לְמִלְחָמָה, וְנֶאֱמַר עָלָיו 'כֵּן יִתֵּן לִידִידוֹ שֵׁנָא'. כִּי גַּם בְּעֵת הַשֵּׁנָה הָיָה קָשׁוּר בהשי"ת... וְזֶהוּ גַּם כֵּן עִנְיַן בְּחִינַת שְׁמִינִי עֲצֶרֶת.

**מנחה.** די תפלה פון מנחה איז **אַ הכנה צו מעריב.** די גאַנצע ימות החול איז אייגנטליך אַ **הכנה אויף שבת קודש.** פרייטאָג מאַכט מען שוין נאָך אַ גרעסערע הכנה. פרייטאָג צונאַכטס איז אַ הכנה אויף שבת אינדערפרי, א.א.וו.

## דער תכלית פון אַלע הכנות

האט ר׳ נטע געפרעגט: מען גרייט זיך אַזויפיל, אויב אַזוי, **ווען קומט מען שוין אָן צום קלימאַקס?** וואו איז דאָס פלאַץ וואָס דאָרט קומט מען ענדליך אָן נאָך די אַלע הכנות פון אַגאַנצע וואָך?

פלעגט ר׳ נטע זאָגן, אַז לויט זיין הרגשה, איז דער שפּיץ פון אַלעם: **דער ׳נשמת׳ פון שחרית שב״ק אינדערפרי!** ווען אַ איד איז זוכה, קומט ער אָן צו ׳נשמת׳ מיט אַ ריכטיגע הכנה. ער זינגט, ער דאַנקט, און ער פריידט זיך מיט׳ן רבוש״ע. ס׳איז גאָרנישט דאָ אויף דער וועלט. **יעצט איז ער אָנגעקומען!**

## ס׳איז דאָ לעכטיגע צייטן פון מנוחה און תענוג

די נקודה פון דאָס וואָרט איז, אַז נאָך די אַלע עבודות און מלחמות קעגן דעם יצר הרע, דאַרף זיין **געוויסע סטאַנציעס וואו מ׳זאָל אָנקומען** אויף אַ פלאַץ אַז יעצט פריידט זיך דער איד מיט׳ן רבוש״ע און ער שפּירט אַז ס׳איז גאָרנישט דאָ עפּעס אַנדערש. דער רבוש״ע וויל אַז ס׳זאָל זיין געוויסע צייטן ווען אַ מענטש **זאל טועם זיין דעם עולם הבא דאָ אויף דער וועלט,** מיט אַ העכערקייט און אַ נאָנטקייט. נישט יעדער האָט עס דוקא אין דער זעלבער צייט, אָבער יעדער מוז אַמאָל האָבן די הרגשה פון ׳עולמך תראה בחייך׳.

דער סדר העבודה איז אויסגעשטעלט מיט אַ מהלך אַז **ס׳זאָל אויך זיין זמנים פון מנוחה.** ס׳איז נישט פּשט אַז דעמאָלט איז נישטאָ קיין יצר הרע, נאר די באַדייט דערפון איז, אַז **דעמאָלט לאָזט מען דיר טועם זיין און שפּירן אַז ס׳איז דאָ אַ רבוש״ע,** און אויטאָמאַטיש שפּירסטו אָן אָפּשיי צו אַלע אַנדערע זאַכן, בוז יבוזו לו. יעצט איז אַ געהויבענע צייט; **יעצט ביסטו נישט מחויב זיך צו געפינען אין דעם חושך און פון דאָרט לוחם זיין מיט׳ן רע;** יעצט קענסטו זיין נאָנט מיט׳ן רבוש״ע. קענסט פאַרגעסן פון אַלעס און נאר האָבן דעם אויבערשטן אַליין.

**שבת קודש איז איינס פון די סאָרט זמנים** וואָס מ׳האָט געגעבן פאַר אַ איד. דער רבוש״ע האָט געוואָלט אַז שבת זאָל דער איד שפּירן אַ חיות דקדושה, כדי דאָס זאָל אים געבן חיות אויף אַגאַנצע וואָך. במשך די ׳ימות החול׳ איז זיין אַרבעט טאַקע אין דעם חושך פון עולם הזה, אָבער ער ווייסט אַגאַנצן צייט אַז ס׳קומט אַ שבת ווען מ׳וועט לעבן העכער.

## שמיני עצרת קומט מען אָן צום תכלית התענוג

דאָס זעלבע שפּילט זיך אָפּ בכלליות דורכאויס דעם מעגל השנה. אַלע ספרים הק׳ זאָגן די בחינה, אַז **שמיני עצרת איז אַ מתנה נאָכ׳ן דורכגיין אַלע ימים טובים!** שמיני עצרת איז אַ הייליגער טאָג ווען אידן טרעפן זיך מיט׳ן רבוש״ע, און מ׳באַקומט אַ הרגשה פון עולם הבא, **דאָס איז אַ תוצאה!** נאָכדעם וואָס מ׳האָט געהאָרעוועט די אַלע עבודות פון אַ פּסח, אַ ספירת העומר, אַ שבועות, מיט אַ סוכות, באַקומט מען נאָכדעם די מתנה פון ׳עולמך תראה בחייך׳ אום שמיני עצרת.

און ווי מ׳האָט דערמאַנט פון הרה״ק רבי **דוד׳ל טאָלנער** זי״ע, אַז יעדער איד דאַרף זיך אויסאַרבעטן אין די דריי עמודים, **תורה לשמה,** דאַווענען **תפלה מעומק הלב** מיט אַ ביטול צום רבוש״ע, טון **גמילת חסדים,** טראַכטן און אינזין האָבן אַנדערע אידן. און אויב אַ איד האָט טאַקע מקיים געווען די אַלע עבודות, **דעמאָלט קען ער טועם זיין די זיסקייט פון שמיני עצרת.** אין דעם טאָג איז נישטאָ קיין מצוות, אין דעם טאָג **שטייט דער איד מיט דער תורה און ער טאַנצט מיט׳ן רבוש״ע!** ס׳איז נישטאָ קיין אכילת מצה, ס׳איז נישטאָ קיין סוכה מיט ד׳ מינים, ס׳איז דאָ אַ רבוש״ע און מען פריידט זיך מיט אים!

## דער סדר העבודה פון אַ איד אויף דער וועלט

ווען מ׳דערהערט די נקודה פאַרשטייט מען, אַז דאָס איז נישט בלויז אַ וואָרט אויף שמיני עצרת, נאר **דאָס פאַרציילט אונז אַז דאָס איז בעצם וואָס דער רבוש״ע וויל פון אַ איד.** אַז ער זאָל אַרבעטן ביז ער וועט זוכה זיין צו שפּירן אַ העכערע נאָנטקייט, און דערנאָך זאָל ער נאָכאַמאָל אָנהויבן צו אַרבעטן אויף אַ העכערע דרגא, מיט נאָך תורה, נאָך עבודה, און נאָך גמילת חסדים.

ווען אַ איד האָרעוועט, ער איז אָפּגעהיטן מיט יראת שמים, אינאיינעם מיט אַ שלימות אין די תרי״ג מצוות, **וועט דאָס אים ברענגען אַז ער וועט שיינען און שפּירן אַ טעם עולם הבא.** שפּעטער וועט ער ווייטער משתוקק זיין ״הלואי קען איך נאָכאַמאָל טועם זיין יענעם געהויבענעם טעם״. וחוזר חלילה. דער אויבערשטער וויל אַז מיר זאָלן אַלעמאָל אַרבעטן אויף דעם סאָרט מהלך.

די הקפות פון שמיני עצרת איז דער וועג וויאַזוי מיר ברענגען אַרויס דעם קרבת אלקים אויף למעשה. **דער איד געפינט זיך שמיני עצרת אין אַ מצב פון ׳נשמת׳ אַגאַנצן טאָג.** ער שטייט און איז משתוקק צום רבוש״ע. ער איז טועם אַ טעם עולם הבא און געפינט זיך אַ מצב פון דביקות. די הקפות איז דער מהלך וויאַזוי מ׳טוט דאָס בפועל. מען זינגט צום אויבערשטן און מ׳איז משתוקק צו נאָך העכער, ווייל מען באַקומט די הכרה אַז נאר דאָס איז אמת׳ע חיים, און אַלעס אַנדערש איז דברים בטלים.

ב

# מנוחה שלימה שאתה רוצה בה; יעדער וואָס איז אָנוועזנד באַקומט די גרויסע מתנה

## אויב שבת איז מנוחה, פאַרוואָס נישט בלייבן אין בעט?

ווען מ׳לערנט דעם יסוד, אַז די ׳ימות החול׳ זענען אַ זמן פון מלחמת היצר, און שבת קודש איז דער זמן פון מנוחה, ווען מ׳איז זיך מתענג מיט׳ן רבוש״ע. קען מען אַמאָל פרעגן אַן עם הארצות׳דיגע שאלה [וואָס באמת, פאר אַ חסיד׳ישער איד איז נישט שווער אַזאַ קשיא, אָבער ס׳איז כדאי דאָס אויסצושמועסן אַז מ׳זאָל דערהערן דעם רעיון]:

כ׳פאַרשטיי נישט, אויב שבת דאַרף מען נישט אַרבעטן אַזוי שווער און ס׳איז אַ יום מנוחה, פאַרוואָס זאָגסטו אַז מ׳דאַרף אויפבלייבן פרייטאָג צונאַכטס און זינגען שירות ותשבחות?! פאַרוואָס דאַרף מען פראַווען אַ שבת אינדערפרי פאַר׳ן דאַווענען? אלא מאי, מ׳דאַרף יאָ האָרעווען אום שבת און רייסן שטיקער פון זיך, אויב אַזוי, איז עס דאָך פונקט ווי אינדערוואָכן ווען מ׳דאַרף פירן מלחמה?

## שבת אַרבעט ער נאָך שווערער...

נאָכמער: ס׳איז דאָ אַמאָל אַ איד וואָס זוכט עפּעס העכער, ער וויל טאַקע האָבן אַ שייכות צו דעם עולם הבא פון שבת, און ער איז אפילו מסכים צו אַרבעטן שווער דערפאַר, אָבער למעשה טרעפט ער זיך אין אַ מצב וואו **שבת אַרבעט ער אַסאַך שווערער ווי אינמיטן די וואך.**

דורכאויס די ששת ימי החול איז דאך דאָ אַ באַשטימטער סדר היום, ווען ער דאַוונט, און ווען ער לערנט. זאַכן זענען ביי אים מסודר. אָבער שבת מוטשעט ער זיך: ״איך זאָג דיר דעם אמת, ס׳איז אַסאַך שווערער״... ער קריגט זיך מיט זיך אַליין, דאָ דאַרף ער זיך שלאָגן מיט׳ן שלאָף, דאָ איז אים שווער מיט׳ן ׳שינוי וסת׳ פון די שבת׳דיגע מאכלים, און דער מענטש פרעגט: זיי מיר מסביר, איך פאַרשטיי אַז שבת דאַרף מען אַריינאַרבעטן, אָבער **פאַרוואָס זאָגסטו מיר אַז ס׳איז מנוחה?** איך כאַפּ נישט, וואָס פונקט איז דאָ מנוחה? אלא מאי זאָל איך יאָ גיין שלאָפן? זאָגסטו דאך אַז שבת דאַרף אויסקוקן ווי אַ שבת... **וויאַזוי שטימט די צוויי זאַכן?!**

## מען טיילט בחנם, דו דאַרפסט בלויז אָנקומען

די תירוץ אויף דער קשיא קען מען פאַרשטיין מיט אַ משל:

אַ גרויסער עושר האָט אַמאָל געמאָלדן אַז אין אַ באַשטימטע צייט גייט ער אויסטיילן טויזנטער דאָלאַרן פאר יעדן איינעם וואָס קומט צו אים. פרעגט מען אים: ״וואָס דאַרף מען טון דערצו? מ׳דאַרף עפּעס אַרבעטן כדי צו באַקומען דאָס געלט?״, זאָגט ער אַז **ניין! ס׳איז גענצליך בחנם! ווער ס׳וועט דאָ קומען צייטליך קען באַקומען גרויס געלט!**

שפּעטער קומט אַ מענטש מיט שטאַרקע טענות: מ׳האָט מיר געזאָגט אַז ס׳איז בחנם, אָבער למעשה האָב איך נישט געהאַט קיינער וואָס זאָל מיר געבן אַ היטש אָנצוקומען, האָב איך געמוזט באַשטעלן אַ טעקסי פאר טייער געלט, דערנאָך איז געווען אַ טראַפיק אויפ׳ן וועג... כ׳האָב זיך אָפּגעמוטשעט צוויי שעה צו קומען. ס׳האָט מיר געקאָסט ׳דמים תרתי משמע׳. **למעשה בין איך טאַקע אָנגעקומען און באַקומען דאָס געלט, אָבער פאַרוואָס זאָגסטו אַז ס׳איז בחנם?** ס׳האָט מיר געקאָסט צייט, מיט כח, מיט געלט. וועגן וועלכע בחנם רעדט מען דאָ?

וואָס ענטפערט מען פאר דעם מענטש? **ס׳איז גראַדע אַ טעכנישע זאַך אַז דו ביסט געוועזן ווייט,** און דעריבער האָט דיר געקאָסט געלט כדי אָנצוקומען, אָבער **למעשה ווען דו ביסט דאָ, טיילט מען דאָס געלט בחנם!** אויב דו קומסט פון אַ ווייטע פלאַץ וועט דיר עס טאַקע אָנקומען מיט אַביסל שווייס און שוועריגקייט, אָבער סוף כל סוף, דאָ באַקומט מען אַלעס בחנם!

## אויב מ׳איז דאָ, באַקומט מען דעם טעם

דער נמשל איז, אַז ס׳איז דאָ צוויי סאָרט עבודות וואָס אַ מענטש האָט אויף דער וועלט. **ס׳איז דאָ אַן עבודה פון די ׳ימות החול׳,** ווען דער ׳רע׳ שטייט פאַר די אויגן און מ׳דאַרף שטאַרק לוחם זיין קעגן די שלעכטע הרגלים אָדער מדות רעות, א.א.וו. דערנאָך **איז דאָ אַן עבודה פון ׳שבת׳,** ווען מ׳דאַרף זיך בלויז אַריינשטעלן אין דעם ריכטיגן מצב, כדי צו לאָזן די נשמה זיך משתעשע זיין מיט׳ן רבוש״ע. שבת ווערט אָנגערופן ׳מנוחה׳, ווייל ס׳איז אַ זמן ווען דער רבוש״ע לאָזט זיך שפּירן, **אויב דו וועסט נאר אָנקומען צום ריכטיגן פלאַץ.**

ווען ס׳קומט אַ זומערדיגע פרייטאָג צונאַכטס, און דער איד דארף זיך קריגן מיט׳ן גוף צו גיין זינגען צוזאַמען מיט אידן, **איז דאָס נישט קיין עבודה פון זיך שלאָגן מיט׳ן רע.** ס׳איז פשוט אַ שכל׳דיגע זאַך, דו קענסט נישט לייגן דיין נשמה אין בעט און שפירן אַ טעם אין שבת. ס׳גייט נישט אַרבעטן...

## אַן עולם הבא אויף דער וועלט, מ׳דאַרף נאר זיין דערביי

דער רבוש״ע זאָגט פאר אַ איד: אום שבת נעם איך אַוועק דעם עולם הזה, און **כ׳זאָג דיר אַז דו קענסט יעצט טועם זיין אַ מורא׳דיגע העכערקייט**, דו קענסט שפירן אַז דו ביסט אַ איד! דו קענסט שפירן אַ נאָענטקייט צו השי״ת! דו קענסט האָבן די הרגשה פון ׳ולדבקה בו׳, עס קען דיר רינען טרערן פון התרגשות!

פרעגט דער איד: ״וואו? דאָ אויף דער וועלט? וויאַזוי קען זיין? דאָ דאַרף מען דאָך אַרבעטן שווער, און הערשט ׳למחר לקבל שכרם׳?!״, זאָגט אים כביכול דער רבוש״ע: **״יאָ, דאָ אויף דער וועלט!** שבת איז טאַקע אַ מעין עולם הבא! מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה, איך געב עס דיר בחנם!״.

אַצינד זאָגט דער מענטש אַז ער איז מיד... זיין גוף זאָגט אים אַז ער זאָל ענדערש גיין עסן פאַרשידענע מאכלים וואָס שלעפן אים אַראָפּ... אָבער דער שבת רופט ווייטער. דער שבת זאָגט איין זאַך: ״קום דאָ, וועסטו באַקומען אַ דערהויבענעם טעם, געגנצליך בחנם״.

כדי מ׳זאָל באַקומען די זיסע מתנה פון ׳מנוחה׳, **דאַרף מען גיין דאָרט וואו מען טיילט דאָס!** אודאי דאַרף מען זיצן מיט אידן און זינגען שירות ותשבחות, אודאי דאַרף מען פּראַוון אַ שבת אינדערפרי מיט אַ ריכטיגע הכנה צום דאַווענען, אָבער דאָס איז נישט קיין סתירה מיט דער נקודה אַז שבת איז אַ יום מנוחה פאר דער נשמה. אַז דו וועסט לאָזן דיין נשמה אַרבעטן, וועט מען דיר געבן צו טועם זיין אַ מעין עולם הבא!

## נישט פאַרפּאַטשקענען אַזאַ הויכער טאָג

דאָס זעלבע זאַך איז ווען ס׳קומט אַ טאָג פון שמיני עצרת. **דער טאָג איז אַ ׳יום מנוחה׳ ווען די נשמה באַקומט אַזאַ נאָענטקייט צום רבוש״ע**, אָבער טאָמער אַ מענטש וועט שלאָפן אָדער זיך מגשם זיין חלילה, וועט מען דאָס נישט באַקומען.

אידישע קינדער עסן און שלאָפן סייווי נישט צופיל אין דעם הייליגן טאָג. מ׳ברענגט נאר אַרויס די הגדרה ווייל אַמאָל קען מען מיט אַ משהו פאַרלירן פון דעם קדושת היום. צום ביישפיל, אויב מ׳שטעלט זיך אַראָפּ שמועסן דברים בטלים אַ שעה צייט, על דא ועל הא. **ס׳איז דאך אַזאַ נאַרישקייט**, ווייל דו האסט זיך אַראָפּגעשטעלט אינדרויסן פון בית המדרש, און **דאָרט טיילט מען נישט...** אַ איד דארף זיך אַריינשטעלן אין דעם ריכטיגן פּלאַץ. ער זאָל זיך געפינען צווישן אידישע קינדער אין אַזאַ טאָג, ווי צדיקים האָבן געזאָגט ׳עצרת תהיה לכם׳, אַז מ׳זאָל זיך צאַמנעמען מיט אידן. מ׳טאַנצט צוזאַמען מיט דער ספר תורה, מ׳איז משתוקק צום רבוש״ע, מ׳דאַנקט אים, מיט ריקודים, און מיט השתוקקות, דאָס **איז דער פּלאַץ וואו מ׳דאַרף זיך געפינען כדי צו באַקומען די מתנות!**

## יעצט הערט מען נישט אויס דעם גוף

שמיני עצרת איז איין טאָג אין יאָר וואָס דעמאָלט קען די נשמה זיך אָפּטרייסלען פון דעם עולם הזה. טאָמער דער גוף זאָגט אַז ער איז מיד, זאָגט מען אים: ״נישט יעצט״... **ס׳איז דאָ אַן איינמאָליגע 24 שעה דורכאויס דאָס יאָר, וואָס מ׳גיבט אינגאַנצן פאר דער נשמה!** דאָס איז דער מצב וואו מיר דאַרפן זיין שמחת תורה, אין אַ מצב וואו עס זאָל נישט אינטערעסירן דער עולם הזה. יעצט הערט מען נישט אויס דעם גוף.

אַמאָל זאָגט מען פאר אַ מענטש: ״ווען דו וועסט אַריינגיין דאָרט, וועט איינער שרייען, אַ צווייטער וועט האָבן קריטיק, **אָבער דו הער זיך נישט צו...** ס׳איז גוט, ס׳איז פיין... גיי ווייטער אָן און דאַרפסט נישט מורא האָבן אויב איינער זאָגט דיר עפּעס...״

דאָס איז דער צוגאַנג פון שמיני עצרת. לייג אַוועק דעם גוף אין אַ זייט און שטעל זיך טאַנצן מיט דער תורה, שטעל זיך משתוקק זיין צום רבוש״ע. **פאַרשטייי אַז וואָס מ׳באַקומט אין דעם טאָג איז עפּעס וואָס מ׳קען נישט באַקומען אין קיין שום אַנדערע טאָג.**

## דער שכר פאר אונזער היי-יאָריגער סדר נאַכט

אידן האָבן דאך אַריינגעלייגט אַזאַ עבודה דורכאויס די אַלע ימים טובים פונעם גאַנצן יאָר, **שמיני עצרת קומט מען ענדליך אָן צום תכלית פון אָט די אַלע עבודות!**

מיר האָבן אַ קליינעם זכרון, מ׳געדענקט נישט אַז ס׳איז געווען אַ פסח, ווי נישט ווי האָט יעדער איד זיך געפּלאָגט צו אויסרוימען דעם חמץ, מ׳האָט אויסגעגעבן געלט, מ׳האָט געפּראַוועט אַ ליל הסדר. זאָגט דער רמ״ע מפאנו און אַלע חסידי׳ישע ספרים אַז **דיין סדר נאַכט איז נאָכנישט געענדיגט!** ס׳איז פשוט אַ שאָד דאָס אַרויסצולאָזן פון דער האַנט און זיין אַ ׳מאבד מה שנותנים לו׳. **יעצט קומט דער ׳שכר מצוה, מצוה׳ פון דעם סדר נאַכט!** יעצט קען מען באַקומען דעם **שכר בעולם הזה**, וואָס דאָס איז דער תכלית אַז מ׳זאָל שפּירן אַ תענוג מיט׳ן רבוש״ע - ׳ולדבקה בו׳!



# עכשיו אני ואתם נשמח יחד; די נאָענטקייט צו השי״ת אום שמיני עצרת פאַרטרייבט אַלע טונקלקייט

## די קליפות ווערן אויטאָמאַטיש בטל

אין די ספרים הק׳ ווערט געברענגט, יעדער צדיק זאָגט עס אויף אַן אַנדערע סאָרט לשון, אַז די ריקודים פון דעם הייליגן טאָג, שמיני עצרת און שמחת תורה, ברענגט אַ געוואַלדיגע תועלת פאר דער נשמה, ווייל **דורך די ריקודים צעטרעט מען זייער שטאַרק די קליפות.**

דאָס הייסט, אַז **שמיני עצרת איז מען מבטל די קליפות אויף אַן אַנדערן סיסטעם ווי אַלעמאָל.** געוועגליך איז דאָ אַ מהלך פון מלחמה, מען דאַרף אַרבעטן שווער צו לוחם זיין מיט די כוחות הטומאה. אָבער יעצט האַלט מען שוין נאָך אַ יום טוב סוכות, וואָס מ׳האָט געברענגט די אַלע קרבנות החג קעגן די שבעים אומות. בעצם האָט מען שוין געענדיגט דעם חלק פון ׳מלחמה׳ קעגן זיי. **יעצט פאַלט די סטרא אחרא אַראָפּ, נישט דורך אונזער מלחמה**, נאר דורך אונזער דביקות צום רבוש״ע.

## ווען ס׳ווערט לעכטיג פאַלט אַוועק דער חושך

צו בעסער פאַרשטיין וויאַזוי דאָס אַרבעט: הרה״ק רבי **צדוק הכהן מלובלין** זי״ע ברענגט (פרי צדיק פסח ד״ה בדברות אחרונות) אַז ביי מכות בכורות זענען אַלע בכורים אויסגעשטאָרבן, ווייל דעמאָלט האָט דער אויבערשטער זיך מגלה געווען מיט אַזאַ ליכטיגקייט פון ׳אני ולא אחר, אני ולא מלאך׳, און **דורכדעם זענען אַלע בכורי מצרים ממילא אָפּגעשטאָרבן** ווייל זיי האָבן נישט געקענט סובל זיין אַזאַ גרויסער אור.

דאָס זעלבע איז דאָ זמנים ווען אַ מענטש דארף זיך שלאָגן מיט דעם כוח הרע, ס׳איז אים שווער און ער דארף זיך קריגן; ער דאַרף לערנען, דאַווענען, געבן צדקה, און זיך קריגן מיט׳ן יצר הרע. אָבער ס׳איז דאָ אַן אַנדערע דרגא ווען דער מענטש פירט נישט יעצט קיין מלחמה, און **דער יצר הרע ווערט ממילא בטל** צוליב די גרויסע קדושה וואָס הערשט אַצינד: ״דו האסט נישט וואָס צו זוכן דאָ יעצט, יעצט איז נישט דיין טאָג, דו ביסט אינדרויסן!״.

אין דעם טאָג **זיצן אידן מיט׳ן רבוש״ע אַליין**, ווי דער **זוהר הק׳** זאָגט אַז שמיני עצרת זענען אידן ״בלחודוי עם מלכא״. ס׳איז נישטאָ עפּעס אַנדערש נאר דאָס דביקות וואָס אידן האָבן מיט השי״ת, דאָס אַליין הרג׳ט אַוועק אַלע כוחות הטומאה **באופן ממילא.** דער חושך ווערט אויטאָמאַטיש בטל, צוליב דעם אור און דער דערהויבענער מצב וואו די נשמה געפינט זיך.

## דער נודניק אַנטלויפט ווען מ׳חבר׳ט זיך מיט זיין שונא

מ׳קען דערויף געבן אַ שטיקל משל, הגם אַז דער נמשל איז אַזויפיל מאָל שטאַרקער ווי דער משל, אָבער בלויז כדי לשבר את האוזן: אַמאָל איז דאָ איינער, לאָמיר אים רופן ראובן, וואָס אַ צווייטער מענטש, שמעון, לויפט אים שטענדיג נאָך, און דערגייט אים די יאָרן.

ראובן האָט שוין פּרובירט אַלע סאָרט וועגן וויאַזוי פּטור צו ווערן פון דעם נודניק, אַז ער זאָל אים לאָזן אַביסל לעבן במנוחה, אָבער אָן ערפאָלג. שמעון וויל שטענדיג רעדן מיט אים, ער וויל אַלעמאָל באַקומען הלוואות פון אים, און אַזוי דערקוטשעט ער אים אַגאַנצן טאָג.

איז דאָ אַמאָל וואָס מ׳זאָגט פאר ראובן: דו זעסט דאך אַז ס׳אַרבעט נישט, ס׳איז דאָ איין מהלך וואָס וועט זיכער העלפן. זוך אַפיר דעם גרעסטן שונא פון שמעון, איינער וואָס איז ממש דער ׳צד שכנגד׳ פון שמעון, און **הייב זיך אָן חבר׳ן מיט אים**, אָבער ס׳זאָל טאַקע זיין בפניו פון שמעון... פאַרברענג געשמאַק און שמועס אַסאַך מיט יענעם, ווייז אַרויס אַז דו האסט אַ געוואַלדיגע נאָענטקייט צו אים, און מאַך זיכער אַז **יעדער זאָל זען וויאַזוי דו מיט שמעון׳ס שונא זענען ממש איינס.** דאָס וועט אויטאָמאַטיש מאַכן אַז שמעון וועט זיך אָפּטראָגן פון דיר...

נאָכאַמאָל, דער נמשל איז אַסאַך העכער פון דעם משל: ווען אַ איד ווערט איינס מיט׳ן אור פון השי״ת, **דעמאָלט טרעפט זיך נישט דער חושך קיין פּלאַץ.** ער פליט ממילא אַוועק, ער קען נישט דאָ זיין. ווייל דער אור איז ממש דער היפוך פון אים!

## מ׳קען אויפטון מיט ׳לעכטיגקייט׳, אַסאַך מער ווי מיט ׳מלחמה׳

אין אַזאַ טאָג ווי שמיני עצרת, ווען אַ איד איז

זיך מדבק צום רבוש״ע, האָט ער זייער אַ גרויסן כח אויסצוריינינגן גאָר טיפע פלעצער אין נפש, וואָס **ווען ער האָט זיך פרובירט צו קריגן האָט עס נישט אַזוי געאַרבעט**, אָבער יעצט ווען דו ביסט זיך מדבק צום רבוש״ע קענסטו דאָס יאָ מבטל זיין.

דאָס האָט אויך אַ מקור אין דברי חז״ל. די גמרא פרעגט (ראש השנה טז, ב) פאַרוואָס בלאָזט מען צוויי מאָל, תקיעות שופר דמיושב און תקיעת שופר דמעומד? זאָגט די גמרא 'כדי לערבב השטן', און **רש״י** איז מסביר אַז ווען דער שטן זעט וויאַזוי אידישע קינדער זענען 'מחבבין את המצות', **דעמאָלט ווערט 'מסתתמין דבריו'**.

דאָס איז די זעלבע נקודה: ווען די סטרא אחרא איבערצייגט זיך אַז די קרבה וואָס אידן האָבן צום רבוש״ע איז אויף אַ טיפערן פאַרנעם, **ווערט ער אינגאַנצן פאַרלוירן!** ער לויפט אַוועק מיט אַלע זיינע טענות און קטרוגים. ער פאַרלירט זיך אינגאַנצן און קען שוין נישט רעדן קיין שלעכטס אויף אידן.

די עבודה פון שמיני עצרת, צו שפּירן אַ נאָנטקייט מיט'ן רבוש״ע, איז **די סוגיא פון 'סור מרע' דורך 'עשה טוב'**. ווען ס'איז דאָ אַזאַ גרויסער אור ווערט בטל דער חושך. ווי די גמרא זאָגט: אַז מ'קען מבטל זיין דעם יצר הרע דורך 'משכהו לבית המדרש'. אַמאָל העלפט נאָכנישט די פשוט'ע 'עשה טוב' צו ברענגען אַ 'סור מרע', אָבער **ס'איז דאָ אַ גאָר הויכע 'עשה טוב', ווען אַלעס איז ממש אַ בחינה פון עולם הבא**, און דעמאָלט גייט אַוועק אַלע פּראָבלעמען, ווייל דער איד איז אַזויפיל העכער דערפון.

## שמיני עצרת פאַרציילט וואו מען באַלאַנגט

אַמאָל איז דאָ אַ יונגערמאַן וואָס מ'זעט אַגאַנץ יאָר בימות החול, און נעבעך, ס'טויג נישט מיט אים, ער פירט זיך נישט ווי ס'דאַרף צו זיין, ס'קוקט אויס ווי ער שעפּט זיין חיות פון אַנדערע זאַכן. די סטרא אחרא זאָגט: "ער לערנט טאַקע אַביסל, ער טוט אַמאָל אַ מצוה, אָבער למעשה באַלאַנגט ער צו מיין קהלה"...

דאַרף מען אַלעמאָל געדענקן, אַז ס'איז דאָ אַזעלכע קרייזן וואו מ'קען נישט געהעריג מגדיר זיין ווער עס באַלאַנגט צו דער קהלה, ווייל ס'איז זייער שווער צו האַלטן חשבון. אָבער ס'איז דאָ אַ געוויסער מעמד אָדער אַ קביעות'דיגע מאורע איינמאָל אַ יאָר וואָס **ווער ס'באַטייליגט זיך דעמאָלט, ער באַלאַנגט צו דער קהלה...** אַלע אַנדערע זמנים קען מען זיך אַרויסדרייען, צוליב פוילקייט אָדער אַנדערע תירוצים, אָבער ביי דעם מאורע, ווער ס'קומט אָן, מיינט דאָס אַז ער איז אַ חלק פון דעם פלאַץ...

ווען דו ווילסט וויסן אויף אַ איד וואו ער באַלאַנגט, "וועמענ'ס ביסטו?" קען אַמאָל זיין אַז בימות החול פּאַסירט ליידער פאַרשידענע זאַכן, אָבער **אויב מ'זעט אַז דער איד טאַנצט שמיני עצרת מיט די תורה, דעמאָלט פאַלן אַראָפּ אַלע כוחות הטומאה און די סטרא אחרא פונעם מענטש**. דער יצר הרע קוקט אויפ'ן מענטש און זאָגט: "אָקעי, וואָס זאָל מען טון, אים האָב איך דערלייגט, ער איז נישט מיינער"...

אַמאָל מאַכט זיך אַז צוויי ישיבות ווילן באַקומען אַ חשוב'ן מגיד שיעור, אָבער דאַן קומט צו אַ מצב וואָס איין ישיבה זאָגט: "ער איז נישט אונזער, מיר האָבן אים פאַרלוירן"... **דאָס פּאַסירט ווען אַ איד טאַנצט שמיני עצרת מיט דער תורה!** אויב דער איד האָט אן אהבה, אַ תשוקה, און אַ שמחה מיט דער תורה, דעמאָלט פאַרציילט דאָס אַז "ער באַלאַנגט פאַר'ן רבוש״ע". אַלע אַנדערע פּראָבלעמען פאַלן אויטאָמאַטיש אַראָפּ פון אים, און דערפאַר איז טאַקע נאָך שמיני עצרת אַ מורא'דיגער זמן זיך אַריינצולייגן אין תורה.

## געדענקן ווי הויעך מיר זענען

דער **אמרי אמת** זי״ע האָט געזאָגט אַז דאָס וואָס שטייט אין דער גמרא (ברכות ח, א): "מאי דכתיב ועוזבי ה' יכלו זה המניח ספר תורה כשהוא פתוח ויוצא", דאָס גייט אַרויף אויף אַ טאָג נאָך שבועות, נאָכ'ן מקבל זיין די תורה, זאָל מען דאָס נישט איבערלאָזן און אַוועקגיין.

אין אַ געוויסע בחינה איז דאָס זעלבע שייך, אויך ווען מ'שטייט אין אַזעלכע הייליגע זמנים פון שמיני עצרת און שמחת תורה. ווען אַ איד וואָלט דערהערט, **ווי דערהויבן און ווי ריין ער גייט אַרויס פון אַזאַ חודש תשרי**, און וויאַזוי ער איז ממש געוואָרן אַן אַנדערער מענטש, וואָלט ער אַנדערש אָנגעקוקט זיין אייגענע מציאות!

דער מענטש דאַרף דערהערן וויפיל שווערע פּעקלעך ער האָט אָפּגעלאָזט, און וויפיל ער איז יעצט ראוי און גרייט אויף תורה. ער איז געוואָרן אַזוי ווייך, ער **האָט באַקומען אַ 'לב בשר'!** ער איז יעצט ראוי צו האָבן דביקות ווייל ער האָט שוין געשפּירט דעם טעם. **דער יצר הרע שעמט זיך פשוט פון אים!** דער יצר הרע איז אַזוי דערשראָקן געוואָרן, מאַך זיכער אַז דו גייסט נישט צוריק צו די אַלטע הרגלים.

ווען מ'וואָלט דאָס ריכטיג דערהערט וואָלט מען אפילו נישט געוואָלט קוקן אויף דער אַנדערער זייט. דער הסתר איז בלויז וויבאַלד **מ'כאַפּט נישט ווי הויעך מיר זענען אין די הייליגע זמנים**. ס'איז אַזעלכע גרויסע טעג, ווען אַ איד קען דאַווענען אויף רוחניות און מ'קען עס שטאַרק אויסנוצן פּטור צו ווערן פון אַלע פּראָבלעמען און זיך מדבק זיין צום רבוש״ע.

# נקודה למחשבה

## וואָס דאַרף מען טראַכטן ביים טאַנצן שמחת בית השואבה און ביי די הקפות?

חול המועד סוכות תשפ״ד

### פאַרשטיין די עבודה פון ריקודים

אין די יעצטיגע הייליגע טעג איז מען אַסאַך עוסק אין **ריקודים של מצוה**; סיי ביי **שמחת בית השואבה**, און דערנאָך ביי די **הקפות** אום שמיני עצרת און שמחת תורה.

צדיקים האָבן גערעדט גאָר גרויסע זאַכן איבער די קדושה פון ריקודים של מצוה, און וויפיל מ'קען אויפטון דערמיט. בפרט איז ידוע מפּי ספרים וסופרים די געוואַלדיגע **קדושה פון טאַנצן הקפות שמיני עצרת און שמחת תורה**, אַז מ'קען דורכדעם זוכה זיין צו געוואַלדיגע שפע ברוחניות, עס העלפט פאַר דער קדושה פון אַ איד און פאר זיינע דורות, עס צעברעכט אַלע קליפּות, א.א.וו.

צומאָל קען מען זיך וואונדערן: וואָס פאַראַ סאָרט עבודת ה' איז דאָס, אַז מען מאַכט אַ רינג און מען הייבט זיך די פיס; איינער טאַנצט מער, איינער ווייניגער, איינער שוויצט און אַ צווייטער קאָכט זיך. **וואָס איז די עבודה דערפון? וואָס דאַרף מען טראַכטן בשעת מען טאַנצט?!** מילא ווען אַ איד לערנט, איז ער דאָך עוסק בלימוד התורה. ווען ער זאָגט תהלים איז דאָס נאָך אן אופן פון קרבת אלקים. אפילו ווען מ'זינגט אַ ניגון איז דאָס אַ וועג וויאַזוי מ'קען אַרויסברענגען די השתוקקות פון האַרץ צום רבוש״ע, **אָבער וואָס פאַראַ עבודה איז צו טאַנצן?!**

### מ'קען זיך אַרויסגעבן אויף עטליכע שטאַפּלען

אַז מ'איז זיך מתבונן , וועט מען זען אַז ס'איז דאָ עטליכע שטאַפּלען וויאַזוי אַ מענטש קען מאַכן אַז **זיינע אינערליכע רגשי הלב זאלן אַרויסקומען** אינדרויסן.

ווען מען שפּירט אַ געוויסע געפיל אינעווייניג אין האַרץ, האָט עס נאָך אפילו נישט קיין אותיות. ס'איז אַ בלויזע הרגשה. די ערשטע שטאַפּל וויאַזוי ס'קומט אַרויס, איז **ווען מ'טראַכט דערוועגן**. אַ מחשבה באַדייט אַז מ'האָט עס יעצט אַרויסגענומען פון אַ טיפן פלאַץ אין נפש און **מ'האָט עס אַריינגעלייגט אין די אותיות** פון מחשבה.

אַ ראי' דערצו איז דער מציאות, אַז פונקט ווי מען קען 'רעדן' אויף עטליכע שפּראַכן, אַזוי אויך קען מען 'טראַכטן' עפּעס אויף איין שפּראַך און דאַן קען מען טראַכטן די זעלבע זאַך אויף אַן אַנדערן שפּראַך. דאָס באַדייט אַז די מחשבה האָט עס אַרויסגענומען פון בלויז אַ געפיל, און **ס'איז געוואָרן אַריינגעלייגט אין אַ ציור פון אותיות.**

### רעדן איז אַ העכערע שטאַפּל פון זיך אַרויסגעבן

שפּעטער ווען אַ מענטש זאָגט אַרויס די זאַך מיט 'רעדן', איז דאָס אַ שטאַפּל העכער. נישט נאָר ער שפּירט דאָס, נישט נאָר ער טראַכט עס, **נאָר ער האָט עס שוין אויך אַרויסגעזאָגט!** און וויפיל שטאַרקער ער זאָגט עס אַרויס, לאָזט דאָס איבער אַ גרעסערן רושם אויף אים.

טאָמער אַ מענטש הערט אויס אַ שיעור געדענקט ער אַ חלק דערפון, אָבער **אויב ער איז דאָס אַליין מסביר שפּעטער פאר אַ צווייטן, גייט עס אַריין ביי אים אַסאַך טיפער.** אַזוי אַרבעט די בריאה, אַז ווען מ'זאָגט אַרויס אַ רגש פון האַרץ לאָזט עס אויפ'ן מענטש אַ מורא'דיגער רושם, און ס'ווערט אויסגעשפּרייט אויף זיין גאַנצע מהות. **אַרויסזאָגן אַ זאַך איז קובע אַז די זאַך זאל ווערן אַ מציאות.** וויפיל שטאַרקער מ'ברענגט עס אַרויס,

אַזויפיל מער ווערט עס אַ פאַקט און אַזויפיל מער לאָזט דאָס אַ רושם אויפ'ן מענטש.

## ריקודים איז די העכסטע דרגא פון זיך אַרויסגעבן

די העכסטע שטאַפל פון אַרויסברענגען אַ געפיל, איז **ווען מ'טוט דאָס דורך ריקודים!** דאָס ברענגט אַרויס דעם רגש מכח אל הפועל אויפ'ן שטאַרקסטן פאַרנעם. ס'איז נישט בלויז "תהלת ה' ידבר פי", נאר ס'איז "כל עצמותי תאמרנה ה' מי כמוך". נישט נאר מיין מויל זאָגט עס, **נאר מיין גאַנצער מהות שרייט דאָס אַרויס!**

מ'קען אַסאַך מאָל זען ווען אַ מענטש וויל זיך מסביר זיין א געוויסע נקודה וואָס באַרירט אים שטאַרק, באַגעניגט ער זיך נישט בלויז מיט'ן מויל, נאָר ער איז דאָס מסביר מיט'ן גאַנץ גוף... ער מאַכט מיט די הענט און מיט די איברים, **ווייל ער וויל עס אַרויסברענגען שטאַרקער.** אויף אַזוי ווייט אַז צומאָל קען מען פאַרשטיין וואָס ער וויל, אפילו אויב מ'הערט נישט וואָס ער זאָגט, ווייל מ'זעט וויאַזוי ער קאָכט זיך מיט אַלע איברים.

חלילה ווען אַ מענטש איז אין כעס, **קען ער דאָס אַמאָל אַרויסברענגען נאר במחשבה,** ווען ער טראַכט די מחשבות פון כעס. אָדער **קען ער דאָס חלילה אַרויסברענגען מיט'ן מויל.** און אויב ער קען זיך ממש נישט באַהערשן זעט מען דאָס צומאָל אויך אויף אַלע זיינע תנועות. יעדע זאַך וואָס מ'וויל אַרויסברענגען האָט עטליכע שטאַפלען, און **די העכסטע דרגא איז ווען דער גאַנצער גוף אַרבעט מיט.**

## ריקודים של שמחה ברענגט אַרויס אונזער גאַנצע פנימיות

אַ איד דאַרף דאָך אַרויסברענגען אַז דער רבוש"ע פירט דער וועלט, אַז השי"ת איז מטיב מיט אים, אַז דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן אַ תורה וואָס איז אמת, משה אמת ותורתו אמת. די שטאַרקסטע און העכסטע דרגא דאָס אַרויסצוברענגען, איז **ווען מען טאַנצט מיט אַלע רמ"ח איברים און שס"ה גידים!** דורכדעם איז "אדם נפעל כפי פעולותיו" און עס לאָזט אַ געוואַלדיגן רושם אויפ'ן גאַנצן נפש האדם.

ס'איז נישט גענוג אַז מ'זאָגט מיט'ן מויל "תורת ה' תמימה משיבת נפש" - **מען דאַרף עס טאַנצן!** מען דאַרף האַלטן די ספר תורה און זיך הייבן מיט ריקודים, אַזוי גיבט מען זיך אַרויס מיט'ן גאַנצן מהות, און **דאָס ברענגט אַריין טיפער אין דעם נפש אַז דער רבוש"ע איז אמת, און אַז די תורה הק' איז אמת.** די אהבה בין ישראל לאביהם שבשמים דאַרף ווערן אַרויסגעברענגט מיט יעדן חלק פון דעם מענטש. כל עצמותי תאמרנה ה' מי כמוך!

## אַרויסגיין פון די כלים פאַר שמחה

די **גמרא** (סנהדרין כא, א) פאַרציילט וואָס עס שטייט אין פסוק (שמואל ב' ו, טז) אַז **דוד המלך האָט "מפזז ומכרכר" געווען פאַר'ן ארון ה',** און זיין פרוי, מיכל, האָט דאָס אַראָפּגעקוקט, און דאָס האָט איר זייער געשאַדט מיט אַ גרויסע קפידה פון הימל.

זי האָט אָפּגעטייטשט אַז דאָס איז אַ בזיון פאַר'ן מלך, ווייל אַ מלך ישראל דאַרף אַלעמאָל זיין פאָרמאַל, ער קען זיך נישט אַזוי כאילו צעלאָזן... אָבער דער רבוש"ע זאָגט: ניין! דאָס איז אַ גרויסער טעות. ער איז נישט קיין מלך פאר זיך, **ער איז אַ מלך וואָס שפּיגלט אָפּ מלכות שמים.** אַ מלך ישראל איז 'לית ליה מגרמיה כלום' - דער רבוש"ע שפּיגלט זיך אָפּ אין אים. ווען ער טאַנצט פאר דעם ספר תורה, איז דאָס נישט קיין צעלאָזטע התנהגות. ווייל ווען אַ איד טראַכט אַז די תורה גיבט מיר חיים; ווען אַ איד איז זיך מתבונן אין דער זכי' צו קענען האָבן אַ שייכות צו תורה און צום רבוש"ע, **גייט ער פּשוט אַרויס פון די כלים!** ס'איז אים נישט גענוג דאָס צו זאָגן בלויז מיט'ן מויל, **ער דאַרף עס אַרויסברענגען מיט ריקודים!**

ווען איינער האָט מצער געווען אַ צווייטן און נאָכדעם קומט ער און זאָגט: "ביסט מיר מוחל?". איז דאָס נישט קיין ריכטיגע פיוס. איינער וואָס וויל באמת מפייס זיין דעם חבר, **קומט מיט אַלע תנועות. מ'קען דערקענען אויף אים זיין בושה.** ער זאָגט עס אַרויס מיט'ן גאַנצן ערנסטקייט: "עס טוט מיר אַזוי וויי, כ'וואָלט עס נישט געדאַרפט זאָגן, ס'וואָלט נישט געדאַרפט געשען וואָס ס'איז געשען. כ'בעט דיר ברחמים, לפנים משורת הדין, זיי מיר מוחל." מ'קען זייער קלאָר זען, אויב דער מענטש זאָגט עס בלויז 'משפה ולחוץ', אָדער ער לעבט עס מיט'ן גאַנצן מהות.

## טאַנצן ברענגט אַרויס 'ואהבת את ה' אלקיך'

יעדער איד לײנט קריאת שמע צוויי מאָל אַ טאָג, אינדערפרי און ביינאַכט. ער זאָגט אַרויס "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד", און ער איז ממשיך "ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך", ער חזר'ט דאָס יעדן איינציגסטן טאָג בשכבך ובקומך, אָבער מ'קען דאָס נישט לאָזן בלויז אין 'דיבור', **מ'דאַרף אַמאָל אַרויסברענגען דעם 'ואהבת', מיט אַלע אברים!** בשעת די ריקודים **הייבט מען זיך אויף צום רבוש"ע,** מ'טאַנצט ווייל מ'שפּירט באמת די גרויסע זכי' פון "אשרי העם שככה לו, אשרי העם שה' אלקיו"!

פונקט ווי מ'קען אַרויסברענגען די שבח והודאה מיט ריקודים, אַזוי אויך **קען מען אַרויסברענגען די הרגשים פון תשוקה צום רבוש"ע דורך ריקודים.** ס'איז דאָ אַ מהלך פון 'זאָגן' אַז מ'וויל ווערן נאָנטער צו השי"ת. ס'איז דאָ אַ מהלך פון דאָס 'זינגען', און די העכסטע דרגא איז דאָס צו 'טאַנצן'!

## תפלה און הודאה דורך ריקודים

ווען אַ איד טאַנצט פאַר'ן אויבערשטן, **דערהייבט ער זיך פון דער ערד, וואָס סימבאָליזירט דעם גשמיות'דיגן כח המשיכה און ער פאַלט נאָכאַמאָל אַראָפּ.** דאָס איז אַ בחינה פון "שבע יפול צדיק וקם", אָבער נישט נאר זיבן מאָל, נאר גאָר אַסאַך מאָל. ער טאַנצט און פאַלט. דאָס איז זיין מציאות.

דערפאַר האָבן צדיקים אַזוי שטאַרק מפליג געווען דאָס גרויסקייט פון ריקודים של מצוה, ווייל מ'קען מתפלל זיין דורך אַרויסרעדן אותיות, מ'קען מתפלל זיין דורך נגינה אָן קיין אותיות, אָבער **די גרעסטע עבודה איז ווען מ'איז מתפלל דורך טאַנצן פאַר'ן רבוש"ע.** דער איד איז מתפלל און ער לויבט מיט אַלע זיינע כוחות. דאָס איז נאָך העכער פון ווערטער, ווייל דאָס ווערט געטון מיט אַלע רמ"ח אברים און אַלע שס"ה גידים.

ווען אַ איד טאַנצט איז דאָס בעצם אַ שבח והודאה און אַ תפלה: "רבוש"ע, איך דאַנק דיר אויפ'ן עבר, הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו! **איך בעט דיר צו קענען זיין נאָנט מיט דיר אויפ'ן עתיד.** אנא ה' הושיעה נא". ער דאַנקט אויף די הצלחות וואָס ער האָט געהאַט אין תורה, און ער איז משתוקק אויף די פרישע ישועות וואָס ער דאַרף באַקומען אין תורה.

## טאַנצן מיט אידן איז אַזויווי אַ תפלה בציבור

אַ איד קען אָבער נישט טאַנצן אַליין, ער כאַפּט זיך אָן מיט נאָך אַנדערע אידן און מען מאַכט אינאיינעם אַ רינג. ווייל מיט נאָך אַסאַך אידן ברענגט מען אַסאַך בעסער אַרויס די הודאה, די דביקות, און די השתוקקות צום רבוש"ע. פונקט אַזויווי אַ תפלה פון אַ יחיד איז נישט דומה צו אַ ציבור וואָס דאַווענט. תפלה בציבור איז אַסאַך אַ העכערע השראת השכינה. דאָס זעלבע ווען אידן שרייען אויס צוזאַמען: "אשרי העם שככה לו" און זיי טאַנצן אינאיינעם צום רבוש"ע, **ווערט אַסאַך שטאַרקער אַרויסגעברענגט זייער אהבה,** זייער שבח והודאה און זייער השתוקקות.

באמת וואָלט מען געדאַרפט אַרויסגיין פון די כלים ביי יעדע מצוה וואָס מ'איז מקיים, אָבער **סוכות איז דאָס אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַז מ'זאָל זיך פרייען און טאַנצן מיט דער שמחת המצוות פון אַגאַנץ יאָר.** בפרט ביי שמחת בית השואבה ווען ס'איז דער שפּיץ פון 'שמחה של מצוה'. מען דאַנקט דעם רבוש"ע אַז מ'קען אים דינען און מקיים זיין די מצוות. אָט אַזעלכע ריקודים זענען טאַקע זייער שטאַרק משפּיע פאַר'ן נפש. ווען מען שוויצט פאר אַ דבר שבקדושה ווערט מען אויסגעוואַשן און דערהויבן.

דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאָל קענען טאַנצן ווי אידן. די **נשמה זאל מיטשלעפּן דעם גוף מיט אַ שמחה און מיט אַ תשוקה אויף אַרויף,** ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם.


פטרון חודש תשרי

לע"נ איש יקר הרוח ועדין הנפש, מרביץ תורה לעדרים הרב החסיד
רבי יוסף צבי ב"ר מרדכי שמואל
רדזמינסקי זצ"ל
נלב"ע בדמי ימיו כ"ב סיון תשפ"ב
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים

פטרון חג הסוכות

נתנדב ע"י
The Winery - 4616 18 Ave
ולזכות
שלמה בן רויזא ומשפחתו

ארה"ב 718.686.8300
א"י 072.257.7726
בריטניה 0333.070.6585
בלגיה 0480.20.16.18
לקבל הגליון בקביעות ע"י אימייל - info@machonhavineini.com

להשיג הגליון
ומות הבאים:

בארא פארק
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה
The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג:
ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58Central Market
ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

מאנסי
ביהמ"ד סאטמאר Monsey 13
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד ראדאשיץ– Airmont
ביהמ"ד דאמבראווא
ביהמ"ד וויואל משה סאטמאר
ביהמ"ד ווילעדניק
ביהמ"ד נצח ישראל–פארשעי
ביהמ"ד הגדול וויזניץ 25 Phyllis Terrace

קרית יואל
ביהמ"ד אהל פיגא
ביהמ"ד בית אלעזר
ביהמ"ד בית מנחם זאב
ביהמ"ד ישמח משה
ביהמ"ד אבני צדק
ביהמ"ד רב טוב
ביהמ"ד בית דוב

לאנדאן
ביהמ"ד סאטמאר 26 לאקער 42
ביהמ"ד וויזשניץ לונדון לאקער 25
ביהמ"ד ביאלא 45 לאקער 33
ביהמ"ד בית התלמוד ליד הביהמ"ד
ביהמ"ד חברה ש"ס בביהמ"ד

חג הסוכות
שנת תשפ"ו
שנה ב'
גליון ל"ח

# בהיכלא דמלכא

א טויער צום היכל פונעם דרך החסידות

מתוך שיעוריו ושיחותיו של האדמו"ר מקאסוב זצ"ל

גליון מוגדל ומורחב
מאמרי חג הסוכות
בלשה"ק

## "כ"ב אותיות התורה" (ב)

### וועלכע סוד באהאלט זיך אין די אל"ף בי"ת?

א מענטש הייסט א מדבר נאר פאר ער הייבט אן רעדן | רעדן אן שכל הייסט נישט גערעדט | רעדן נארישקייטן איז נישט מער ווי שיחת חיות ועופות | וואס איז די העכסטע מדריגה אין דיבור | די קלוגסטע דיבורים קומט נישט צו די "אלף בית" פון א אידיש קינד | מיט די כ"ב אותיות קען מען שאקלען וועלטן | די גאנצע בריאה עקזיסטירט נאר דורך צירופי אותיות | באלייכטן די אותיות ביים דאווענען און לערנען

## אריינפיר

אינעם פאריגן גליון האבן מיר ארויסגעברענגט די געוואלדיגע חשיבות פון א מדבר אז ער האט א כח ארויסצוברענגען זיין שכל און זיינע מחשבות מיט'ן רעדן, וואס מיט דעם איז ער דער חשוב'סטער פון דער גאנצער בריאה.

מיר האבן אויך ארויסגעברענגט די באזונדערע חשיבות פון לשון הקודש, און ערקלערט אז כאטש די אומות העולם האבן אויך א שפראך וואס זיי נוצן צווישן זיך, איז דאס אבער נאר ווי סיגנאלן וואס זיי האבן אפגעמאכט צווישן זיך כדי זיי זאלן זיך פארשטיין, אבער די אותיות און ווערטער פון לשון הקודש האבן אין זיך אן עצמיות'דיגע קדושה.

יעצט וועלן מיר ממשיך זיין ארויסצוברענגען די אמת'ע חשיבות פון א איד וואס נוצט דעם כח הדיבור פאר דברים שבקדושה, און מסביר זיין אז דער עיקר מעלה פון קענען רעדן איז צו נוצן די הייליגע אותיות התורה מיט וועלכע דער אויבערשטער האט באשאפן אלע וועלטן, און באהעפטן די העכערע כח פון די נשמה מיט די פיזישע 'כלים' פונעם גוף וואס ברענגען ארויס די ווערטער.

א

## ווען ווערט מען אנגערופן א 'מדבר'

ער בַּ... בַּ... דארט זאגט ער דַּ... דַּ... אא"וו, צוביסלעך הייבט ער אן צוזאמשטעלן אותיות, ביז ער הייבט ענדליך אן צו רעדן האלבע צוהאקטע ווערטער,וואס דאס האט א מורא'דיגע זיסקייט און א חן, די מאמע קוועלט פאר נחת פון יעדע אות און יעדע האלבע ווארט וואס דאס קינד רעדט שוין.

אבער ווידעראמאל, דאס הייסט נאך זיכער נישט גערעדט! ווייל דאס זענען דאך באמת נישט קיין ריכטיגע ווערטער פון א געבויעטע שפראך, און קיינער אויסער אפשר די נאנטע ארומיגע האבן נישט קיין מושג וואס ער זאגט, נאר דאס זענען אזעלכע סיגנאלן וואס נאר די מאמע און די נאנטע פונעם קינד קענען פארשטיין בערך וואס ער מיינט צו זאגן, דאס איז נישט קיין שפראך פאר זיך; נאר דאס זענען סיגנאלן געבויט אויף די שפראך וואס מ'רעדט ביי אים אין שטוב, ווייל דאס קינד האט נאך דערווייל נישט די ריכטיגע כלים ארויסצוברענגען די ריכטיגע ווערטער פון מויל.

### דער טיטל 'מדבר' באקומט מען נאך אסאך פאר מען קען בכלל רעדן

ווען דאס קינד ווערט פינף-זעקס יאר אלט, הייבט ער שוין נארמאל אן צו רעדן פליסיג און זיינע ווערטער זענען שוין גוט געבויעט, ער זאגט שוין ארויס ווערטער מיט א ריכטיגע באדייט וואס יעדער קען קלאר פארשטיין וואס ער וויל און וואס ער זאגט, ער קען זיך שוין ריכטיג ארויסברענגען מיט זיין דיבור, וואס ווי מיר האבן מסביר געווען [אין פאריגן גליון] איז דאס די חשיבות פון א 'מדבר', אז ער קען ארויסברענגען זיינע אינערליכע געדאנקען און געפילן דורך זיין דיבור.

אויבנאויף קוקט אונז אויס אז עס קומט זיך פאר די עלטערן א "מזל טוב" - יעצט איז דאס קינד געווארן א 'מדבר'! ביז יעצט האט ער נאכנישט געקענט 'רעדן', און כאטש אז זיין

פרנס הגליון
נתנדב ע"י ידידינו העומד תמיד לימינינו
מו"ה אליעזר דוד חיימאוויטש הי"ו
לע"נ חי' שרה בת יקותיאל ארי' ע"ה

**ווען א קינד ווערט געבוירן קען ער נאכנישט רעדן אפילו איין אות, נאר וויינען קען ער... אבער יעדער איינער פארשטייט אז אין זיין וויינען ליגט א משמעות.**

טאטע מאמע האבן אפילו ביז יעצט אויך געקענט וויסן און פארשטיין פון זיינע סיגנאלן וואס ער וויל, האט ער אבער למעשה נאכנישט גערעדט א נארמאלע שפראך, און נאר יעצט ווען זיינע ווערטער זענען שוין געבויעט ריכטיג רעדט ער ווי עס דארף צו זיין, אהא... יעצט איז ער שוין ענדליך א 'מדבר'!

איז דאס ריכטיג? ניין! ווייל א מענטש וואס ווערט געבוירן הייסט שוין לכתחילה פון די ערשטע רגע א 'מדבר'... כאטש ער קען נאכנישט ארויסרעדן קלאר קיין אות, ווער רעדט נאך א ווארט, קיינעם וועט נישט איינפאלן אז א פיצל קינד איז בלויז אין א דרגה פון 'חי', ווייל זיין 'שפראך' איז געבויעט בלויז אויף אומפארשטענדליכע סיגנאלן, און נאר ווען ער הייבט אן צוזאמצושטעלן ווערטער לויט די ריכטיגע כללים פון רעדן, ערשט דאן באקומט ער א חשיבות פון א 'מדבר'. דאס איז נישט ריכטיג! פון די ערשטע רגע אהן איז ער אין די דרגה פון 'מדבר', אפילו ער קען נאכנישט ארויסרעדן קיין איין איינציג ווארט פון מויל.

וואס איז טאקע דער פשט דערפון? לכאורה וואלט מסתבר געווען צו זאגן אז ווילאנג א מענטש קען נאכנישט רעדן איז ער נאך אין די נידריגערע דרגה וואס דאס איז 'חי', ווייל די מעלה פון 'מדבר' מעסט זיך לכאורה אינעם פיזישן אפטייטש פון רעדן?!

נאר דא קומען מיר צו צום עיקר פינטל, אז א 'מדבר' האט אסאך א טיפערע משמעות ווי סתם קענען זעצן ווערטער. ווייל באמת הייסט א מענטש א 'מדבר' נאך אסאך פאר ער הייבט בכלל אן צו קענען רעדן, ווייל ער האט שוין דעם אינערליכן כח הדיבור! און אויב אזוי איז די זעלבע אויך פארקערט, אז נישט יעדער איינער וואס קען ריכטיג זעצן ווערטער הייסט א 'מדבר'! ווייל די אמת'ע באדייט פון א 'מדבר' מיינט אסאך טיפערס ווי סתם זעצן ווערטער, נאר דעם כח פון ארויסברענגען זיין פנימיות'דיגע שכל מיט ווערטער.

ב

# רעדן איז א נשמה'דיגע פעולה

## דער דיבור פון א מענטש ווערט צוזאמגעשטעלט פון זיין גוף און נשמה

וואס איז טאקע די סיבה פארוואס א קליין קינד קען נאכנישט רעדן, כאטש ער איז באשאפן געווארן אלס א מדבר?

דער הייליגער מהר"ל איז מסביר (גבורות ה' פרק כח, וע"ע שם בפס"ד וב'נתיב הלשון' פ"ו) אז דער כח פון **רעדן** איז א שילוב פון צוויי זאכן: איינס - א **פיזישער** כח צו קענען ארויסברענגען ווערטער מיט'ן מויל, וואס דאס איז א **גשמיות'דיגער** כח וואס קומט פונעם **גוף**, און דאס האט צו טון מיט די פינף אברים מיט וואס מען ברענגט ארויס די ווערטער [ליפן, ציינער, צונג, אא"וו]. צוויי - א **שכל'דיגער** כח צו קענען רעדן **מיט קלוגשאפט און פארשטאנד**, וואס דאס איז א **רוחניות'דיגער** כח וואס קומט פון די **נשמה**.




מיט דעם איז דער מהר"ל מסביר, אז א קליין קינד קען נאכנישט רעדן, כאטש ער איז הונדערט פראצענט געזונט און אלע זיינע פיזישע כוחות זענען אקטיוו, אבער וויבאלד זיין שכל איז נאכנישט אנטוויקלט, פעלט אים דער כח פון **רעדן**, ווייל ווי געזאגט, דער כח פון 'מדבר' איז צוזאמגעשטעלט פון דעם גוף מיט די נשמה אינאיינעם, און די נשמה איז די רוחניות'דיגע שכל וואס דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט אינעם גוף, וואס נאר צוזאמען מיט דעם שטעלט זיך אויס א כח פון דיבור.

דא קומט אויס א מורא'דיגע יסוד: **עס קען זיין א מענטש זאל רעדן פיזיש, אבער עס הייסט נישט גערעדט!** אויב זיין רעדן קומט נישט צוזאמען מיט'ן כח השכל, איז זיין רעדן נישט מער ווי א פיזישע כח צו קענען ארויסברענגען מיט קלאנגען און מיט א חיתוך האותיות וואס ער וויל, און דאס איז פונקט ווי א בהמה אדער חיה וואס האט אויך דעם פיזישן כח צו לאזן הערן קלאנגען און סיגנאלן...

דער אמת'ער כח פון דיבור איז ווען די נשמה איז א שותף אינעם דיבור! ווען דאס רעדן גייט אין א שותפות'דיגע ארבעט פון די גשמיות'דיגע כלי הדיבור צוזאמען מיט דער רוחניות'דיגער שכל, אט דאן הייסט דער מענטש א 'מדבר', און דאס איז די ספעציעלע מעלה וואס דער מענטש האט באקומען, ווי מיר האבן שוין דערמאנט אז אויפ'ן פסוק (בראשית ב ז) "**ויפח באפיו נשמת חיים ויהי האדם לנפש חיה**" זאגט דער תרגום: "**והות באדם לרוח ממללא**" - "און דער מענטש האט באקומען **א גייסט פון רעדן**," דאס ווייזט אז די ספעציעלע מעלה פון 'רעדן' האט דער מענטש נאר באקומען נאך וואס דער אויבערשטער האט אריינגעבלאזן אין אים א **העכערע נשמה**, ווייל דאס איז דער הויפט כח פון קענען רעדן!

## רעדן אן קיין שכל איז גארנישט אנדערש ווי די סיגנאלן פון די בהמות און חיות

מיט דעם איז דער מהר"ל מסביר, אז אפילו די בהמות און חיות האבן אויך א שפראך, און זיי קענען ברומען און מאכן אלע סארטן קולות וואס איז פארשטענדליך צווישן זיי, נאכמער, מיר זעען אפילו אז עס זענען געווען הייליגע תנאים וואס האבן פארשטאנען שיחת חיות ועופות, און זיי האבן געקענט וויסן וואס א בעל חי וויל זאגן מיט זיינע קולות, מיט דעם אלעם הייסט א בעל חי נישט קיין 'מדבר', ווייל זיין 'רעדן' איז נישט מער ווי א פיזישער כח פון סיגנאלן און סימנים וואס געבן צו פארשטיין וואס ער וויל - צו ער איז הונגעריג און ער דארף עסן, צו ער איז דערשראקן פאר א פארצוקנדע חיה וואס לאקערט נאך אים, אא"וו. אבער זייערע קולות האט גארנישט מיט'ן שכל צו טון.

דאקעגן דער מענטש האט יא שכל, ער האט א נשמה, ער האט א העכערע כח וואס ווערט א שותף מיט'ן רעדן, ממילא הייסט ער טאקע א 'מדבר', ווייל דער משמעות פון 'רעדן' מיינט מקשר צו זיין דעם העכערן כח הנשמה מיט די פיזישע כח הגוף וואס ברענגט ארויס מיט ווערטער וואס די שכל פארשטייט.

קומט אויס אז ווען א שוטה רעדט סתם ווערטער, וואס האבן נישט קיין שום באדייט, אודאי איז ער אויך א 'מדבר', קוק - ער רעדט... אבער אויב ער רעדט אן קיין שכל, איז דאך פשוט אז דאס איז נישט מער ווי א סימן אז זיין **פיזישע כח** פון רעדן איז אין ארדענונג... זיין גוף איז בסדר, זיין צונג ארבעט געהעריג... אבער למעשה איז דאס ווייט כרחוק מזרח ממערב פון די אמת'ע מעלה פון 'מדבר' וואס קניפט צוזאם די העכערע כח פון די נשמה מיט דעם כח פונעם גוף, און זיין דיבור איז נישט מער ווי פשוט'ע סימנים וואס בהמות און חיות האבן אויך צווישן זיך.

## עס ווענדט זיך וואס מען רעדט...

יעצט לאמיר גיין א שטאפל ווייטער. אויב די מעלה פון 'מדבר' איז צוזאמגעשטעלט פון צוויי כוחות; די כח הנשמה מיט'ן כח הגוף, קומט אויס אז יעדעס מאל וואס א מענטש רעדט ארויס א ווארט פון מויל, קען עס זיין עפעס וואס קומט פון א העכערע פלאץ פון די נשמה, אדער קען גאר זיין אז דאס זענען פשוט'ע קולות פון זיין גוף, מיט בלויז א משהו שכל וואס ליגט אין דעם.

**ווען א קינד ווערט געבוירן קען ער נאכנישט רעדן אפילו איין אות, נאר וויינען קען ער... אבער יעדער איינער פארשטייט אז אין זיין וויינען ליגט א משמעות.**

באמת איז דאס א שטענדיגע קאנפליקט ביי דעם מענטש, ווייל דער מענטש איז דאך צוזאמגעשטעלט פון א נשמה און א גוף, אזוי ווי די גמרא זאגט (חגיגה טז.) אז דער מענטש איז גלייך צו א בהמה מיט געוויסע זאכן און גלייך צו א מלאך מיט געוויסע זאכן, און יעדער מענטש האט די ברירה זיך צו פירן ווי א בהמה און ער האט די ברירה זיך צו דערהייבן ווי א מלאך, די שאלה איז וועלכע כח ער וועט פארשטערקערן, די כח הבהמי צו די כח האלוקי.

דאס איז נאך אסאך שטערקער נוגע ביים כח הדיבור, וואס דאס איז ממש א צוזאמשטעל פון גוף און נשמה, ווייל אן דעם נשמה וואס ליגט אין דעם דיבור האבן נישט די ווערטער קיין שום חשיבות, און מיט די נשמה, ווערט דער דיבור נתעלה אויף אזא הויכע מדריגה, עד כדי כך אז ער טראגט אויף זיך דעם צלם אלקים און ער האט אין זיך א 'נשמת חיים'.

יעדער איד האט א פאטענציאל צו רעדן הויכע דיבורים וואס שטימען מיט'ן כח הנשמה, און דעמאלטס פארדינט ער זיך ערליך זיין נאמען 'מדבר', אבער וויבאלד דער פיזישער כח הגוף איז דאך אויך א שותף דא, קען ער גאנץ לייכט אראפציען זיין כח הדיבור צום כח הגוף, און רעדן סתם דברים בטלים, וואס דעמאלטס זענען זיינע ווערטער נישט מער ווי 'שיחת חיות ועופות'.

לעומת זה, ווען א איד רעדט ערליכע זאכן מיט שכל, דיבורים וואס ברענגען אים נענטער צו עבודת ה', דיבורים וואס בינדן אים אן מיט'ן כח הנשמה, האט דאס א געוואלדיגע קדושה, און אפילו ער וועט רעדן דברי תורה אויף אן אנדערע שפראך הייסט דאס '**גערעדט**', ווייל זיינע ווערטער זענען צוזאמגעשטעלט פונעם **גוף מיט'ן נשמה** אינאיינעם!

איז באמת האט יעדער מענטש אויף דער וועלט די ספעציעלע **כח** צו הייסן א '**מדבר**', עס ווענדט זיך נאר וואס זיינע דיבורים זענען. זיינע ווערטער וועלן באשטימען צו ער איז טאקע **באמת א 'מדבר'** אדער ער האט פשוט **א טעכנישע וועג** צו לאזן הערן סיגנאלן...

ג

# די העכסטע מדריגה אין דיבור

## יעדע אות פון די תורה איז א געוואלדיגע אור

יעצט לאמיר דאס נעמען א טרעפל ווייטער. און מיר ווילן מקדים זיין בקיצור דעם וויכטיגן יסוד וואס מיר האבן שוין אראפגעשטעלט [אין פאריגן גליון], וואס איז מבואר אין די ספרים הקדושים, אז דער הייליגער שפראך לשון הקודש איז אינגאנצן נישט דאס זעלבע ווי די שפראכן פון די אומות העולם. ווייל די פעלקער פון די שפראכן איז נישט מער ווי הסכמת העמים, וועלכע האבן אפגעמאכט אז א 'טיש' זאל הייסן א 'טיש', און א 'בענקל' זאל הייסן א 'בענקל', און עס וואלט פונקט אזוי געקענט זיין פארקערט.

אנדערש איז אבער ווען עס קומט צו דעם הייליגן שפראך פון די תורה הקדושה, וואס מיט דעם איז באשאפן געווארן די וועלט. אין לשון הקודש האט יעדע אות און יעדע ווארט אן אייגענע קדושה. יעדעס אות איז א הייליגער אור וואס דער באשעפער האט באשאפן, און יעדעס אות האט א באזונדערער אור, וואס מאכט אז דער אות זאל האבן זיין ספעציעלע באדייט. אזוי אויך איז יעדע ווארט אין לשון הקודש צוזאמגעשטעלט דורכ'ן אויבערשטן אליין, לויט די העכערע סודות וואס מיר האבן נישט קיין השגה דערין.

לאמיר יעצט אויסקלארן דעם בילד וואס שטעלט זיך ארויס: דער עיקר חשיבות פון א מדבר איז ווען מען שטעלט צוזאם דעם דיבור מיט די נשמה, און די העכסטע מדריגה פון די נשמה וואס מען קען אריינלייגן אין דעם דיבור איז ווען מען דאווענט און מען לערנט מיט די כ"ב אותיות התורה. ווייל די העכסטע מדריגה פון מדבר איז נישט איינער וואס רעדט די קלוגסטע דברי חכמה, נאר איינער וואס זיין דיבור איז די נענטסטע צו דעם חלק אלוקה ממעל וואס דער אויבערשטער האט אין אים אריינגעלייגט.

## די געוואלדיגע כח פון א אידיש קינד וואס זאגט אלף בית

יעצט קענען מיר פארשטיין די מורא'דיגע ווערטער פונעם זוהר הקדוש (ח"ג ענג.), אז ווען א קינד הייבט אן צו לערנען תורה געבט מען אים די ערשטע ווערטער צו זאגן: "אלף בית", און דאס זענען ווערטער וואס אפילו די העכסטע מלאכים קענען נישט משיג זיין מיט'ן שכל, ווייל דאס זענען סודות פונעם אויבערשטנ'ס נאמען!

גיב נאר א קוק וואספארא רעש ווערט אויבן אין הימל ווען א פינף יעריג יונגל זאגט "אלף"! און ווען ער זאגט "בית"! מלאכים שטייען און ציטערן! עס רודערט וועלטן! איר ווייסט וואס דא טוט זיך? **א אידיש קינד האט געזאגט "אלף בית"!** דאס איז גארנישט אזא פשוט'ע זאך! ער האט אנגערירט אין די הייליגסטע זאך אויף דער וועלט! ער האט אנגעהויבן צו זאגן די הייליגע אותיות התורה! ער שאקלט עולמות!

דאס איז נאר ווען ער האט אנגעהויבן צו זאגן "אלף בית"... ווער רעדט נאך ווען א איד זאגט ארויס מיט'ן מויל: "אמר אביי"! מיר האבן גארנישט קיין השגה וואס טוט זיך אפ אין אלע עולמות העליונים ווען א איד זאגט ארויס מיט'ן מויל ווערטער פון די תורה! יעצט איז ער א '**מדבר**' - און נאך ווי! ער רעדט עפעס צו דער זאך, ער זאגט נישט סתם סימנים וואס געוויסע פעלקער האבן אויסגעטראכט צו נוצן פאר א שפראך... ער זאגט דא עפעס מורא'דיג זאכן; הייליגע אותיות מיט וועלכע דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט!

## דער געוואלדיגער כח פון א העכערער סארט דיבור

דער קלוגסטער מענטש אויף די וועלט וואס וועט רעדן אלע זיינע קלוגסטע דיבורים, קען נישט אנקומען צו די שפיץ נאגל פון א יונגל וואס זאגט ארויס מיט'ן מויל בלויז "אלף"... ווייל בלויז מיט'ן ארויסזאגן די הייליגע כ"ב אותיות האט מען שוין א געוואלדיגע חשיבות, אפגערעדט ווען מען דאווענט און מען לערנט, ברענגט מען ארויס מכח אל הפועל די העכסטע מדריגה אין די נשמה, וואס דערמיט דערהייבט מען דעם כח המדבר אויף אן אומשאצבארע פארנעם.

דאס גייט אזוי ווייט, אז א מענטש וואס אנערקענט אז די אמת'ע מעלה פון זיין כח הדיבור איז נאר ווען עס איז אנגעבינדן מיט דעם חלק אלוקה ממעל וואס ער האט, באקומט זיין דיבור אזא הויכע כח אז ער קען איבערדרייען שלעכטע גזירות אויף גוט, אזוי ווי די גמרא זאגט (בבא מציעא ק"ו ע"א) אז יעדער איד קען אנקומען צו א מדריגה פון "ותגזר אומר ויקם לך", און זיין דיבור ווערט אזוי דערהויבן און איז בכח צו איבערדרייען כביכול פון מידת הדין אויף מידת הרחמים. אבער דער וואס זיין דיבור ווערט געפירט דורך זיינע בהמ'ישע כוחות, קען ער רעדן ווי קלוג ער וויל, אבער זיין דיבור האט נישט קיין שום השפעה צו טוישן זאכן אויבן אין הימל...

**דאס קינד ווערט אביסל עלטער, און אויפאיינמאל הייבט ער שוין אן צו לאזן הערן קלאנגען; דא זאגט ער בַּ... בַּ... דארט זאגט ער דַ... דַ... אא"וו, צוביסלעך הייבט ער אן צוזאמשטעלן אותיות, ביז ער הייבט ענדליך אן צו רעדן האלבע צוהאקטע ווערטער.**

# פון די כ"ב אותיות ווערט צוזאמגעשטעלט וועלטן

## די חשיבות פון 'מדבר' איז זיך אויסצוקענען אין די אמת'ע 'אותיות'

יעצט אז מיר האבן ארויסגעברענגט דעם געוואלדיגן כח פון די כ"ב אותיות, לאמיר פרובירן דאס צו פארשטיין אויף א טיפערע פארנעם.

מיר האבן שוין דערמאנט וואס דער הייליגער אריז"ל לערנט אונז, אז נישט נאר אין די ווערטער פון תורה און תפילה זענען דא אותיות, נאר אויך די גאנצע בריאה באשטייט פון צירופים פון די הייליגע צוויי און צוואנציג אותיות מיט וואס דער אויבערשטער האט אלעס באשאפן.

וואס איז דאס 'צירופים' פון אותיות? דאס איז א הייליגער און העכערער צוזאמשטעל פון אותיות, וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן דורכ'ן באשעפער אליין ביי בריאת העולם, און יעדע זאך אויף דער וועלט באשטייט נאר פון די צירופי אותיות.

דער תולדות יעקב יוסף (פרשת בראשית ד"ה יתבונן המשכיל וידע המבין) ברענגט די גמרא (ברכות נה.) אז בצלאל האט געקענט מצרף זיין די אותיות מיט וואס דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, און אזוי האט ער געקענט בויען דעם משכן מיט אלע כלים, גענוי לויט ווי דער אויבערשטער האט דאס אויסגעשטעלט אויפן בארג סיני. ווייל כאטש די גאנצע וועלט קוקט טאקע אויס א שטיק גשמיות, ליגט אבער דערין באהאלטן א הייליגע 'צוזאמשטעל' פון אותיות, וואס דאס איז די גאנצע עקזיסטענץ פון יעדע זאך אין דער בריאה. ווען א מענטש הייבט זיך אויף צו די הויכע דרגה פון 'מדבר', קען ער צוזאמשטעלן די אלע אותיות לויט'ן פונקטליכן סדר און מיט דעם בויען וועלטן!

דאס איז אויך וואס חז"ל (יומא עג: ועוד) זאגן, אז אויף די 'אורים ותומים' זענען געווען אויפגעשריבן אלע אותיות, און ווען מען האט געפרעגט א שאלה פון די אורים ותומים האבן אויפגעלאכטן פארשידענע אותיות, און דער כהן גדול האט מיט רוח הקודש פארשטאנען וויאזוי **מצרף צו זיין די אותיות** כדי צו באקומען א קלארע תשובה צו מען זאל טון די זאך אדער נישט.

עס איז איבריג צו זאגן אז קיין שום שפראך אויף די וועלט, און קיין שום פאלק אויף דער וועלט, האט נישט אזעלכע אותיות וואס שטעלן זיך אויפאיינמאל אויס, אין אזא סדר צו אין אזא סדר, וואס ברענגט א קלארע ענטפער גראד פון הימל אז ער זאל וויסן וואס ער זאל טון... דאס איז א העכערע כח וואס קומט פון דעם 'אור' וואס ליגט אין יעדן אות, און ווען א חדר יונגל זאגט נאר ארויס "אלף בית" רירט ער זיך אן מיט אט דעם הייליגן כח!

## נאר מיט די אותיות התורה קען מען רעדן לויט א באשטימטע סדר

דער הייליגער דגל מחנה אפרים ברענגט (ליקוטים מדור החלומות) אז איינמאל, יו"ט סוכות, האט ער געזען זיין זיידן דער בעש"ט הק' זי"ע אין חלום, און ער האט געבעטן זיין זיידן אז ער זאל לערנען מיט אים תורה, האט אים דער בעש"ט הק' געזאגט: "האסט נאך צייט, ווייל דו וועסט אי"ה מאריך ימים זיין". און אויף דערוויל האט ער אים געזאגט אז ער וועט לערנען מיט אים די אותיות פון די 'אלף בית'.

עס איז דאך פשוט אז דער הייליגער דגל מחנה אפרים האט שוין געקענט דעמאלטס די אלף בית וואס מיר קענען, און עס איז אים נישט געווען קיין חידוש וויאזוי מען זאגט א' און וויאזוי ב'... נאר זיין הייליגער זיידע דער בעש"ט הק' איז אים דעמאלטס געקומען מגלה זיין די טיפערע משמעות וואס ליגט אין די אותיות, דער כח וואס נעמט ארום די גאנצע בריאה, וואס די העכסטע מלאכים קענען נישט משיג זיין!

אזוי שרייבט אויך דער הייליגער 'מאיר נתיבים' - הרה"ק ר' מאיר מרגליות זי"ע - פון די אריות שבחבורה פונעם הייליגן בעש"ט זי"ע אין זיין ספר הקדוש 'סוד יכין ובועז' (פרק ב), אז ער האט מקבל געווען פונעם בעש"ט הק' די ריכטיגע כוונה פון לערנען תורה לשמה, אז דאס מיינט אז בשעת מען לערנט זאל מען זיך באהעפטן בקדושה וטהרה מיט די הייליגע אותיות "בכח ופועל בדיבור ומחשבה" און זיך אינגאנצן אנקניפן אין די ליכטיגקייט פון די אותיות התורה וואס גיסן א שפע פון אור און פון "חיות אמיתיות נצחיות".

דער מאיר נתיבים זאגט נאכמער, אז ווען מען איז זוכה צו ווערן ממש ווי איינס מיט די אותיות התורה, קען מען פון די אותיות אליין פארשטיין זאכן וואס גייען געשען בעתיד, ממש אזוי ווי די אותיות פון די אורים ותומים! און ער פירט דארט אויס אז דאס איז געווען די הנהגה פונעם הייליגן בעש"ט אליין, אז ער האט זיך אזוי מדבק געווען אין די הייליגע אותיות התורה, ביז דער אויבערשטער האט אים דורכדעם מגלה געווען סודות וואס ער אנטפלעקט נישט פאר קיינעם.

## באלייכטן די כ"ב אותיות ביים לערנען און דאווענען

ווער עס קוקט אביסל אריין אין די הייליגע ספרי חסידות זעהט אז דער נקודה ווערט שטארק ארויסגעברענגט אלס איינע פון די הויפט יסודות פונעם בעש"ט הק' זי"ע, אז מען זאל זיך מדבק זיין אין די קדושת האותיות אויפן שטערקסטן פארנעם ווייל דאס איז דער **סוד** און דער **יסוד** פון דער גאנצער בריאה.

עס איז באקאנט דער טייטש פון דער בעש"ט הק' (עי' דגל מחנה אפרים, נח, ד"ה ופתח התיבה בצידה תשים, ועוד רבות) אויף דעם פסוק אין פרשת נח: "**צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה**" - אז ביים דאווענען און לערנען זאל יעדעס '**ווארט**' פון תורה און תפילה לייכטן! נישט אבי געזאגט א ווארט; נאר "הראנו **אות** לטובה", יעדעס **אות** איז עפעס א וואונדערבארע אור וואס לייכט אין אלע עולמות, און מען דארף זיך באהעפטן אין דעם, ווייל אזוי ווערט מען אמת'דיג באהאפטן צום אויבערשטן!

אוודאי רעדט מען דא פון העכערע מדריגות פון גרויסע צדיקים וקדושים וואס האבן זיך אזוי דערהויבן זייער נשמה, אז אין יעדן אות האבן זיי געזען דעם ליכטיגן אור וואס דער אויבערשטער האט דערין אריינגעשטעלט, און זיי האבן טאקע געקענט דרייען מיט די עולמות עליונים, ווייל זיי האבן געוואוסט די 'צירופים' פון די אותיות ביי בריאת העולם; דאס איז א מדריגה וואס אונז פשוטי עם האלטן נאכנישט דערביי.

דער עיקר וואס אונז פשוט'ע מענטשן קענען ארויסנעמען, איז אז די אותיות התורה זעלבסט האבן גאר א טיפע משמעות, דאס איז נישט סתם ווי ווערטער פון א שפראך וואס מען דארף נאר וויסן די באדייט פונעם ווארט און נישט מער, נאר יעדעס ווארט תורה און יעדעס ווארט פון תהלים וואס א איד זאגט **איז א מורא'דיגע צוזאמשטעל פון אותיות וואס איז מרעיש עולמות!** פשוטו כמשמעו!

כאטש מיר האבן נישט די העכערע השגות פון די הייליגע צדיקים, און אפילו מיר ווייסן נישט גענוי וואס די אותיות מיינען אין די עולמות עליונים, דארפן מיר אבער כאטש וויסן אז דאס האט גאר א ספעציעלע באדייט, און בלויז מיט'ן זאגן א ווארט תורה און תפילה טוט מען אויף געוואלדיגע זאכן אויבן אין הימל. דאס אליין אז מען ווייסט דערפון, און ביים דאווענען און לערנען איז מען זיך מתבונן אז יעדע אות האט א געוואלדיגע קדושה פאר זיך, דערהייבט דאס די תורה און תפילה אויף א געוואלדיגע פארנעם.

## חסיד'יש גערעדט...

תמצית החידושים ומושגים בחסידות שלמדנו במאמר זו

- **א קליין קינד וואס קען נאכנישט רעדן, הייסט א 'מדבר', ווייל ער האט שוין די נשמה פון א מדבר.**
- דער כח פון דיבור איז צוזאמגעשטעלט פון דעם פיזישן חלק פון רעדן און פון די נשמה.
- **די מעלה פון 'מדבר' ווענדט זיך לויט ווי שטארק זיין דיבור איז אנגעבינדן אין דעם כח הנשמה.**
- יעדע אות פון די תורה איז אן אור פון באשעפער אליין, וואס האט אן אייגענע קדושה אין זיך.
- **ווען א קינד זאגט אלף בית, איז ער אויף א פיל העכערע מדריגה פון א 'מדבר', ווי א מענטש וואס רעדט די קלוגסטע דברי חכמה.**
- ווען גרויסע צדיקים זענען זיך מתדבק אין די אותיות התורה, קענען זיי דערמיט דערגרייכן גאר הויכע השגות.
- **אפילו פשוט'ע מענטשן וואס זענען זיך מתבונן אין די קדושה פון די כ"ב אותיות, ווערט זייער נשמה דערהויבן.**
- ביים לערנען תורה און דאווענען דארף מען זיך מתבונן זיין אז די אותיות אליין האבן א געוואלדיגע קדושה.

ידידנו העומד תמיד לימינו
בהפצת תורת רבינו זצוק"ל
הר"ר **יצחק מרדכי פאללאק** הי"ו
לע"נ רבינו **שרגא פייביש**
בן רבי **אברהם יהושע העשיל** זצוק"ל

# זמן שמחתנו - בל יתערב זר

מאמר א'

## תועלת הנסיונות בכל ימות השנה, ושייכותה לגודל השמחה בחג הסוכות

בו יבואר סיבת התגברות הנסיונות בדורינו - דור האחרון עקבתא דמשיחא

הננו עומדים אנו קרוב לימים גדולים של שמחה והשפעה, ימי חג הסוכות ושמחת בית השואבה. ידוע ומפורסם מה שאמרו חז"ל אשר בחג הסוכות זוכים אנו לישב בסוכתו של רבש"ע, עם חיבוק של אהבה מאת אבינו שבשמים בבחינת 'וימינו תחבקני'. ועוד שמחים אנו בימים אלו בשמחת בית השואבה, שעליה אמרו חז"ל שמשם שואבים רוח הקודש, השפעות והארות לכל ימות השנה כולה. וידוע ומבואר שהוא המשך ישיר וקשור לעבודתנו הנעלית בימי ראש השנה ויום הכיפורים, שכל עבודת חודש זה חטיבה אחת היא, שענייניה כרוכים זה בזה.

והענין צריך ביאור, מהו הקשר וההמשך בין ימי הדין - ראש השנה ויום הכיפורים, שבהם אנו עומדים ביראה ובאימה, מתוודים על חטאינו ומתפללים שיתקבלו תחנונינו לטובה, מטהרים ומזככים את עצמנו ומצפים שתשובתנו תתקבל ברצון לפניו יתברך, ובין הימים שלאחריהם - ימי הסוכות, שבהם נשפכת עלינו אהבה, הארה והשפעה מלמעלה, המלוות אותנו למשך כל השנה כולה.

### שאיפות גדולות מול נסיונות הדור

ונקדים במציאות כאובה המצויה אצל המוני בית ישראל, והוא מה שאנו רואים כי רבים מבני הדור הצעיר, בחורים ואברכים בראשית דרכם, יש בלבבם שאיפות גדולות ועצומות ולבם בוער לעבודת ה', עד שלפעמים אפשר לומר על בחור או אברך צעיר כי נראה הוא כמי שעומד להאיר את כל העולם ולהיות בעל מדרגה והשגה גדולה, אולם לא יארכו הימים, ופתאום נראה כאילו נפל היסוד ונפל עמו כל הבנין, ולא נשתייר מכל שאיפותיו מאומה, ונעשה איש פשוט ככל ההמון עם.

ובאמת אין זה נוגע אל הצעירים בלבד, אלא דבר זה שייך לכל אדם ולכל גיל, כי לכל אחד יש זמנים אשר מתעוררים בקרבו רגשי קדושה עם רצונות חזקים להתעלות בתורה ובעבודה, ואולם לא יעבור זמן רב וכל אותו האור והחשק יתמוגג, ולא יישאר מכל אותן שאיפות אלא זכרון חביב עם מעט כאב ואכזבה. על כן עלינו להתבונן, מהו אשר נעשה כאן, ואיך יתכן אשר לאחר שנתמלא הלב ברצונות כנים, לפתע נכבה האור ונתבטל החשק, עד אשר נופלים כל השאיפות, ומה היא העצה אשר תעמוד לנו לקיים את הרצונות והשאיפות, להיותם עומדים לאורך ימים ושנים.

וההסבר הפשוט בכל זה הוא, כי העולם מלא נסיונות וקשיים, והם לשטן לנו בעת אשר נבקש לעבוד עבודת ה' באמת ולחיות חיים של קדושה וטהרה. ובפרט בדורנו אנו, אשר הרחובות והאויר מלאים טומאה וזוהמא, ויש לכל אחד מאתנו נסיונות נוראים בענייני קדושה ובענייני תאוות הגשמיות, עד אשר לא יארכו הימים והאדם נחלש ונשבר, ונדמה לו כי אין עוד בכוחו לעמוד במערכה. ובפרט כאשר מתעוררת בקרבו פליאה עצומה, 'מפני מה נותן הקב"ה כ"כ כח ועוז כביר לסטרא אחרא כנגד דור חלוש ודל כמונו', ועל כן מסיק האדם בדעתו, שבהכרח מלמעלה אין מבקשים מאתנו גדולות ונצורות, ובדורנו זה שוב לא נועדנו להיות בעלי השגה ובני עליה כבדורות הקודמים, שהרי אם היה חפץ ה' בנו, לא היה שולח לנו מניעות ונסיונות כאלה, בשעה שכל חפצנו ורצוננו הוא אך ורק לעשות רצונו ולעבדו בלב שלם.

וממילא מוטל עלינו לשנות את מבטינו על מהות הנסיונות אשר הם מנת חלקנו בעוה"ז, כי רק בהעמדת המבט הנכון והאמיתי עליהם, ובהבנה ישרה מהי כוונת הבורא ית"ש בשלחו אותם לנו, אזי נזכה לקבל כוחות לעמוד נגדם, ולא ניבהל ולא נרתע מפניהם, ולא יחלשו ידינו מעבודת ה' על ידיהם.

### כח ההתלהבות בעבודת ה' הבא מן היצר הרע

ולבאר הענין יש להקדים יסוד גדול ועמוק ממרן המגיד הגדול זי"ע המובא רבות בספרי תלמידיו, המיוסד על דברי הזוה"ק (ח"א קלח.) כי '**אלמלא יצר הרע חדוותא דשמעתא לא הוי**', שמקור התענוג וההתלהבות בקיום תורה ומצות הוא מהיצר הרע. ונביא דברים ככתבן שכתב תלמידו הגדול הרה"ק מזלאטשוב זי"ע בספה"ק 'אורח לחיים' (פר' בראשית) בשמו, וז"ל: "הרב בוצינא קדישא מו"ה דוב בער זללה"ה אמר פירוש הגמרא בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קדושין ל.), והלא אין המשל דומה לנמשל, כי בבשר משימים תבלין, והעיקר הוא הבשר ולא התבלין, וכאן אמר שהתורה היא התבלין, **ואמר שהאמת הוא כן שהיצר הרע הוא העיקר, וצריך האדם לעבוד הש"י בהתלהבות הנמשך מיצה"ר**, ואמר שזהו פירוש מה שאמרו רז"ל במסכת יומא (סט:) כשמסרו בידם יצרא דעבירה אפילו ביעתא בת יומא לא אשתכח, דהנה יש עיתים שהם מוכנים מעצמם לעבודת השי"ת, כגון בשבתות וימים טובים בלי הכנת אדם, וביעתא לשון ביעותא, לשון תפילה, ר"ל **כשמסרו בידם יצרא דעבירה, לא היתה להם התלהבות כלל**, ואף תפילות שהם בשבתות וימים טובים, שהקדושה באה מלמעלה, והם מוכנים מעצמם, וזהו ביעותא בת יומא, שהיום גרם, לא אשתכח, מפני שלא היתה להם שום התלהבות כלל, **ונמצא באמת שהיצר הרע הוא העיקר, שיקח התלהבות היצר לעבודת הש"י, והתורה היא המורה דרך ובאמת כמו תבלין**, עכ"ד בקיצור ודפח"ח".

וענין זה הוא מפלאי תמים דעים של הבורא כל עולמים, שהאור האלוקי המאיר לאדם מלמעלה עובר בראשונה דרך הסט"א וחיילותיו, והאדם מקבל את כח התעוררות הראשון מצד היפוך הקדושה, ורק אח"כ יכול ע"י זה הכח לבוא אל הקדושה ועבודת ה'.

וכל ענין זה צריך ביאור רב, אמאי עשה השי"ת ככה שיעבור השפע דרך הקליפה והסט"א, ויצטרכו אח"כ להתייגע לברר ולדבקם בקדושה, הרי יכולים היינו לקבל את השפע בטהרתו ישר מצד הקדושה, ולמה הניחו אותנו במקום מלחמה ועבודה קשה כ"כ, עד שאפילו אם נרצה באמת להתעורר בהתלהבות ולעבוד את ה' נהיה מוכרחים לקחת חיזוק וסיוע מהתלהבות שאינה דקדושה, ובלא זה לא נוכל להתלהב בעבודתו ית"ש כראוי.

### השי"ת רוצה להשפיע לנו אור גדול ואין הכלים המצומצמים שלנו מוכנים לזה

והביאור בזה הוא, דבאמת השי"ת בגודל אהבתו לעם קרובו ייעד להם שכר גדול ונורא, ואור נצחי ליהנות מזיו השכינה באופן נפלא שאי אפשר לבארו ולתארו כלל, ואהבה גדולה זו ואור הנפלא הזה רוצה השי"ת להשפיע לנו כבר בעולם הזה בבחי' 'עולמך תראה בחייך', וכעין מה שאמרו חז"ל (בבא בתרא טז:) שהיו צדיקים אשר הטעימן הקב"ה טעם עולם הבא בעולם הזה, ואור זה כולל בתוכו כל השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות באופן הנעים ביותר, והשי"ת רוצה להריק לנו ברכה זו עד שיבלו שפתותינו מלומר די.

אמנם היות שאנחנו בשר ודם העומדים בעולם השפל הזה, והכלים שלנו מצומצמים עד מאד מלהכיל גודל השפע הנורא שרוצה השי"ת להשפיע לנו בגודל אהבתו, ואם יתנו לנו שפע רב כרצונו לא נוכל להכיל רק את מקצתו, ושאר השפע יתפשט בחוץ לכל העולם ולכל הנבראים, כנודע שהחיצונים וכוחות הסט"א עומדים תמיד מוכנים לינק ולקחת לעצמם מן השפע הקדוש אשר גם הם צריכים לקבל חיות משם (כפי שהארכנו רבות שכל חיותו של הסט"א הוא מהקדושה, וזה מורה היות שמו סמא"ל שיש בו שם משמות הק' ב"ה שמשם יונק חיותו, ואכהמל"ב), **ונמצא** שכיון שאין ביכולתנו לקבל את רוב הטובה יתאחזו בזה כוחות הטומאה, ויהיה בזה ירידה גדולה ונפילה עצומה אל הקדושה, ובזה בוודאי אין חפץ השי"ת, לכן מוכרח כביכול השי"ת לצמצם את גודל השפעתו כדי שלא יינקו החיצונים מזה ח"ו.

אבל באמת יש צער גדול למעלה ממה שאין יכולים להשפיע לנו כראוי, וצריכים אנו להתבונן ולהשכיל למצוא עצה לקבל את השפע כראוי, אף שהוא נעלה ומרומם מאד מכוחותינו ומערכינו, והוא ע"י שנרחיב את הכלים שלנו באופן שנוכל לקבל יותר ויותר שפע אלוקי, וככל שיהיו לנו כלים רחבים נקבל יותר אור וחיות אלוקי באופן הנכון, הרי אנו גורמים בזה שמחה עצומה בגבהי מרומים. ומעתה עלינו להתבונן וללמוד היטב מהי הדרך הנכונה להרחיב את הכלים, על מנת שיהיו ראויים לקבל את השפע הגדול הזה.

### ע"י עמידה בנסיון מתעוררים אצל האדם כוחות נעלים ועמוקים המרחיבים דעתו ומהותו

הנה הרחבת כלי הנפש של האדם אינה באה אלא על ידי שיפתח שער לכוחותיו הגנוזים בקרבו, ויוציאם ממעמקי נפשו אל הפועל. כי באמת נתברך האדם בכוחות עצומים, אלא שבדרך כלל הם גנוזים ונעלמים ממנו, עד שאינו מאמין ואינו יודע כלל כי יש בידו כוחות כאלה. אך ככל שמתגלים בו כוחותיו ונעשים פועלים, מתרחבים כליו, ועל ידי כך מוכשר הוא לקבל ביתר שאת מהארת והשפעת הבורא יתברך משמי מרום.

ובזה נבוא לבאר ענין ומהות הנסיונות שמנסה אותנו אבינו שבשמים. ונראה, כי **כל הנסיונות והקשיים אינם אלא מתנות מלמעלה, כדי להרחיב כלי נפשינו שיהיו ראויים לקבל ההשפעה וההארה הנמשכות מלמעלה לטובתנו** ברוחניות ובגשמיות.

כי הנה כאשר הכל הולך על דרך המלך, ואין לאדם מניעות וקשיים, וכל עבודתו היא מתוך הרחבה ומתוך מנוחה, אזי אינו משתמש אלא במעט מזעיר מכוחותיו האמיתיים. מה שאין כן, כאשר באים עליו קשיים, אזי כדי לעמוד נגדם מוכרח הוא לשאוב מכוחות נפשו העמוקים ולגלותם, להשתמש בהם להתגבר על המניעות, להגיע אל מחוז חפצו. וככל שמתרבים הנסיונות, כן הולך הוא ומגלה עוד ועוד מכוחותיו הגדולים והקדושים שהם מנת חלקו. וככל שמוציא אל הפועל כוחות אלו, מתרחבים על ידי כן כלי נפשו.

ע"ד משל, כשנופלת לאדם מחשבה רעה או התעוררות תאוה שפלה, מוכרח הוא להתחזק ביתר שאת וביתר עוז, ולשאוב כוחות עצומים ממעמקי נפשו, להשתמש בריתחא דקדושה להתגבר על אותו נסיון. ובמלחמה זו מגלה הוא

ניצוצי אורה

# וימינו תחבקינו - אפי' בלי הכרה והבנה

ידוע את המובא מהאר"י הק' (שער הכוונות דרושי ר"ה וחג הסוכות) שעל חג הסוכות נאמר הפסוק (שה"ש ב ו) 'וימינו **תחבקנו**', וצורת הסוכה בשתי דפנות כהלכתן ושלישית אפילו טפח, שהיא דוגמת ג' חלקי היד ששנים ארוכים ופס היד היא קצר, מורה ג"כ על חיבוק.

'חיבוק' מורה על **אהבת ה' אלינו על דרך אם המחבקת את בנה והבן מתגדל ומתפתח עי"ז**, שכידוע בלי האהבה והחיבוק של האם אי אפשר להתינוק להתגדל ולהתפתח כראוי, וזה מלווה אותו ומעמידו על רגליו למשך ימי חייו.

וכמו שאנו רואים שאף כשאין התינוק מבין באמת מהות אביו ואמו, עכ"ז הוא כרוך אחריהם שהם יחבקו אותו, והוא צריך לאותה חיבוק ואהבה של אביו אמו בכדי להתגדל כראוי, כן הוא אצל ה' עם בני ישראל, כי **הגם שאין אנחנו משיגים את החיבוק שהקב"ה מחבק אותנו, אבל זה מועיל לנו הרבה ואנחנו שואבים מזה השגות התורה, השגות עבודה, והשגות הדעת.**

קירבה ומעלה זו הוא לכל ישראל, **ולא כאותם הסוברים ש'אתה בחרתנו' נאמר רק על החתם סופר והבעל שם טוב**, ורק מפני שאין יכולים למחקו מהסידור אנו אומרים אותו ג"כ... כי **באמת ה'אתה בחרתנו מכל העמים' קאי על כל אחד ואחד** וכן ה'ותתן לנו ה' אלקינו **באהבה!** את יום חג הסוכות הזה'.

(מתוך דב"ק לילי א' דסוכות תשפ"ד)

בנפשו כוחות גנוזים, אשר עד עתה לא הרגיש בהם כלל. **כי דוקא בשעת מלחמה והתעוררות גדולה בבחינת מסירת נפש מתעוררים באדם כוחות פנימיים נעלים וטהורים.** ונמצא, שעל ידי עמידתו בנסיון זה הרחיב את כלי נפשו, והרימם ורוממם, עד שנתרחבו להיות ראויים לקבל שפע גדול וקדוש יותר.

ולכן כשנופל לאדם איזה הרהור רע או שעומד לפניו נסיון קשה של ראיה אסורה וכיו"ב, לא יפול ברוחו לחשוב כמה שפל הוא שכל היום נופלות לו מחשבות ונסיונות כאלו, אלא אדרבה יתחזק ברוחו מאד ויתבונן מה אביו שבשמים דורש וחפץ ממנו, כי רוצים עכשיו לגדלו מאד ולהרחיב את כליו באופן נפלא כדי שיהיה כלי מוכן להיות מאותם הנוחלים לחזות בנועם ה', ואילו רק יעמוד בנסיון בכח גדול יעורר בזה את מעמקי נפשו וירחיב את כלי דעתו וכל הרגשותיו לקבל אור ושפע אלוקי העומד מוכן לו, וממילא ישמח מאד בנסיון זה כי הלא כל עניינה היא בשביל לגדלו ולרוממו ולהכין את כליו לאור ושפע גדול כמבואר, ומה שנראה הוא כרעה וכקושי מלובש בו באמת חסד ה' גדול עד מאד, **כי כל תכלית הנסיון הוא שיעורר בעצמו כוחות גדולים על מנת שיהא ראוי לקבל את ההארה הגדולה המוכנה לו.**

ואז לא ירא ולא יחת מנסיונות ולא ירך לבבו להתרפות מעבודתו ולהוציא לפועל שאיפותיו הנעלות מפאת כל המניעות ולא יבא לחשוב ח"ו כי אין הבורא ב"ה רוצה בעבודתו, כי יבין בדעתו ויחיש בלבבו כי כל זה הוא מתנת הבורא בכדי להעלותו לפסגות רמות ונעלות ושיהיה כלי להשגות נעלות בכדי ליגדל יותר ויותר בעבודתו ובדביקותו אל בוראו.

## ההתלהבות מהסט"א - שער להשפעה אלוקית

ובזה יבואר גם הענין האמור מהמגיד הגדול זי"ע, כי מה שעובר כל ההשפעה והאור דרך הסט"א וחיילותיו ומוכרחים לקבל מהם סיוע להתלהבות ועבודת ה' כמבואר הוא דבר המוכרח והוא אך ורק לטובתינו, שכאמור אין לאדם מתחילתו כלים מתוקנים שיוכלו להכיל שפע אלוקי עצום כזה. ואם היו משפיעים עליו שפע זך ונקי ישר מצד הקדושה, היה בא לידי אחיזת החיצונים ח"ו, מחמת שאין כליו מוכנים כל צרכו.

על כן, מאהבתו אותנו, השי"ת משפיע השפע באופן שיבוא דרך הסט"א, עד שהאדם מוכרח לעמוד במלחמה, ליטול משם את ניצוצי הקדושה, 'לאכול את הרימון ולהשליך את קליפתו', ולהוציא בלעם מפיהם. ובכוח הבירור הזה, ע"י היגיעה והמלחמה, האדם מגלה את כוחותיו הפנימיים ועמקי נפשו הנעלמים, וכליו מתרחבים להיות ראויים לאחוז בשפע האלוקי בטהרתו.

נמצא, שכל עצם סיבוב הדבר שהשפע עובר תחילה דרך הסט"א אינו חיסרון אלא תיקון, כדי שהאדם יזכה לקבלו באמת, ובאופן שלא תהיה בו אחיזת החיצונים, ומתוך כך יזכה להתדבק באור ה' בקיום גמור.

## גודל נסיונות דורנו וענין אהבה המתעוררת בזמן הגלות

ומדי דברו בענין זה נבאר במקצת גם מה שאנו רואים שהנסיונות והקושיים לעלות בסולם העולה בית קל המה מתגברים מדי יום ביומו, ודייקא בדורינו דור חלוש לערך הדורות הקודמים יש לנו כ"כ נסיונות בכלל ובעניני קדושה בפרט מה שלא היתה מאז היתה ישראל לגוי, ואפשר לאדם לעבור נסיונות כיוסף הצדיק בשעתו מדי יום ביומו ממש.

וביאור הדבר הוא שכל זה הוא מחמת גודל אהבתו ית' אלינו ורצון העליון לגלות אהבה זו על ידי השפעות והארות עצומות מלמעלה יותר מכל דור אחר מכח זה שאנו עומדים בזמן עקבתא דמשיחא.

ונבאר, כי הן נודע שהשי"ת אוהב את בניו עם קרובו באהבה גדולה ועצומה מאד מאד שא"א לנו לשער ולתאר, אבל מאז שנחרב בית המקדש כביכול אין השי"ת יכול לגלות אהבה זו כראוי וכנכון כי גלו הבנים מעל שולחן אביהם ואין אנו יכולים לעלות ולהראות ולהשתחוות לפניו בביתו הגדול והקדוש מקום גילוי אהבתו ביחוד נפלא ועצום. והנה אמרו בזוה"ק (ח"ג טז.) שהפסוק 'צדיק כתמר יפרח' (תהלים צב, יג) נאמר על גלות בבל, שהתמר מתעכב מלהפריח פירותיו עד שבעים שנה וכן היה בגלות בבל שהקב"ה המתין עד שתשוב השכינה למקומה אחר שבעים שנה ואז חזר לגלות את אהבתו הגדולה ולהשפיע לה את כל הטוב, עיי"ש. והנה עכשיו אין לנו רק שבעים שנה בלבד של גלות אלא כבר קרוב לאלפיים שנה שכלל ישראל המה בגלות, ואי אפשר כלל לתאר את גודל הגעגועים של אבינו שבשמים לזמן המקווה שתחזור השכינה למקומה בבנין בית המקדש השלישי ויוכל לחזור לגלות את רוב אהבתו לבניו, שכן עכשיו הוא בבחינת עיכוב וצמצום כבר כמעט ב' אלפים שנה שאינו מגלה אהבה צפונה זו ואור הגנוז הזה כמו שאמרו בזוה"ק הנ"ל לענין גלות בבל.

והנה דווקא מחמת טעם זה שאנו כבר בזמן עקבתא דמשיחא ומתקרבים אנו ליום הישועה הגדולה שאז ישפיע השי"ת לכנסת ישראל את כל הטובה והאהבה, מחמת זה מתגברים הנסיונות ברוחניות עד מאד, כי השי"ת כביכול מלא באהבה גדולה לכל אחד מישראל בפרט ולכנסת ישראל בכלל, והוא כבר מצפה ומייחל לזמן הגאולה שיבוא בקרוב, אבל אנו נתרחקנו עד מאד מחמת אורך הגלות ואין אנו מבינים כלל סוד אהבה גנוזה זו, והשי"ת רוצה לתת לנו אורות גדולים ונפלאים כהכנה לגילוי האהבה הגדולה בביאת משיח צדקנו, אבל אין מי שידע לקחת ולהשיג שפע זה, והשי"ת ברוב רחמיו רוצה לעורר אותנו ולכן שולח הוא נסיונות גדולים עד מאד דוקא לדור חלוש זה, כי זה כל רצונו שנצא מן החלישות והשפלות ע"י העמידה בנסיונות שבכך נרחיב את הכלים בנפשנו כדי שנוכל לקבל את אור ושפע האהבה הנשפע מן החתן קודשא בריך הוא אל הכלה כנסת ישראל.

וממילא כשאדם מוציא את עצמו מול נסיונות גדולים וקושיים עצומים בדרכו להתדבק אל יוצרו ובוראו צריך להתבונן ולהתאמת בדעתו ושכלו שהכל הוא אך ורק למען גילוי האור הגדול שיהיה בזמן ביאת המשיח, **והאדם צריך שלא להיות טיפש ולסוג אחור מחמתם, אלא יהיה חכם לתפוס עוד ועוד אורות גדולים**, ואם רואה שיש לו נסיונות ובלבולי היצר צריך לדעת שאדרבה כן היא דרך הקדושה, שכל האור האלוקי עובר דרך קליפות וסט"א וכל תפקידו הוא לשברם, ובכח מלחמתו ושבירתו הוא מרחיב את כליו ונעשה מוכשר לעצמו ולכל העולם כולו לקבל את אור של משיח.

## עבודת ירח האיתנים על דרך זה

ובזה נבוא לבאר המשך עבודתינו בין כל הני זמנים הגדולים של ירח האיתנים ר"ה, יוהכ"פ וסוכות. כי הנה כבר הארכנו בזה רבות[א] כי בראש השנה ויוהכ"פ מתגלה אמיתית פנימיותו ועצמיותו של האדם, **היות כי בימים אלו אנו זוכים לעמוד 'לפני ה'' ממש וזוכים לקירבה גדולה מאת אבינו שבשמים עד שאנו מרגישים במוחש מציאותו ית"ש**, ומשום זה נקל לו לאדם יותר בימים אלו לטהר ולזכך את עצמו משום שכל עוד שהוא מוציא מכח אל הפועל את עצם עצמיותו הרי הוא נטהר ונזדכך ממילא.

ובזה ביארנו מנהג ישראל תורה שמכריזין קודם התפילה ביוהכ"פ ש'אנו מתירין להתפלל עם העבריינים', להודיע כי על אף שכל השנה מתנהגים אנו לפעמים, חלילה, כעבריינים זהו רק לפנים, **אבל האמת לאמיתה הוא שנשמתינו זכה וצלולה וחפיצה לעשות רק את רצון אביה שבשמים ולעבדו בלבב שלם, כמו שאנו נראים ביום הקדוש, שאנו יושבים בבתי כנסיות כל היום מופשטים בכל הבלי העולם הזה ושופכים לבנו בתפילה ותחנונים ושירות ותשבחות בתשוקה וגעגועים לקל חי.**

ובזה הארכנו להרגיע נפשות בני ישראל החושבים לעצמם בהני ימים נוראים כשהם יושבים בבית הכנסת ומקבלים עליהם קבלות טובות, שהם מתנהגים עתה בכחש ומרמה שהרי לאחר יום כיפור נשוב ממילא לכסלה חס ושלום, ויש שבמחשבותיהם נגנב מחשבה "מה אני עושה עכשיו, האם עומדים אנחנו ביום הפורים או ביום כיפורים, את מי אנחנו מרמים כאן, הלוא אנו יודעים שכל הקבלות היוקדות לא יתקיימו, ועל מה ולמה אנחנו עושים עסק כ"כ גדול ואנו שבים בתשובה שלימה, ומקבלים על לעתיד שיהיה מעכשיו כל מעשינו לשם שמים ולעשות נחת רוח ליוצרינו, כשאנו יודעים בבירור שלדאבוננו לא כן הם פני הדברים באמת".

אבל כאמור האמת אינו כן, כי אלו הקבלות טובות שלנו אמיתיות ונאמנות הן, ומגלות ומביעות את רצונינו האמיתי, **דער אייבערשטער וויזט א מיט דעם פאר'ן מענטש זעהסט ווער דו ביסט באמת! זעהסט אז דו ווילסט באמת זיין דבוק אין דעם אייבערשטן בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך! דאס דאס איז דאך די מחשבה פון א יעדע איד ר"ה יום הקדוש אין די הויכע זמנים! זעהסטו דאך אז באמת מצד דיר מיט דיין אמת'דיגן שכל וואס דו ביסט באמת, ביסטו א הייליגע ריינע זאך!** וממילא אף שאנו יודעים שבמשך השנה כשלא נעמוד בדרגה רמה זו והנסיונות וההסתר יקיפו אותנו מכל הצדדים נתקשה לקיים קבלותינו הטובות שקבלנו עלינו בהאי יומא קדישא, עכ"ז עלינו לקבל הני קבלות טובות בכדי **'זיך צו באקענען מיט די אמת'ע זיך'**, והני קבלות טובות מורים להאדם עצמו, מי הוא באמת, ולאן אפשר לו להגיע אם הוא רק מתגבר על נסיונות חייו.

א. עיין בספר 'עבדא דמלכא' – ירח האיתנים, מאמר 'לפני ה' תטהרו' ועוד.

# בסוכות תשבו שבעת ימים
# עומק מצוות הסוכה אחר ימי התשובה

בסוכות תשבו שבעת ימים וכו' למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים (ויקרא כג, מג).

רבותינו ז"ל (סוכה יא:) נחלקו מה היו אותם ה'סוכות' שישבו בהם אבותינו במדבר, לדעת ר' אליעזר הם ענני הכבוד שהקיפם הקב"ה במדבר ארבעים שנה, ולדעת ר' עקיבא היו סוכות ממש. וכבר כתבו רבותינו הראשונים ז"ל (ראה רוקח הל' סוכה סי' ריט) שבעצם לא נחלקו רבי אליעזר ורבי עקיבא במציאות, ולכולי עלמא היה במדבר הן ענני הכבוד והן סוכות ממש.

ידוע קושית הטור (או"ח סי' תרכ"ה) על שיטת ר' אליעזר שהם ענני הכבוד, דאם כן אמאי נצטווינו לישב בסוכה דווקא בימי תשרי, שהרי תיכף בעת צאת בני ישראל בחודש ניסן כבר הקיפם הבורא ית' בהעננים. וכן ידוע הקושיא (עיין בחת"ס בדרשותיו לסוכות שנת תקפ"ט ד"ה למען ידעו, ועוד רבות) על שיטת ר' עקיבא, דלכאורה מתי היה זמן זה שבני ישראל הוצרכו לסוכות ממש, והרי בכל הארבעים שנה בדרך הליכתם במדבר, היו כולם מוקפים בענני כבוד מלפנים ומאחור, ומדוע היה צורך לעשות סוכות ממש מעצים ואבנים.

## סוד חיבור ימי התשובה למצוות הסוכה

נתחיל דברינו בדברי הזוה"ק (אמור ק:), הקובע במסמרות שמצות ישיבת סוכה נקבעה דייקא לאחר יום הקדוש ועשרת ימי תשובה, כי רק אחר שזוכים בני ישראל להיות מנוקים מכל עון ופשע אז רוצה אבינו שבשמים לישב ולשמוח עם בניו אהוביו, וכונסם לתוך סוכת שלומו. ונבוא לבאר את דברי הזוה"ק ולעמוד על נקודת הקשר שבין עבודת התשובה של ראש השנה ויוהכ"פ למצות ישיבת סוכה, והלימוד בזה לדידן, ובתוך הדברים יתבאר גם העומק בשיטתייהו דהני תרי תנאים, במאי דכתיב 'למען ידעו דורותיכם' אם בענני כבוד מיירי הכתוב, או דילמא בסוכות ממש קאמר.

הנה כאשר בן ישראל עומד אחר נעילת יום הכיפורים, הרי הוא מתמלא בהרגשה מיוחדת של נקיון וטהרה, ולא בכדי, שהרי זכה לעמוד 'לפני ה' ' ממש למשך כ"ד שעות, וטיהר את עצמו מכל סיג ופגם ושב אל חיק אביו שבשמים. אמנם, תיכף למחרתו בא השטן וטענתו בפיו, אמנם עשית תשובה והתחרטת על חטאיך, אך האם אתה באמת חושב כי על ידי חרטה זו אתה נחשב מיד כאהוב ורע נאמן לפני בוראך כבתחילה, והלא יודע אתה בעצמיך מה שחטאת ומה שמרדת נגד בוראך, ואיך יעלה על דעתך כי בכמה ימים של תשובה נמחק הכל, ונעשית לבן אהוב וחביב כמקדם?

ואף אם יתחזק האדם לענות להשטן כאוולתו לאמר: 'אל תבלבל אותי בהבליך, כי אני יודע את מה שהובטח לנו מפי בוראינו (ישעיהו נה, ז) 'יעזוב רשע דרכו ואיש און מחשבותיו וישוב אל ה' וירחמהו ואל אלקינו כי ירבה לסלוח', שתיכף כאשר אנו שבים בתשובה וחוזרים אל חיק אבינו שבשמים, הרי אנו חוזרים להיות בניו אהוביו ופותח עבורינו דף חדש, ואם זכינו לשוב מתוך עומק הבנתינו על אשר מרדנו בבוראנו אבינו אהובינו, ואנו חשים את כאבו ונושאים בלבנו צער על אשר הכעסנוהו, אזי מתעלה תשובתנו לפניו ונהפכים לנו עוונותינו לזכויות, ואנחנו מתקרבים אליו עוד יותר כמקדם'. בכל זאת עדיין מקננת במוחנו השאלה, כי הן אמת שכבר נעשינו נקיים מכל מה שעשינו, אבל לב יודע מרת נפשו, והאדם עצמו יודע ועד אשר אף אם אמנם עשה תשובה ביוהכ"פ, אבל בהמשך הזמן ודאי ימצא את עצמו שוב מול נסיונות קשים והסתרות עצומות שהן מנת חלקינו בדורותינו, ובפנימיות לבו יודע שלא יעמוד במדרגה זאת אשר בה הוא עומד עתה למשך הזמן, וכל זה נותן לו תחושה של ריחוק מבוראו ית"ש.

ולבאר הענין, נקדים לבאר מה שפתחנו בו, עומק נועם שיח דברי רבותינו ז"ל במחלוקתם בענין ישיבת בני ישראל במדבר בסוכות, אשר תוכם רצופים אהבה ובינה והשכל, להבהיר לנו את דרכינו דייקא אחר האי יומא דכיפוריא.

## ענני הכבוד - שיבה על העננים אחר חטא העגל

כי הנה על קושית הטור האמור שלכאורה אם מצות ישיבת סוכה הוא נגד ענני כבוד הרי הוא שייך יותר לחודש

המשך בעמ' הבא

המשך מעמ' הקודם

### חג הסוכות זמן שמחתנו הנשפע רק מהקדושה וענין שמחת בית השואבה בבית המקדש

ואחר גילוי זה שנתגלה להאדם מהותו האמיתית והרי הוא כלי הראוי להחזיק ברכה, **מרעיף עליו השי"ת אורות גדולים ונעלים של אהבה ושמחה בלי גבול, והוא ענין זמן שמחתנו חג הסוכות שבו ימינו ית' מחבקנו בבחינת הסוכה הקדושה.** והגם שתמיד צריכה הקדושה ללכת דרך כוחות החיצונים כמבואר לעיל, בזמן נעלה זה אין הדבר כן, כי כאמור כבר נתגלה עצם עצמיותינו וגודל כוחותינו וכלי נפשינו מכח הקירבה אל הרבש"ע לה אנו זוכים בימים אלו, וכמו שרואים בבית המקדש שהעיקר היתה עבודתם של ישראל היוצאים בלולביהם ומכריזים דידן נצח[ב], ונוסף עליו גם ענין השבעים פרים שהקריבו בחג הסוכות נגד שבעים אומות (זוה"ק ח"ב קפז.), והיינו שנתהפך הדבר בחג הסוכות שעכשיו באה אל ישראל ההשפעה מצד הקדושה בטהרתה ולא יתערב בזה זר, ואומות העולם וכוחות הסט"א הם המקבלים מעט מעט מן ההשפעה שנותנים להם ע"י הע' פרים.

ושם בבית המקדש היתה באמת שמחה נוראה ונפלאה בשמחת בית השואבה שהיתה למעלה מגדר אנושי כמו שאמרו במסכת סוכה (נג.) שלא ראו שינה בעיניהם בשמחת בית השואבה מרוב השמחה והעבודות הקדושות והנפלאות כל היום וכל הלילה, **וכל זה כי נתגלה כוחותיהם הגדולים ומהות חיותם של כלל ישראל שהוא חיות רוחנית שנעלה מכל ההגבלות ורקדו עם השי"ת שבעה ימים.** צא ולמד שהיו שם הרבה רבבות יהודים שבאו לעלות לרגל, ובתוך מקום קטן של בית המקדש רקדו כולם בשמחה עצומה והיה מקום די לכולם, כי כבר מראש השנה ויוכ"פ השי"ת גילה שם את אהבתו הגדולה באור גדול ונפלא ונתבטלו כל המחיצות הגשמיות, ושוב לא היו כתלים גשמיים ושטח גשמי כי אם אור והתלהבות בבחינת 'מקום ארון אינו מן המדה' כמו שהיה ביוהכ"פ שהיו עומדים צפופים ומשתחווים רווחים, וזה היה מורה על הרחבת כלי נפשם של כלל ישראל אז.

### ענין שמיני עצרת הבא אחר חג הסוכות

ואחר חג הסוכות אזי בא זמן היחוד העצום ביום שמיני עצרת [אשר אז כבר אין שום שייכות לאומות העולם כלל], ומנהג ישראל תורה לעשות אז הקפות, וטעמה היא, משום שיודעים ישראל שקיבלו בזמן שמחתנו השגות גדולות בבחינת אור מקיף שאין להם בהם שום אחיזה, וקיבלו מאור גדול זה בגודל אהבת השי"ת לעם קרובו, **לכן עושים הקפות עם הספר תורה לרמז על אור מקיף נעלם זה שעל ידה מקבלים את ההשגות החדשות בתורה ובאלוקותו ית', ורוקדים ורצים בהקפות אחר אורות מקיפים אלו לתפוס עוד מהשגות נפלאות אלו, כי עכשיו זמן הייחוד וזמן האהבה הגדולה ומה שאלתך וינתן לך**[ג].

ובזמן נעלה הזה באמת אין שום מניעות ועיכובים לקבל שפע רב בין ברוחניות ובין בגשמיות, כי כל המניעות באים מכח מה שהשפע עובר במקום הקליפות ויש עליו קטרוגים גדולים וצריך לבררו, אבל בחג הסוכות שהוא זמן של השפעות חסדים קדושים בלי שום התערבות זרים אין שום מניעה ועיכוב, והוא נקרא 'חג האסיף' שאוספים בו השפעות לכל השנה כנודע. ויעזור השי"ת שנזכה לאור רוחני של אהבה גדולה והשגות נפלאות בלי שום טירדות פרנסה ושאר עניינים, ונזכה לקחת מהשגות אלו לכל השנה כולה לאור באור החיים ולעשות כלים ראויים לגילוי אורו של משיח ברחמים גדולים.




**ב.** ועבודת נענועי הלולב יתבארו גם כן על דרך זה, כי על הלולב דרשו חז"ל את הפסוק 'צדיק כתמר יפרח', והוא בחינת געגועי הקב"ה ואהבתו לעם ישראל עד שמונע את עצמו מלהשפיע להם עד שיהיו ראויים ויקבלו את השפע כנכון, והרי זה כבחינת הכנה לאהבה הגדולה שתהיה לעתיד. לכן מצינו שאחר חורבן בית המקדש התקין רבי יוחנן בן זכאי שיטלו לולב בכל יום זכר למקדש, ודרשוהו מן הכתוב 'ציון היא דורש אין לה' מכלל דבעי דרישה (סוכה מא, א), ועומק הענין הוא שענין הלולב הבא מעץ התמר הוא ממש דוגמת אהבת ה' את כנסת ישראל ומתגעגע אל ציון בזמן הגלות, לכן ע"י הלולב אפשר לעורר אהבה זו זכר לאהבת ציון וחיבת ירושלים, והבן.

**ג.** כמו שאמרו בגמרא (סוכה נה, ב): הני שבעים פרים כנגד מי כנגד שבעים אומות פר יחידי למה כנגד אומה יחידה משל למלך בשר ודם שאמר לעבדיו עשו לי סעודה גדולה ליום אחרון אמר לאוהבו עשה לי סעודה קטנה כדי שאהנה ממך. ובזוה"ק נתבארו הדברים בכ"מ באריכות (ראה ויחי רכא, ב; אמור קד, ב).

ניסן, מצינו שני נביאים שנתנבאו כמעט בסגנון אחד, הלוא הם אדונינו הגר"א זי"ע (פירושו על שיר השירים א, ד) ומשנהו מרן החתם סופר זי"ע (דרשות לסוכות שנת תקצ"ה ד"ה שאלה אשה) שכתבו בקדשם, אשר **זכר ענני הכבוד אינם הענני כבוד הראשונים אשר להם זכינו בעת צאתנו מארץ מצרים, אלא הוא מורה וקאי על החזרתנו לענני הכבוד אחר חטא העגל**, אשר להם זכינו ביום ט"ו בתשרי.

וזה חשבונם הנעים, כי הנה בי"ז בתמוז חטאו ישראל בחטא העגל ואז נפלטו מענני הכבוד, ורק אחר מאה ועשרים יום ביום הכיפורים התבשרו ממעונים שהקב"ה מחל על חטאם, וה' השיבם 'סלחתי כדבריך' (במדבר יד, כ), ולמחרת יום הכיפורים הקהיל משה את ישראל וצוה אותם על מלאכת המשכן, כמו שכתוב (שמות לה א) 'ויקהל משה את כל עדת ישראל ויאמר אליהם' וגו', וכמפורש ברש"י שם שמעשה זה אירע למחרת יום הכיפורים, וכיון שישראל הביאו נדבה בבוקר בבוקר (שם לו, ג) בימי י"ב וי"ג תשרי, ולמחרת ביום י"ד ציוה משה להכריז לבל יביאו עוד נדבה למלאכת המשכן, נמצא אתה אומר, שרק ביום ט"ו תשרי החלו חכמי לב בעשיית ובנין המשכן, ואז האיר ה' את פניו לישראל כמאז, ושב להקיף את ישראל בענני הכבוד.

ולכך נאמר לנו לדורות לעשות סוכה דווקא ביום ט"ו בתשרי - זכר לענני הכבוד, ולא בימי צאתנו ממצרים סמוך לפסח, **כי דווקא אחר יום הכיפורים שזוכים אז בני ישראל לתשובה שלימה**, על מנת לחזק ברכיים כושלות, שידעו ויבינו שכיון ששבו בתשובה על עוונם אהבת בוראם אליהם הוא כמאז וכמקדם, על כן נצטווינו לישב בסוכה, כי כאמור הוא אות זיכרון לחיבה יתירה שזכינו לה, **שהשי"ת שב לפרוס עלינו את סוכת שלומו ושב ורפא לנו, ונתן לישראל 'זמן שמחתנו' - השמחה שהקב"ה קיבל את תשובתם וחפץ בהם, ולא הסיר את אהבתו הישנה מהם.**

## סוכות ממש - לימוד לעבודת ה' גם בזמן הסתר ונסיונות

אחר שנתבאר ענין זה שהישיבה בצל ענני הכבוד רמז יש בה לתשובת ישראל, הרי השתא נייתי ונחזי גם לצד האחר שהם 'סוכות ממש', שיש במצות ישיבת סוכה התחזקות לבני ישראל דווקא אחר ימי הרחמים והרצון.

והוא בהקדם מה שנראה ליישב את השאלה מתי היה לבני ישראל סוכות ממש במדבר, עפ"י דברי רבותינו ז"ל (מדרש תנחומא כי תצא י), שבצאת ישראל ממצרים, לקח מיכה משבט דן פסל מסכה, והיו רבים שהאמינו בפסלו ועשו אותו לאלוה, וכיון שכך, עזבם ה' ודחאם מהצילא דמהימנותא בענני הכבוד, והיו מוכרחים לעשות סוכות ממש כדי להתקיים ולהינצל מזרם וממטר. וממילא, כיון שהיו גם סוכות כאלו במדבר, לבד מענני הכבוד, לכן חושבים בעשיית המצוה גם אותם, כי גם להם חלק בענין של 'כי בסוכות הושבתי', בזמן של 'בהוציאי אותם מארץ מצרים'.

אבל הדברים מוקשים וזועקים מעצמם, כי אם הסוכות הללו היו מעשיהם של רשעים שהיה הענן פולטם ולא יכלו לבוא להיכל ה', מה להם ולנו שהוטל עלינו חובת 'למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל', על אותם עובדי אלילים שעשו סוכות לעצמם ולא אבו לחסות בצל כנפי השכינה.

אבל האמת ניתנת להיאמר, דאע"פ שבמושכל ראשון נראה שיש בזכרון הסוכות הללו קטגוריה על ישראל, אכן דוקא זכרון זה הוא המורה לאידך גיסא את רחמי ה' על בניו אהוביו על אף נסיונותיהם הרבים, ודוקא ממהות הני 'חסידי מיכה' למדין אנו גודל אהבת הבורא ית' אלינו בכל מצבינו.

כי הנה מזה עצמו שהיו מרשעי עמנו, שאף אחר שראו את האותות והמופתים ביציאתם ממצרים והגילויים הגדולים במעמד הר סיני, עכ"ז לא שתו לבם לענן ה' שהלך בקרב המחנה ולכל המופתים אשר עשה משה, ובחרו לחצוב בארות נשברות ואף לעזוב את ענני הכבוד מחמת זה, אפשר ללמוד כמה גדול היה כח הסט"א וכוחות הטומאה גם אז.

וממילא יש להבין **דאף במדבר בתוך הענני הכבוד היו לישראל נסיונות עצומים והיצר לא עזבם** אלא ארב עליהם בכל רגע, ועכ"ז לא מנע מהם הקב"ה את חסדו ואמיתו, וכנס אותם לחסות בצילא דקודשא בריך הוא בתוך ענני הכבוד, כי הקב"ה מבין את גודל הנסיונות שהיצר מביא עלינו בכל עת ובכל רגע, 'און אונזער טאטע פארשטייט זיינע קינדער און זעהט זייערע שוועריגקייטן, און ער ברענגט זיי נאר נענטער צו אים'.

וזה נוסך עוז ותעצומות ביותר בדורנו דור עני ואביון, שאין לנו לא ענני כבוד ולא גילוי שכינה ואפס כל חזון, באמור אלינו, שאם בדור דעה דור המדבר שזכו לשמוע את קול ה' מדבר מתוך גרונו של משה, והיו מוקפים בכל עת בשכינת עוזו יתברך על ידי ענני הכבוד, עכ"ז נטה נפשם הבהמית של ישראל לתאוות שפלות, והא ראיה שהיו מעטים שהלכו בשרירות ליבם הרע, מה נענה אנן יתמי דיתמי שאנו מצויים בהסתר פנים, ויצרנו הרע בוער תמיד בקרבנו ומסובבנו בנסיונות קשים ומרים עד מאד. אבל מכל מקום דווקא מדור המדבר מבינים אנו אשר למרות הכל עיני השי"ת נשואות אלינו ורוצה בקירבתינו, ומשתוקק שבניו יבואו לחסות בסוכת שלומו להרעיף עליהם רוב אהבה וחיבה.

ובאמת רואים אנו בחוש כיצד הקדוש ברוך הוא מאיר ונותן הרגש של קדושה לבני ישראל המתאמצים בעבודתם בתוך כל ההסתרות והנסיונות. וכמו שאנו רואים כיצד יש ליהודים הרגש קודש למצוות החג הקדוש הזה, שבפשטות אין הסבר מהיכן באה התשוקה וההתלהבות הזאת, והלא כבר עבר כל כך הרבה שנים מאז שזכינו לשהות בצלו של אבינו בבית המקדש, 'שוין אזויפיל יארן וואס מיר זענען נישט אינדערהיים, שוין אזויפיל יארן וואלגערן מיר זיך ארום און זוכן אונזער טאטע, איז אויב אזוי פון וואו האבן מיר די הייליגע הרגשות, תשוקות און התלהבות צו די אלע מצות'?

אלא בהכרח אשר כמו אז - שאותן שעמדו איתן ולא נכנעו להנסיון של עבודה זרה זכו לאור ה' שהאיר עליהם וזכו למדרגות רמות ונעלות, כן עתה - היות שאנו עומדים איתן באמונתנו הצרופה, ואנו עושים כמצווה עלינו, ואיננו מתפעלים מכל הקשיים והחשכות הסובבים אותנו מכל צד, ממילא מאיר הקב"ה עלינו שמחה וחדוה של מצוה, והשתוקקות וכיסופים לזכות לקירבת אלוקים אמיתית.

## אהבה מחודשת ועמידה בנסיון - יסודות הסוכה לדורות

נמצא אתה אומר, שיש בזכירת 'כי בסוכות הושבתי את בני ישראל' ב' ענינים הנוגעים מאד דווקא אחר יום הגדול והנורא של יום הכיפורים **א.** מהמציאות של שיבת ישראל בתוככי ענני הכבוד לאחר חטא העגל ביום ט"ו בתשרי, רואים שהשי"ת כונסם אל תוך חיקו וסוכת שלומו ברגע ששבו בתשובה שלימה. **ב.** מהמציאות של 'סוכות ממש' ראה ראינו שהשי"ת יודע את גודל הנסיונות שהיצר מפיל על האדם, אפילו אחר שרואה בחוש כי גדול ה' ורם הוא, והראיה מאותן של שבט דן שעבדו עבודה זרה למרות כל מה שראו בעיניהם, אבל בתוך כל זה קירבם הבורא בקירבה יתירה כשהקיפם בענני הכבוד. וזה לימוד גדול לדידן, שהקב"ה יודע את מצבינו וגודל נסיונותינו, ועכ"ז הוא מקרב אותנו ומאיר עלינו מאורו ית' בכדי לזכות לקירבת אלוקים כי טוב.

ויה"ר שנזכה שיתאמתו בקרבנו לימודים הללו בתוך הימים המאירים של זמן שמחתינו, לדעת את אשר לפנינו ולצעוד הלאה בלב מלא בטחון אשר בודאי בשנה הבעל"ט נזכה לעלות מעלות רמות בעבודתנו, ולזכות ע"י הד' מינים ל'דידן נצח' (ראה ויקרא רבה אמור ל' ב', וע"ע בתיקוני זוהר י"ג כט.), להתגבר על יצרינו ולנצח על מלאכתינו - מלאכת הקודש, בבית ה' כל ימי חיינו.

## הארות הימים טובים לכל השנה

צריכים לדעת שכל מה שפעלנו בחודש תשרי נשאר עמנו למשך כל השנה, ואינו רק 'יערליכע פראגראם' שלאחריו 'מפטירין כדאתמול', אלא פעלנו פעולות אמיתיות בנפשנו. **וכל עבודתנו בראש השנה, ביום הכיפורים, בסוכות ובשמיני עצרת נחקקה בנפשינו ואינה מסתלקת אחרי החגים.** אכן, את הדפנות והסכך הגשמיים סותרים ומניחים לשנה הבאה, אבל **החיבוק של ה' יתברך, לה זכינו בימי הסוכות, נשאר אצל כל אחד ואחד מישראל, להאיר לו בכל פרטי חייו במשך כל השנה.**

ונראה דבר פלא, שדייקא ביום שמיני עצרת, שבו אנו זוכים ליחוד ולדביקות עוד יותר מאשר ביו"ט סוכות אין אנו יושבים אז בסוכה, אלא נכנסים לאכול ולשבת בתוך הבית. וזה לכאורה היפך השכל, שבשעה שהקרבה גדולה ביותר אין אנו יושבים בצילא דמהימנותא. אלא הענין הוא **שאנו ממשיכים את אורות הסוכה לתוך ביתנו, כדי שגם במשך כל השנה, בהיותנו בביתנו ובשאר עניני החול, נוכל להישאר באותו חיבוק של הסוכה ובאותה קרבה לה' יתברך**, לה זכינו בימים הקדושים שבחודש זה.

ועל כן, העבודה של שמיני עצרת ושמחת תורה היא להמשיך את כל האורות של חודש תשרי, את כל החיות, הקרבה והחיבוק, אל תוך מציאות חיי היום-יום, כך שיהיה הבית היהודי מואר בגילויי אלוקות, והכל ייעשה בחיות של קדושה, ויהיה ניכר עלינו שעברנו את חודש תשרי.

(מתוך נעילת החג ש"ת תשפ"ג)

ניתן להשיג הגליון היו"ל ע"י המכון:

**בארא פארק**
בבית מדשינו הגדול קאסוב
שומר שבת / טאהש

**מאנסי**
ביהמ"ד סאטמאר 1 - לאקער #5
ביהמ"ד הגדול וויזניץ - לאקער #183

**וויליאמסבורג**
בית מנחם צבי - לאקער #6
בנין בראך לאקער #216

**מאנטריאל**
בביהמ"ד סאטמאר פארק - לאקער #23

**לסדר מוקד הפצה בביהמ"ד או שכונה שלך יש לפנות להמערכת במס'**
718-400-7750 x2
**או באימייל** office@mechonsb.com

ארויסגעגעבן דורך
**מכון שפ"ה ברורה**

פאר הערות והארות, אדער צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל
ביטע רופט אדער שיקט אן אימעיל צו:
beheichala@gmail.com

קורא יקר: **הפצת הגליון תלוי בהשתתפותך**
**718-400-7750 #3** office@mechonsb.com

**זכות עמוד בגליון**
ידידינו
הר"ר **נפתלי בערגער** הי"ו

מזל טוב לידידינו
הר"ר **אברהם משה קלינגער** הי"ו
**- מחשובי שותפי המכון -**
**לרגל הולדת הנכדה**

## ישראל נשמרים בצל הסוכה

**וּבַחֲמִשָּׁה עָשָׂר יוֹם** לחדש השביעי, שנאמר בחג הסוכות, **רַבִּי אַבָּא פָּתַח** הקדים לפרש מש"כ **וַתָּנַח הַתֵּיבָה בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי** בשבעה עשר יום לחדש על הרי אררט, **תָּא חֲזֵי, כָּל הָנֵי יוֹמִין אָזְלַת אִימָּא עַל בְּנָהָא** (ה"ג הרמ"ק) בא וראה, כי כל אלו הימים מראש השנה עד סוכות, הולכת השכינה שהיא אימם של ישראל וחופפת על בניה כדי לשומרם, **בְּגִין דְּלָא יִשְׁלוֹט סִטְרָא אַחֲרָא עֲלַיְיהוּ** כדי שלא ישלוט הסטרא אחרא עליהם בראש השנה, שאז רוצה הס"מ לשלוט על ישראל על ידי משאות עונות שקבץ, **וּבְגִין לְשֵׁזָבָא לוֹן** וכדי להציל אותם ביום הכפורים מן המקטרגים, **כֵּיוָן דְּאִשְׁתְּזִיבוּ בְּנָהָא** כיון שניצולו בניה מן המקטרגים, **וְהָא יָתְבִין בַּסֻּכּוֹת** והם יושבים בסוכות, שאז מתפשטים כל מיני חסדים על ישראל, **מִתְנַטְרִין בִּנְטוּרָא** הם נשמרים בשמירה בצל הסוכה. (פנחס דף רנח ע"ב, ובביאורינו כרך יד עמ' תרעז)

## ארבעת המינים הם הסימנים של הקב"ה ובהם זוכים בדין

**וּבְסִפְרָא דְּאַגַּדְתָּא שַׁפִּיר קָאֲמַר** ובספר האגדה יפה אמר, **דְּכָל אִלֵּין** שכל אלו הד' מינים שהם כנגד הז' ספירות, **אִינּוּן אוּשְׁפִּיזִין דְּזַמִּינִין עַמָּא קַדִּישָׁא בְּהַאי יוֹמָא** הם בחינות האורחים שמזמינים עם הקדוש ביום זה של סוכות, באמירת עולו אושפיזין קדישין, **דְּבַעְיָין לְאַשְׁכָּחָא לְהוּ כֵּיוָן דְּזַמִּין לוֹן** שצריכים לבקש ולמצוא אותם כיון שהזמינם עוד

### אידיש

### דִי אִידְן וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן אִינֶעם שָׁאטְן פוּן דִי סוּכָּה

**עֶס** שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וּבַחֲמִשָּׁה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי", אוּן אִינֶעם פוּפְצֶנְטְן טָאג אִינֶעם זִיבֶּעטְן חוֹדֶשׁ, וָואס דֶער פָּסוּק אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיפְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, הָאט רַבִּי אַבָּא אָנְגֶעהוֹיבְּן דָאס צוּ עֶרְקְלֶערְן אָנְהֵייבְּנְדִיג מִיטְן פָּסוּק וָואס עֶס שְׁטֵייט "וַתָּנַח הַתֵּיבָה בְּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בְּשִׁבְעָה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ עַל הָרֵי אֲרָרָט", אוּן דִי קַאסְטְן [פוּן נֹחַ] הָאט גֶערוּט אִינֶעם זִיבֶּעטְן חוֹדֶשׁ אִינֶעם זִיבֶּעצְנְטְן טָאג אִין חוֹדֶשׁ אוֹיף דִי בֶּערְג פוּן אֲרָרָט, קוּם אוּן זֶע, וַוייל אִין דִי אַלֶע טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז סוּכּוֹת, גֵייט דִי שְׁכִינָה וָואס זִי אִיז דִי מַאמֶע פוּן דִי אִידְן אוּן זִי שְׁוֶועבְּט אִיבֶּער אִירֶע קִינְדֶער כְּדֵי זֵיי צוּ הִיטְן, כְּדֵי דִי סִטְרָא אַחֲרָא זָאל נִישְׁט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף זֵיי אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס דֶעמָאלְטְס ווִיל דֶער ס"מ גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף דִי אִידְן דוּרְךְ דִי לַאסְט פוּן דִי זִינְד וָואס עֶר הָאט צוּזַאמְגֶעקְלִיבְּן, אוּן כְּדֵי זֵיי צוּ רַאטֶעוֶוען אִין יוֹם הַכִּפּוּרִים פוּן דִי בַּאשוּלְדִיגֶער, אוּן ווִי נָאר אִירֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן דִי בַּאשוּלְדִיגֶער, אוּן זֵיי זִיצְן אִין דִי סוּכּוֹת, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶוערְן אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אַלֶע עֶרְלֵיי חֲסָדִים אוֹיף דִי אִידְן, וֶוערְן זֵיי אָפְּגֶעהִיטְן מִיט אַ שְׁמִירָה אִינֶעם שָׁאטְן פוּן דִי סוּכָּה.

### דִי אַרְבַּע מִינִים זֶענֶען דִי צֵייכֶענֶעס פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן דוּרְךְ זֵיי אִיז מֶען זוֹכֶה בַּדִּין

**אוּן** אִינֶעם סֵפֶר הָאַגָּדָה הָאט עֶר שֵׁיין גֶעזָאגְט, אַז דִי אַלֶע פִּיר מִינִים וָואס זֵיי זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי זִיבְּן סְפִירוֹת, זֵיי זֶענֶען דִי בְּחִינוֹת פוּן דִי גֶעסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער פָאלְק לַאדֶענֶען אַיין אִין דֶעם טָאג פוּן סוּכּוֹת, מִיטְן זָאגְן "עוּלוּ אוּשְׁפִּיזִין קַדִּישִׁין", קוּמְט אַרַיין הֵיילִיגֶע גֶעסְט, וָואס מֶען דַארְף זֵיי זוּכְן אוּן זֵיי טְרֶעפְן ווִיבַּאלְד מֶען הָאט זֵיי אַיינְגֶעלַאדְנְט נָאךְ פוּן בַּיינַאכְט אִינְדֶערְצַייט וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי סוּכָּה, אוּן עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דִי זִיבְּן אוּשְׁפִּיזִין זֶענֶען אוֹיךְ אַנְטְקֶעגְן דִי זִיבְּן חֲסָדִים וָואס וֶוערְן אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אוּן וֶוערְן גֶעצוֹיגְן צוּ דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת [צוּ דִי שְׁכִינָה] יֶעדֶער אֵיינֶער אִין זַיין טָאג, אוּן אוֹיךְ אִיז יֶעדֶער אֵיינֶער אַרַיינְגֶערֶעכְנְט

מבערב בעת שנכנס לסוכה, ונודע ששבעת האושפיזין הם ג"כ כנגד הז' חסדים המתפשטים ונמשכים למלכות [להשכינה] כל אחד ביומו, וגם כל אחד כלול מכולם (כמבואר בשעה"כ בדרושי סוכות), **וּבְהוּ** ובד' המינים, **בָּעֵי בַּר נָשׁ לְמַלְכָּא בָּעוּתֵיהּ** מבקש האדם מהקב"ה בקשותיו, כמו שאומרים הושענות ומרצים על המים בעת הקפת התיבה, **זַכָּאִין אִינּוּן יִשְׂרָאֵל דְּיָדְעִין אָרְחוֹי דְּמַלְכָּא קַדִּישָׁא** אשריהם ישראל שיודעים דרכיו של המלך הקדוש ב"ה, היינו שמקיימים מצותיו, **וְיָדְעִין אָרְחוֹי דְּאוֹרַיְיתָא** ויודעים דרכי התורה, היינו הבנת סודות וטעמי המצות, **לְמֵהַךְ בְּאוֹרַח קְשׁוֹט** ללכת בהם בדרך האמת, דהיינו לעשות המצות בכונה שלימה, **לְמִזְכֵּי בְהוּ בְּעָלְמָא דֵין וּבְעָלְמָא דְאָתֵי** לזכות על ידם בעולם הזה ובעולם הבא. (רמ"ק ורא"ג ומפרשים)

ואמר עוד כי **בְּיוֹמָא דָא נָפְקֵי יִשְׂרָאֵל** ביום ראשון של סוכות יוצאים ישראל **בְּסִימָנִין רְשִׁימִין מִגּוֹ מַלְכָּא** בסימנים הרשומים מן המלך הקדוש והם הד' מינים, שע"י קיום מצוה זו מכניעים את הקליפות ומעבירים את רוחות הרעות וטללים הרעים, **בְּגִין דְּאִינּוּן נָצְחִין דִּינָא** והם סימנים שבני ישראל זכו בדין ונתכפרו עונותיהם, **וּמַאי סִימָנִין אִינּוּן** ומה הם אלו הסימנים, ואמר **סִימָנֵי מְהֵימְנוּתָא חוֹתָמָא דְמַלְכָּא עִלָּאָה** הם סימני האמונה שהוא האתרוג שכנגד המלכות [השכינה], וחותם מלך העליון שהוא הלולב שכנגד היסוד.

ואמר **לִתְרֵי בְּנֵי נָשָׁא דְּעָאלוּ קֳדָם מַלְכָּא לְדִינָא** משל לשני אנשים שנכנסו לפני המלך לדון, **וְלָא יָדְעֵי עָלְמָא מַאן מִנַּיְיהוּ נָצַח** ולא ידעו בני העולם מי מהם זכה בדין, **נָפַק חַד לְגִיוֹן מִבֵּי מַלְכָּא שְׁאִילוּ לוֹ** יצא שר אחד מבית המלך ושאלו אותו אם יודע מי זכה בדין, **אֲמַר לוֹן מַאן דְּיִפּוּק וּבִידוֹי סִימָנִין דְּמַלְכָּא הוּא נָצַח** אמר להם מי שיצא ויש בידו סימנים של המלך הוא זכה בדין.

**כָּךְ** הוא הנמשל כי **כּוּלֵי עָלְמָא עָאלִין לְדִינָא קֳדָם מַלְכָּא עִלָּאָה** כל העולם בין ישראל בין אומות העולם נכנסים לדין לפני מלך העליון ב"ה, **וְדָאִין לוֹן מִיּוֹמָא דְרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְיוֹם הַכִּפּוּרִים עַד חֲמֵשׁ סְרֵי יוֹמִין לְיַרְחָא** ודן אותם מיום ראש השנה ויום הכפורים עד חמש עשרה יום לחודש (לפי שביום ראשון של סוכות הוא ראשון לחשבון עונות

## אידיש

פון זיי אַלֶע, און אין די אַרְבַּע מִינִים בֶּעט דֶער מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן זַיינֶע בַּקָּשׁוֹת, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט הוֹשַׁעְנוֹת און מֶען בַּאוִוילִיגְט זִיךְ אוֹיף דִי וַואסֶער אִינְדֶערְצַייט וָואס מֶען רִינְגְלְט אַרוּם דֶעם בִּימָה, וואויל אִיז פַאר דִי אִידְן וָואס זֵיי וֵוייסְן דִי וֶועגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן קֶענִיג גֶעלוֹיבְּט אִיז עֶר, דָאס הֵייסְט אַז זֵיי זֶענֶען מְקַיֵּים זַיינֶע מִצְוֹת, און זֵיי וֵוייסְן דִי וֶועגְן פון דִי תּוֹרָה, דָאס הֵייסְט דָאס פַארְשְׁטֵיין דִי גֶעהֵיימְנִיסְן און דִי טַעֲמִים פון דִי מִצְוֹת, צוּ גֵיין אִין זֵיי אִינֶעם אֶמֶת'ן וֶועג, דָאס הֵייסְט צוּ טוּן דִי מִצְוֹת מִיט פוּלְשְׁטֶענְדִיגֶע כַּוָּנָה, כְּדֵי זוֹכֶה צוּ זַיין דוּרְךְ זֵיי אוֹיף דֶער וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**און** נָאךְ זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אַז אִין דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג פון סוּכּוֹת גֵייעֶן דִי אִידְן אַרוֹיס מִיט דִי אָנְגֶעצֵייכְנְטֶע סִימָנִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן קֶענִיג און דָאס זֶענֶען דִי אַרְבַּע מִינִים, וָואס דוּרְכְן מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה טוּט מֶען אוּנְטֶערְטֶענִיגְן דִי קְלִיפּוֹת און מֶען פִירְט אַוֶועק דִי שְׁלֶעכְטֶע וִוינְטְן און דִי שְׁלֶעכְטֶע טוֹי, און זֵיי זֶענֶען סִימָנִים אַז דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען בַּיים דִין און זֵייעֶרֶע זִינְד זֶענֶען פַארְגֶעבְּן גֶעוָוארְן, און וָואס זֶענֶען דִי סִימָנִים, זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, דָאס זֶענֶען דִי סִימָנֵי הָאֱמוּנָה וָואס דָאס אִיז דֶער אֶתְרוֹג וָואס אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי בְּחִינָה פון מַלְכוּת [דִי שְׁכִינָה], און דֶעם זִיגְל פוּנֶעם מֶלֶךְ הָעֶלְיוֹן וָואס דָאס אִיז דֶער לוּלָב וָואס אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי בְּחִינַת יְסוֹד.

**און** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט, דָאס אִיז גֶעגְלִיכְן צוּ צְוֵויי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען פַארְן מֶלֶךְ צוּ וֶוערְן גֶע'מִשְׁפָּט, און דִי מֶענְטְשְׁן פון דִי וֶועלְט הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער פון זֵיי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען בַּדִּין, אִיז אַ שַׂר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם קֶענִיגְ'ס הוֹיז און מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט צִי עֶר וֵוייסְט וֶוער הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען בַּיים דִין, הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זֵיי, וֶוער עֶס וֶועט אַרוֹיסְגֵיין און עֶר וֶועט הַאלְטְן אִין הַאנְט דִי סִימָנִים פוּנֶעם קֶענִיג, עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען בַּיים דִין.

**אַזוֹי** אִיז אוֹיךְ דֶער נִמְשָׁל, וַוייל דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, סַיי דִי אִידְן און סַיי דִי פֶעלְקֶער פון דִי וֶועלְט, גֵייעֶן אַרַיין צוּ וֶוערְן גֶע'מִשְׁפָּט פַארְן מֶלֶךְ הָעֶלְיוֹן גֶעלוֹיבְּט אִיז עֶר, און עֶר טוּט זֵיי מִשְׁפָּטְ'ן פוּנֶעם טָאג פון רֹאשׁ הַשָּׁנָה און יוֹם הַכִּפּוּרִים בִּיז דֶעם פוּפְצֶנְטְן טָאג אִין חוֹדֶשׁ (וַוייל אִינֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג פון סוּכּוֹת אִיז דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג צוּם חֶשְׁבּוֹן פון דִי עֲבֵירוֹת, דֶערִיבֶּער וֶוערְט גֶערֶעכְנְט אַז בִּיז דֶעמָאלְטְס צִיט זִיךְ נָאךְ דֶער דִין), און דֶערְוַוייל זֶענֶען אַלֶע אִידְן גֶעפִינֶען גֶעוָוארְן פַאר צַדִּיקִים

לכן נחשב כאילו עד אז נמשך הדין), **וּבֵין כָּךְ אִשְׁתַּכְּחוּ יִשְׂרָאֵל זַכָּאִין כֻּלְּהוּ בִּתְיוּבְתָּא** ובין כך כל ישראל נמצאים צדיקים כי כולם עשו תשובה עד יום הכפורים, **טָרְחִין בְּסֻכָּה וְלוּלָב וְאֶתְרוֹג** ואח״כ בימים שבין יום כפורים לסוכות טורחים לעשות סוכה ולולב ומיניו ואתרוג כדי להשלים זכויותיהם, **וְלָא יָדְעֵי מַאן נָצַח דִּינָא** ועדיין לא יודעים מי זכה בדין, **מַלְאֲכֵי עִלָּאֵי שָׁאֲלוּ מַאן נָצַח דִּינָא** מלאכי מעלה שואלים מי זכה בדין, ר״ל אם הקליפות גברו או ישראל עושה חיל ורוכב שמים בעזרם, **קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אָמַר לוֹן אִינּוּן דְּמַפְקֵי בִּידַיְיהוּ סִימָנִין דִּילִי אִינּוּן נָצְחִין דִּינָא** הקב״ה משיב להם כי אלו שמוציאים בידיהם הסימנים שלי הם זכו בדין.

**בְּהַאי יוֹמָא נָפְקֵי יִשְׂרָאֵל בִּרְשִׁימוּ דְּמַלְכָּא** ביום ראשון של סוכות יוצאים ישראל ברושם וסימן המלך, **בְּתוּשְׁבַּחְתָּא דְּהַלֵּילָא** ובתשבחות של אמירת הלל שלם, **עָאלִין בַּסֻּכָּה** ונכנסים בסוכה להיות תחת צל הקדושה ולהסתתר מן החיצונים, **אֶתְרוֹג בִּשְׂמָאלָא לוּלָב בִּימִינָא** ואוחזים אתרוג בשמאלם ולולב בימינם, **חָמָאן כֻּלְּהוּ דְּיִשְׂרָאֵל רְשִׁימִין בִּרְשִׁימִין דְּמַלְכָּא קַדִּישָׁא** וכל העולם רואים שישראל הם רשומים ומסומנים ברשימות המלך הקדוש ב״ה, **פָּתְחֵי וְאָמְרֵי** פותחים ואומרים בשבחם של ישראל **אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לּוֹ** אשריהם ישראל שהקב״ה נתן להם תורת אמת, **אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁיהו״ה אלהי״ו** ואשריהם שה׳ הוא אלהיה״ם אשר בידו להשפיע טובה מרובה בגמול מעשיהם הטובים. (ויחי דף רכא ע״א, ובביאורינו כרך ד עמ׳ תלח-תמ)

## במצות סוכה נִראה לכל שאנו מסתופפים בצל הקב״ה

**בַּסֻּכּוֹת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים** כל האזרח בישראל ישבו בסכות, **פִּקּוּדָא דָּא לֵישֵׁב בַּסּוּכָּה** מצוה זו היא לישב בסוכה, **וְהָא אוּקִימְנָא** והרי ביארנו טעם ישיבה בסוכה, **בְּגִין לְאַחֲזָאָה, דְּיִשְׂרָאֵל יָתְבֵי בְּרָזָא דִּמְהֵימְנוּתָא בְּלָא דְּחִילוּ כְּלָל** כדי להראות לכל, שישראל יושבים בסוד האמונה בלא פחד כלל מן המקטרגים, **דְּהָא מְקַטְרְגָא אִתְפְּרַשׁ**

## אידיש

וַוייל אַלֶע הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן בִּיז יוֹם הַכִּפּוּרִים, אוּן דֶערְנָאךְ אִין דִי טֶעג וָואס זֶענֶען צְווִישְׁן יוֹם הַכִּפּוּרִים אוּן סוּכּוֹת טוּט מֶען זִיךְ מַטְרִיחַ זַיין צוּ מַאכְן אַ סוּכָּה אוּן אַיינְהַאנְדְלֶען א לוּלָב מִיט זַיינֶע מִינִים אוּן אַן אֶתְרוֹג כְּדֵי צוּ עֶרְגֶענְצְן זֵייעֶרֶע זְכוּתִים, אוּן מֶען וַוייסְט נָאכְנִישְׁט וֶוער הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען בַּדִּין, דִי מַלְאָכִים פוּן אוֹיבְן פְרֶעגְן, וֶוער הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען בַּיים דִין, דָאס הֵייסְט, צִי דִי קְלִיפּוֹת הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט, אָדֶער "יִשְׂרָאֵל עוֹשֶׂה חָיִל", דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ פַּארְמֶעגְן, אוּן "רוֹכֵב שָׁמַיִם בְּעֶזְרָם", דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וָואס רַייט אוֹיף דִי הִימְלֶען אִיז אִין זֵייעֶר הִילְף, עֶנְטְפֶערְט זֵיי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז דִי וָואס נֶעמֶען אַרוֹיס מַיינֶע סִימָנִים אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט, זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען בַּדִּין.

**אִינֶעם** עֶרְשְׁטְן טָאג פוּן סוּכּוֹת גֵייעֶן דִי אִידְן אַרוֹיס מִיטְן צֵייכְן אוּן סִימָן פוּנֶעם קֶענִיג, אוּן מִיט לוֹיב פוּן זָאגְן דֶעם גַאנְצְן הַלֵּל, אוּן זֵיי גֵייעֶן אַרַיין אִין סוּכָּה צוּ זַיין אוּנְטֶערְן שָׁאטְן פוּן דִי קְדוּשָׁה אוּן זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן פוּן דִי חִיצוֹנִים, אוּן זֵיי הַאלְטְן אָן דֶעם אֶתְרוֹג אִין זֵייעֶר לִינְקֶע הַאנְט אוּן דֶעם לוּלָב אִין זֵייעֶר רֶעכְטֶע הַאנְט, אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זֶעט אַז דִי אִידְן זֶענֶען אָנְגֶעצֵייכְנְט מִיט דִי צֵייכֶענֶעס פוּנֶעם הֵיילִיגְן קֶענִיג גֶעלוֹיבְּט אִיז עֶר, אוּן זֵיי הֵייבְּן אַן אוּן זָאגְן אִין דִי לוֹיבּ פוּן דִי אִידְן, "אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לוֹ", ווָאויל אִיז דִי אִידְן וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן דִי אֶמֶת'ע תּוֹרָה, "אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁה' אֱלֹקָיו", אוּן ווָאויל אִיז זֵיי אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גָאט, וָואס עֶס אִיז אִין זַיין הַאנְט צוּ מַשְׁפִּיעַ זַיין פִיל גוּטְס אַלְס בַּאצָאלוּנְג פַאר זֵייעֶר גוּטֶע מַעֲשִׂים.

### דוּרְךְ דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה וַוייזְט מֶען פַאר יֶעדְן אַז מִיר שִׁיצְן זִיךְ אִינֶעם שָׁאטְן פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן

**עֶס** שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת", אִין דִי סוּכּוֹת זָאלְט אִיר זִיצְן זִיבְּן טֶעג, יֶעדֶער אַיינְוואוֹינֶער פוּן דִי אִידְן זָאל זִיצְן אִין דִי סוּכּוֹת, אָט דִי מִצְוָה אִיז צוּ זִיצְן אִין דִי סוּכָּה, אוּן מִיר הָאבְּן שׁוֹין עֶרְקְלֶערְט דֶער טַעַם פוּן זִיצְן אִין דִי סוּכָּה, כְּדֵי צוּ וַוייזְן פַאר יֶעדְן, אַז דִי אִידְן זִיצְן אִינֶעם סוֹד פוּן דִי אֱמוּנָה אָן קַיין שוּם שְׁרֶעק פוּן דִי בַּאשׁוּלְדִיגֶער, וַוייל דֶער בַּאשׁוּלְדִיגֶער הָאט זִיךְ גֶעשֵׁיידְט פוּן זֵיי אִין יוֹם הַכִּפּוּרִים דוּרְכְן שָׂעִיר לַעֲזָאזֵל, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס אִיז אִינֶעם סוֹד פוּן דִי אֱמוּנָה זִיצְט אִין דִי סוּכָּה, דָאס הֵייסְט, וֶוער עֶס הָאט אַ טֵייל אִין דִי קְדוּשָׁה פוּן דִי שְׁכִינָה, וָואס אִין אִיר אִיז דֶער סוֹד פוּן דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן עֶרְקְלֶערְט אוֹיף דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת", יֶעדֶער אַיינְוואוֹינֶער פוּן דִי אִידְן זָאל זִיצְן אִין דִי סוּכּוֹת, וֶוער עֶס אִיז אִינֶעם סוֹד פוּן דִי אֱמוּנָה, אוּן פוּן דֶעם אָפְּשְׁטַאם

**מְנַּיְיהוּ** כי המקטרג נפרד מהם ביום הכפורים על ידי השעיר לעזאזל, **וְכָל מַאן דְּאִיהוּ בְּרָזָא דִּמְהֵימְנוּתָא יָתִיב בַּסּוּכָּה** וכל מי שהוא בסוד האמונה יושב בסוכה, דהיינו מי שיש לו חלק בקדושת השכינה, שבה הוא סוד האמונה, **כְּמָה דְּאוֹקִימְנָא** כמו שביארנו על מה **דִּכְתִיב כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת, מַאן דְּאִיהוּ בְּרָזָא דִּמְהֵימְנוּתָא** מי שהוא בסוד האמונה, **וּמִזַּרְעָא וְשָׁרְשָׁא דְּיִשְׂרָאֵל** ומזרע ושורש ישראל **יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת, וְרָזָא דָּא אִתְּמַר בְּכַמָּה דוּכְתֵּי** וסוד זה נאמר בכמה מקומות. ור"ל כי ישראל יושבים בסוכה שהיא סוד צל אור המקיף דחסדים ואנו ממשיכים אלינו מן אור המקיף ההוא. והענין הוא כי צל הסוכה נקרא "צלא דמהימנותא" לפי שאין לך מצוה בכל המצות שמפורסמת לכל כמו מצות סוכה שעושים אותה על הגגות ובשווקים וברחובות, ובזה אנו מראים לכל רואה שאנו מסתופפים בצלו של הקב"ה, והיה ראוי שיתגרה בנו השטן ויקטרג עלינו שאין תוכנו כברנו, רק שאין אנו חוששים לזה כי כבר נתרצה ופירש מאתנו על ידי השעיר לעזאזל, ומכאן שאין לשום חיצוני חלק בזה הצל, אלא דוקא כל האזרח בישראל ישבו בסכות, היינו מי שמושרש בתפארת ישראל העליון. (אמור דף קג ע"ב ברעיא מהימנא, ובביאורינו כרך יא עמ' תרג)

## ישראל לוקחים כביכול את השי"ת ושמחים בו

**פִּקּוּדָא דָּא לִיטּוֹל לוּלָב בְּהַהוּא יוֹמָא** מצוה זו היא ליטול לולב ביום ראשון של סכות, **בְּאִינּוּן זִינִין דִּילֵיהּ** עם אותם המינים שלו, **וְהַאי רָזָא אוֹקִימְנָא, וְאוֹקְמוּהָ חַבְרַיָּיא** וסוד זה ביארנוהו, וביארוהו החברים במדרשים, כי **כְּמָה דְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא נָטִיל לוֹן לְיִשְׂרָאֵל בְּהָנֵי יוֹמִין, וְחָדֵי בְּהוֹן** כמו שהקב"ה לוקח את ישראל באלו הימים לחלקו, ושמח בהם, על ידי שזיכה אותם בדין ביום הכפורים, ומשפיע להם חסדים בימי הסוכות, **אוּף הָכִי יִשְׂרָאֵל נָטְלֵי לֵיהּ לְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְחוּלָקֵיהוֹן, וְחָדָאן בֵּיהּ** כמו כן ישראל לוקחים את הקב"ה לחלקם, ושמחים בו, כי מקבלים עליהם קיום תורתו ומצותיו בשמחה, **וְדָא הוּא רָזָא דְּלוּלָב וּמִינִין דְּבֵיהּ** וזה הוא סוד מצות לולב והמינים שבו, **דְּאִיהוּ רָזָא דְּיוֹקְנָא דְּאָדָם** שהוא סוד שיעור קומת אדם העליון, (אמור דף קד ע"א ברעיא מהימנא, ובביאורינו כרך יא עמ' תריג-תריד)

## אידיש

און שׂוֹרֶשׁ פוּן דִי אִידְן, זָאל זִיצְן אִין דִי סוּכּוֹת, און דֶער סוֹד אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אִין עֶטְלִיכֶע עֶרְטֶער. און דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז דִי אִידְן זִיצְן אִין סוּכָּה וָואס זִי אִיז דֶער סוֹד צֵל אוֹר הַמַּקִּיף פוּן בְּחִינַת חֲסָדִים, און מִיר צִיעֶן צִי אוּנְז פוּן יֶענֶעם אוֹר הַמַּקִּיף. און דֶער עִנְיָן אִיז, וַוייל דֶער שָׁאטְן פוּנֶעם סוּכָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "צִלָּא דִמְהֵימָנוּתָא", דֶער שָׁאטְן פוּן דִי אֱמוּנָה, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ מִצְוָה צְווִישְׁן אַלֶע מִצְוֹת וָואס אִיז אַזוֹי בַּאקַאנְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַזוֹי וִוי דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה, וָואס מֶען מַאכְט עֶס אוֹיף דִי דֶעכֶער און אִין דִי מַארְקְן און גַאסְן, און דֶערְמִיט וַוייזְן מִיר פַאר יֶעדְן אַז מִיר שִׁיצְן זִיךְ אִין דִי שָׁאטְן פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, און עֶס וָואלְט גֶעפַּאסְט אַז דֶער שָׂטָן זָאל זִיךְ רֵייצְן אִין אוּנְז און מְקַטְרֵג זַיין אוֹיף אוּנְז אַז אוּנְזֶער אִינֶערְלִיכְקֵייט אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי אוּנְזֶער דְרוֹיסְנְדִיגֶע מַעֲשִׂים, נָאר מִיר הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא דֶערְפוּן וְוִיבַּאלְד עֶר אִיז שׁוֹין בַּאוִוילִיגְט גֶעוָוארְן און עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן אוּנְז דוּרְכְן שָׂעִיר לַעֲזָאזֵל, און פוּן דָא זֶעעֶן מִיר אַז קַיין שׁוּם דְרוֹיסְנְדִיגֶער הָאט נִישְׁט קַיין טֵייל אִין דֶעם שָׁאטְן, נָאר דַוְקָא "כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכּוֹת", יֶעדֶער אַיינְוואוֹינֶער פוּן דִי אִידְן זָאל זִיצְן אִין דִי סוּכּוֹת, דָאס הֵייסְט, וֶוער עֶס אִיז אַיינְגֶעוָוארְצְלְט אִין דִי בְּחִינָה פוּן תִּפְאֶרֶת יִשְׂרָאֵל הָעֶלְיוֹן.

### דִי אִידְן נֶעמֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן כִּבְיָכוֹל און פְּרֵייעֶן זִיךְ מִיט אִים

**אָט** דִי מִצְוָה אִיז, צוּ נֶעמֶען אַ לוּלָב אִינֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג פוּן סֻכּוֹת, מִיט אָט דִי מִינִים פוּן אִים, און דֶעם סוֹד הָאבְּן מִיר אִים שׁוֹין עֶרְקְלֶערְט, און דִי חֲבֵרִים הָאבְּן עֶס עֶרְקְלֶערְט אִין דִי מִדְרָשִׁים, וַוייל אַזוֹי וִוי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי אִידְן אִין אָט דִי טֶעג צוּ זַיין טֵייל, און עֶר פְּרֵיידְט זִיךְ מִיט זֵיי, דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶערֶעכְט גֶעמַאכְט בַּיים דִין אִין יוֹם הַכִּפּוּרִים, און עֶר אִיז זֵיי מַשְׁפִּיעַ חֲסָדִים אִין דִי טֶעג פוּן סוּכּוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ נֶעמֶען דִי אִידְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן צוּ זֵייעֶר טֵייל, און זֵיי פְּרֵייעֶן זִיךְ מִיט אִים, וַוייל זֵיי נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי תּוֹרָה און זַיינֶע מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה, און דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן דִי מִצְוָה לוּלָב און זַיינֶע מִינִים, וָואס דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּנֶעם שִׁיעוּר קוֹמַת אָדָם הָעֶלְיוֹן.



הַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ" ע"פ "מָתוֹק מִדְּבָשׁ" הפירוש הנפלא שהתקבל בכל תפוצות ישראל

...ענרע סעט – מהדורת ר' הערשל וועבער
(In 7/5)

גרויסע סעט (In 9.5/6.5)

"ובלכתך בדרך" פארמאט
70 כרכים
מהדורת ר' יוסף צבי בערגער
(6.5/4.5 In)
פאר דעליווערי
845 664 5168

# מגדים של זהב

## על דרך הפלפול והחידוד

שנת תשפ"ו - גליון רד

### חג הסוכות

בענין
**קושית האחרונים שסוכה שיש לו שני דפנות ולחי כשר בשבת שחל סוכות מכח מיגו, הא סוכה זו אינו ראויה לשבעה?**

### גמרא מסכת סוכה

די גמרא אין **מסכת סוכה** (ו, ב) ברענגט א ברייתא ווי עס שטייט: **שתים כהלכתן, ושלישית אפילו טפח** - פירוש: די הלכה איז אז כדי א סוכה זאל זיין כשר, דארף עס האבן לכל הפחות דריי ווענט, זאגט די ברייתא, אז די דריטע וואנט קען זיין אפילו א טפח, דהיינו אפילו מען גייט האבן צוויי גאנצע ווענט, און די דריטע וואנט גייט זיך נאר ארויסשטעקן א טפח איז די סוכה אויך כשר.

קומט דארטן רבא (ז, א) און לייגט צו א גרויסע חידוש: **וכן לשבת, מגו דהויא דופן לענין סוכה הויא דופן לענין שבת** - פירוש: די הלכה איז אז כדי א רשות זאל הייסן א רשות היחיד אין שבת, דארף די רשות היחיד זיין א פלאץ וואס איז מוקף מיט מחיצות פון אלע דריי זייטן, און ווילאנג די פלאץ איז נישט מוקף מיט דריי 'גאנצע' מחיצות הייסט נישט די פלאץ א רשות היחיד נאר א רשות הרבים, איז רבא מחדש, ווען איינער גייט בויען א סוכה אין רשות הרבים, וואס די סוכה גייט האבן צוויי גאנצע ווענט, און די דריטע וואנט גייט נאר זיין א טפח, דעמאלטס גייט זיין די הלכה אז לגבי שבת שחל בסוכות גייט די סוכה הייסן א רשות היחיד, און אויב איינער גייט מטלטל זיין פון די סוכה צו א רשות היחיד גייט ער נישט זיין חייב, אפילו סתם א שבת וואלט ער יא געווען חייב, וויבאלד עס האט נישט קיין דריי מחיצות, אבער שבת שחל בסוכות גייט מען זיין פטור, וויבאלד מען זאגט **'מגו דהוי דופן לענין סוכה'** - וויבאלד די תורה איז מחשיב די דריטע וואנט וואס איז נאר א טפח, אז הייסט א וואנט לענין סוכה, הויא דופן לענין שבת - הייסט די דריטע וואנט א גוטע וואנט אויך לגבי שבת אין סוכות.

און בהמשך זאגט די רבא דארטן אז די 'מגו' ארבעט אויך אויף די אנדערע וועג, דהיינו **'סיכך על גבי מבוי שיש לו לחי כשר'** - פירוש: די הלכה איז ביי הלכות שבת, אז א 'מבוי מפולש', דהיינו א חצר וואס האט צוויי ווענט פון ביידע זייטן, אויב לייגט מען א 'לחי' דהיינו א שטיקל האלץ ביי די זייט פון איין וואנט, ווערט די די מבוי מפולש געראכנט ווי א רשות היחיד. קומט רבא דארט און זאגט, אז אפילו ביי הלכות סוכה איז די דין אז די ווען איינער האט א 'סוכה מפולש', דהיינו א סוכה מיט צוויי ווענט, מיז די דריטע וואנט זיי א 'טפח' כדי די סוכה זאל זיין כשר, דעס איז אלעס ביי א סוכה אינמיטן די וואך, אבער אויב איינער גייט לייגן סכך אויף א 'מבוי מפולש' וואס האט א לחי, גייט די מבוי מפולש זיין כשר פאר שבת שחל בסוכות, אפילו די לחי מיז נישט האבן קיין 'טפח', ווייל מען זאגט מגוי דהוי דופן לענין שבת הוי דופן לענין סוכה. עד כאן סוגית הגמרא בסוכה שם.

### קושית האחרונים

זייער אסאך **אחרונים** פרעגן א שטארקע קשיא אויף רבא. שפעטער אין **מסכת סוכה** אין **פרק הישן** (כג, א) ברענגט די גמרא א ברייתא וואס קיינער איז זיך נישט חולק אויף דעם, וואס שטייט אזוי: **אמר קרא** (דברים טז, יג) **חַג הַסֻּכֹּת תַּעֲשֶׂה לְךָ שִׁבְעַת יָמִים, סוכה הראויה לשבעה שמה סוכה, סוכה שאינה ראויה לשבעה לא שמה סוכה** - פירוש: די ברייתא לערנט ארויס פון די פסוק, אז איינער פון די תנאים כדי א סוכה זאל זיין כשר, מיז די סוכה זיין א 'סוכה הראויה לשבעה', דהיינו די סוכה מיז זיין ראוי זיך צו משתמש זיין מיט דעם אלע זיבן טעג פון סוכות, און אויב איינער האט א סוכה וואס איז נישט 'ראוי לשבעה', איז אפילו ער זיצט יעצט אין א סוכה וואס בעצם איז עס כשר, אבער וויבאלד מארגן גייט עס נישט זיין כשר איז ער נישט יוצא יעצט די מצוה פון סוכה, ווייל די סוכה איז נישט ראויה לשבעה. און וועגן דעם זאגט דארט רבי יהודה, **'העושה סוכתו על גבי בהמה'** איינער וואס מאכט זיין סוכה אויף א בהמה, איז די סוכה פסול, און די טעם איז וויבאלד עס איז א איסור דרבנן אז מען טאר נישט ארויף גיין אויף א בהמה אין יום טוב, קומט אויס אז איינער פון די זיבן טעג גייט די סוכה נישט זיין 'ראוי', וועגן דעם איז

די סוכה אפילו נישט כשר 'חול המועד', וואס בעצם חול המועד מעג מען יא ארויף גיין אויף א בהמה. און די טעם איז וויבאלד די סוכה על גבי בהמה איז א סוכה 'שאינה ראויה לשבעה'. [און אפילו רבי מאיר וואס האלט דארט אז א סוכה על גבי בהמה איז יא כשר, קריגט ער זיך נישט אויף די עצם ענין פון 'סוכה שאינה ראויה לשבעה', נאר ער האלט אז 'מדאורייתא מחזא חזיא ורבנן הוא דגזרו בה'. עיי"ש].

פרעגן די אחרונים אויף רבא, ווי אזוי זאגט רבא אז 'סיכך על גבי מבוי שיש לו לחי - כשר', די סוכה פון רבא, איז דאך 'נאר' כשר שבת שחל בסוכות, און די אנדערע טעג סוכות איז דאך די סוכה נישט כשר, וויבאלד די אנדערע טעג האט מען דאך נישט די 'מגו', און אויב אזוי איז די 'סוכה של מבוי' א סוכה 'שאינה ראויה לשבעה', און אין די די ברייתא שטייט דאך קלאר אז 'סוכה שאינה ראויה לשבעה - לא שמה סוכה'?

## תירוצו של הרש"ש והנצי"ב

די צוויי גאוני עולם די **רש"ש** (סוכה ז, א) און דער רבן של ישראל **רבי נ'פתלי צ'בי י'הודה ב'ערלין זצ"ל** אין זיין ספר **מרומי שדה** (שם), ענטפערן די זעלבע הפלא'דיגע תירוץ. וזה לשון הנצי"ב: **ומקשים הא איתא להלן דף כ"ז ע"ב, חג הסוכות תעשה לך שבעת ימים עשה סוכה הראויה לשבעה. ובפשיטות יש לומר דכיון דאינו ניתר אלא מטעם מיגו, גם זהו בכלל המיגו, דאף על גב שאינה ראויה לשבעה, אבל כיון דהוי דופן לשבת כו'**. עכ"ל. וזה לשון הרש"ש: **ואני אומר קל וחומר, מה מחיצות הפסולות מחמת עצמן מהני מיגו לאכשרינהו שאינן פסולות, רק מחמת שאינה ראויה לשבעה לא כל שכן!?** -

פירוש: די אחרונים זענען מבאר, אז ווען רבא האט מחדש געוועהן אז 'סיכך על גבי מבוי שיש לו לחי הסוכה כשר', האט רבא בעצם געהאט דא צוויי פראבלעמען מיט די סוכה, 1. - די דריטע וואנט פון די סוכה איז דאך נישט קיין טפח, 2. - אפילו מען גייט מכשיר זיין די סוכה מכח די 'מיגו', איז דאך די סוכה א 'סוכה שאינה ראויה לשבעה', איז רבא געקומען און געזאגט אז די 'מיגו' גייט טוהן צוויי זאכן, 1. - אפילו לגבי סוכה הייסט נישט די לחי א דריטע וואנט, אבער 'מיגו' לגבי שבת הייסט עס א וואנט, הוא הדין לגבי סוכה גייט עס הייסן א וואנט, 2. - אפילו לגבי סוכה איז אזא סוכה נישט כשר ווייל עס איז א 'סוכה שאינה ראויה לשבעה', אבער 'מיגו' לגבי שבת איז די 'מבוי המפולש' יא א רשות היחיד, איז אפילו לגבי סוכה איז בעצם דא די 'פסול' פון סוכה שאינה ראויה לשבעה, אבער די 'מיגו' גופא גייט אוועק נעמען די פראבלעם גופא, און גייט זאגן אז אויב לגבי שבת איז עס כשר, איז הוא הדין לגבי סוכה גייט עס זיין כשר, און ווי די רש"ש לייגט עס אראפ מיט א 'קל וחומר' מה דאך אז די מיגו האט א כח צו נעמען א וואנט וואס איז בעצם פסול לגבי סוכה און עס כשר'ן, איז אודאי האט עס א כח צו מתיר זיין די זייטיגע פסול פון 'סוכה שאינה ראויה לשבעה'.

## דחיית תירוצו של הרש"ש והנצי"ב

הגאון החריף **רבי משה יהודה אריה לייב זעמבא זצ"ל** אין זיין ספר **גור אריה יהודה** (מועדים סימן יח אות י) ברענגט פון זיין גרויסען טאטע'ן די גאון ושר התורה **רבי מנחם זעמבא זצ"ל הי"ד** א פירכא אויף די תירוץ (וכן כתב להשיג בכתבי קהילות יעקב סימן קמז עיי"ש שמדמה את זה לחידושו של המנחת חינוך כדלקמן), וזה לשונו: **והנה האחרונים הקשו בהא דאמרינן מיגו דהוי דופן לשבת הוי דופן לסוכה, דהא כיון דבשאר הימים אינו ראוי, אם כן איך יוצא הא אינו סוכה הראויה לשבעה, וראיתי בהגהת רש"ש דתירץ דכיון דהסוכה פסולה ומתכשרא על ידי מיגו, שוב אמרינן מיגו גם על זה, דאינו ראויה לשבעה ומיגו דהוי דופן לענין שבת גם בכהאי גונא, הוא הדין דהוי דופן לסוכה, יעו"ש. ובאמת דאדוני אבי מורי שליט"א דחה דברי רש"ש, דלא שייך מיגו רק אם שניהם הם מסוג אחד, דהיינו דשניהם צריכים לדבר אחד אזי אמרינן מיגו כגון לענין דופן, דשבת בעי דופן וסוכה בעי דופן שפיר, אף דבפני עצמם חלוקים בשיעורם, מכל מקום כשהם כאחת אמרינן מיגו, וכן אלו היה חסרון זה דאינו ראוי לשבעה מצד דאינו דופן שפיר היה שייך מיגו, אבל הרי שפיר הוי דופן, אלא דבסוכה גזירת הכתוב דבעי סוכה הראוי לשבעה וגם בסכל שאינו דופן גם כן דין זה, ובשבת אין צריך ראויות כלל לזה, אם כן מה שייך מיגוי בזה, דמה ענין שבת לסוכה, כיון דראויות לשבעה אינו ענין הצריך כלל לשבת, ולא אמרינן מיגו לבטל כל תנאי סוכה על ידי שהוא שבת, רק במה שהדין שוה בשניהם, עד כאן דברי אאמו"ר שליט"א.**

פירוש: רבי מנחם זעמבא פרעגט זייער שטארק אויף די תירוץ פון די רש"ש און די נצי"ב. די ענין פון מיגו ארבעט אז מען זאגט אז וויבאלד לגבי שבת ווערט די לחי גערעכנט פאר א וואנט, זאגט מען אז הוא הדין לגבי סוכה, וואס לעולם ביי א סוכה דארף מען האבן א טפח פאר א וואנט, אבער שבת שחל בסוכות גייט די מיגו מאכן אז די דין וואס איז דא שבת זאל ארבעטן אויך ביי סוכה, און די לחי גייט ווערן גערעכנט פאר א וואנט פאר די סוכה און די סוכה גייט זיין כשר, מה שאין כן די דין פון 'הראויה לשבעה' איז בכלל נישט קיין דין וואס איז שייך ביי שבת, און אויב אזוי קען נישט קומען קיין מיגו און זאגן אז פונקט ווי שבת דארף מען נישט די דין פון ראויה לשבעה, אזוי אויך דארף מען נישט סוכות שחל בשבת די דין פון ראויה לשבעה, און נאר לגבי 'דין דופן' וואס ביי דעם איז שבת גרינגער פון סוכה ארבעט די מיגו צו מתיר זיין די 'דופן' פון שבת אפילו פאר די 'דופן' פאר סוכות, מה שאין כן 'ראויה לשבעה' איז בכלל נישט קיין 'דין' ביי שבת, און אויב אזוי קען נישט א מיגו מתיר זיין די פסול.

און רבי לייבל זעמבא ברענגט א סמך צו זיין טאטע'ס טענה, פון א **מנחת חינוך** (מצוה שכה אות ט) וואס שרייבט כעין די סברא פון רבי מנחם זעמבא, וזה לשון המנחת חינוך: **ונראה לי ברור בעזהשי"ת לשיטת התוס' סוכה דף ט' דמצוה הבאה בעבירה הוא רק מדרבנן וסוכה גזולה פסולה מטעם לכם, אם גזל הדפנות של הסוכה בשבת של סוכות יוצא בה, כמו סיכך על מבוי שיש לו לחי או על פסי ביראות דמבואר שם בסוגיא דמגו דהוי דופן לשבת הוי דופן לסוכה... חזינן דאף דגזירת הכתוב הוא דזה לא הוי דופן לסוכה, מכל מקום אי אפשר שתתיר לחצאין, וכיון דמתיר לשבת מתיר לסוכה... אאם כן הכא נמי, נהי דהתורה פסלה דופן הגזול והוי ליה כאלו אינו דופן, מכל מקום כאן דלענין שבת הוי רשות היחיד אפילו בדפנות גזולים, הוי דופן לענין סוכה כמו בכל הדפנות שמן התורה אינו דופן בסוכה, מכל מקום בשבת שבתוך החג הוי דופן, אם כן כאן נמי יוצא בה** - פירוש: די מנחת חינוך וויל מחדש זיין, אז לפי **שיטת התוספות** אין מסכת סוכה (ט, א ד"ה ההוא מבעיא ליה) וואס האלט אז די כלל פון 'מצוה הבאה בעבירה' איז נאר א דין מדרבנן, און מדאורייתא איז מען יוצא א מצוה אפילו עס

איז 'באה בעבירה', און די טעם פארוואס א 'סוכה גזולה' איז פסול לפי תוספות איז וויבאלד א סוכה מיז זיין 'לכם', אויב אזוי וועט אויסקומען אז ווען איינער גייט גזל'ן ברעטער פאר א סוכה איז אין הכי נמי גאנץ סוכות גייט די סוכה זיין פסול, אבער שבת סוכות גייט די סוכה זיין כשר, וויבאלד מען גייט זאגן 'מיגו', דהיינו, מיגו די ווענט מאכט אז די סוכה זאל זיין א רשות כשלעצמו לגבי שבת, אזוי אויך הייסן די ווענט א רשות כשלעצמו לגבי סוכה, און די סוכה גייט זיין כשר, מכח מיגו פון שבת.

זאגט אבער די מנחת חינוך: **שוב ראיתי שזה טעות, דבאמת מיגו אמרינן לשוויה דופן אף דלא הוי דופן בשום ענין, כיון דלענין שבת הוי דופן אי אפשר לומר דלענין סוכה לא ליהוי דופן מחמת מיגו, אבל לא אמרינן לשוויה לאיש הזה דופן, דבאמת האי הוי דופן גמור לענין שבת וגם לענין סוכה, דהנגזל יוצא בה, ואם הנגזל מוחל להגזלן גם הוא יוצא בה, ולומר מיגו דהוי דופן לאיש ידוע דהיינו להנגזל יהיה דופן גם להגזלן זה לא מצינו, דלא מצינו מיגו רק לשוויה דופן דבר שאינו דופן, אבל לשוטיה דופן לאיש ידוע שאינו אצלו דופן לא שייך זה זה. אך לכאורה גם זה צריך טעם למה לא אמרינן גם בכהאי גונא, כיון דלהגזלן הוי דופן לענין שבת, הוי אצלו גם כן דופן לענין סוכה. אך הטעם פשוט, דמגו לא אמרינן רק מה שיש חסרון בדפנות, כיון דהתורה אגמריה דין דפנות בסוכה, ובשבת אמרינן המיגו, אבל מה שהחסרון אינו בדפנות לבד אלא גם בהסכך וגם בהקרקע של סוכה לא שייך מיגו, וכי אם יש איזה פסול בסכך יאמרו מיגו דהוי רשות היחיד לשבת, בודאי אינו, כי הפסול אינו מחמת הדפנות, הכי נמי, אף דהפסול עתה מחמת הדפנות מכל מקום לא מחמת הדפנות לבד, רק פסול זה שייך גם בסכך ובקרקע של הסוכה כמו שכתבתי לעיל, לא שייך מיגו בכהאי גונא, נהי דהוי דפנות מכל מקום לא גרע מאם גזל קרקע חבירו או סכך חבירו אף דהוי רשות היחיד לשבת, מכל מקום פסולה בסוכה דלא שייך מיגו, כי הפסול אינו מחמת הדופן, הכי נמי אף דהפסול בדופן מכל מקום כיון דהאי אינו מחמת דופן דלנגזל עצמו ראוי, אם כן לא שייך מיגו כהאי גונא, וזה פשוט מאוד.**

פירוש: די מנחת חינוך ציעט צוריק פון זיין חידוש, מכח די זעלבע נקודה פון רבי מנחם זעמבא, אז די כלל פון מיגו זאגט מען דייקא ווען די 'דופן' הייסט נישט קיין דופן ביי סוכה, אבער לגבי שבת יא, דעמאלטס זאגט מען אז די מיגו מאכט אז איינמאל די דופן איז א דופן לגבי שבת איז עס אויך א דופן לגבי סוכה, מה שאין כן די פסול 'גזל', האט נישט קיין שייכות מיט די דופן פון שבת, נאר עס איז א זייטיגע פסול וואס איז נאר דא ביי די מצוה פון סוכה, און אויף אזא פאל זאגט מען נישט מיגו. ודו"ק.

## תירוצו של 'חכם אחד' המובא בבנין שלמה

די גרויסע גאון **רבי שלמה כהן פון ווילנא זצ"ל** אין זיין ספר שו"ת **בנין שלמה** (חלק א, סימן מו) ברענגט אראפ א חידוש פון א תירוץ אויף די קשיא בשם 'חכם אחד', וזה לשונו: **מה שרצה לתרץ חכם אחד דהא דפסול סוכה שאינה ראויה לשבעה היינו אם לא תהא ראויה לישב בה מכאן ולהבא, אבל אם נעשה בחול המועד ערב יום השביעי שחל בשבת שראויה הסוכה למחר לא איכפת לן מה שלא היתה ראויה לשבעה אם היה עושה אותה מקודם, ואם כן יש לומר דרבא מיירי ביום שביעי של חג שחל בשבת, ועשה אותה קודם בין השמשות, ובכהאי גונא לא איכפת לן מה שאין הסוכה ראויה לשבעה, כן רצה לתרץ חכם אחד** - פירוש: דער חכם אחד ענטפערט אויף די קשיא, אז די גאנצע דין אז מען דארף א 'סוכה הראויה לשבעה', איז דוקא געזאגט געווארן 'מכאן ולהבא', דהיינו ווען איינער בויעט א סוכה פאר סוכות, אדער אפילו אין סוכות און ער האט נאך אפאר טעג פון סוכות פאר זיך, דארף די סוכה זיין געבויעט אויף אזא אופן אז עס זאל זיין 'ראויה לשבעה', מה שאין כן אין א פאל וואס די זיבעטע טאג גייט געפאלן אין שבת, און א מענטש גייט בויען א סוכה ערב שבת של שביעי של סוכות, וואס די סוכה גייט נאר זיין כשר אין שבת, דעמאלטס גייט מיך נישט אן אז די סוכה איז נישט ראוי פאר די אנדערע טעג פון סוכות, וויבאלד מען האלט יעצט ביי די לעצטע טאג פון סוכות, און פאר די לעצטע טאג איז עס כשר. לפי די חידוש זאגט דער חכם אחד, אז רבא וואס איז מתיר א סוכה וואס איז כשר נאר שבת של סוכות, וועט רעדן אויף א אופן וואס די זיבעטע טאג סוכות געפאלט אין שבת, און אויף אזא אופן גייט נישט אן די דין פון 'ראויה לשבעה', ווייל די דין פון 'ראויה לשבעה' גייט אן נאר אויף 'מכאן ולהבא', און וויבאלד מען האלט יעצט ביי די לעצטע טאג פון סוכות, איז די סוכה כשר אפילו לעולם סתם אזוי אין סוכות איז אזא סארט סוכה נישט כשר.

## ג' קשיות של בנין שלמה על תירוצו של החכם אחד

די בנין שלמה ברענגט די תירוץ אבער ער פרעגט דריי קשיות אויף די תירוץ.

**קשיא א - אבל... תירוץ זה לא נהלם לי כלל, דמלבד שדוחק גדול אמר דרבא אינו מכשיר רק בכהאי גונא דהא רבא סתמא אמר דכשר לשבת שבתוך החג ולא חילק** - פירוש: עס איז א גרויסע דוחק צו זאגן אז רבא איז מתיר אזא סארט סוכה דוקא אויף א אופן וואס די זיבעטע טאג געפאלט אין שבת, בפשטות איז משמע אז רבא איז 'לעולם' מתיר אזא סארט סוכה. [עי' גם בישועות יעקב (עי' לקמן) שכתב כן, וזה לשונו: ולומר דכאן איירי שיום השביעי חל בשבת זה דחוק מאד, דעד האידנא איך קיים מצות סוכה, ובפרט... דסתמא דמילתא איירי כאן בעשה הסוכה בערב יום טוב].

**קשיא ב - וגם הא אמרינן בריש פרק לולב וערבה ולא איקלע כלל יום שביעי של ערבה בשבת, ולענין מאי הוצרך רבא לאשמעינן דין כיון שאינו במציאות כלל** - פירוש: די גמרא זאגט אין מסכת סוכה אין **פרק לולב וערבה** (מג, ב) אז 'לא איקלע' דהיינו די בית דין אין ארץ ישראל האט אייביג זיכער געמאכט אז די זיבעטע טאג פון סוכות זאל קיינמאל נישט געפאלן אין שבת [כדי מען זאל נישט האבן די פראבלעם פון 'ערבה אין שבת', עיי"ש], און אויב אזוי איז זייער שווער צו זאגן אז רבא האט געזאגט זיין הלכה אויף א אופן וואס היינטיגע צייטן קען זיך סייווי נישט מאכן.

**קשיא ג - ואכן גם עיקר הסברא לא נהירא כלל דמה בכך שעשה אותה בסוף החג, מכל מקום הא בעינן שיהא הסוכה בעצמותה תהא ראויה לשבעה. והרי אם היה עושה אותה מתחילת החג לא היתה ראויה לשבעה** - פירוש: די בנין שלמה פרעגט אויף די 'עצם הסברא' פון די חכם אחד, און שרייבט א 'לא נהירא כלל'. די חכם אחד האט מחדש

געוועהן אז די דין פון 'סוכה הראויה לשבעה' איז נישט קיין דין אין די 'עצם הסוכה' נאר עס איז א א 'דין במציאות', דהיינו די סוכה וואס די בויעסט דארף זיין ראוי צו ניצן אלע זיבן טעג, און וועגן דעם איז ער מחדש אז ברגע מען האלט ביי די לעצטע טאג, און די סוכה גייט נאר זיין כשר פאר די לעצטע טאג, דהיינו אזא סארט סוכה פון רבא וואס נאר שבת איז עס כשר, איז די סוכה כשר אפילו מדין סוכה. שרייבט אבער די בנין שלמה, אז די עצם סברא איז לכאורה נישט אמת, ווייל די דין פון 'סוכה הראויה לשבעה' איז א דין 'בהסוכה בעצמותה', דהיינו די עצם הסוכה מיז זיין אזא סארט סוכה וואס איז 'ראויה לשבעה', און אפילו מען האלט שוין די לעצטע טאג פון סוכות, אבער מכל מקום איז די סוכה אזא סארט סוכה וואס איז נישט ראויה לשבעה, איז די סוכה נישט כשר. [ובעצם יש אריכות בדברי האחרונים בזה, אם הדין של 'סוכה הראויה לשבעה הוא דין 'בעצמותה של סוכה' או לא, ואמכ"ל בזה].

## תירוצו של הבנין שלמה

די בנין שלמה דארט אין זיין תשובה נאכן ברענגן די תירוץ פון די חכם אחד שרייבט ענטפערט א תירוץ, און ער שרייבט אז די תירוץ איז אזוי פשוט אז די גאנצע קשיא הייבט זיך בכלל נישט אן, וזה לשונו: **ואכן ליישב דעת כל הפוסקים ז"ל שאין מכשירין רק לשבת שבתוך החג מקושיא הנ"ל, נראה לי בלאו הכי אין מקום לקושיא זו, דנראה לי דסוכה שאינה ראויה לשבעה מיקרי שאין יכול ליכנס בה כל ימות החג, כגון אם עשה הסוכה על גב בהמה או שעשה אותה עראי כל כך שידוע שתיפול בתוך החג, וכהאי גונא פסולה משום דאפילו דירת עראי לא מיקריא, דלכל הפחות בעינן שיהא יכול לדור בה שבעה ימים. אבל בסיכך על גב מבוי שיש לו לחי, דהסוכה בעצמה ראויה לשבעה רק שאינה כשרה לשבעה, וזה לא אמרו חכמים כלל, דלא אמרו רק סוכה שאינה ראויה לשבעה פסולה, אבל סוכה שאינה כשרה לשבעה לא אמרו כלל** - פירוש: די בנין שלמה לייגט אראפ א יסוד אז די דין פון 'סוכה הראויה לשבעה' איז דוקא ווען די סוכה איז אזא סארט סוכה וואס מען קען נישט אריין גיין אין דעם אין סוכות בגשמיות, דהיינו, ווען די סוכה איז זייער שוואך אז בדרך הטבע גייט עס זיך נישט האלטן פאר זיבן טעג, אדער אויף א אופן וואס מען מאכט א סוכה אויף אויף א בהמה, וואס מען גייט נישט קענען 'במציאות' אריין גיין אין די סוכה אין יום טוב אין שבת, ווייל מען מעג נישט ארויף גיין אויף א בהמה, דעמאלטס גייט אן די דין פון 'סוכה הראויה לשבעה', ווייל במציאות קען מען זיך נישט באנוצען מיט די סוכה אלע זיבן טעג, מה שאין כן ביי די מבוי שיש בו לחי, וואס די גאנצע פסול איז נאר א 'הלכה'דיגע פראבלעם', ביי אזא פאל האבן די חכמים בכלל נישט געפאדערט אז די סוכה דארף זיין 'סוכה הראויה לשבעה', דהיינו די חכמים האבן נישט געפאדערט אז די סוכה מיז זיין 'כשר' אלע זיבן טעג, נאר זיין האבן געפאדערט אז מען זאל במציאות קענען אריין גיין אין די סוכה אלע זיבן טעג. און די בנין שלמה איז מסיים דעם תירוץ: וזה נראה לי פשוט ואינו לפנים ובחינם הרעישו העולם!

## תירוצו של הישועות יעקב

דער גרויסע גאון און חריף נורא ופוסק הדור **רבי יעקב משולם אורנשטיין זצ"ל** אין זיין ספר **ישועות יעקב** (סימן תר"ל סק"א) ענטפערט א שארפע תירוץ אויף די קשיא, וזה לשונו: **והנה זה לי זמן רב אמרתי דלכאורה קשה מה דמבואר בש"ס דדוקא ביום השבת חשוב הלחי כמו מחיצה שלישית, לא בשאר ימי החג, אם כן קשה הא בעינן סוכה הראוי לשבעה כיון דתיכף אחר שיעבור יום השבת הסוכה הזאת פסולה לפי שאין לה שלש דפנות, דאחר זה לא שייך מיגו? ובימי ילדותי הייתי רגיל לפרש דאיירי כאן באמת דיש עוד דופן שלישי לסוכה זו אלא שהוא אילן באופן שאין עולין לה ביום טוב, ואם כן הוי סוכה שאינה ראוי לשבעה משום שבת ויום טוב שבתוך החג, אבל כיון דבשבת ויום טוב אמרינן מיגו דהוי דופן לענין שבת הוי דופן לענין סוכה אם כן מהני הלחי לשוויה מחיצה, ובשאר ימי החג דהיינו בחול המועד שאינו של שבת הוי האילן דופן לכך הוי כל הדפנות כהלכתן ראוים לימי החג דהיינו לכל שבעת ימים של החג. כנלע"ד ברור** - פירוש: די ישועות יעקב איז מחדש און איין שטיקל פריער שרייבט (וכן כתב בשו"ת עמודי אור סימן לה וע' בקבא דקשייתא קשיא פט להגאון האדיר החלקת יואב; אבל ע' בשו"ת אגרות משה אורח חיים חלק א סימן קעט, ואכמ"ל) אז די מיגו וואס מען זאגט איז נישט נאר אין 'שבת' סוכות, נאר אזוי אויך אין 'יום טוב' סוכות, דהיינו יום טוב איז דאך אויך דא די איסור פון הוצאה שלא לצורך, און אויב אזוי זאגט מען אויך ביי די ערשטע טאג יום טוב סוכות, ווען איינער האט א סוכה פון צוויי ווענט און די דריטע איז א לחי צו מתיר זיין הוצאה ביום טוב, זאגט מען מיגו דהוי דופן לענין יום טוב הוי דופן לענין סוכה. לפי זה זאגט די ישועות יעקב אז 'בימי ילדותו', האט ער פארענטפערט די קשיא, אז די גמרא אין מסכת סוכה רעדט ווען איינער האט צווי נארמאלע ווענט, און די דריטע וואנט איז געוועהן געמאכט פון א 'אילן', און די פערדע וואנט איז א לחי, יעצט, די הלכה איז (כמבואר במשנה סוכה דף כב, ב) אז ווען די וואנט פון א סוכה איז געמאכט דורך אילנות, איז די סוכה כשר נאר חול המועד און נישט יום טוב ושבת, און די טעם איז ווייל עס איז דא איסור דרבנן זיך צו משתמש זיין מיט א אילן בשבת ויום טוב, איז לפי זה זאגט די ישועות יעקב, דא רעדט מען ווען איינער פון די ווענט איז געמאכט דורך א בוים, וואס יום טוב און שבת, רעכנט מען נישט די בוים פאר א וואנט, און נאר די 'לחי' רעכנט מען פאר א וואנט מכח די 'מיגו', און די אנדערע טעג, דהיינו חול המועד איז די סוכה כשר ווייל א 'אילן' איז כשר פאר א וואנט בימי חול המועד, און אויב אזוי איז די סוכה א סוכה 'ראויה לשבעה'. יום טוב און שבת, מכח די מיגו, און חול המועד מכח די 'אילן'. הפלא ופלא!

להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com

# אוצר המועדים

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו



## סוכות

**ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר וגו׳:**

דער מדרש פרעגט אויף דעם פסוק **וכי ראשון היא והלא ט"ו היא, אלא ראשון לחשבון עונות**, עס איז דער ערשטער טאג וואס מען רעכנט די עבירות. דארף מען פארשטיין וואס האט סוכות מיט "חשבון עונות" און וואס פארא עבירות רעכנט מען אין סוכות?

ענטפערט דער הייליגער **קדושת לוי זי"ע**, לויט דעם וואס די גמרא זאגט אין מס׳ יומא (דף פ"ו ע"ב) אז ווען מען טוט תשובה מיראה ווערן פון די זינד וואס מען האט געטון במזיד א שוגג, און ווען מען טוט תשובה מאהבה ווערט פון יעדע עבירה וואס מ'האט געטון במזיד א מצוה.

קומט אויס פון די גמרא אז ביי תשובה מיראה, פארדינט מען גארנישט פון די עבירות, און עס לוינט זיך נישט איבערצורעכענען די עבירות, ווייל א שוגג איז נאך אויך אן עבירה. אבער ביי תשובה מאהבה פארדינט מען גאר פון יעדע געוועזענע עבירה וואס ווערט איבערגעדרייט פאר א מצוה, מילא לוינט זיך צו ציילן און צו רעכענען יעדע עבירה.

אין די ימים נוראים **ראש השנה** און **יום כיפור** טוען אידישע קינדער תשובה מיראה, מען האט מורא פארן יום הדין, מילא ווערן די עבירות שגגות. ווען עס קומט אבער **סוכות** טוט מען **תשובה** מאהבה, ווייל מען טוט מצות סוכה, **לולב**, **ד׳ מינים**, **צדקה**, און מען דינט דעם אייבערשטן בשמחה ובטוב לבֿ, און דאן ווערט פון יעדע געוועזענע עבירה א מצוה, לוינט דעמאלטס צו מאכן א חשבון און רעכענען די 'געוועזענע' עבירות.

דאס איז די פשט אינעם מדרש **וכי ראשון הוא**, עס איז דאך דער פופצענטער טאג אין תשרי, נאר דאס איז דער ערשטער טאג וואס מען רעכנט די זינד, ווייל יעצט סוכות ווען מען טוט תשובה מאהבה ווערט פון יעדע עבירה א מצוה.

דער הייליגער **בני יששכר** (מאמר י׳ אות ד׳) ברענגט בשם **הרה"ק ר׳ פנחס קאריצער זי"ע** א רמז אז **סוכה** איז ר"ת **סומך ועוזר כל הנופלים**, אז דער אייבערשטער העלפט די אלע וואס האלטן זיך קליין בשפלות רוח.

**למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל:**

עס איז באקאנט די קשיא וואס דער **חיד"א ז"ל** פרעגט פארוואס דוקא אויפן נס פון **ענני הכבוד** מאכט מען א זכר מצות סוכה, און די אנדערע נסים וואס זענען געווען אין מדבר, ווי מן, באר, מאכט מען בכלל נישט קיין זכר?

דער **בני יששכר** ברענגט א תירוץ אז חז"ל זאגן אז אינעם מן

## ענינים וטעמים

**צדקה ערב סוכות**

ערב סוכות איז א גרויסע סגולה צו געבן אסאך צדקה, אלץ א הכנה צו קענען אריין גיין אין די הייליגע סוכה. די סגולה פון מצות צדקה איז, אז מען איז זוכה צו זיין באשיצט פון השי"ת אליין, אזוי ווי מצות סוכה וואס איז די שאָטן פון השי"ת (בני יששכר מאמר י׳ אות כ"ד). צדיקים האבן גערופן די מצות צדקה ערב סוכות "די נוי סוכה", ווייל מיט דעם באשיינען זיי די מצות סוכה.

**לישב בסוכה**

די מצוה פון זיצן אין סוכה 7 טעג, איז א זכר אז השי"ת האט געפירט די אידן אין 7 וואלקענעס "עֲנַנֵי כָּבוֹד", ווען זיי זענען ארויס פון מצרים, (4 וואלקענעס זענען געווען אויף די 4 זייטן ווי א שטוב, איינס פון אויבן ווי סכך און איינס אויף דער ערד. און איין וואלקן איז געגאנגען פאראויס און אויסגעגראדט די בערג און אומגעברענגט אלע חיות).

גלייכצייטיג, דארף מען אויך אינזינען האבן ווען מען עסט אין די סוכה גוטע מאכלים אז דאס איז א זֵכֶר צום "מָן" וואס מען האט געשפירט דערין אלע טעמים, און מיטן טרינקן גוטע געטראנקען אז דאס איז א זֵכֶר צום "בְּאֵר" (די ברין) וואס די אידן האבן געהאט אין מדבר (בני יששכר מאמר י׳ אות י"ג, ועיי"ש מאות י"ד עד ח"י).

אלע מצוות פון די תורה טוט מען נאר מיט א טייל פונעם קערפער. ווי למשל: תורה און תפלה איז מיטן מויל, מעשי המצוות איז מיט די האנט, א.א.וו. אנדערש איז אבער מצות סוכה, וואס איז די איינציגסטע מצוה וואס מען טוט מיטן גאנצן גוף. צדיקים האבן זיך אויסגעדריקט: "מען גייט אריין אין די סוכה מיט די שטיוול", דאס מיינט אז דער גאנצער מגושם'דיגער מענטש גייט אריין אין די קדושת הסוכה.

יעדע רגע וואס מען זיצט אין די סוכה איז מען מקיים א מצות עשה

האט מען געקענט שפירן א טעם פון אלע מאכלים וואס מען האט נאר געוואלט, און אין די וואסער פונעם באר האט מען געשפירט א טעם פון אלע משקאות וואס מען האט געוואלט.

דעריבער ווען אידן גייען אריין אין די סוכה, און מען עסט און מען טרינקט לכבוד יו"ט, האט מען מיט דעם געמאכט דעם זכר צו אלע דריי נסים.

נאך א תירוץ ענטפערט דער **בני יששכר**, אז ברויט און וואסער איז א זאך וואס דער אייבערשטער שפייזט אלע זיינע באשעפענישן, ווייל דאס איז דאך נויטיג צום לעבן פון א מענטש, דעריבער איז נישט שייך צו מאכן א זכר אויף א נס צו א זאך וואס קומט נאטורליך צו געבן. משא"כ די ענני הכבוד וואס דאס קומט נישט מן הדין צו געבן דעריבער מאכט מען די סוכה אלס זכר צו דעם נס.

**למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים:**

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האט די תורה הקדושה באפוילן צו מאכן סוכות וואס איז א זכר צו די ענני הכבוד, דוקא אין חודש תשרי, דער נס פון יציאת מצרים איז דאך געווען אין חודש ניסן, און דעמאלטס האבן די אידן אנגעהויבן צו ווערן באשיצט דורך די ענני הכבוד, וואלט מען דאך אום פסח געדארפט מאכן דעם זכר צו די ענני הכבוד?

ענטפערט דער **ווילנער גאון זצ"ל** אז ווען די אידישע קינדער האבן געמאכט די עגל זענען די ענני הכבוד אוועקגעגאנגען, און זיי האבן מער נישט ארומגענומען די אידן ביז ווען מען האט אנגעהויבן אויפצושטעלן דעם משכן, וואס דעמאלטס זענען זיי צוריק געקומען. משה רבינו איז דאך געווען אין הימל פונעם חטא העגל ביז יום כיפור, און **ממחרת יום הכיפורים** האט ער צוזאמענגענומען די אידן און ער האט זיי אנגעזאגט אויף די מצוה פון אויפשטעלן דעם משכן, און עס שטייט אין פסוק (שמות ל"ו) והם הביאו עוד נדבה בבקר בבקר, וואס דאס איז נאך צוויי טאג י"ב און י"ג תשרי וואס דעמאלטס האבן די אידישע קינדער געברענגט נדבות פארן משכן, אום י"ד תשרי האבן די חכמי לב איבערגענומען די נדבות פון כלל ישראל, און אינעם פופצענטן טאג אין תשרי האט מען אנגעהויבן אויפצובויען דעם משכן.

קומט אויס אז ט"ו תשרי זענען צוריקגעקומען די ענני הכבוד, און דאס איז די סיבה פארוואס דוקא בו ביום האט די תורה געהייסן מאכן סוכות זכר לענני הכבוד.

**במסורה ג', כי בסוכות הושבתי, כי ברחוב נלין, כי נר מצוה ותורה אור:**

דער **חיד"א** ז"ל איז מסביר די מסורה אז עס זענען דא דריי מצוות וואס די הלכה איז אז זיי זענען כשר ביי 10 טפחים, און העכער צוואנציג אמות זענען זיי פסול.

די דריי מצוות זענען **נר חנוכה, עירובין, סוכה. וסימנך י.כ.ל.מ.נ.ס.ע.פ.** וואס דאס איז ראשי תיבות **י' כ'שר ל'מעלה מ'עשרים נ'ר ס'וכה ע'ירוב פ'סול.**

דאס איז דער פשט אין די מסורה, ג' כי וואס כ"י איז ר"ת י' כשר, כ' אמות י' טפחים, וואס קומט מרמז זיין אויף די דריי מצות כי בסוכות הושבתי, איז מרמז אויף מצות סוכה, כי ברחוב נלין, איז מרמז אויף מצות עירוב, כי נר מצוה איז מרמז אויף נר חנוכה, ביי די דריי מצות איז די הלכה אז י' כשר למעלה מעשרים פסול.

## ענינים וטעמים

דאורייתא פון בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים, דעריבער דאַרף מען אכטונג געבן זיך צו געפינען אין די סוכה די גאנצע זיבן טעג ווען עס איז נאר מעגליך, און נישט ארויס גיין פון די סוכה נאר ווען עס איז זייער וויכטיג—(יסוד ושורש העבודה שער האיתון פי"ב, החיד"א בשמחת הרגל על רות בלימוד א' לסוכות).

אין די סוכה דארף מען זיך אויפפירן מיט גרויס דרך ארץ, ווייל די סוכה ווערט אנגערופן "צלא דמהימנותא" (דער שאטן פון אמונת השי"ת) און אז די שכינה רוהט דארט דארף מען זיך שיין אויפפירן, כדי די שכינה זאל נישט וועלן אוועקגיין. ספעציעל בשעת די סעודה, אויב מען פירט זיך נישט אויף געהעריג אדער מען קריגט זיך ח"ו פארלירט די סוכה איר קדושה ח"ו.

דאס זעלבע איז מיט די אושפיזא, יעדן טאג סוכות פאר די סעודה זאגט מען "אזמין לסעודתי אושפיזין עילאין", מען לאדענט איין אינעם פון די זיבן אושפיזין (אושפיזין איז טייטש געסט, דאס זענען: אברהם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, יוסף, דוד) אריין צו קומען אין די סוכה. צדיקים פלעגן אנגרייטן א באזונדערע שטול פאר די אושפיזא. איז אודאי פארשטענדליך אז מען דארף זיך אויפפירן אין די סוכה מיט גרויס דרך ארץ כדי די הייליגע אושפיזין זאלן וועלן פארבלייבן אין די סוכה.

**ד' מינים**

אינעם יו"ט סוכות איז דא נאך א ספעציעלע מצוה פון "ד' מינים". אז יעדן אינדערפרי פונעם יו"ט סוכות דארף מען נעמען די "ד' מינים", דעם לולב וואס האט ביי די צוויי זייטן 3 הדסים און 2 ערבות, מיטן אתרוג, און מען זאגט דעם "לשם יחוד" מיט כוונה, נאכדעם מאכט מען ערליך די ברכה (בשעת די ברכה דארף דער אתרוג זיין איבערגעדרייט אדער נאר אפגעטיילט פונעם לולב), דערנאך שטעלט מען צוזאמען דעם לולב מיטן אתרוג און מען שאקעלט דערמיט.

מן התורה איז מען יוצא ווען מען גיט נאר אפילו איין שאקל, אבער מען

**ובחמשה עשר יום לחודש השביעי מקרא קודש יהיה לכם וגו׳ ושעיר עזי״ם אחד חטאת וגו׳, וביום השני וכו׳ ושעיר עזים אחד חטאת וגו׳, וביום הרביעי וגו׳ ושעיר עזים אחד חטאת,**

לכאורה איז א פלא פארוואס ביי יום השלישי, יום החמישי, יום הששי, און יום השביעי, שטייט נישט **ושעיר עזים**, נאר **ושעיר חטאת** אחד, דארף מען פארשטיין דעם טעם.

זאגט **דער ווילנער גאון** ז״ל אז די גמרא זאגט אין מס׳ סוכה (דף נ״ה ע״ב) אז די זיבעציג פרים זענען קעגן די זיבעציג פעלקער. און אין **זוה״ק** שטייט אז דער עיקר פון די זיבעציג אומות איז ישמעאל, און עשו און די אנדערע אומות זענען יונק פון ישמעאל.

אויך שטייט אין **ספרי המקובלים** אז **שעיר עזים** איז ישמעאל, און **שעיר** סתם איז עשו, אזוי שטייט אויך דער נוסח ביי סליחות פון שבעה עשר בתמוז, **והצפיר והשעיר.**

מיט דעם פארשטייט מען שוין זייער גוט דעם דיוק פון דעם לשון פון די פסוקים, ווייל לויט דעם זענען די ע׳ אומות תלוי אין ישמעאל ועשו, קומט אויס אז די העלפט די ערשטע 35 פרים איז געגאנגען פאר ישמעאל, און די אנדערע העלפט פאר עשו. ווייל ישמעאל אלס קינד פון אברהם קומט פאר עשו א קינד פון יצחק.

וועגן דעם ביים ערשטן טאג ווען מ׳האט מקריב געווען דרייצן פרים, און דעם צווייטן טאג וואס מ׳האט מקריב געווען צוועלף פרים, שטייט **שעיר עזים** וואס דאס ווייזט אויף **ישמעאל**. ביים דריטן טאג האט מען מקריב געווען עלף פרים, אבער דאס איז שוין געווען פאר **עשו**, ווייל אויב זאל מען דאס אויך געבן פאר ישמעאל וואלט מען שוין געהאלטן ביי זעקס און דרייסיג, די פערטע טאג איז געווען צען, דאס האט מען געגעבן פאר ישמעאל אזוי האט ער שוין געהאט זיינע 35, און וועגן דעם דוקא ביי די ערשטע צווייטע און פערטע שטייט **ושעיר עזים.**

אבער די עלף פון די דריטע טאג, און די איבריג פון אלע אנדערע טעג זענען שוין געגאנגען פארן חשבון פון עשו, וועגן דעם שטייט ביי דעם נאר **ושעיר חטאת.**

## ענינים וטעמים

פירט זיך צו שאקלן אויף אלע פיר זייטן און ארויף און אראפ (דאס ווערט אנגערופן ״נענועים״).

אינעם סדר ווי אזוי צו שאקלן דעם לולב איז דא א גרויסע פלוגתא צווישן די פוסקים, אבער מיר נעמען אן לויטן מנהג פונעם אר״י הקדוש, צו שאקלען קודם 3 מאל אויף דרום זייט, דערנאך 3 מאל אויף צפון זייט, און נאכדעם אויף מזרח, נאך מזרח הייבט מען אויף די ד׳ מינים און מען שאקעלט 3 מאל אין די הייעך (דאס איז ׳מעלה׳), און מען בייגט זיך אראפ צו שאקלן 3 מאל מטה, און צום לעצט שאקעלט מען אויף מערב זייט.

די ד׳ מינים איז א רמז אויף די פיר סארט אידן פון כלל ישראל.״אֶתְרוֹג״, ווייזט אויף די צדיקים וואס האבן א גוטן טעם (תורה) און א גוטן ריח (מעשים טובים) ״לולב״, ווייזט אויף אידן וואס האבן נאר א טעם (ווייל אויפן לולב בוים וואקסן טייטלן) אבער נישט קיין ריח (נאר תורה נישט מעשים טובים). ״הדס״, ווייזט אויף די וואס האבן נאר א גוטן ריח און נישט קיין טעם (נאר מעשים טובים נישט תורה). ״ערבה״, ווייזט אויף די וואס האבן נישט קיין טעם און נישט קיין ריח (עמי הארצ׳ים). האט השי״ת געהייסן מען זאל צוזאמען בינדן די אלע פיר אינאיינעם, באחדות, דעמאלט וועלן אלע אידן זיין חשוב אין הימל (מדרש תנחומא ויקרא פר׳ אמור). דא רעדט מען נישט פון אזעלכע כופרים ח״ו, מיט וועם מען טאָר נישט האבן קיין שייכות.

די ד׳ מינים האבן געוואלדיגע חשיבות און סגולות אז השי״ת האט געהייסן דוקא צו נעמען די פיר מינים מקיים צו זיין דערמיט מצות השי״ת.

איינע פון די זאכן מיט וואס די ד׳ מינים זענען אנדערש פון אלע פירות איז, אז אלע פירות און וואקסונגען האבן א מלאך וואס מאכט זיי וואקסן, אויסער די פיר מינים וואס זיי זענען אונטער השי״ת אליינס... זיי ווערן אנגערופן ״שרביטו של מלך״, וואס קיינער טאר זיך דערמיט נישט באנוצן נאר די קינדער פונעם קעניג, (בני יששכר מאמר י״א אות א׳). און דאס איז טאקע דער באוויז אז מיר האבן זוכה געווען בדין אין די הייליגע טעג פון ר״ה און יום כיפור, אז מיר טראגן דעם שרביט המלך אין אונזער האנט, (מדרש רבה ויקרא ל׳).

### שמחת בית השואבה

ווען דער ביהמ״ק איז געשטאנען איז די צווייטע נאכט פון יו״ט סוכות, געווען אַ געוואלדיגע שמחה אין ביהמ״ק. דעמאלט האט מען מקיים געווען די מצוה פון ״נִיסוּךְ הַמַּיִם״ (גיסן וואסער אויפן מזבח [עי׳ גמרא סוכה פרק החליל], מיט דעם האט מען איבער געבעטן די וואסער וואס זענען דערווייטערט געווארן פון השי״ת ביי בריאת העולם און נישט געגאנגען העכערן הימל אויבן נאר ים דא אונטן (עי׳ ייטב פנים לר״ה אות מ״א).

מען האט גענומען וואסער און געגאסן פאר השי״ת אויפן מזבח. די גמרא זאגט ״ווער עס האט נישט געזעהן די שמחה אין בית המקדש האט נאך נישט געזעהן קיין ריכטיגע שמחה אין זיין לעבן...״ אלץ זכר צו דעם קומט מען זיך צוזאמען, און מען פריידט זיך ״שמחת בית השואבה״.

וואס איז דער טעם פון אונזער שמחה היינטיגע צייטן ווען מיר זענען אין גלות, אז מיר האבן שוין נישט קיין בית המקדש, נישט קיין מזבח, און נישט קיין ניסוך המים ?

זאגט דער הייליגער דברי חיים אז אונזער שמחה איז אז השי״ת האט אונז מוחל געווען אלע עבירות און מיר זענען באפרייט געווארן פונעם יצר הרע, דעריבער מאכן מיר א שמחה אזוי ווי א ״סעודת הודאה״, ווי איינער וואס איז באפרייט געווארן פון תפיסה—(דברי חיים לסוכות, דף י״ג).

חול המועד איז נישט אזוי ווי שבת ויו״ט מען מעג טוהן א מלאכה, אבער עס איז נישט אינגאנצן ווי אינדערוואכן. עס זענען דא ספעציעלע הלכות, וואס מען מעג יא טוהן און וואס נישט, מען מוז זיין געווארנט צו פרעגן א מורה הוראה.

# אוצר רבותינו

ווען מרן רבינו אלעזר ניסן ט"ב זצ"ל (דער זוהן פונעם ישמח משה און טאטע פון ייטב לב זי"ע) איז נאך געווען א קליין אינגל פון אכט יאהר אלט, איז ער איינמאל געזעסן אין די סוכה די ערשטע נאכט סוכות אושפיזא דאברהם, נעבן זיין גרויסן טאטן, דער הייליגער ישמח משה זי"ע. אינאיינעם מיט זיין שוואגער דער "אריה דבי עילאה" (רבי ארי' לייבוש ליפשיץ פון בריגל).

אינמיטן די סעודה איז דער קליינער אלעזר ניסן איינגעשלאפן. ווען ער האט זיך אויפגעכאפט האט ער געפרעגט זיין שוואגער "ווער האט דא אויפגעשריבן אויף די "נוי סוכה" מיט שיינע גאלדענע אותיות מגן אברהם?.."

פרעגט אים דער ארי' דבי עילאה צוריק: "וואו שטייט די ווערטער מגן אברהם?"

"דא!" - האט דאס אינגל געוויזן מיטן פינגער - "זעהעסט דען נישט?"

דער ארי' דבי עילאה האט נישט געזעהן, און דער ישמח משה איז געזעסן די גאנצע צייט און געשוויגן (תהלה למשה דף ו').

* * *

אן ענליכע מעשה האט פאסירט ביי זיין זוהן דער הייליגער ייטב לב זי"ע אין זיינע יונגע יארן ווען ער איז געווען ביי זיין גרויסן זיידן, דער הייליגער ישמח משה זי"ע, אין שטוב.

איינמאל סוכות ביינאכט, ווען דער ייטב לב איז אהיים געקומען מיטן ישמח משה און איז אריין אין די סוכה, האט דער ייטב לב געפרעגט דעם זיידן: "ווער זענען די אלע חשוב'ע אידן וואס איך זעה דא?"

"דאס זענען די אבות הקדושים און די אושפיזין..."

דערנאך האט דער ישמח משה געזאגט:"זאלסט וויסן, אויב דו וואלסט נישט דערציילט וואס דו זעהסט, וואלסטו צוגעקומען צו אסאך גרעסערע מדריגות..."

ווען דער ייטב לב פלעגט איבער דערציילן די מעשה האט ער אויסגעפירט מיט א קרעכץ:"הלואי וואלט איך נישט דערציילט, דאן וואלט איך געווען מער ווי וואס איך בין איצט..." (צדיק כתמר יפרח).

דער צדיק רבי אליעזר מאזיפאלע זצ"ל דער זוהן פון הרה"ק ר' יודא צבי מסטרעטין זי"ע, פלעגט יעדן סוכות דערציילן די פאלגענדע מעשה:

אמאל איז געווען א חסיד וואס האט געשפירט א געוואלדיגן חיות פון מצות סוכה. יעדעס יאר ווען עס איז דורך דער יו"ט סוכות האט ער נישט געוואלט ארויס גיין פון די סוכה וויל ער האט געהאט א גרויס השתוקקות צו די מצוה. ער איז געבליבן זיצן אין די סוכה וואכן לאנג ביז עס איז געווארן ווינטער און עס

# אוצר הידיעות

**וואס מאכט מען פריער א "שהחיינו" אדער א "לישב בסוכה"?**

ווען מיר קומען אריין דעם ערשטן טאג יו"ט אין די סוכה מאכט מען קידוש, באלד נאך קידוש מאכט מען נאך צוויי ברכות, א "לישב בסוכה" ספעציעל פאר די מצוה פון סוכה, און א "שהחיינו" אזוי ווי יעדן יו"ט, וואס גייט ארויף סיי אויפן יו"ט און סיי אויף מצות סוכה.

דעם צווייטן טאג יו"ט איז שוין א גאנצער מדובר אין די פוסקים, וועלכע ברכה מען מאכט פריער, צי "לישב בסוכה" צי א "שהחיינו".

אין שו"ע (סי' תרס"א ס"א) שטייט "בליל יו"ט שני אומר קידוש וזמן (שהחיינו) אחריו מיד, ואחר כך ברכת סוכה", און דער רמ"א (וואס מיר פסק'ענען לויט אים) לייגט צו אז דאס איז שיטת הרא"ש "וכן ראוי לנהוג" אזוי זאל מען טאקע טון זאגן קודם שהחיינו און נאכדעם "לישב בסוכה".

דער טורי זהב איז מסביר פארוואס זאגט מען טאקע פריער "שהחיינו", ווייל דער "שהחיינו" גייט נאר ארויף אויפן קידוש און נישט אויף די "סוכה".

פארוואס?

דער טעם פונעם רא"ש איז ווייל באמת עפ"י הלכה קען מען מאכן דעם "שהחיינו" אויף די סוכה אפילו אינדערוואכן, ווי נאר מען ענדיגט בויען די סוכה. נאר וויבאלד מען מאכט אין יו"ט סיי ווי א "שהחיינו" אויפן יו"ט זאגט מען שוין פאר ביידע אויפאיינמאל אין יו"ט.

זאגט ער אזוי, מיר האלטן דאך צוויי טעג יו"ט אלס ספיקא דיומא, ווייל עס קען זיין אז דער ערשטער טאג יו"ט איז חול, מילא האט מען נישט יוצא געווען מיט די נעכטיגע ברכה, דארף מען דאס איבערזאגן דעם צווייטן טאג. דאס איז געזאגט געווארן לגבי דעם "שהחיינו" פון יו"ט, וואס אויב איז באמת דעם ערשטן טאג חול האט מען נישט יוצא געווען מיט די ברכה, משא"כ דער "שהחיינו" פון די סוכה, האט מען דאך יוצא געווען אפילו אויב נעכטן איז געווען חול, ווייל מען מעג דאך סייווי מאכן די ברכה אינדערוואכן, וועגן דעם דעם צווייטן טאג גייט דער "שהחיינו" נישט ארויף אויף די סוכה, מילא זאגט מען דאס גלייך נאך קידוש כדי עס זאל נישט זיין קיין הפסק צווישן דעם קידוש פון יו"ט מיט איר "שהחיינו".

דער מגן אברהם ברענגט א אינטערעסאנטן של"ה הק' וואס זאגט "מי שעושה ב' ימים יום כיפור יברך סוכה ואחר כך זמן", ווער עס פאסט צוויי טעג יום כיפור זאל יא מאכן קודם א לישב בסוכה און נאכדעם שהחיינו.

די ווערטער פון של"ה הק' זענען זייער אינטערעסאנט און שווער צו פארשטיין, ווייל וואס האבן די צוויי ברכות פון

איז געפאלן א גרויסער שניי, אז ער האט געמוזט ארויס גיין דערפון.

פון ווען ער איז ארויס פון די סוכה האט ער געהאָפט און געוואַרט א גאנץ יאהר עס זאל שוין נאכאמאל קומען דער יו"ט סוכות, ער זאל שוין קענען צוריק גיין אין די סוכה.

איין יאר ווען עס איז אנגעקומען דער יו"ט סוכות איז דער חסיד אריין אין די סוכה מיט א געוואלדיגע ליבשאַפט, און האט געשוואוירן אז ער וועט מער נישט ארויס גיין פון די סוכה, אפילו עס וועט זיין גאָר קאַלט, ער איז גרייט אפילו אויף מסירת נפש.

אזוי איז טאקע געווען, נאך סוכות איז דער חסיד נישט ארויס פון די סוכה אזוי ווי ער האט געשוואוירן, און איז געבליבן אין די סוכה גאנצעטע וואכן.

ווען עס איז געווארן שטארק קאלט, אז עס איז שוין נישט געווען מעגליך אויסצוהאלטן, האט השי"ת רחמנות געהאט אויף דעם חסיד, און עס איז געקומען א וואלקן וואס האט אים אויפגעהויבן אינאיינעם מיט זיין סוכה און אים געטראגן אויף אַן אנדערן לאנד, וואו עס איז ווארעם א גאנץ יאהר...

ווען דער צדיק רבי אליעזר האט געענדיגט דערציילן די מעשה, האט ער צוגעגעבן: "דער חסיד זיצט נאך אלץ אין זיין סוכה און דינט דארט השי"ת. מען האט אים שוין פארשריבן אריין צו גיין אין גן עדן, אבער ער וויל נישט ארויס פון די סוכה אפילו צו גיין אין גן עדן, ווייל זיין גן עדן איז... די סוכה" (דגל מחנה יהודא, אות קט"ו).

*

דער הייליגער דברי חיים פלעגט יעדן ערב סוכות אויסטיילן געוואלדיגע סכומים געלט אויף צדקה.

איין יאר ערב סוכות האט דער דברי חיים געשיקט רופן עטליכע גבירים פון שטאט און האט זיי געזאגט:

ראש השנה איז שוין דורך, יום כיפור איז שוין אויך דורך, אבער איך האב נאך נישט תשובה געטוהן... זאלט איר וויסן אז עס פעהלט מיר א סכום געלט אויף צדקה, און די דאגה דערפון האַלט מיך צוריק פון תשובה טוהן...

**סוכות צוטון מיטן פאסטן צוויי טאג יום כיפור?**

דער מחצית השקל טוט אבער זייער שיין ערקלערן די ווערטער פונעם שלה"ק. ווייל עס איז דא א סברא פונעם ר"ש מאייברא אז מען דארף ביידע טעג מאכן קודם דעם "שהחיינו" נאכן "לישב בסוכה" ווייל דאס צו זאגן אז מ'קען מאכן א "שהחיינו" אויף די סוכה אינדערוואכן איז געזאגט געווארן בשעת ווען מ'מאכט די סוכה, אבער ווען מ'זיצט ביינאכט און מ'האלט בכלל נישט ביים בויען די סוכה קען דער שהחיינו נישט ארויפגיין אויף די סוכה, דעריבער אויב איז דער ערשטער טאג נישט יו"ט האט מען נישט יוצא געווען מיטן "שהחיינו" אויף מצות סוכה.

זאגט דער מחצית השקל, מיר, זענען דאך באמת בקיאין בקביעא דירחא, און מיר וויסן אז דער ערשטער טאג איז דער עיקר יו"ט ווי די גמרא זאגט אין מס' ביצה (דף ד' ע"ב), און מיר האלטן נאר צוויי טעג ווייל "מנהג אבותינו בידינו", מילא ביי אונז רעכנט מען זיך נישט מיט די סברא פונעם ר"ש מאייברא ווייל מיר זענען באמת נישט מסופק, וועגן דעם מאכן מיר דעם ערשטן טאג קודם דעם "לישב בסוכה" און נאכדעם דעם "שהחיינו" וואס זאל ארויפגיין סיי אויף יו"ט סיי אויף סוכה. משא"כ דעם צווייטן טאג וואס מיר האלטן נאר ווייל "מנהג אבותינו בידינו" זאגט מען דעם "שהחיינו" פאר די ברכה לישב בסוכה, ווייל די שהחיינו אויף די סוכה האט מען שוין יוצא געווען נעכטן.

פון וואו זעהן מיר אז מיר זענען באמת בקיאין בקביעא דירחא? דאס זעהן מיר פון דעם וואס יום כיפור האלטן מיר נישט קיין צוויי טעג, און מיר פאסטן נאר איין טאג, ווייל מיר וויסן באמת גענוי ווען יום כיפור איז, האבן חז"ל נישט מטריח געווען צו פאסטן צוויי טאג.

אבער די מענטשן וואס פאסטן יום כיפור צוויי טעג, ווייזן זיי דאך מיט דעם אז זיי זענען באמת מסופק ווען עס איז דער ריכטיגן טאג, לויט זיי איז דער ערשטער טאג גארנישט מער יו"ט ווי דער צווייטער טאג, מילא דארפן זיי ביידע טעג מאכן קודם א "לישב בסוכה" און נאכדעם א "שהחיינו".

די עשירים האבן תיכף זיך צוזאמען געשמועסט, אז יעדער וועט געבן א חלק, און ביז א קורצע צייט האבן זיי אַראָפּ געלייגט אויפן טיש דאס גאַנצע געלט. דער צורה פון הייליגן דברי חיים האט אויפגעשיינט, ער האט זיך באדאנקט פאר די עשירים, און גענומען דאס געלט.

סוכות ביינאכט נאכן דאווענען, איז דער דברי חיים געבליבן שטיין ביי די טיר א קורצע ווילע, פארזינקן אין זיינע הייליגע מחשבות. דאן האט ער זיך אנגערופן:

"ווי אזוי קען איך אריין גיין אין די סוכה? עס איז דאך אריבער ראש השנה און יום כיפור און איך האב נישט תשובה געטוהן ווי מען דארף. אבער דוד המלך זאגט שוין אני בצדק אחזה פניך (מיט גערעכטיגקייט וועל איך זעהן דיין פנים) "בּצֶדֶק" מיינט מיט די מצוה פון "צְדָקָה". מיטן כח פון צדקה קען מען אריין גיין אין די סוכה דאן איז דער דברי חיים אריין אין די סוכה (דברי חיים)..

מללו מ



# די זיבן אושפיזין
## ביי די חתונה

די זיבן אושפיזין ביי די חתונה

א שטילער טאג איז יענער טאג געווען אין דער גאסטהויז פון ר' ברוך ווען פלוצלינג האט זיך געהערט א קלאפ אויפ'ן טיר.

אין איילעניש איז ר' ברוך געקומען צו לויפן.

א פחד איז אים באפאלן זעענדיג אז ביים שוועל שטייט נישט קיין צווייטער ווי דער הייליגער בעל שם טוב הק'.

"שלום עליכם הייליגער רבי."

"עליכם שלום."

אויפ'ן ארט האט ר' ברוך צוגעשטעלט די שענסטע צימער פאר'ן רבי'ן אבער עס האט נישט געדויערט לאנג און דער הייליגער בעל שם טוב הק' האט געלאזט רופן ר' ברוך.

"איך וויל אז דו זאלסט אהערשטעלן א שיינע סעודה, היינט ביינאכט גייט דא פארקומען א חתונה!"

"א חתונה?" האט ר' ברוך איבערגעפרעגט נישט פארשטייענדיג וואו אהין דער רבי צילט.

אבער אויפ'ן הייליגן בעשטה"ק פרעגט מען נישט קיין קשיות.

"צי איז דא עפעס געסט ביי דיר אין די אכסניא?"

"ווייניג."

"ווער איז יא דא?" האט דער הייליגער בעשטה"ק געוואלט וויסן.

"איך האב דא אן ארעמער בחור מיט אן ארעמע מיידל, דער בחור איז א יתום און די מיידל איז א יתומה, זיי האבן זיך אפגעשטעלט ביי מיר אונטערוועגנס."

דער בעשטה"ק האט זיי גלייך געלאזט רופן און זיי דערציילט די גוטע בשורה אז היינט נאכט גייט דא געפראוועט ווערן א געהויבענע חתונה, זיי גייען חתונה האבן.

פון זיין געפעק האט דער בעשטה"ק ארויסגענומען נייע קליידער פאר די חתן, נייע קליידער פאר די כלה און זיי איינגעמאלדן אז זיי זאלן זיך גיין גרייט מאכן פאר זייער חתונה.

### געציילטע טעג פריער

אין דער קליינער שטעטל וואו דער יעצטיגער חתן קלונימוס און די יעצטיגע כלה חוה האבן ביידע געוואוינט האט פלוצלינג פאסירט א שרעקעדיגע זאך.

דער פריץ פון דער געגנט, וואס איז געווען בארימט איבעראל מיט זיין געלטגייציגקייט האט אריינשפאצירט אין שטאט ווען צו זיין קארעטע ליגט צוגעבינדן מיט קייטן דער אידישער מאשקע פון די געגנט.

"דער איד איז מיר שולדיג אסאך געלט." האט דער פריץ געוויזן אויף מאשקע.

"ער האט עס נישט צו באצאלן. איך זאג ענק יעצט, אז אויב באקום איך נישט פון ענק 400 רובל וועל איך אים אריינווארפן אין א גרוב און אים לאזן אפשימלען דארט ביז צו זיין טויט.."

א בהלה האט אויסגעבראכן אין שטאט. די ארטיגע אידישע קהילה איז געווען קליין און מאגער און די סומע פון פיר הונדערט רובל איז געווען אויסטערליש גרויס פאר אזא קהילה, אבער מען האט נישט געקענט זיצן מיט פארלייגטע הענט און א גרופע אידן האבן אנגעהויבן ארומגיין פון טיר צו טיר און געזאמלט געלט.

נאך שווערע און אויסטערלישע הארוואניע, ווען יעדער איד, האט אראפגענומען פון זיין ביסן ברויט, האט מען צוזאמענגעקראצט די סומע פון הונדערט רובל.

"אפשר וועט דער פריץ מסכים זיין אים צו באפרייען פאר הונדערט רובל?"

אבער דער פריץ איז געווען פאר'עקשנ'ט, ער איז נישט געווען גרייט אראפצולאזן קיין איין פעני.

זעענדיג אז עס גייט נישט האבן די עסקנים פאררופן אן אסיפה אין שול, אלע זענען געקומען צו גיין דארט און מען האט גערעדט וואס מען קען טון.

מיטאמאל האט זיך געהערט א קול אין שול, עס איז געווען דער קול פון קלונימוס.

"איך געב צוויי הונדערט רובל פון מיינע אפגעשפארטע געלטער..."

אלעמענס אויגן האבן זיך ברייט צועפנט, מען האט נישט געקענט פארשטיין פון וואו האט קלונימוס אזויפיל געלט, אבער קלונימוס האט זיי געגעבן צו פארשטיין אז זייענדיג א יתום, האט ער פאר יארן לאנג זיך געזאמעלט א גראש נאך א גראש, אז ער זאל האבן געלט זיך צו חתונה מאכן.

אבער נאך איידער קלונימוס האט געהאט צייט צו גיין ברענגען דאס געלט, האט זיך געהערט נאך א שטומע פון די ווייבער שול, דאסמאל איז עס געווען פון די יתומה חוה.

"איך געב אויך צוויי הונדערט רובל..."

"און צוזאמען איז דא פיר הונדערט רובל."

די שמחה איז געווען אויסטערליש גרויס, די צוויי זענען געלאפן ברענגען זייער אפגעשפארטע געלטער און מען האט באפרייט דעם ארעמען מאשקע.

צוויי אידישע קינדער האבן אוועקגעגעבן זייער ביסן ברויט, צו ראטעווען א צווייטער איד.

אין הימל איז געווארן א מורא'דיגע רעש! אזא זאך! אז צוויי פשוט'ע און איינפאכע אידן זאלן מפקיר זיין זייער גאנצער פארמעגן צו ראטעווען א צווייטן איד, מען האט גלייך מודיע געווען פאר'ן בעשטה"ק און ער האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג.

ביני לביני איז פאר די אידן אין שול איינגעפאלן א מורא'דיגער געדאנק, מען קען משדך זיין די צוויי; קלונימוס וועט ווערן א חתן מיט חוה. מען האט זיך גלייך געוואונטשן מזל טוב, אבער קיין געלט אויף די חתונה איז נישט געווען.

קלונימוס האט זיך דערמאנט אז ער האט א רייכער פעטער וואס וואוינט אין א שכינות'דיגער שטאט און איינאיינעם מיט די נייע כלה – כדי צו וויזן פאר זיין פעטער אז עס איז אן ערנסטער זאך – האבן זיי זיך ארויסגעלאזט אין וועג.

אונטערוועגנס האבן זיי זיך אפגעשטעלט אין די גאסטהויז פון ר' ברוך, וואו דער הייליגער בעשטה"ק האט זיי אפגעווארט און איינגעמאלדן איבער די פרייליכע חתונה.

"אבער עס איז אפילו נישט דא קיין מנין." האט ר' ברוך געזאגט פאר'ן הייליגן בעשטה"ק.

"זארג זיך נישט! גרייט אן די טישן! די געסט קומען שוין אן."

אין די קומענדיגע שעה'ן זענען געקומען צוגיין זיבן געסט און אינאיינעם מיט דער בעשטה"ק, דער חתן, ר' ברוך, איז געווען פונקט א מנין אידן.

די חתונה איז אריבער געהויבן, נאך די חתונה האבן זיך די געסט געגרייט צו פארלאזן די זאל, אבער ערשט האט דער בעשטה"ק געפאדערט פון יעדן ער זאל געבן דרשה געדאנק.

"איך געב פאר די חתן און די כלה די קוען שטאלן פון דער פריץ טשימפאווסקי..." האט זיך איינער פון די געסט אנגערופן.

"און איך געב זיי אוועק די טייערע קארעטע פון די אלטע פריצ'טע..."

אויך דער בעל שם טוב הק' האט זיך אנגערופן אז ער געט זיי אוועק די שענקהויז פון ר' ברוך.

בשעת מעשה האט די גאנצע גערעדעריי אויסגעזען ווי א ווערטל, דער עולם איז זיך צעפארן און צומארגנס האט זיך דער נייער פארפאלק ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג, אין ריכטונג פון זייער פאראייניגטער רייכער פעטער.

זיי זענען געפארן א שטיק וועג, ווען פלוצלינג מערקן זיי, ווי פון די זומפן, שטעקט זיך ארויס א קאפ, עס איז געווען א קאפ פון א קליין קינד.

"איך בעט אייך האט רחמנות!" האט דער קינד געוויינט. "נעמט מיר ארויס פון די זומפן."

קלונומיס איז שטיין געבליבן. אין איילעניש האט ער זיך צוגעבויגן צו די זומפן און מיט די לעצטע כוחות האט ער ארויסגעשלעפט דעם קינד.

ווען דער קינד איז געקומען צו זיך האט ער זיי דערציילט ווער ער איז, אז ער איז דער איינציגסטער זון פון דער פריץ טשימפאווסקי.

"שוין דריי טעג וואס איך בלאנדזשע ארום, היינט צופרי בין איך אריינגעפאלן אין די זומפ, ווען איר קומט נישט יעצט, וואלט איך שוין נישט געווען דא." האט דער קינד געזאגט.

די פארפאלק האט פארקירעוועט דער וועג, מען האט דאס קינד אפגעפירט צו די פאלאץ פון דער פריץ.

ווי נאר דער קינד איז אהיימגעקומען איז די שמחה געווען אויסטערליש גרויס, דער פריץ מיט די פריצ'טע זענען געווען אויסער זיך פאר שמחה און זיך נישט געענדיגט באדאנקען פאר קלונימוס און חוה'לע.

"איך געב אייך אוועק אלץ געשאנק די שטאל קוען, וואס איך האב גע'ירשנ'ט פון מיין טאטע." האט די פריצ'טע געזאגט.

"און איך געב אייך אוועק מיין אלטע גאלדענע קארעטע." האט די באבע געזאגט פאר די פרישע פארפאלק.

דער פריץ זעענדיג אז יעדער געט האט נישט געקענט בלייבן גלייכגילטיג און זיך אנגערופן אז ער געט זיי אוועק דער גאנצער גיט און אויך די קרעטשמע פון דער איד ר' ברוך.

עס איז מקויים געווארן אלעס וואס די געסט האבן זיי געוווינטשן, זיי זענען אריין צו די חתונה ארעם און זענען ארויס פון דארט רייך, מיט א ריזיגע פארמעגן.

די זיבן געסט ביי די חתונה זענען געווען די זיבן אושפיזין וועלכער זענען זיך געקומען מיטפרייען מיט די אידן וועלכע האבן מיט מסירות נפש אוועקגעגעבן זייער גאנצער פארמעגן צו ראטעווען א איד פון טויט. ■

[סיפורי צדיקים החדש]

# סיפורי החג

א געקליבענער אוצר פון

**סיפורי צדיקים על חג הסוכות**

## די הייליגע ברעטער

אין ירושלים, אין אלט שטאט צווישן די קליינע שיינע באַחנ׳טע געדרייטע געסעלעך האבן אלע געוואוסט איבער דעם הייליגן סוכה פון הרה"ק רבי מאטעלע ראחמיסטריווקער זי"ע.

די סוכה, איז געווען צוזאמגעשטעלט, פון הייליגע ירושה ברעטער, וואס דער צדיק האט גע האט בירושה פון זיינע עלטערן פון עטליכע דורות, און אויף די ברעטער זענען געווען אנגעשריבן הייליגע חשבונות און פילע צירופים, און די ברעטער זענען געווען זייער הייליג און טייער ביי הרה"ק רבי מאטעלע, עס איז ביי אים ווערד געווען כל הון דעלמא.

די הייליגע ברעטער פונעם סוכה האט הרה"ק רבי מאטעלע מיטגעברענגט מיט זיך ווען ער איז ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל, און ער פלעגט דאס צוזאמענשטעלן פאר סוכות, און ער פלעגט דערין פראווענען דעם הייליגן יום טוב סוכות, פילע ירושלימ׳ע אידן פלעגן דאס קומען קוקן און זיך אנשעפן מיט קדושה, עס איז געווען א שם דבר ביי יעדעם.

עס איז געווען איין יאר אין די ערב יום טוב טעג פונעם יום טוב סוכות, ווען אלע אידן זענען פארנומען אויפבויען זייערע סוכות, האבן זיי, צו די וואונדער פון די ירושלימ׳ע אידן געזען אז דער צדיק רבי מאטעלע בויט אויף א פשוט׳ע סוכה פון פשוט׳ע ברעטער אנשטאט די גאר זעלטענע טייערע הייליגע ברעטער.

דער עולם האט נישט געוואוסט וואס צו טראכטן וואו עס זענען נעלם געווארן די טייערע הייליגע ברעטער.

די מעשה איז געבליבן א מיסטעריע, פאר א לאנגע צייט, קיינער האט נישט געוואוסט וואו די טייערע ברעטער זענען פלוצלונג אהינגעקומען, ביז איינער פון די תושבי העיר ירושלים האבן אמאל זיך פארלאזט אויף א חבר און ער האט זיך ערלויבט יענעם צו דערציילן בשתיקה וואס עס האט פאסירט מיט אים פאר א צייט צוריק, און ווען די מעשה איז מפורסם געווארן האבן אלע געשטוינד פון דער מסירת נפש פונעם צדיק.

דער איד האט דערציילט וואס ער האט מיטגעמאכט אין דער פארגאנגענער תקופה, עס איז געווען פאר אים א ביטערע עפאכע, ווען ער האט זיך שווער געמוטשעט מיט א קינד, וואס האט באקומען דעם מחלה פון טיפוס ר"ל, עס איז געווען גאר א שווערע מחלה, און דער מצב איז געווען שרעקליך, איז ער געקומען צו הרה"ק רבי מאטעלע און האט ביי אים מזכיר געווען דאס קינד זיינע, און רבי מאטעלע האט אים אויסגעפרעגט וואס די דאקטוירים זאגן אויף דעם, און וואס עס איז די עצה וואס די דאקטוירים הייסן אים טון, האט דער איד דערציילט אז די דאקטוירים הייסן מען זאל כסדר וואשן דאס קינד מיט הייס וואסער, און אזוי וועט אים גוט ווערן און ער וועט זיך ערהוילן, אבער - האט דער איד אויסגעפירט מיט ווייטאג - קיין אייגענע האלץ האב איך נישט צוליב דער גרויסער עניות, און איך האב שוין געזוכט איבעראל - דערציילט ווייטער דער צעבראכענער איד - איך האב געזוכט האלץ אין יעדן פארלאזטן פלאץ צו קענען אנהייצן וואסער אז איך זאל קענען וואשן דערמיט מיין קינד, אבער עס איז נישטא צו געפינען קיין שום האלץ אין גאנץ ירושלים, אפילו נישט איין קליינע העלצל צו האבן עפעס הייס וואסער צו וואשן מיין קינד.

דערציילט דער איד ווייטער, אז דער צדיק רבי מאטעלע האט מיר דאן געזאגט, הערט מיר צו, און פאלגט מיר וואס איך הייס, און דו זאלסט דאס פאר קיינעם נישט אויסזאגן, און זיכער נישט פאר מיינע בני בית, דו זאלסט זיך נישט יעצט פארזוימען, נאר נעם מיינע הייליגע סוכה ברעטער, דו זאלסט עס גארנישט אפשוינען און דאס זאלסטו פארברענען און דערמיט זאלסטו אנהייצן וואסער פאר דיין קינד.

איך האב נישט געהאט קיין ברירה ווייל מיין קינד איז געווען אין א שטארקע סכנה, און איך האב גענומען פון אים די ברעטער און עס אונטערגעצינדן, און דערמיט געקאכט וואסער פאר מיין קינד, פון וואס ער האט געהאט א גענצליכע רפואה און דאס קינד איז ארויס פון סכנה.

ווען די מעשה האט זיך פארשפרייט האבן שוין די ירושלימ׳ע אידן פארשטאנען וואו אהין עס איז פלוצלונג נעלם געווארן די הייליגע ברעטער, רבי מאטעלע האט פשוט פארקוקט אויף אלעס און אים געלאזט פארברענען זיינע טייערסטע העלצער, אבי צו ראטעווען א אידיש קינד פון א צרה.

**נתיבות קודש לחג הסוכות עמ׳ עח**

## די רעגן האט געהאט דרך ארץ

א טראפ נאך א טראפ, האבן פריי גענומען אנפילן דעם סוכה פון הרה"ק ר׳ משה פון קאברין זי"ע, אלעס האט גענומען נאס ווערן, און ביז עטליכע מינוט האט גענומען גיין א שטארקע רעגן פון וואס דער צדיק איז געשטערט געווארן.

אינגאנצן נאס, איז רבי משה קאברינער געבליבן זיצן אויף זיין ארט און ער האט גענומען דערציילן: "ביי הרה"ק דער רבי ר׳ ברוכ׳ל פון מעזיבוז זי"ע האט אמאל אינמיטן סוכות גענומען גיין א גאס רעגן ווען ער איז געזיצן אין סוכה, האט זיך דער רבי ר׳ ברוכ׳ל אנגערופן: "פארוואס פירט מען זיך נישט מיט מיר מיט דרך ארץ?" און דער רבי ר׳ ברוכ׳ל האט גענומען אויסרעכענען זיינע מעלות און מדריגות, וואס ער האט שוין געטון אלס קליין קינד: "ווען איך בין געווען א קליין קינד האב איך זיך געפירט אזוי און אזוי, און ווען איך בין אביסל עלטער געווארן האב איך זיך שוין געפירט נאך מער בקדושה", און ער האט אויסגערעכנט זאכן מיט וואס ער האט זיך געפירט, און ער האט ממשיך געווען צו

מדור זה נתנדב לע"נ הרה"ח ר׳ **יצחק** ב"ר **ברוך בענדיט** ע"ה **אייזענבערג**
לרגל ה׳יארצייט׳ שלו ביום ב׳ דסוכות אושפיזא דיצחק - ט"ז תשרי
זכות הפצת תורה וחסידות יעלה לטובת נשמתו בג"ע, ותהא נשמתו צרורה בצרור החיים,
וימליץ יושר בעד כל בני משפחתו החשובה המוקירים זכרו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצ"ח ולהתברך בכל מילי דמיטב

אויסרעכענען זיינע מעשים ביז ער האט דערציילט פון וואס ער האט געטון ווען ער איז געווען אכט יאר אלט, אין יענע רגע האט די רעגן זיך אפגעשטעלט".

ווען רבי משה קאברינער האט דאס געענדיגט דערציילן האט זיך ביי אים אויך דאס רעגן אפגעשטעלט און עס איז געווארן רואיג ביים סעודה.

עס איז אריבער געגאנגען א שטיק צייט און עס האט ווידער גענומען גיין א רעגן, און עס האט אים ווייטער געשטערט, האט זיך ווידער רבי משה קאברינער אנגערופן: "אזוי איז אויך געווען דעמאלטס ביי דעם רבי'ן ר' ברוכ'ל, אז נאך אביסל האט די רעגן צוריק אנגעהויבן גיין, און דער רבי ר' ברוכ'ל האט ווידער אמאל געפרעגט: "פארוואס פירט מען זיך נישט מיט מיר מיט דרך ארץ? און ער האט נאכאמאל אויסגערעכנט זיינע מעלות פון וואס ער האט שוין געהאט פון אלס יונג קינד בתורה ויראת שמים ביז ווען ער איז געווארן אכצן יאר, און דאן האט זיך דער רעגן אויפגעהערט".

דאס זעלבע איז אצינד געשען אינעם סוכה אין קאברין אז דאס רעגן האט זיך אפגעשטעלט.

ווען עס האט פאסירט א דריטע מאל אז די רעגן האט ווידער גענומען גיין, האט זיך רבי משה קאברינער אנגערופן: "ביי דעם רבי'ן ר' ברוכ'ל האט אויך גענומען גיין א גאס רעגן צום דריטן מאל, האט דער רבי ר' ברוכ'ל דאן דערציילט זיינע מעלות און מדריגות פון זיך ביז ווען ער איז געווארן פיר און צוואנציג יאר אלט, און דאס רעגן האט זיך אפגעשטעלט און מער האט עס אים נישט געשטערט און עס האט שוין גארנישט גערעגנט.

אזוי איז דאן געשען אין קאברין אז דאס רעגן האט זיך דאן אפגעשטעלט און מער האט שוין דאן נישט גערעגנט.

**תורת אבות קונטרס מעשי אבות אות יב**

## דער אתרוג פונעם 'רב ייבי'

אין די טעג פון בעפאר דעם יום טוב סוכות גרייטן זיך אידן אויף דעם יום טוב, מען איז פארנומען זוכן מהודר'דיגע ד' מינים און מיט חביבות המצוה לאזט מען זיך קאסטן גרויסע סכומים, מען פיצט און מען ארבעט שווער אז עס זאל זיין דאס שענסטע.

אבער ביי הרה"ק רב ייבי זי"ע פלעגט זיין יעדעס יאר אז ווען עס איז געקומען די צייט פון זיך איינהאנדלן די ד' מינים, פלעגט ער גיין צום אתרוג סוחר און ארויסנעמען די ערשטע אתרוג וואס איז אים אונטערגעקומען, אן קוקן אפילו איין מאל דערויף אויב עס איז אן 'הדר' אדער בכלל כשר, פלעגט ער דאס גלייך קויפן. ער פלעגט אהיימגיין מיטן אתרוג און דאס באלד אריינלייגן אין זיין אתרוג-פושקע, אינדערהיים האט ער קיינעם נישט געלאזט עס זען אדער אנרירן. ביז ווען עס איז געקומען דער ערשטער טאג סוכות פלעגט ער עס ארויסנעמען און צו אלעמענ'ס וואונדער פלעגט ארויסקומען פון אתרוג-פושקע אן אתרוג א 'הדר שבהדרים' - וואס מען האט נישט געזען אזוינס אין גלייכן!

עס איז געווען איין יאר וואס עס איז געווען א גרויסע מאנגל אין אתרוגים, אז אין דער גאנצער געגנט פון ארום אוסטראהע, איז נישט געווען מעגליך צו געפינען קיין איין שיינע אתרוג. אין יענער צייט האט הרה"ק רבי פינחס קאריצ'ער זי"ע אויך געוואוינט אין אוסטראהע, און ער האט געשיקט זיינע שמשים זיי זאלן זוכן איבעראל ווי עס איז נאר געווען מעגליך, זיי האבן שווער געארבעט דערויף, אבער נאך לאנגע זוכענישן האבן זיי געזען אז עס איז נישט מעגליך צו טרעפן, און רבי פינחס'ל האט זיך זייער מצער געווען דערויף, ער איז געווען א נאנטער חבר פונעם רב ייבי, האט ער זיך אנגערופן צו זיינע מקורבים: "לאמיר גיין צום אלטיטשקן - ווי ער פלעגט רופן דעם 'רב ייבי' בלשון חיבה - און זען וואספארא אתרוג ער האט".

ווען רבי פינחס איז אנגעקומען צום הויז פון רב ייבי, איז רב ייבי געווען אין ביהמ"ד ביים דאווענען, און אין שטוב האט זיך געדרייט הרה"ק רבי אליקים געץ - דער זון פונעם רב ייבי, וועלכער איז נאך געווען זייער יונג, און רבי פינחס האט זיך אנגערופן צום קינד און אים געפרעגט: "דיין טאטן האט שוין דעם יאר געקויפט אן אתרוג?"

"יא", האט דאס קינד געענטפערט.

"דו קענסט מיר עס ווייזן?" - האט רבי פינחס ווייטער געפרעגט.

האט רבי אליקים געץ געענטפערט, אז דאס יאר האט זיין טאטע בכלל נישט געטון אנדערש ווי יעדעס יאר, ער האט בכלל נישט געקליבן קיין אתרוג, נאר גענומען סתם אן אתרוג וואס איז אים אונטערגעקומען, אבער - האט ער גע'טענה'ט - ער קען עס בשום אופן נישט ווייזן, ווייל ביי זיי אין שטוב ווייסט יעדער אז מען טאר נישט אנרירן דעם טאטנ'ס אתרוג. אבער אלס כבוד פון רבי פינחס האט רבי אליקים געץ אים צוגעוויזן דעם פלאץ וואו דער אתרוג ליגט, און אים געזאגט אז טאמער דער רבי וויל, קען ער אליינס קוקן דעם אתרוג.

רבי אליקים געץ איז אוועקגעגאנגען און רבי פינחס איז צוגעגאנגען צום שאנק און האט ארויסגענומען דעם אתרוג פונעם אתרוג-פושקע, און עס געהאלטן צווישן צוויי פון זיינע פינגער'ס, ער האט עס באטראכט פון אויבן ביז אונטן, און האט געטראכט צו זיך: "די אתרוג קוקט דאך נישט אויס ווי עס איז בכלל כשר ח"ו..." ער האט צוריקגעלייגט דעם אתרוג, און איז צוריק אהיים, אנדעם וואס איינער זאל וויסן אז ער האט צוגערירט צום אתרוג.

דער ערשטער טאג סוכות איז אנגעקומען, און דער רב ייבי איז צוגעגאנגען צו זיין אתרוג-פושקע און עס געעפנט, ער האט שוין געוואלט מאכן די ברכה אויפן אתרוג, אבער ווי נאר ער האט עס באטראכט האט ער הויך אויסגעשריגן: "ווער האט צוגערירט מיין אתרוג?...

דאס קינד רבי אליקים געץ האט זיך זייער דערשראקן און האט באלד דערציילט די גאנצע מעשה פאר זיין פאטער אז "רבי פינחס קאריצער איז דא געווען, און ער האט זייער שטארק געבעטן אז ער וויל זען דעם אתרוג, און איך האב אים עס נישט געוואלט געבן ווייל איך האבן מורא געהאט עס צוצורירן, אבער איך האב אים געוויזן פון וואו ער קען עס נעמען טאמער ער וויל עס אליין זען".

רבי אליקים געץ האט שפעטער דערציילט אז ער האט דאן געקוקט אויפן אתרוג, האט ער געזען אז עס איז געווען א הערליכע אתרוג וואס עס איז נישטא אין זיין גלייכן, נאר עס איז געווען אויף דעם צוויי סימנים וואו עס זענען געליגן צוויי פינגער'ס. און יענע יאר האט טאקע רבי פינחס קאריצער נישט האבנדיג קיין אייגענע אתרוג, געמאכט א ברכה אויף דעם אתרוג פון דעם רב ייבי.

**שבחי רב ייבי דף כד**

## "וואס פארשטייסטו דען צו א הארץ?"

הרה"ג רבי חיים אלעזר וואקס דער בעל "נפש חיה" זצ"ל דער רב פון שטאט קאליש און פון פיעטרקוב פלעגט זיך פירן צו איינקויפן עטליכע גאר שיינע אתרוגים און ער פלעגט דאס ארומשיקן פאר עטליכע גוטע אידן, זיי זאלן האבן א הדר אויף יום טוב און מקיים זיין די מצוה מיט א שלימות.

אין איינע פון די יארן האט דער נפש חיה געשיקט אן אתרוג אזויווי יעדעס יאר צו הרה"ק רבי יחיאל פון אלכסנדר זי"ע, אבער עפעס איז דאס אתרוג נישט געפעלן פארן צדיק, עס איז נאך געווען איידער יום הקדוש און דער רבי יחיאל האט גערופן צו זיין משמש און פון אים פארלאנגט ער זאל פארן קיין ווארשא און אויפזוכן אן אנדערע שיינע אתרוג, דער גבאי איז אבער אהיימגעקומען מיט ליידיגע הענט ער האט דארט גארנישט געטראפן. דאן האט רבי יחיאל גערופן זיין משמש רבי יצחק ליב און אים באפוילן זיך ארויסצולאזן קיין פיעטרקוב צום רב רבי חיים אלעזר און ער זאל מיטנעמען דעם געשיקטן אתרוג, און אים זאגן אז עס געפעלט אים נישט די אתרוג און ער זאל אים פרעגן אויב ער האט עפעס אנדערש פאר אים.

ווען דער פיעטרקובער רב האט דאס געהערט האט ער געהאט א געוואלדיגע עגמת נפש, ווייל ער האט נישט געהאט נאך א גוטע אתרוג צו שיקן צו אים, און ער האט נישט געוואוסט וואס צו טון, האט ער געזאגט: "איין עצה האב איך, איך האב געשיקט פארן רב פון זדונסקא וואליע א שיינע אתרוג אבער עס האט געהאט א קליינע פינטל, אבער אצינד האט מיר דער רב געשיקט זאגן אז דאס פינטל איז נעלם געווארן, אויב אזוי איז דאס געווארן גאר א שיינעם אתרוג, ממילא וועל איך אלייס פארן צוזאמען מיט דיר און מיר וועלן פון אים בעטן אז ער זאל דאס איבערגעבן פארן רבי'ן פון אלכסנדר".

זיי זענען טאקע ארויסגעפארן און אנגעקומען אינמיטן נאכט קיין זדונסקא וואליע ווען דער רב איז שוין געשלאפן, האבן זיי געבעטן אז מען זאל אים אויפוועקן, ווען דער רב האט זיי געזען, איז ער געווארן דערשראקן וואס עפעס קומט צו אים אזעלכע חשוב'ער געסט, דער רב פון פיעטערקוב און דער גבאי פון אלכסנדר אינמיטן נאכט, אבער ווען ער האט געהערט פארוואס זיי זענען געקומען און וואס זיי ווילן, איז אים געווארן שווער אויפן הארצן דאס צו טון, ער האט זיך שוין געפריידט מיט זיין שיינעם אתרוג, און עס יעצט אוועקגעבן איז אים געווען שווער, אבער עס נישט אוועקצוגעבן ווען דער צדיק פון אלכסנדר האט גארנישט איז אים אנגעקומען נאך שווערער, דעריבער האט ער מחליט געווען עס יא צו געבן.

דער משמש ר' יצחק ליב האט איבערגענומען פונעם רב דעם אתרוג, און ער איז באלד צוריק געפארן

קיין אלכסנדר, אבער ווי נאר ער איז אריבער דעם שוועל, האט זיך דער צדיק אנגערופן: "וואס פאר א מרה שחורה האסטו מיר אהער געברענגט היינט נאכט?"

דער צדיק האט געהייסן דער משמש זאל אים פונקטליך דערציילן וויאזוי ער האט געשאפט דעם אתרוג, און ר' יצחק ליב האט אלעס דערציילט, ווען דער צדיק האט דאס געהערט, האט ער געזאגט: "דאס איז די מרה שחורה וואס איך שפיר, צו וואס דארף דאס, פאר שוין צוריק קיין זדונסקא וואליע און גיב צוריק אפ דעם אתרוג!"

עס איז אנגעקומען יום כיפור און דער צדיק האט נאכנישט געהאט קיין אתרוג, האט זיך רבי יחיאל אנגערופן צו זיין זון הרה"ק דער ישמח ישראל זי"ע, און אים געזאגט: "דער סדר פונעם רב פון קאליש איז דאך אז ער שיקט מיר אויך א קעסטל פון אתרוגים כדי אויפצוהענגען אין סוכה, און אין דעם קאסטן זענען פאראן אויך עטליכע כשר'ע אתרוגים אבער זיי זענען נישט אזעלכע שיינע, מיר וועלן דארט זוכן און אפשר וועט דער באשעפער דארט צושיקן פאר מיר א שיינע אתרוג!"

אזוי האט דער צדיק געטון, ער האט געעפנט דעם קעסטל און ארויסגעקליבן דערפון גאנץ א שיינע אתרוג, און ער האט עס גענומען זייער משבח זיין כאילו עס וואלט געווען די שענסטע אתרוג וואס עס איז נאר מעגליך, אזוי אז אלע וואס האבן אים געהערט דאס רומען האבן זיך זייער געוואונדערט דערויף.

אינמיטן חול המועד איז אנגעקומען צו גיין א חסיד מיטן נאמען ר' שמחה אוברבאם וואס האט געוואוינט אין לאדזש, ווען ער האט גענומען שלום פונעם צדיק, האט זיך רבי יחיאל אנגערופן צום זון דער ישמח ישראל, און ער האט אים געבעטן ער זאל ארויסנעמען דעם אתרוג ווייל ער וויל עס וויזן פארן לאדזשער חסיד, דער ישמח ישראל האט עס ארויסגענומען אבער וויבאלד ער האט זיך נישט געשפירט באקוועם דערמיט האט ער זיך ארויסגעשליכעט פונעם צימער פארשטייענדיג אז דער חסיד ר' שמחה וועט נישט ליב האבן דעם אתרוג. ווען דער צדיק געזען אז ר' שמחה וואונדערט זיך פארוואס דער צדיק רומט אזוי אויס דעם אתרוג, האט ער זיך אנגערופן צו אים: "שמחה, דו ביסט א מבין אויף אן אתרוג? אן אתרוג איז דאך מרומז אויפן הארץ, ביסטו עפעס א מבין אויף א הארץ?"...

ר' שמחה האט געשוויגן און האט פארשטאנען אז דער צדיק האט געזען אז דאס איז אן אתרוג ספעציעל פאר אים און מען קען עס נישט פארשטיין מיט פשוט'ע אויגן.

**עשר זכיות**

## מליץ יושר מיטן פסול'ן אתרוג

די אידן אין שטאט בארדיטשוב האבן זיך ארומגעדרייט מיט פיל זארג, די טעג האבן זיך גערוקט נענטער צום הייליגן יום טוב סוכות, און וואו מען האט געזוכט איז נישט געווען צו באקומען אן אתרוג און עס האט אויסגעזען אז יענעם יאר וועלן זיי בלייבן אָן אַן אתרוג...

אידן האבן זיך ארויסגעלאזט איבער די ארומיגע שטעט און געהאפט אז זיי וועלן טרעפן כאטש איין אתרוג מיט וואס זיי וועלן קענען מזכה זיין דעם גאנצן שטאט מיטן באליבטן מצוה צו אתרוג בענטשן.

נאך שווערע זוכענישן, איז פאר איינעם פון די שלוחים מיט גרויס מיה ענדליך געלונגען צו פארשאפן א כשר'ע אתרוג, און מיט גרויס שמחה איז ער אנגעקומען קיין בארדיטשוב מיט דעם איין איינציגן אתרוג, וואס וועט דארפן זיין פאר דער גאנצער אידישער קהלה אין בארדיטשוב, צו מקיים זיין דעם מצוה.

אנקומענדיג אין שטאט האט מען באלד געברענגט דעם אתרוג צו דעם בארדיטשובער רב, וואס זיין שמחה איז געווען עד אין לשער, ער האט זיך זייער געפריידט אז דער אויבערשטער האט אים צוגעשיקט א כשר'ע אתרוג און מיט ליבשאפט האט ער וואוקגעלייגט די אתרוג, ווארטנדיג אויף יום טוב עס זאל שוין זיין די געלעגנהייט צו מקיים זיין דעם באליבטן מצוה.

אין בארדיטשוב איז געווען איינגעפירט אז יום טוב פלעגט די גאנצע שטאט קומען צום רב'ס הויז און נאך וואס דער רב האט געמאכט די ברכה און געשאקלט מיט די ד' מינים, האט יעדער געהאט די זכיה דורכצוגיין און מקיים זיין די מצוה פון די ד' מינים.

דער משמש פון דעם בארדיטשובער רב האט געטראכט צו זיך אז מסתמא באלד נאך דער בארדיטשובער וועט אפשאקלען וועט מען צורעכט געבן די אתרוג פאר די גרויסע חסידים, אז זיי זאלן שאקלען, און דערנאך וועלן דאך שאקלען אלע עשירים און אנגעזעענע בעלי-בתים פון שטאט, אויב אזוי וועט נעמען זייער לאנג ביז יעדער וועט אפשאקלען און עס וועט אויסקומען אז ער וועט הערשט באקומען דעם אתרוג פארנאכט.

דער יצר הרע האט אים גענומען פארדרייען א קאפ און ער האט גענומען טראכטן צו זיך 'פארוואס בין איך אנדערש ווי יעדן איינעם אז יעדער שאקלט פריער און איך מוז ווארטן ביז אזוי שפעט אין טאג?', האט ער באשלאסן אז יום טוב פארטאגס ווען דער בארדיטשובער רב וועט נאך זיין פארנומען מיטן זיך טובל'ן אין מקוה וועט ער זיך שטילערהייט אריינ'גנב'ענען אינעם חדר-מיוחד פונעם רב און ער וועט מאכן א ברכה אויפן אתרוג.

באלד ווי דער זון איז אויפגעגאנגען און דער בארדיטשובער רב איז זיך געגאנגען טובל'ן איז דער משמש דארט געווען, ער האט געכאפט דעם אתרוג אין האנט אריין און געוואלט מאכן די ברכה, אבער... די אתרוג האט זיך געגעבן א גליטש ארויס פון זיין ציטערדיגער האנט און איז אראפגעפאלן אויף דער ערד און דער פיטום האט זיך אפגעבראכן.

דער משמש האט שיעור גע'חלש'ט אלס מורא וואס עס וועט יעצט זיין, דער אתרוג איז פסול געווארן און דער בארדיטשובער האט נאכנישט געשאקלט, וואס וועט ער זאגן פארן רב?

בשעת ער איז נאך געשטאנען אזוי צעטומעלט, איז דער בארדיטשובער רב צוריקגעקומען פון מקוה און געוואלט נעמען די אתרוג און מאכן די ברכה, האט דער משמש אויסגעפלאצט אין א ביטערע געוויין און ער האט דערציילט פארן רב וואס עס האט פאסירט מיטן אתרוג, ער האט געציטערט וואס דער הייליגער רב וועט אים אצינד זאגן.

אבער דער בארדיטשובער האט בכלל נישט ארויסגעוויזן דאס מינדעסטע פאראיבל אויפן משמש, נאר ער האט גענומען די אתרוג מיט ביידע הענט און ווי זיין שטייגער האט ער גענומען מליץ טוב זיין און געזאגט: "רבונו של עולם, זע נאר ווי באליבט די מצוות זענען פאר דיין פאלק די אידן, אין איילעניש מקיים צו זיין די מצוה פון אתרוג האט זיך אזא פשוט'ער איד ווי מיין משמש אריינגעשטעלט אין א סכנה דורכן פסל'ן מיין אתרוג, און אלעס אז ער זאל קענען זיין פון די זריזין מקדימין למצוות!"

**שבחי הרב מבארדיטשוב מכון נחלת צבי**

## אויסגעטון פון דער וועלט

אינעם הויף אין ראחמיסטריווקא זענען די הכנות צום גרויסן יום טוב סוכות געווען אין פולן שוואונג. ביים סוכה פון הרה"ק רבי יוחנ'טשע זי"ע איז פארגעקומען א געהויבענע עבודה, דער צדיק איז געשטאנען אין דערהייך און געדעקט די סוכה לשם מצות סוכה.

דארט אינדערזייט האט זיך ארומגעדרייט א איד אנגעפילט מיט דאגות, עס האט אים ליידער לעצטנס באטראפן א שווערער מצב ביי זיינע מסחרים, ער האט פארלוירן א גרויסע פארמעגן און פילע פון זיינע געשעפטן האבן גענומען אונטערהינקען, אצינד איז ער געקומען צום צדיק זיך מזכיר זיין, הערן אן עצה פונעם צדיק און באקומען זיין ברכה.

דער איד האט זיך שוין געיאגט אין וועג און ער האט נישט געקענט ווארטן ביז דער צדיק וועט ענדיגן מיט זיין הייליגער עבודה, איז ער צוגעגאנגען צום צדיק אינמיטן לייגן די סכך און האט דעמאלטס דערציילט פארן צדיק איבער זיין שווערן מצב, און ער האט צוגעלייגט אז אויסער די אלע פארלוסטן וואס ער האט שוין געהאט ביז יעצט האט ער ממש נאראוואס פריער באקומען א טעלעגראם און וואס מען האט אים געמאלדן איבער איינע פון זיינע גרויסע עסקים מיט וואס ער האט געהאנדלט, אז עס איז אריין אין גאר א שווערער מצב און עס האלט זייער שלעכט און שמאל - "איך שטיי אצינד עס צו פארלירן אינגאנצן און דאס וועט זיין פאר מיר גאר א גרויסע שאדן וואס קען שאטן פאר מיין גאנצער פארמעגן...!" האט ער געקרעכצט.

רבי יוחנ'טשע שטייענדיג אזוי מיט די סכך אינעם האנט, האט געגעבן אן עצה פארן איד און האט אים אנגעוואונטשן אז אלעס זאל אים גיין גוט און ער זאל מצליח זיין אין זיינע מסחרים, דער איד האט געענטפערט אמן, און איז צופרידענערהייט וואוקגעגאנגען און דער צדיק האט ווייטער געדעקט די סוכה.

זייענדיג ביי די מסחרים האט דער איד געטון פונקט ווי דער צדיק האט אים גע'עצה'ט, און וואונדער איבער וואונדער איז ער אינגאנצן ארויס פונעם פלאנטער, ער האט שטארק מצליח געווען און ער האט נאך געמאכט פיל מער ריווח ווי אלעמאל, און איז ארויס מיט א גרויסע שיינע סומע געלט.

דער יום טוב סוכות איז אריבער, און דער איד איז נאכאמאל געקומען קיין ראחמיסטריווקא, דאס מאל אלס א פארמעגליכער איד, ער איז אן אויפגעלייגטער אריין צום צדיק און האט אראפגעלייגט א קוויטל מיט א גרויסער סכום געלט פאר פדיון נפש, און האט זיך אנגערופן: "איך ברענג דאס געלט צום רב'ן ווייל איך

וויל זיך באדאנקען אז אין זכות פון דער ברכה און פון דער עצה וואס דער רבי האט מיר געגעבן בין איך געהאלפן געווארן, און מיין פרנסה האט צוריק גענומען בליען!"

דער צדיק האט אנגעקוקט דעם איד אינגאנצן פארוואונדערט, און אים געפרעגט: "ווען ביסטו דא געווען און פון וועלכער ישועה רעדסטו?" אצינד קוקט דער איד אויפן צדיק פארוואונדערט, און ענטפערט: "איך בין דאך דא געווען ממש יעצט פאר סוכות, און דער רבי האט מיר דעמאלטס געגעבן אן עצה און א ברכה און אין דעם זכות בין איך דאך געהאלפן געווארן פון מיין צרה!" אבער דער צדיק האלט זיך ביי זיינס און פרעגט נאכאמאל פארוואונדערט: "דו ביסט געווען ביי מיר?! איך געדענק נישט אזא זאך! וויבאלד איך געדענק דאס נישט וועל איך נישט מקבל זיין דער פדיון, אומזיסט נעם איך נישט קיין געלט!" דער איד האט אן קיין ברירה צוריקגענומען דאס געלט, און פארצווייפלט איז ער ארויס געגאנגען פון צימער נישט פארשטייענדיג פארוואס דער צדיק געדענקט אים נישט.

ווי נאר ער קומט ארויס פונעם צימער, זעט ער אז עס קומט אים אנטקעגן דער זון פונעם צדיק, הרה"ק רבי מנחם נחום זי"ע, איז ער צוגעגאנגען צו אים און אים דערציילט דאס גאנצע מעשה און ער האט אויסגעפירט: "איך ווייס נישט וואס עס קומט דא פאר, אבער ווי עס זעט אויס ווייסט דער רבי טאקע גארנישט איבער דעם אז איך בין ממש פאר יום טוב דא געווען און איך האב גערעדט מיט אים!" ווען רבי מנחם נחום האט געהערט זיין וואונדער, האט ער אים געבעטן ער זאל אים זאגן פונקטליך ווען ער איז געווען דא פאר יום טוב.

"בשעת דער צדיק האט געהאלטן אינמיטן דעקן די סכך אויף דער סוכה, בין איך צוגעגאנגען זיך מזכיר זיין" - האט דער איד געענטפערט.

ווען רבי מנחם נחום האט דאס געהערט האט ער זיך אנגערופן צום איד: "ווען דער טאטע האט געלייגט די סכך אויף דער סוכה איז ער געווען אין אנדערע עולמות און הגם ער האט דיר געענטפערט און אנגעוואונטשן, איז ער געווען אויסגעטון פון דער וועלט און וועגן דעם האט ער אינגאנצן פארגעסן דערפון אזוי אז ער געדענקט גארנישט אז דו ביסט געווען ביים אים!"

דאן האט רבי מנחם נחום געזאגט פאר דעם איד, "איך געדענק יא אז דו ביסט דא געווען דעריבער זאג איך דיר אז דו זאלסט נעמען דאס געלט וואס דו האסט געוואלט געבן פאר פדיון נפש, און דו זאלסט דערמיט קויפן האלץ אז מען זאל האבן מיט וואס צו הייצן דעם הויף אינעם בעפארשטייענדן ווינטער, אויף וואס מען האט נאכנישט קיין האלץ!"

דער איד האט געפאלגט און האט איינגעקויפט גרויסע קוואנטומס פון האלץ, פון וואס עס איז געווען גענוג צו הייצן דורך דעם גאנצן ווינטער, און וויבאלד עס איז געווען גענוג האלץ בשפע האט מען שוין אויך געקענט הייצן די מקוה פאר שבת אינדערפרי וואס דערפאר האט מען געדארפט האבן מער האלץ אז די מקוה זאל זיך האלטן הייס אזוי לאנג פון פרייטאג נאכמיטאג ביז שבת אינדערפרי, און הרה"ק רבי יוחנ'טשע האט אלעמאל הנאה געהאט ווען עס פלעגט זיין א ווארעמע מקוה לכבוד שבת.

אין איין שבת אינדערפרי פון יענע וואכן, האט דער צדיק געזעען ווי עס קומען חסידים פון מקוה מיט רויטע פארפלאמטע באקן פון די הייסקייט פון דער מקוה וואס איז געווען גוט אנגעהייצט, האט זיך דער צדיק נאכגעפרעגט ביים זון רבי מנחם נחום פון וואו מען האט געהאט גענוג געלט צו קענען הייצן די מקוה אויף שבת, דאן האט רבי מנחם נחום דערציילט די גאנצע מעשה, און דער צדיק האט הנאה געהאט און צוגעשאקלט מיטן קאפ און זיך אנגערופן: "גוט האסטו געטון!"

**שופריה דרבי יוחנן עמ' קמד**

## די סוכה איז שטיין געבליבן!

אין דער שטאט נאדבורנא האט געוואוינט א ריכטער וועלכער איז געווען א גרויסער רשע. אמאל האט אויסגעבראכן א שרעקליכע מגיפה אין שטאט וועלכע האט זיך פארשפרייט פון איין מענטש צום אנדערן. האבן די דאקטוירים געהייסן מען זאל זען אכטונג צו געבן צו האלטן ריין דעם גאנצן שטאט.

ווען עס האט זיך דערנענטערט דער יום טוב סוכות האט הרה"ק רבי מרדכי פון נאדבורנא זי"ע ווי זיין שטייגער געבויעט א סוכה אין הויף פון זיין הויז. ווען דער ריכטער האט זיך דערוואוסט אז דער צדיק האט זיך געבויעט א סוכה אין שטאט, האט ער אים באלד געשיקט זאגן אז ער זאל עס זאפארט צעווארפן! דער צדיק האט זיך אבער נישט צוטון געמאכט פונעם שופט'ס באפעל און האט געלאזט זיין סוכה שטיין.

האט דער ריכטער אריבערגעשיקט פאליציי אנווארענען דעם צדיק ער זאל צעווארפן זיין סוכה. ווען רבי מרדכי האט געהערט וואס די פאליציי זאגן, האט ער שטארקערהייט געענטפערט, "איך האב עס געמאכט עס זאל שטיין און נישט עס צו צעווארפן!" די פאליציי האבן זיך אומגעקערט צום שופט און אים איבערגעגעבן די רייד פונעם צדיק.

מיט א כעס האט דער שופט געלאזט אריבררופן דעם צדיק, ווילנדיג אים צווינגען צו צענעמען דעם סוכה. דער צדיק איז אבער נישט געקומען. ווען דער ריכטער האט געזען אז ער האט נישט קיין אנדערע ברירה איז ער אליין אריבערגעגאנגען צום רבי'ן אינדערהיים און האט גאר שארף פארלאנגט אז ער מוז שוין טון מיטן סוכה אזוי ווי ער האט געהייסן, און דערביי האט ער אים געסטראשעט מיט א גאר הארבע שטראף אויב ער וועט נישט אויספאלגן זיין באפעל.

מיט א רואיגער געזיכט איז געבליבן דער צדיק, און ער האט זיך אינגאנצן נישט דערשראקן פונעם ריכטער'ס שארפע ווערטער, נאר ער האט אים איבערגעחזר'ט זיינע פריערדיגע ווערטער, זאגנדיג, "איך האב עס געמאכט עס זאל שטיין און נישט עס צו צעווארפן!" דער ריכטער איז רויט געווארן פאר כעס הערנדיג די ווערטער, און דער צדיק האט ווייטער געזאגט, "וויסן זאלסטו אז דער הייליגער צדיק רבי מאיר פון פרעמישלאן איז געווען מיין פעטער".

"וואס גייט עס מיר אן ווער עס איז געווען דיין פעטער? שוין זאלט איר צעווארפן דעם סוכה!" האט דער ריכטער געשריגן מיט אויפרעגונג". "וויסן זאלסטו אז דער הייליגער צדיק רבי מאיר פון פרעמישלאן איז געווען מיין פעטער" האט ער איבערגעזאגט זיינע ווערטער מיט א געלאסנקייט, און ער האט צוגעלייגט, "און איך וויל בעטן דעם ריכטער זיך צו האלטן רואיג און איך וועל דערציילן א שיינע מעשה".

"זאל דער רבי דערציילן", האט דער ריכטער געזאגט שוין אין א רואיגערן טאן, און דער צדיק האט אנגעהויבן מיט זיין ערציילונג: "עס איז אמאל געווען א גלח וועלכער האט פארמאגט צען געזונטע און שטארקע קינדער, אויך האט ער פארמאגט א הערליכן און גרויסן גארטן אין וועלכן עס זענען געוואקסן פון די שענסטע און געשמאקסטע ביימער, וואס האבן פרייליך געמאכט יעדער וואס איז נאר אריינגעקומען אין דעם גארטן.

"איין טאג האט זיך דער גלח פארגלוסט, און האט באפוילן זיינע ארבייטער אהערצושטעלן א קליינער בלומען-גארטן נעבן דעם גרויסן גארטן, וועלכער זאל צוגעבן שיינקייט צום גרויסן גארטן, ער האט זיי געהייסן אויסרייסן ביימער פונעם גרויסן גארטן און אויף זייער פלאץ איינפלאנצן שמעקעדיגע בלומען. באלד האט מען זיך גענומען פלייסיג ארבייטן און א צייט שפעטער איז שוין דער הערליכער גארטן געשטאנען מיטן גאנצן פראכט.

"אבער ווי-נאר די ארבייט איז פארענדיגט געווארן האט פאסירט אן אומגליק. דעם גלח'ס עלטסטן קינד איז קראנק געווארן אויף אן ערנסטע מחלה און איז געווען אין א טויט-געפאר. קורץ דערנאך האט מען דיאגנאזירט דעם גלח'ס צווייט-עלטסטן קינד אז ער ליידט אויך אויף אן שווערן קרענק, און אזוי זענען אין א קורצן צייט דעם גלח'ס אלע קינדער אריינגעפאלן אין טויטליכע קראנקקייטן און נישט לאנג דערנאך זענען זיי געשטארבן, איינער נאכן אנדערן.

"אזוי האט פאסירט מיט ניין פון זיינע קינדער. ווען דער גלח האט זיך דערוואוסט אז אויך זיין יונגסטער קינד ליידט אויף א שרעקליכע קרענק, איז ער געווארן היסטעריש און אויס מענטש, ער האט געלאזט אריבעררופן די בעסטע און ערפארענסטע דאקטוירים און איז ארומגעלאפן צו די גרעסטע כישוף-מאכער, ווילנדיג אויפקומען מיט א היילונג און אפראטעווען כאטש איין קינד פון צווישן אלע צען. עס האט אים אבער גארנישט געהאלפן, ווי לענגער עס האט גענומען האט אויסגעזען ווי עס דערנענטערט זיך דעם לעצטן טאג פארן יונגסטן קינד.

"עטליכע מענטשן האבן גע'עצה'ט דעם גלח ער זאל פארן צום גרויסן צדיק, רבי מאיר'ל פרעמישלאנער, וועלכער האט דאן געלעבט און איז געווען ווייט באקאנט אלס א הייליגער מאן. דער גלח האט ממילא נישט געהאט קיין אנדערע ברירה, און דאס לעבן פון זיין יונגסטן זון האט אים שוין געריררט ביים הארצן, האט ער זיך ארויסגעלאזט אין וועג צום שטאט פרעמישלאן, זיך אויסצורעדן פארן גרויסן צדיק רבי מאיר'ל און גלייכצייטיג בעטן א ישועה.

"ער איז אריינגעקומען אינעם שטוב פונעם צדיק, און ער האט גענומען אויסגיסן זיין פעקל צרות, ער האט דערציילט די שוועריקייטן וואס ער איז אדורך, און ער האט געזאגט אז ער ווייסט אז נאר א ישועה פון הימל קען אים העלפן. האט אים רבי מאיר'ל געזאגט, 'דו האסט פארמאגט א גארטן פול מיט ביימער, דו האסט אבער געגלוסט אויך צו האבן א גארטן מיט בלומען און האסט דערפאר אפגעהאקט דעם אויבערשטנ'ס

ביימער. האט דער אויבערשטער אפגעהאקט דיינע ביימעלעך, ווייל דער מענטש איז ווי דער בוים פון פעלד".

"און מיין פעטער האט אויסגעפירט צום גלח, זאגנדיג, 'אבער וויבאלד דו ביסט געקומען, זאג איך דיר צו אז דיין קינד וועט אויסגעהיילט ווערן!' דער גלח האט פארלאזט דעם צדיק'ס הויז האפנדיג אז פון דארט וועט קומען די ישועה פאר זיין קינד, און דער צדיק האט גענומען דאוונען פארן אויבערשטן אז ער זאל אויסהיילן דעם גלח'ס קינד אז דעם אויבערשטנ'ס נאמען זאל געהייליגט ווערן אויפן וועלט. זיין געבעט איז טאקע ערפולט געווארן און דאס קינד איז גענצליך אויסגעהיילט געווארן".

אצינד האט זיך רבי מרדכי געווענדן צום ריכטער וועלכער האט פונקטליך אויסגעהערט דעם גאנצן מעשה, און ער האט אים געזאגט, "דו ביסט דאס קינד פון יענעם גלח, וועמען מיין פעטער האט אזוי וואונדערליך געראטעוועט. וויל איך דיר פרעגן: דאס איז די טובה וואס דו צאלסט מיר צוריק אויף וואס מיין פעטער האט געטון דיר צו דערהאלטן ביים לעבן?"

א צעטומלטער איז דער ריכטער געפאלן צו די פיס פון רבי מרדכי און האט גענומען וויינען, זאגנדיג דערביי, "עס איז ריכטיג וואס איר האט דערציילט, איך ווייס דערפון. זאל מיר דער רבי מוחל זיין, איך ערלויב אייך שוין צו בויען אפילו צען סוכות, איך וועל גארנישט צוריקהאלטן!" דער שופט איז אהיימגעגאנגען און האט שוין טאקע נישט געשטערט דעם צדיק פון לאזן זיין סוכה שטיין, נאר האט אים געלאזט לעבן במנוחה.

**תפארת מרדכי, דף נג; מזקנים אתבונן חלק א, דף קסג**

## הגומל לחייבים טובות

ערב סוכות פון שנת תרס"ח איז די הכנות אינעם הויף אין אלכסנדר געווען אויפן העכסטן פארנעם, עטליכע יונגעלייט און בחורים האבן געשווינד געארבעט און אויפגעשטעלט דעם סוכה פאר הרה"ק דער ישמח ישראל זי"ע וואס איז שוין דאן געווען אין זיינע עלטערע יארן, און ער האט געבעטן פון א קבוצה אידן זיי זאלן דעקן די סכך אויף זיין סוכה, אין יענעם יאר האט מען צוליב דעם געזונט צושטאנד פון דעם צדיק אויפגעשטעלט דעם סוכה העכער זיין שטוב און עס איז אויסגעקומען אז מען האט געלייגט די סכך ארום צוויי שטאק הויך פון דער ערד.

דער צדיק האט אנגעזאגט פאר די יונגעלייט אז זיי זאלן זיין געווארנט ווייל עס איז א געוואלדיגע סכנה צו פאלן חלילה פון אזוי הויך, און דער אויבערשטער זאל אפהיטן וואס דארט קען פאסירן.

די יונגעלייט האבן זיך ארויפגעקאטשעט די ארבל און זיך גענומען צו דער ארבעט צו דעקן דעם סוכה, א טייל פון די יונגעלייט וואס זייער ארבעט איז געווען צו לייגן די סכך זענען געשטאנען אויבן אין דער הייך אויף די ברעטער, און די אנדערע זענען געשטאנען אונטן און זיי האבן געדארפט איבערגעבן די סכך פאר זייערע חברים אויבן.

ווען מען האט שוין געהאלטן סוף פון דער ארבעט און כמעט דער גאנצער סוכה איז שוין געווען געדעקט, איז געקומען צו גיין א היציגער בחור ער האט אויך געהאט א רצון צו נעמען א טייל אין דער געוואלדיגער מצוה פון בויען דעם רבי'נס סוכה, איז ער שנעל צוגעגאנגען און גענומען א האלץ פון אונטן און געגעבן ווילד א ווארף ארויף דעם ברעט ווילנדיג אז דורך זיין ווארף זאל די האלץ אנקומען אויפן ריכטיגן פלאץ, עס איז שנעל געפלויגן אויף ארויף, און עס האט געלאנדעט מיט קראפט אויף די פיס פון אן אנדער בחור וואס איז געזעצן אויבן אויפן דאך און איז געווען פארנומען צו לייגן סכך, און כאפנדיג דעם שטארקן קלאפ האט אים עס געגעבן א שטארקן שטיפ, און מיט א שנעלקייט האט ער אראפגעטראסקעט אראפ אראפ אריין אין דעם סוכה, מיט כח איז ער אנגעקומען אויפן סוכה טיש וואס איז געליגן דארט און פון דארט איז ער ווייטער געפאלן אראפ צו דער ערד, ער האט זיך גאר שטארק צעזעצט און זיין קאפ האט אים גענומען שווינדלען.

דארט אין סוכה איז געזיצן דער ברודער פונעם צדיק, דער שפעטערדיגער רבי אין אלכסנדר דער תפארת שמואל זי"ע צוזאמען מיט זיין איידעם רבי יצחק מאיר, זיי האבן זיך דערשראקן פון דעם זעץ און זיי זענען צוגעלאפן און אויפגעהויבן דעם בחור פונעם ערד, דער בחור האט געהאט אפענע אויגן און זיי האבן אים געפרעגט ווער ער איז, דער בחור האט צעמישטערהייט געענטפערט: "מען רופט מיר אברהם יוסף הכהן בן רבקה רחל!" און ער איז באלד אריינגעפאלן אין חלשות און פארלוירן זיין באוואוסטזיין.

מען האט אים שנעל גענומען צו זיין בעט אין זיין אכסניא, און איינער איז געלאפן צום ישמח ישראל אים מזכיר זיין, האט דער ישמח ישראל געפרעגט ווער עס איז אראפגעפאלן, אבער דער וואס האט מזכיר געווען איז געווען אין פאניק און האט נישט געקענט ענטפערן, אינצווישן איז דער תפארת שמואל מיט זיין איידעם אנגעקומען, און זיי האבן געזאגט דעם נאמען וואס דער בחור האט זיי געזאגט, האט זיך דער ישמח ישראל אנגערופן: "אוי! איך האב זיך אנגעפאנגען מיט ר' לייבוש כהן!" דאס איז געווען דער פאטער פון דעם בחור, דאן האט ער זיך געווענדן צום תפארת שמואל און געפרעגט: "אויף וואס ווארט מען? מען זאל שוין רופן צוויי דאקטוירים!"

ביז א האלבע שעה זענען שוין געווען אנוועזנד די צוויי דאקטוירים, זיי האבן געמאכט א דרינגנדע אונטערזיכונג, און זיי זענען ארויסגעקומען מיט צער און געזאגט אז זיי געבן אויף האפענונג, ווייל אלע זיינע אינעווייניגסטע אברים זענען איבערגעדרייט געווארן דורך דעם שווערן פאל. מען האט שנעל איבערגעגעבן פארן ישמח ישראל דעם ענטפער פון די דאקטוירים, אבער ער האט געגעבן א מאך מיט זיין האנט מיט ביטול, און געזאגט: "אוי, דאס וואס זיי זאגן האבן מיר שוין געזען! אבער זיי האבן געהאט א טעות!"

דער מצב פון דעם בחור איז געווען זייער שווער, מען האט אים פרובירט צו געבן עסן אבער ער האט אלעס ארויסגעגעבן און עס האט זיך גארנישט געהאלטן, ער איז געליגן אנע זיך רירן און אן קיין חיות. יעדע פערטל שעה האט דער ישמח ישראל געשיקט צום בעט פונעם חולה און האט זיך נאכגעפרעגט וואס עס איז זיין מצב, און ווי נאר דער יום טוב האט שוין געהאלטן ביים צופאלן האט דער ישמח ישראל געזאגט מען זאל מודיע זיין פארן עולם אז מען גייט שוין דאוונען מנחה פון ערב יום טוב, און תיכף נאכדעם מעריב פריער ווי געווענליך, און תיכף נאך מעריב וועט ער מאכן קידוש.

באלד ווען דער ישמח ישראל האט געענדיגט דאוונען איז ער אריין אין סוכה און האט געלאדנט די אושפיזין און געמאכט קידוש, ער האט דאן געוויזן פאר דעם יונגערמאן וואס איז דער ערשטער געקומען צו לויפן דערציילן דערשראקענערהייט פון דעם פאל, און האט געזאגט: "מיין מבשר זאל אהערקומען!" ער האט אים געגעבן אביסל וויין פון קידוש און האט אים געזאגט "גיי צום אכסניא און זאג פאר דעם בחור ער זאל טרינקען פון דעם וויין און דו זאלסט אריינגיסן פון די וויין אין זיין מויל".

דער יונגערמאן האט אזוי געטון און דער חולה האט געטרינקען די וויין, און דער יונגערמאן איז געלאפן דערציילן פארן צדיק אז ער האט געטרינקען, די בשורה האט אויפגעלעבט דעם צדיק, און ער האט זיך אנגערופן: "ברוך השם ער איז אונזערס!" נאכן עסן די פיש האט דער צדיק געשיקט אין דעם כוס אביסל פיש זאפט, און דער חולה האט אויך דאס געטרינקען, האט דער צדיק געזאגט אז אצינד זאל מען אים נישט געבן נאך עסן אדער טרינקען, און דער חולה איז איינגעשלאפן אין א רואיגער שלאף און ער איז געשלאפן אזוי די גאנצע נאכט, ווען ער האט זיך אויפגעכאפט אינדערפרי האט ער געבעטן פון זיינע חברים זיי זאלן פרעגן דעם צדיק אויב ער מעג שוין קומען אין בית המדרש צום דאוונען ווייל ער פילט שוין פיל בעסער, אבער דער צדיק האט געזאגט: "חס ושלום! ער זאל נישט אראפטרעטן פון זיין בעט ביז איך וועל אים רופן!"

די טעג האבן זיך געריקט און דער בחור האט זיך צעביסלעך מער און מער ערהוילט, ווען עס איז אנגעקומען דער טאג פון אושפיזא דאהרן, האט דער צדיק געשיקט רופן דעם בחור פון זיין בעטל אז ער זאל קומען אין שול אריין, ער איז נאך געווען גאר שוואך און מען האט אים געדארפט אונטערהאלטן, פארן לייענען האט אים דער ישמח ישראל געזאגט: "דו דארפסט יעצט בענטשן גומל, אבער דו דארפסט מאכן די ברכה און שפירן דעם גרויסן נס וואס האט מיט דיר פאסירט, און דאנקן דעם באשעפער דערויף, ווייל די גמרא זאגט אז א בור וואס איז נאר צען טפחים איז א סכנה פארן לעבן, און דו ביסט ארויס לעבעדיג פון עפעס וואס איז גאר געווען אכצן אמות הויך, דאס איז דאך ממש חסדי השם! - און דער צדיק האט אים ווייטער געזאגט - עס איז דאך היינט די אושפיזין פון אהרן הכהן וואס איז בבחינת הוד, וואס איז מרמז צו דאנקען דעם אויבערשטן, און דו ביסט א כהן, דעריבער זאלסטו דאנקען דעם אויבערשטן אויף דעם גרויסן נס וואס האט מיט דיר פאסירט!"

דער צדיק האט אים דערלאנגט זיין סידור און די חברים האבן אים געהאלפן ארויפגיין צום בימה בשעת דער ישמח ישראל איז אויך מיטגעגאנגען, ער האט עולה געווען און געבענטשט גומל ווען דער צדיק לייגט זיין הייליגע הענט אויף זיין קאפ און האט הויך געענטפערט: "מי שגמלך כל טוב הוא יגמלך כל טוב סלה!"

דער ישמח ישראל האט נאכאמאל איבערגע'חזר'ט זיין התרגשות, "כמה לא חלי ולא מרגיש גברא דמריה סייעיה" אז מען פאלט פון אזוי הויך און מען בלייבט ביים לעבן! איך דאנק דיר באשעפער דערויף!" און דאן האט ער געבענטשט דעם בחור "דו זאלסט לעבן און לעבן און לעבן!"

**תולדות הישמח ישראל חלק א', עמ' שטז**



# לוח יומי דהילולא

## עם תולדותיהם של צדיקים בקצרה

**ט"ו תשרי [יום ה' - א' דסוכות]**

### הרה"ק רבי יצחק אייזיק הכהן מקאריץ זי"ע

געבוירן שנת תקי"ג צו זיין פאטער רבי יואל אבד"ק אטיניא, און אן איידעם ביי הגאון רבי צבי הירש מרגליות אבד"ק מעזריטש. זייענדיג אלט בלויז 8 יאר האט ער שוין געקענט די סדרים 'מועד' און 'נזיקין' בע"פ, און זייענדיג אלט 12 יאר איז זיין טאטע אומגעקומען דורך א שרעקליכע טראגעדיע, ער האט זיך איינגעזינקען אין ים אויפן וועג צו ווערן אויפגענומען אלס רב אין סטאניסלוב. דער צוועלף-יעריגער יצחק אייזיק האט דאן געזאגט א הספד און ארומגערעדט בערך 2 שעה אויף דער סוגיא פון 'אבדתו ואבידת רבו'.

יענע יאר ער געווארן אויפגענומען אלס רב אין דעם אוסטראה'ער קלויז, בהמלצת הגאון רבי חיים אבד"ק לעמבערג, און ביי 13 יאר ווען ער איז געווארן א חתן איז ער געקרוינט געווארן אלס רב פון דער שטאט קאריץ, אבער אויף דאן איז ער געקומען דריי מאל א יאר צו דער שטאט אוסטראה, צוליב די שטארקע בקשות פון די איינוואוינער פון אוסטראה אז ער זאל זיי נישט פארלאזן. ער איז געווען א תלמיד פונעם גרויסן מגיד זצוק"ל און פון הרה"ק רבי מיכל זלאטשובער זצוק"ל, און ער האט מחבר געווען דעם ספר 'ברית כהונת עולם' אויף קבלה. ער איז נסתלק געווארן שנת תקמ"ח זייענדיג אלט בלויז 35 יאר.

**ט"ו תשרי [יום ה' - א' דסוכות]**

### הרה"ק רבי מרדכי מנדבורנא זי"ע

געבוירן י"ט אייר שנת תקפ"ה צו זיין פאטער הרה"ק יששכר בער'טשע מנדבורנא זי"ע. זייענדיג אלט זעקס יאר איז ער פאר'יתומ'ט געווארן פון זיין פאטער, און איז געווארן אויפגעצויגן ביי זיין עלטער-פעטער הרה"ק רבי מאיר'ל מפרימישלאן זי"ע, פון וועם ער איז אויך געווען א תלמיד, און ער האט מעיד געווען אויף אים אז ער האט די צורה פון 'יוסף הצדיק' (מאמר מרדכי, אות סט). ער איז געווען אן איידעם ביי הגה"ק רבי שמעלקא טויבש אב"ד יאס. זאת חנוכה שנת תר"ט איז ער געפארן קיין רוזין, אויפ'ן אנווייזונג פון הרה"ק רבי מאיר'ל, און דער רוזינער האט אים מסמיך געווען.

ער פלעגט פארטיילן ריזיגע סכומים פאר צדקה, ער האט געפירט א וואונדערליכע הנהגה למעלה מן הזמן, זייענדיג פארשפארט פיל טעג ביי זיך אינדערהיים מיט פארמאכטע פענסטערס נישט וואוסנדיג ווען עס איז טאג און ווען עס איז נאכט. ער פלעגט זיך שטארק מסגף זיין, ער האט כמעט נישט געגעסן און איז כמעט נישט געשלאפן. ער איז נסתלק געווארן שנת תרנ"ה, און זיין אוהל איז אויפגעשטעלט געווארן פון זיינע סוכה-ברעטער!

**ט"ו תשרי [יום ה' - א' דסוכות]**

### הגה"צ ר' שמואל אפרים זלמן אונגער זצ"ל, דומ"ץ קהלתינו הק'

געבוירן י"ג אדר שנת תרפ"ד, צו זיין פאטער הגה"צ רבי אברהם צבי זצ"ל אבד"ק קאפעוואר, פון זיין גארער יוגנט איז ער שוין געווען באקאנט מיט זיין שטארקע התמדת התורה,

און געהויבענע מדות.

זיין התקשרות צו רבותה"ק האט זיך שוין אנגעהויבן אין בוקארעסט וואו ער האט געוויילט א לענגערע תקופה בצל קדשו פון כ"ק מרן אדמו"ר זצוקללה"ה וועלכער האט דאן שטארק מפלא געווען זיין התמדת התורה, ער האט ממשיך געווען זיין התקשרות אין וויליאמסבורג און שפעטער אין סקווירא זייענדיג דער דרייצנטער תושב אין שטעטל, דא אין שטעטל איז ער נתמנה געווארן אלס דיין ומורה הוראה און ער האט מיט א געוואלדיגע איבערגעגעבנקייט מרביץ געווען תורה והוראה און פארלויף פון אלע זיינע יארן, כולן שוה לטובה.

ער פלעגט גאר שטארק לעבן מיט די תורות וואס כ"ק אדמו"ר שליט"א זאגט פרייטאג צונאכטס, און ער פלעגט אלעמאל זאגן פאר זיינע קינדער אז מיר האבן נישט קיין השגה ווי דער רבי שליט"א וואשט אונז און ער רייניגט אונז מיט די תורות וואס ער זאגט נאך. און במיוחד אין זיינע עלטערע יארן ווען ער האט זיך שוין שטארק געמוטשעט מיטן געזונט, האט מען ממש געקענט זען ווי די טישן און די תורות געבן אים צו א שטיק חיות.

ער פלעגט זיין פאר לאנגע יארן דער שליח ציבור אין ימים נוראים פון פסוקי דזמרה און מנחה. ראש השנה תשס"ג איז ער נאך צוגאנגענגען מיט זיינע לעצטע כוחות צו דאווענען די תפלות פון ימים נוראים פארן עמוד, און יענע יאר אין די ערשטע נאכט סוכות איז ער נסתלק געווארן, און ער האט איבערגעלאזט א דור פון בנין וחתנין רבנן.

**ט"ז תשרי [יום ו' - ב' דסוכות]**

### הרה"ק רבי שמואל מסקאהל זי"ע

געבוירן שנת תר"א צו זיין פאטער הרה"ק רבי יהושע מבעלזא זצוק"ל, און איז געווען אן איידעם ביים צמח צדיק פון וויזניץ זצוק"ל. שנת תרמ"ז האט אים זיין פאטער רבי יהושע געשיקט צו ווערן רב אין שטאט סקאהל, און אום שנת תרנ"ד ווען זיין פאטער איז נסתלק געווארן האט ער אויך אנגעהויבן פירן דארט אין שטאט. ער איז געווען באקאנט מיט זיין גאר שארפע הנהגה, איינמאל איז געווען א איד פון שטאט וועלכער האט געשיקט זיין זון אין אוניווערסיטעט ל"ע, און ער האט געשיקט זאגן אז דער טאטע זאל אים שוין ארויסנעמען פון דארט, יענער האט נישט געפאלגט און עס האט נישט געטויגט ר"ל (מפי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, בשם הרבנית הצדקנית ע"ה. ראה בארוכה: גליון בחצר הקודש תרומה תשס"ד). ער איז געווען דער שווער פון הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זצוק"ל, וועלכער האט זיך אויסגעדרוקט אויף אים: "דער שווער איז געווען א מלאך!" ער איז נסתלק געווארן שנת תער"ב.

**ט"ז תשרי [יום ו' - ב' דסוכות]**

### הרה"ק רבי צבי הירש ממונקאטש זי"ע, בעל 'דרכי תשובה'

געבוירן י"א תמוז שנת תר"ה צו זיין פאטער רבי שלמה אין דער שטאט סטריזוב, און אן איידעם ביי הרה"ק רבי חנינא מאוליינוב זצוק"ל (אור-אייניקל פונעם ראפשיצער רב זי"ע). ער איז געווען א תלמיד פונעם צאנזער רב, און שנת תר"מ איז ער געווארן ראש בי"ד אין מונקאטש. שנת תרנ"ג ווען זיין טאטע איז נסתלק געווארן האט ער איבערגענומען די הנהגה אין שטאט מונקאטש. ער האט מחבר געווען עטליכע ספרים צווישן זיי 'דרכי תשובה' אויף שו"ע, און ער איז נסתלק געווארן שנת תרע"ד.

**י"ז תשרי [שב"ק - א' דחוה"מ]**

### הרבנית חוה גאלדא, א"ח של כ"ק מרן מהר"ד זצוקללה"ה בזיוו"ר

געבוירן צו איר פאטער הרה"ק רבי שמעון שלמה מסאווראן זי"ע, און איז געווען די רביצין פון כ"ק מרן רבי דוד'ל סקווערער בזיווג-ראשון.ביים שידוך-שליסן (צווישן שנת תרכ"א און שנת תרכ"ד) איז איר פאטער רבי שלמ'קע סאווראנער שוין געווען בעולם העליון און דער עומד מצד הכלה איז געווען דער ברודער פונעם כלה, רבי משה טשעטשילניקער (אן איידעם ביי הרה"ק רבי יוחנ'טשע מרחמיסטריווקא זצוק"ל). ווען רבי דוד'ל האט שוין געהאלטן פיר יאר נאך די חתונה האט ער נאכנישט זוכה געווען צו קיין קינדער. אין יענע יאר שבת שקלים האט רבי דוד'ל פארשפעטיגט ביים טיש שבת בייטאג, האט רבי איציקל אים געפרעגט דער אורזאך דערצו, האט ער געענטפערט אז ער האט פארשפעטיגט מיט'ן זאגן די היינטיגע יוצרות, האט רבי איציקל זיך אנגערופן: "ס'איז שוין געקומען דער צייט אז דער אויבערשטער זאל ביי דיר זיין צר צורה בתוך צורה". איבער א יאר איז טאקע געבוירן געווארן זיין עלטסטע טאכטער, הרבנית פייגא, און דערנאך האט רבי דוד'ל געהאט נאך פינף זון פון דעם זיווג (קובץ משכנות יעקב, חוברת א).

**י"ח תשרי [יום א' - ב' דחוה"מ]**

### הרה"ק רבי צבי מסקווירא זי"ע

געבוירן צו זיין פאטער הרה"ק רבי אהר'לע טיטיובער זי"ע. עס איז נישט קלאר ווער עס איז געווען זיין רביצין (אחרון של פסח איז די יארצייט פון הרבנית גאלדא, וואס עס איז דא א ספק אויב זי איז געווען די רביצין פון הרה"ק רבי אהר'לע טיטיובער אדער פון הרה"ק רבי צבי). כ"ק מרן רבי איציק'ל סקווערער איז געווען אן איידעם ביי אים בזיווג-שלישי, און עס זענען דא עטליכע מנהגים וואס מען פירט זיך ביי אונז אין דעם ירח-האיתנים, וואס מרן מהר"י האט טאקע מקבל געווען פון זיין מסורה, אז אזוי האט זיך דער בעש"ט געפירט (זאגן 'אמיץ כח' אין יום הקדוש; דוכענען אין הושענא רבה; דריי הקפות ביום שמחת תורה). ער פלעגט אויך נאכזאגן בשמו הק' אויף דעם נוסח התפלה 'חנון המרבה לסלוח' - אויך ווען א איד פאלט ח"ו 'אסאך' מאל אדורך מיט עבירות, איז השי"ת 'מרבה' לסלוח (אור הגנוז, עמ' מו)! מקום מנוחת-קדשו איז אין סקווירא, און אויף דעם פלאץ האט כ"ק מרן מהר"י זצוקללה"ה מתפלל נאכן שידוך-שליסן [וואס איז שוין געווען נאך דער הסתלקות פון הרה"ק רבי צבי] כידוע, און צוגעלייגט אז מיינט נישט קיין כבוד און געלט מיט'ן טון דעם שידוך, בלויז "ממשיך זיין דורות בעל-שם'סקע אייניקלעך".

ענף עץ אבות: חתנו כ"ק מרן מהר"י זצוקללה"ה; בנו כ"ק מרן מהר"ד

מדור זה נתנדב ע"י ידידנו מוה"ר **פינחס אלימלך געשטעטנער** הי"ו אב"י במאנטריאל
לרגל שמחת לידת בנו למזל טוב
זכות הפצת תורה וחסידות יגן בעדו שיזכה לגדלו לתורה ולחופה ולמעש"ט
ויזכה לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצ"ח מתוך הרחבת הדעת והצלחה בכל העניינים וכל מילי דמיטב

זצוקללה"ה; בנו כ"ק מרן אדמו"ר זצוקללה"ה; בנו יבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

### י"ט תשרי [יום ב' - ג' דחוה"מ]

## הרה"ק רבי יעקב יצחק היהודי הק' מפרשיסחא זי"ע

געבוירן שנת תקכ"ו צו זיין פאטער רבי אשר פון פשעדבורז, און איז געווען א תלמיד מובהק פון דעם לובלינער זי"ע. מען האט אים גערופן "דער יהודי הקדוש" צוליב עטליכע טעמים: א. וויבאלד ער האט געהאט די זעלבע נאמען פון זיין רבי'ן (ר' יעקב יצחק), דעריבער האט מען אים נישט גערופן מיטן נאמען, נאר 'יהודי הקדוש' אזויווי דער שטייגער ווען מ'רופט איינעם 'ר' איד' (סדר הדורות החדש); ב. ווייל צדיקים האבן געזאגט אז ער האט די נשמה פון מרדכי היהודי (שם הגדולים החדש); ג. ווייל ער פלעגט כסדר זאגן פלפולים, און ער האט אלעמאל געזאגט אז ער האט דאס געהערט פון 'א איד' (ימות עולם, עמ' קטז); ד. ווייל ער איז יעדן טאג נתעלה געווארן, אזוי שטארק ווי עס איז דער חילוק פון א איד און להבדיל א גוי! (שפת אמת, במדבר תרל"ט; שפתי צדיק, וירא, וראה שש"ק חלק ה כא, ד שבכל יום כשבירך 'שלא עשני גוי' הרגיש בנפשו שנשתנה כמו מגוי ליהודי); ה. ווייל ער האט אמאל זוכה געווען צו גילוי אליהו, וועלכער האט זיך געהאט פארשטעלט ווי א גוי להבדיל, און ער איז אים דורכגעגאנגען און זיך אנגערופן 'טיזשי זשיד' (דו ביסט באמת א איד!), דעריבער האט מען אים פון דאן אנגעהויבן רופן 'יוד' (ימות עולם, עמ' קטז); ו. ווייל כאטש ער איז געווען א גרויסער 'בעל מוח', פונדעסטוועגן איז זיין גאנצע עבודה געווען בלויז מיט אמונה אנ'ע חקירות (דרך צדיקים פרק ה, אות כו בשם הרה"ק רמ"ש מקאלשין). ער איז נסתלק געווארן שנת תקע"ד.

### י"ט תשרי [יום ב' - ג' דחוה"מ]

## הרה"ק רבי אלתר מרדכי מאוסטראה זי"ע

באקאנט מיטן נאמען 'רבי אלתר'ניו'. געבוירן בערך שנת תרי"ח צו זיין פאטער הרה"ק רבי אליקים געציל זי"ע און איז געווען אן איידעם ביי זיין שוואגער רבי יוסף הלוי מברעזנא. נאך די הסתלקות פון זיין פאטער אום שנת תרמ"ה איז ער געווארן ממלא מקומו, ער איז געווען באקאנט אלס גרויסער גאון און למדן, און אזוי אויך מיט זיין געוואלדיגע הכנסת אורחים, כדרכם בקודש פון די צדיקי בית אוסטראה. מ'דערציילט אז אויף פסח פלעגט ער איינלאדענען איבער הונדערט אידישע סאלדאטן וועלכע האבן געדינט אין די מיליטער אין דעם געגנט פון אוסטראה. אין דער תקופה פון דעם ערשטן וועלט-מלחמה איז ער געווען איין יו"כ אין סקווירא ביים שוואגער כ"ק מרן מהר"ד, וועלכער האט אים מכבד געווען צו דינען אלס בעל תפלה אויף כל נדרי (ירחון אורות, סיון תשע"ה). ער איז נסתלק געווארן שנת תרצ"ו, און זיינע צוויי זין וואס ער האט איבערגעלאזט זענען ליידער אומגעקומען ביי די צווייטע וועלט מלחמה, הי"ד.

### כ' תשרי [יום ג' - ד' דחוה"מ]

## הרה"ק רבי יעקב יוסף מאוסטראה זי"ע ה'רב ייבי'

געבוירן שנת תצ"ח צו זיין פאטער רבי יהודה לייב פון אוסטראה. ער איז געווען א תלמיד פונעם בעש"ט און שפעטער פונעם גרויסן מגיד, און פונעם 'תולדות'.זיין רביצין איז געווען א צדיקת און בעלת מדריגה, וואס מ'דערציילט אויף איר אז איינמאל האט זי אראפגעלייגט דעם בעזעם אינמיטן אויסקערן די הויז, זאגנדיג אז זי הערט אצינד קדושה פון די מלאכים!

נאכ'ן הסתלקות פון זיין טאטן אום שנת תקכ"ו, האבן די ראשי קהלה פון אוסטראה אים נאכנישט געוואלט שטעלן אלס ממלא מקום. זיי האבן דאן גערופן דעם גרויסן מגיד זי"ע זאל זיין מגיד מישרים אין שטאט אוסטראה. ווען דער גרויסער מגיד איז געקומען, האט מען אנגעגרייט א סעודה וואו עס זענען געזעסן די ראשי הקהלה און נעבן דעם גרויסן מגיד האט מען געזעצט דעם רב ייבי - זייענדיג א זון פונעם אלטן רב. דער גרויסער מגיד פלעגט עסן גאר ווייניג, אבער דער רב ייבי פלעגט זיך פירן צו עסן זייער אסאך, זיצנדיג צוזאמען ביי די סעודה, האט דער גרויסער מגיד גארנישט געגעסן פון די מאכלים וואס מען האט אים צוגעגרייט, און דער רב ייבי האט אויפגעגעסן סיי זיין פארציע און סיי די פארציע פון דעם גרויסן מגיד, ווען דורכאויס דער גאנצער צייט האט דער גרויסער מגיד זיך צוגעקוקט צו זיין עבודת האכילה, און נישט אראפגענומען קיין אויג פון אים. פאר ברכת-המזון האבן די ראשי קהלה געברענגט דעם פנקס הקהלה וועלנדיג אריינשרייבן אז דער גרויסער מגיד זי"ע איז דער ממלא-מקום פון הרה"ק רבי יהודא לייב פון אוסטראה זי"ע, האט דער גרויסער מגיד זיך אנגערופן: "עס איז דא איין ממלא מקום", מיינענדיג דערמיט דעם רב ייבי. האבן די ראשי הקהלה געפרעגט: "צי דען איז ער ראוי דערצו, נאכ'ן עסן אזוי..." האט דער מגיד געענטפערט דערויף: "ער מעג עסן, און קאָן עסן, און ווייסט וויאזוי צו עסן!..." און מען האט תיכף מכתיר געווען דעם רב ייבי אלס מגיד פונעם שטאט אוסטראה (שבחי רב ייבי עמ' יח-יט).

ער האט מחבר געווען דעם ספר 'רב ייבי' עה"ת ותהלים, און דעם קונטרס 'מורא מקדש' אויף דעם הארבקייט פון נישט-רעדן ביים דאווענען, אויף וועלכע ער פלעגט כסדר מעורר זיין און מוכיח זיין.ער פלעגט זיך פירן צו מאכן א דופן עקומה אין סוכה, זאגנדיג: "וויבאלד אין גמ' ווערט דערמאנט דעם הלכה, וויל איך עס מאכן..." און עס איז באקאנט אז אין די שפעטסטע טעג ווען ער איז געווען שטארק קראנק און שוואך איז ער אויך געליגן אין זיין בעט אינעם סוכה, און אין דעם פערטן טאג חוה"מ סוכות שנת תקנ"א האט ער געבעטן פון די תלמידים זיי זאלן אים פירן אונטערן דופן עקומה, די תלמידים האבן נישט פארשטאנען אויפ'ן ערשטן מינוט זיין כוונה, האבן זיי דאס געטאן, אבער ווי-נאר מען האט אים געלייגט אונטער דעם דופן עקומה, איז ער באלד נסתלק געווארן (שבחי רב ייבי, עמ' לא). מקום מנוחת-קדשו איז אין אוסטראה.

ענף עץ אבות: בנו הרה"ק רבי פינחס מאוסטראה זי"ע; בנו הרה"ק רבי יעקב יוסף מאוסטראה זי"ע; בנו הרה"ק רבי אליקים געציל מאוסטראה זי"ע; חתנו כ"ק מרן מהר"ד זי"ע; בנו כ"ק מרן אדמו"ר זצוק"ל; בנו יבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

### כ"א תשרי [יום ד' - הושענא רבה]

## הרה"ק רבי מנחם מענדל מפרעמישלאן זי"ע

געבוירן שנת תפ"ח צו זיין פאטער רבי אליעזר (כ"מ על אגרת שחתם הרה"ק רמ"מ שמו, אבל אין ידוע פרטים אודות אביו, וכן רוב פרטי תולדות חייו לוטות בערפל), און איז געווען א תלמיד פונעם בעש"ט זי"ע (כ"כ הרה"ק מקאמארנא בספרו זקן ביתו פרק א, משנה ו, אופן ג, שהבעש"ט הי' פעם בפרעמישלאן והלך לביתו של ר"מ לסעודת ר"ח, אמנם בספר שבחי בעש"ט אות צט כ' שהרה"ק ר"מ קיבל מהרה"ק ר"נ מהאראדענקא והשתומם על חכמת הבעש"ט, ולא הזכיר שם שהכיר הבעש"ט בעצמו). מרוב קדושתו האט ער זיך געפירט אז יעדעס מאל פארן עסן איז ער געגאנגען אין מקוה (מנחת יוסף כת"י).

ער איז געווען פון די מייסדים פונעם חסיד'ישן ישוב אין עיה"ק טבריה, זייענדיג פון דער ערשטער קבוצה תלמידי הבעש"ט וועלכע זענען ארויף קיין ארץ ישראל שנת תקכ"ו. איידער ער איז ארויף קיין א"י איז ער געפארן צום 'תולדות', וועלכער האט מפליא געווען זיין גרויסע קדושה, און האט זיך אפילו מכניע געווען צו רבי מענדל, כאטש רבי מענדל איז געווען בערך דרייסיג יאר יונגער פון אים! (שבחי בעש"ט, אות ק). צווישן זיינע תלמידים האט זיך געציילט דער בעל 'יושר דברי אמת', וועלכער ברענגט געוואלדיגע טיטלען אויף זיין רבי'ן, און איז מעיד אז ער האט געהאט גילוי אליהו וכו' (ראה: יושר דברי אמת אות א, אות כו, ועוד). אויך דער אזולאי ברענגט א ווארט פון אים שרייבנדיג "ושמעתי משם הרב החסיד מהר"ר מענדיל ז"ל שהיה רב ור"מ דק"ק אשכנזים בעיה"ק טבריה" (יוסף תהלות, תהלים לב). ער איז נסתלק געווארן שנת תקל"א און מקום מנוחת-קדשו איז אין עיה"ק טבריה.

### כ"א תשרי [יום ד' - הושענא רבה]

## הרה"ק רבי משה שהם מדאלינא זי"ע

געבוירן צו זיין פאטער רבי דן שהם פון בראד, וועלכער איז געווען פון די תלמידי הבעש"ט, און נאך א לענגערע זמן וואס ער האט נאכנישט געהאט זוכה געווען צו א 'בן זכר' האט ער געבעטן א ברכה דערויף פונעם בעש"ט, וועלכער האט אים מבטיח געווען אז ער וועט האבן א בן זכר וואס וועט זיין אן 'איש טהור, קדוש נורא וצדיק גדול' (סדר הדורות החדש אות יח; עירין קדישין תליתאה, ספורי קודש בסוה"ס, עמ' 54). אין זיין יוגנט-יארן האט אים שוין זיין פאטער מיטגענומען צום בעש"ט, און אזוי אויך שפעטער איז ער געווען א תלמיד מובהק פונעם בעש"ט (ראה גם בספרו 'דברי משה' מאמרי קודש ששמע בעצמו מפי-קדשו של הבעש"ט). נאך די הסתלקות פונעם בעש"ט האט ער זיך מקשר געווען צו הרה"ק רבי יחיאל מיכל מזלאטשוב זי"ע,

און שנת תקמ"ו איז ער געווארן רב אין דער שטאט דאלינא, על פי עצת והשתדלות הרה"ק ר"ר אלימלך מליזענסק זי"ע. ער האט זוכה געווען צו אריכות ימים, ווי דער אוהב ישראל שרייבט אויף אים (בהסכמתו לספרו) 'זקן ושבע ימים', און ער איז נסתלק געווארן אום שנת תק"פ זייענדיג אלט בערך ניינציג יאר. ער האט מחבר געווען די ספרים 'דברי משה' עה"ת; 'אמרי שהם' אויף מסכתות; און 'שרף פרי עץ חיים' אויף דעם ספה"ק פע"ח, און אין די הסכמות טרעפן מיר געוואלדיגע לשונות מיט וועלכע צדיקים האבן זיך אויסגעדרוקט: "והנה ידעתי את האיש משה כי גדול הוא הן בנגלה והן נסתר" (הסכמת מחותנו בעל אוהב ישראל); "כי כל דברי משה אשר דיבר שכינה מדברת מתוך גרונו" (חתנו הרה"ק ר"י מראדוויל).

### כ"א תשרי [יום ד' - הושענא רבה]

## הרה"ק רבי דוד משה מטשארטקוב זי"ע

געבוירן אינעם צווייטן טאג שבועות שנת תקפ"ז צום רוזינער זי"ע. פון זיין גארער יוגנט איז ער שוין געווען באקאנט מיט זיין געוואלדיגע יראת שמים. מען האט אים גערופן "דער ציצית יודל", וויבאלד אין רוזין האט מען זיך געפירט אז אפילו די גאר קליינע קינדער האט מען אנגעטון ציצית, און ווען מ'האט אים פארגעסן אנצוטון די ציצית האט ער גאר שטארק געוויינט און זיך נישט געלאזט בארואיגן ביז מ'האט געכאפט אז ער האט נישט די ציצית... (עיוני הלכות חלק א, עמ' תנו). אלס קינד פון זיבן יאר האט אמאל אויסגעבראכן א שריפה ר"ל אין הויז פונעם רוזינער אינמיטן נאכט, אלע קינדער זענען ארויסגעלאפן אויסער ר' דוד משה, ווען דער משב"ק איז געלאפן צו זיין צימער און געזען אז ער ליגט אין בעט, האט ער געוויזן פארן משמש אז ער האט שוין געזאגט 'ברכת המפיל' און ער קען נישט מפסיק זיין, און ער האט אים מרמז געווען אז השי"ת וועט אים שוין העלפן. ווען דער משב"ק האט דאס איבער דערציילט פארן רוזינער, און מען האט באלד אנגעהויבן זען ווי דער פייער פארלעשט זיך, האט דער רוזינער געזאגט: "עס איז בכלל נישט קיין פלא, דער פסוק זאגט דאך 'רצון יראיו יעשה', און מיין זון דוד משה'ניו איז דער עמוד היראה!" (תפארת אדם).

שנת תר"ד איז ער געווארן אן איידעם ביי הרה"ק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע, און בזיוו"ש איז ער געווען אן איידעם ביי זיין ברודער הרה"ק רבי שלום יוסף מסאדיגורא זי"ע. שנת תרי"א נאך די הסתלקות פון זיין פאטער האט ער אנגעהויבן פירן אין דער שטאט פאטיק, און שנת תרי"ט איז ער אריבער קיין טשארטקוב, וואו ער האט געפירט זיין מלכות'דיגן הויף. ער איז נסתלק געווארן שנת תרס"ד, ומקום מנוחת-קדשו איז אין טשארטקוב.



שמעון פריילייך

קרעדיט:
דער בלאט

והראינו בבנינו ושמחנו בתיקונו

# א בליק אינעם בית המקדש

## א שמועס מיטן מייסד ומנהל פון מכון "תורת המקדש" הרבני הנכבד ר' אברהם יושע נייווירטה הי"ו פון גאלדערס גרין וועלכער האט אויפגעשטעלט א הערליכע ביהמ"ק דיאָגראַם



# מפעל תורת המקדש

ע"ש התנא הקדוש רבי אליעזר בן יעקב זיע"א

ארגון בני תורה לעידוד לימוד עבודת בית המקדש והקרבנות

נוסד בשנת תשנ"ה

איינס פון די דריי זמנים אין יאר ווען יעדער איד האט געהאט א פליכט ארויפצוגיין קיין ירושלים, כדי "לראות וליראות" אינעם הייליגן בית המקדש, איז געווען אינעם יום טוב סוכות, ווען עס איז דא דער חיוב פון "עולה רגל" צו זיין, איינס פון די הונדערטער מצוות וואס איז ליידער היינט נישט שייך מקיים צו זיין עד ביאת הגואל בקרוב.

טייל פון די מצוה פון עליית רגלים איז, צו זען דעם ביהמ"ק, א זאך וואס לכה"פ אלס א דוגמא בעלמא, איז דאס שייך אויך אין די היינטיגע צייטן. הגם, עס איז קלאר, מיר אידן גלייבן אז דער דריטער ביהמ"ק וועט אראפקומען פון הימל בנוי ומשוכלל, און ביז דעמאלט האבן אידן נישט קיין מעגליכקייט צו זען דעם הייליגן בית המקדש. פארט אבער זענען דא אידן וואס זענען אריינגעטון דורכצולערנען די הלכות און ענינים פונעם בית המקדש, און האבן כסדר די מעגליכקייט צו זען דעם ביהמ"ק אהערגעשטעלט דאס מערסטע וואס איז שייך אין די היינטיגע צייטן דאס צו קענען זען מיט די אייגענע אויגן, דורכ'ן האבן פאר זיך א דיאַגראַם, א ריפלעקע אין וועלכן עס איז אהערגעשטעלט דער גאנצער ביהמ"ק אין אנדערע מאָסן ווי דער ארגינעלער ביהמ"ק – ווי פארשטענדליך – וואס איז געבויט געווארן צוליב פארשידענע סיבות.

איינע פון די דיאגראמען פונעם ביהמ"ק וואס איז אהערגעשטעלט געווארן אין די היינטיגע צייטן מיט גרויס מומחיות, איז דער דיאגראם וואס איז צוזאמגעשטעלט געווארן דורך דעם בארימטן מכון "תורת המקדש-רבי אליעזר בן יעקב" וואס ווערט אנגעפירט דורך ידידינו הנכבד והמפואר, מזכה את הרבים מוה"ר אברהם ישעי' נייווירטה הי"ו פון גאלדערס-גרין.

אצינד לכבוד חג הסוכות הבעל"ט, באקענען מיר זיך נענטער מיט דעם גייסטרייכער פראיעקט וואס ר' אברהם ישעי' הי"ו האט מייסד געווען שוין קרוב צו דרייסיג יאר צוריק, בשנת תשנ"ה לפ"ק, און אין א פערזענליכן שמועס, דערציילט ער אונז די פרטים ארום, וואס עס האט אים צוגעברענגט מייסד צו זיין דעם פראיעקט, ווער האט געבויט דעם דיאגראם, לויט וועלכע שיטות איז דאס אהערגעשטעלט, און אזוי נאך פארשידענע אינטערעסאנטע פרטים.

בשעת אונזער שמועס האבן מיר געכאפט ר' אברהם ישעי'ן אין זיין דירה דא אין לאנדאן, וואו ער איז נתגדל געווארן פון קינדוויייז אן, און אויך בימי בחרותו האט ער נישט פארלאזט ענגלאנד... זייענדיג ממצויני התלמידים פון די בארימטע ישיבה אין געיטסהעד, ענגלאנד.

פארט אבער איז ר' אברהם ישעי' מקדיש א גרויסער טייל פונעם יאר צו ווײלן אין ארה"ק וואו עס איז בעיקר סטאנציאנירט די דיאגראמען פונעם ביהמ"ק און די אנדערע פעולות פון "תורת המקדש".

## וואס ברענגט דערצו אז א איד משלנו.. - פון דא אין לאנדאן - זאל מייסד זיין א מכון "תורת המקדש" – איז נאטורליך אונזער ערשטע פראגע.

**ר' אברהם ישעי'**: איך האב עפעס אלץ געהאט א משיכה צו דעם נושא פונעם ביהמ"ק, סיי אויף ארויסצוהאבן דעם "סדר העבודה" אין ביהמ"ק, און סיי אויף צו ווען פארשטיין און ארויסהאבן די צורה פונעם ביהמ"ק, וויאזוי עס האט אויסגעקוקט דאס הייליג הויז וואו די כהנים האבן געטון די עבודה יעדן טאג פון יאר. איך פלעג אסאך מאל טראכטן צו מיר, דריי מאל א טאג זאגט מען ביי די שמנה עשרה די תפלה פון "והשב את העבודה לדביר ביתך" אדער די תפלה פון "שיבנה בית המקדש במהרה בימינו" נו וויאזוי האט אויסגעזען דער "דביר ביתך" אויף וואס מען איז אזוי שטארק משתוקק דארט אהין צוריק אנצוקומען?

דעריבער האב איך אלץ פרובירט צו לערנען די הלכות, אזוי ארום צו באקומען א קלארקייט אין דעם גאנצן נושא. דאס איז אויסער דעם וואס עס איז מיר אמאל אויסגעקומען צו לערנען די הייליגע ווערטער פונעם חפץ חיים זצ"ל, וואו ער שרייבט איבער דעם פליכט וואס עס ליגט אויף יעדן איד צו לערנען די ענינים (זע באזונדערן באקסל), וואס דעריבער האב איך טאקע אלץ געלערנט די הלכות פאר מיר אליינס, און איך האב אנגעהויבן צו באקומען א בקיאות דערין. האב איך דאן אנגעהויבן צו טראכטן אז מיגו דזכי לנפשי, זאלן כאטש אויך אנדערע אידן נהנה זיין דערפון, און דאן איז מיר אויפגעקומען דער רעיון מייסד צו זיין דעם מכון "תורת המקדש" דערמיט צו געבן חיזוק אויך פאר אנדערע צו לערנען אט די הייליגע הלכות.

איך מוז אבער מקדים זיין, אז אונזער ציל איז דייקא מעורר צו זיין תלמידי חכמים אז מען זאל אויסנוצן דעם השתוקקות וואס איז איינגעגראבן אין יעדן איד'ס הארץ, אז מען זאל לכבוד דעם "לערנען" די הלכות און ענינים פונעם ביהמ"ק. אבער אונזער מכון האט נישט קיין שום שייכות צו די פארשידענע מזרחי'סטישע ארגאניזאציעס, וועלכע האבן פארוואנדלט אזעלכע הייליגע מושגים פון השתוקקות צום ביהמ"ק, אז מ'זאל לכבוד דעם זיך מורה היתר זיין ארויפצוגיין אויפן הר הבית. דאס ארויפגיין אויפן הר הבית איז א זאך וואס איז אסור לויט אלע פוסקים.

צו די אלע זאכן האבן מיר נישט קיין שום שייכות. אונזער ציל איז נאר, מעורר צו זיין אנדערע צו "לערנען" די הלכות און זיך נענטער צו באקענען מיט אלע פרטים פונעם בנין ביהמ"ק.

## ווען האט איר מייסד געווען דעם מכון?

**רא"י**: מיר האבן דאס מייסד געווען מיט כמעט דרייסיג יאר צוריק, בשנת תשנ"ה לפ"ק. דער ציל פון דעם מכון איז געווען א טאפלטער. סיי צו פרובירן מעודד צו זיין אידן תלמידי חכמים בכלל צו לערנען די הלכות פון בנין ביהמ"ק און הלכות קרבנות, און פון די אנדערע זייט אויך צו פרובירן ארויסצוהעלפן און צו פארגרינגערן פאר אידן צו לערנען די הלכות און ענינים וואס איז אפטמאל אזוי שטארק פארנעפלט און אומבאקאנט.

זעענדיג ווי דער לימוד פון הלכות פון בית המקדש איז היבש נאכגעלאזט ביים ציבור, האב איך באשלאסן אנהייבן מעורר צו זיין דעם ציבור מער עוסק צו זיין אין דעם נושא. איך האב אנגעהויבן צו קלערן




ר' אברהם ישעי' נייווירטה הי"ו
נעבן דעם דיאַגראַם וואָס ער האָט אויפגעשטעלט



א נאָנטער בליק אויפ'ן דיאַגראַם פון בית המקדש השני

וואס צו קענען טון עפעס מער זאכליך, וואס זאל ברענגען אידן זאלן מער לערנען די ענינים.

## מיט וואס האט איר אנגעהויבן?

**רא"י:** די ערשטע זאך האב איך אליינס אנגעהויבן דורכצולערנען משניות "מסכת מידות" מיט די מפרשים. איך האב אסאך מאל דורכגעלערנט יעדע משנה זייער יסודות'דיג, און ערשט נאכדעם האב איך געשפירט אז אינו דומה שמיעה לראי'. אויסער דעם וואס איך האב שוין דורכגעלערנט די משניות, בין איך נאכנישט געווען קלאר דערין. איך האב באשלאסן אז כדי עס צו קענען פארשטיין דעם נושא מיטן גאנצן קלארקייט, מוז איך קענען זען דעם ביהמ"ד, כאטש אויף א קליינעם פארמאט, אזוי ארום צו קענען בעסער פארשטיין דעם גאנצן נושא, און דערצו וועט דאס מיר געבן א מעגליכקייט צו קענען מעורר זיין נאך אנדערע אידן צו לערנען די הלכות.

דעמאלט האבן מיר אנגעהויבן אויפצושטעלן דעם דיאגראם פון דעם ביהמ"ק.

## ווער האט דאס אויפגעשטעלט? איר האט געדינגען ארבעטער?

**רא"י:** ניין, איך האב דאס אליינס אויפגעשטעלט. ב"ה דער אויבערשטער האט מיר געגעבן דעם טאלאנט צו קענען אליינס אהערשטעלן קונסטווערק מיט די אייגענע הענט. למען האמת – האב איך דאס קיינמאל נישט געהעריג אויסגענוצט, אבער ווען איך האבבאשלאסן אהערצושטעלן א דיאגראם, האב איך קודם געהאט אפגעמאכט ביי מיר א פונקטליכן פלאן פון די מדות הבית וואס איך פלאן אויפצושטעלן, און איך האב אנגעהויבן צו בויען דעם דיאגראם פונעם ביהמ"ק.

אבער ווען איך האב דאס נאך געהאלטן אינמיטן אויספלאנירן, איז מיר שוין אונטערגעקומען פארשידענע שוועריגקייטן דורך וואס די ארבעט איז שטארק פארלאנגזאמט געווארן. איך האב געבויט דעם דיאגראם לויט ווי איך האב געלערנט די פרטים פונעם ביהמ"ק אין מסכת מדות. אבער דער אמת איז, אז אין די מסכת אליינס שטייט נישט ארויס ממש אלע פרטים, און אסאך זאכן וואס ביים לערנען האב איך מיך געהאט איינגערעדט אז איך האב אלעס ארויס מיט א קלארקייט, אבער ווען עס איז געקומען צו הלכה למעש"ה, ביים אהערשטעלן דעם דיאגראם, האב איך געזען אז פארשידענע פרטים זענען מיר נישט אזוי קלאר. אזוי אז ווען איך האב געהאלטן ביים בויען פארשידענע פרטים אין דעם דיאגראם, האב איך נישט געקענט פארזעצן מיט די ארבעט. איך האב געמוזט לאזן די ארבעט אינדערמיט, נאכאמאל ארויסנעמען דעם משניות, זיך פריש מעמיק זיין אין די דברי המפרשים, און אויסקלארן ביי מיר אין מח וויאזוי דער פרט האט אויסגעזען אין ביהמ"ק, כדי צו קענען אהערשטעלן דעם גאנצן דיאגראם פונקטליך און קלאר.



דער "מזבח החיצון" לויט ווי עס איז אַהערגעשטעלט אינעם דיאַגראַם

## און איר האט אויף אלעם געטראפן פונקטליכע מקורות אין חז"ל און מפרשים?

**רא"י:** צו זיין אמת'דיג, ניין... איבער פארשידענע טיילן פון דעם דיאגראם האב איך נישט געטראפן קיין קלארע מסקנות אין די אלע מקורות, און דעמאלט האב איך געמוזט בויען יענע פרטים אינעם דיאגראם לויט מיין אייגענע השערה.

## און ס'איז געלונגען?

**רא"י:** ניין! איך האב עס געענדיגט בויען לויט מיינע מעגליכקייטן, און ווי יעדע זאך וואס מען ענדיגט בין איך שוין געווען זייער פרייליך אז עס איז שוין פארענדיגט. אבער ווען די ערשטע שמחה פונעם סיום האט אויסגעוועפט, האב איך עס נאכאמאל באטראכט און... איך האב געזען אז איך נער זיך נישט. עפעס האב איך געשפירט אז איך בין אליינס נישט אינגאנצן צופרידן. עפעס פעלט נאך דא. כ'האב עס קודם נישט געכאפט וואס דאס איז, אבער ווי מער צייט עס איז דורך האב איך אנגעהויבן אויפצוכאפן וואס עס פעלט דערין.

דער דיאגראם האט נאר אנטהאלטן דעם דרויסנדן סטרוקטור פונעם ביהמ"ק און די ארומיגע שטיבלעך. אבער ווי אזוי עס האט אויסגעזען



ספר עזרת כהנים הערליך איבערגעדרוקט אין צוויי גרויסע בענדער דורך מכון "תורת המקדש"



BETH DIN ZEDEK
OF THE ORTHODOX
COMMUNITY JEWISAH
JERUSALEM E. ISRAEL
26 STRAUSS ST.
P.O.B. 5006 FAX 6221317 TL.6246345

בית דין צדק
לכל מקהלות האשכנזים
שע"י "העדה החרדית"
פעיה"ק ירושלם תובב"א
ת.ד. 5006 פאקס 6221317 טל. 6252808

בס"ד

ג' שבט תשס"ב

הסכמת רבותינו הביד"צ שליט"א

בא לפנינו האי גברא יקירא בחור כהלכה אברך כמדרשו מוה"ר אברהם ישעי' נייווירטה הי"ו בן הרה"ח הירו"ש ומזכה הרבים כש"ת רבי אלכסנדר זושא נייווירטה זצ"ל, שהוציא לאור הספה"ק "עזרת כהנים" על מסכת מדות ודרשות מהגאון רבי יהושע יוסף בטו"ה הר"צ דוב הכהן זצ"ל אב"ד דק"ק מארד בפולין, ונדפס בווארשא בשנת תרל"ג, ומאז אזלו מהשוק ורבים הדורשים להשיג הספר בחיבת הקודש.

לכן יש להחזיק טובה להר"ר אברהם ישיעהו הי"ו הנ"ל שהשקיע הון רב ועמל בל יתואר בהוצאתו לאור ויש בזה זיכוי הרבים.

הביד"צ מסכימים שיפיץ הרב הנ"ל את הספר הנ"ל ולו הזכות, למשך שבע שנים ויש איסור הסגת גבול ששום אדם לא ידפיסו לא כולו ולא חלק ממנו בלי רשות בכתב מהר"ר אברהם ישעיהו נייווירטה הנ"ל, במשך שבע שנים.

ויבואו אחינו בנ"י ויביאו הברכה לביתם במחיר אשר יושת עליו.
וח"ש הביד"צ דפעיה"ק ת"ו

נאם
נאם
נאם

הסכמת חברי הבי"ד הגדול שבירושלים אויף די פרישע הוצאה לאור פון ספר עזרת כהנים

אינעווייניג אין די שטיבלעך, דאס האב איך נישט געהאט אהערגעשטעלט.

## נו וואס האט איר געטון?

**רא"י:** דאס איז א זאך וואס – ווי עס פארשטייט זיך - קען מען דאס נישט שפעטער צולייגן. אז מ'בויט א גרויסן הויז קען מען שפעטער אריינלייגט די חפצים אין יעדן שטוב, יעדע חפץ אין וועלכע שטוב עס באלאנגט... אבער אז מ'בויט אין קליינעם, מוז יעדע חפץ שוין ליגן אויף זיין פלאץ נאך איידער מ'בויט די ווייטערדיגע חלקים. דעריבער האב איך

נישט געהאט קיין ברירה, נאר אנצוהייבן בויען פונדאסניי א נייעם דיאגראם.

ביים צווייטן דיאגראם האב איך שוין געהאט ערפארונג, און ס'איז געבויט געווארן סאך מער פונקטליכער ווי די ערשטע. איך האב צוגעלייגט סאך מער פרטים, וואס אין מסכת מדות שטייט דאס נישט אבער איך האב דאס געטראפן אין אנדערע מקורות אז דאס איז געווען אינעם ביהמ"ק, און איך האב דאס צוגעלייגט צום דיאגראם. דעריבער האב איך דאס געבויט אביסל קלענער. דאס הייסט אז דעם ערשטן דיאגראם האב איך געבויט, אז יעדע "אמה" איז אינעם דיאגראם געווען געבויט אין זעקס מילימעטער (בערך א פערטל אינטש!) אבער ביים צווייטן האב איך שוין געמאכט יעדע "אמה" אין בלויז פיר מילימעטער (בערך א זעקסטל אינטש!)

דאס איז ווייט נישט געווען קיין לייכטע אונטערנעמונג פאר אן איינצעלנעם מענטש, אבער ב"ה איך דאנק דעם אויבערשטן אז איך האב מצליח געווען דאס אהערצושטעלן אויף אזא שיינעם פארנעם, וואס תלמידי חכמים און מומחים האבן דאס ממש באוואונדערט.

**איידער מיר גייען ווייטער. הייסט עס אז אייער אוצר באשטייט פון די צוויי דיאגראמען?**

**ראי"י:** ניין, איך האב א דריטע אויך... די ערשטע צוויי דיאגראמען האב איך בעיקר געבויט – ווי איך האב דערמאנט – לויט די משניות אין מסכת מדות. דאס הייסט אז איך האב געבויט א דיאגראם פונעם צווייטן ביהמ"ק. אבער נאכדעם האב איך אנגעהויבן צו ארבעטן אויף א פרישן פראיעקט, אהערצושטעלן א דיאגראם פונעם ביהמ"ק השלישי שיבנה במהרה בימינו. איך האב דאס געבויט לויט ווי עס ווערט געברענגט אין די נבואה פון יחזקאל הנביא, אז דער ביהמ"ק וועט אזוי געבויט ווערן. אבער דא איז עס געווען נאך סאך שווערער, ווייל אין די שפעטערדיגע מפרשים איז כמעט נישט דא קיין פרטים איבער דעם דריטן ביהמ"ק, און פון די פסוקים איז זייער שווער ארויסצונעמען דעם פונקטליכן אויסזען ווי אזוי דער ביהמ"ק וועט אי"ה געבויט ווערן.

איך האב דעריבער געשפירט אז איך קען דאס נישט פארזעצן, און אינמיטן ארבעטן אויף דעם פראיעקט האב איך דאס געלאזט אינמיטן, און עטליכע יאר איז עס אפגעליגן ביי מיר אינדערהיים נאר האלב-געבויט.

אבער עטליכע יאר שפעטער האט מיך פריש אנגעכאפט א התעוררות. איך האב מיך ווייטער אריינגעלייגט דורכצולערנען די פסוקים, און אזוי האב איך דאס פארענדיגט צו בויען לויט וויאזוי איך האב דאס ארויסגענומען פון די פסוקים. צי איך האב צוגעטראפן פונקטליך? איך האף אז יא, אבער וויסן קלאר ווייס איך נישט. מ'האף מיר אז בקרוב וועט אראפקומען דער ביהמ"ק השלישי בנוי ומשוכלל מן השמים, און דעמאלט וועט מען קענען זען צי איך האב עס ריכטיג געבויט – ווער עס וועט האבן די זכי' דערצו פארשטייט זיך.

**לויט אייערע ווערטער אז איר זענט נתעורר געווארן צו לערנען די הלכות, לויט די ווערטער פונעם חפץ חיים זצ"ל אז עס ליגט א חיוב צו זיין אויסגעקאכט אין די הלכות פונעם בית השלישי און בעיקר כדי מעורר צו זיין די רגשי הלב צום בנין המקדש, אויב אזוי פארוואס האט איר נישט גלייך געבויט דעם דיאגראם פונעם דריטן ביהמ"ק?**

**ראי"י:** ווי איך האב געזאגט, איז די צורה פונעם ביהמ"ק השלישי זייער נישט קלאר אין די פסוקים, דאקעגן דער ביהמ"ק השני, טראץ וואס ביי דעם איז אויך דא פארשידענע אומקלארקייטן, איז עס אבער סאך סאך מער מבואר אין די דברי חז"ל והמפרשים.

למעשה שרייבט דער רמב"ם און נאך מפרשים, אז דער ביהמ"ק השלישי וועט זיין זייער ענליך צום בית שני. אסאך פרטים וועט טאקע זיין אנדערש אינעם בית שלישי, אבער מיט אסאך פרטים וועט עס אויסקוקן די זעלבע ווי דער בית שני, דעריבער איז וויכטיג צו לערנען די פרטים פונעם בית שני, אזוי צו קענען ארויסהאבן בערך ווי אזוי דער ביהמ"ק השלישי וועט אויסקוקן.

דער תוספות יום טוב אין די הקדמה צו מסכת מידות שרייבט ווי פאלגענד (איבערגעזעצט אויף אידיש): "אויך אונז, ווען מיר וועלן זוכה זיין אז עס וועט אויפגעבויט ווערן דער דריטער ביהמ"ק, וועט דער אויבערשטער עפענען אונזער אויגן, עס וועט זיין מלאה הארץ דעה את ה', און מ'וועט פארשטיין די פארבארגענע פסוקים אין ספר יחזקאל, וואס לויט די (נבואה אין די פסוקים וואס מ'וועט ערשט דעמאלט געהעריג פארשטיין, לויט דעם) וועט מען בויען דעם דריטן ביהמ"ק. אבער דאך דארף מען אויך לערנען דעם אויסזען פונעם בית שני וכו' ווייל לויט דעם אויסזען פונעם בית שני קען מען פארשטיין בערך וויאזוי עס וועט אויסקוקן דער בנין וואס יחזקאל הנביא זאגט אז דער בית שלישי וועט אזוי אויסקוקן. ע"כ.

דעריבער טאקע האב איך בעיקר מיך אריינגעלייגט צו מאכן דעם דיאגראם פונעם בית שני. עס איז א מציאות אז איך בין נישט געווען דער יוזם הרעיון פון אהערשטעלן דיאגראמען פונעם ביהמ"ק. נאך אין די פריערדיגע יארן האט מען דאס שוין אהערגעשטעלט און אלע זענען בעיקר אהערגעשטעלט נאר אויפן בית שני. ס'איז ידוע אז אין די בארימטע "ישיבת חכמי לובלין" אין פוילן, איז געווען אויפגעשטעלט א גרויסער דיאגראם פונעם ביהמ"ק השני. דער מייסד וראש הישיבה הגה"ר מאיר שפירא זצ"ל האט שטארק געשטופט די בחורים צו לערנען מסכת מדות ארויסצוהאבן דעם געבוי פונעם ביהמ"ק, און דעריבער האט מען אויף זיין איניציאטיוו אויפגעבויט א דיאגראם פונעם ביהמ"ק.

אויך היינט זענען שוין דא נאך דיאגראמען פונעם ביהמ"ק השני, איינס פון זיי געבויט דורך א חשוב'ער איד פון צפת, וואס איז באמת א קונסט-ווערק, א הערליכער דיאגראם.

**נו, מיט וואס איז אייער דיאגראם אנדערש און אייגנארטיג פון אנדערע ענליכע דיאגראמען וואס אנדערע האבן שוין אהערגעשטעלט פונעם בית שני?**

**ראי"י:** ערשטנס איז דאס וואס איך האב שוין דערמאנט, אז אינעם צווייטן דיאגראם האב איך אויך געבויט די אינעווייניגסטע חלקים פון אלע שטיבלעך, וואס דאס האבן נישט די אנדערע דיאגראמען. צווייטנס, די אלע אנדערע דיאגראמען זענען בעיקר געבויט געווארן לויטן שיטת הרמב"ם. מיין דיאגראם האב איך בעיקר געבויט לויטן פירוש פונעם "תפארת ישראל" אויף

מסכת מידות, וואס זיין שיטה איז מער נאנט צו שיטת רש"י.

ס'איז דא פארשידענע חילוקים אין די שיטות, בעיקר אין די צורה פונעם אולם, היכל און די ארומיגע שטיבלעך. דער גרעסטער חילוק צווישן די שיטות איז, דער אויסשטעל פונעם "בית המוקד" (א שטוב וואו עס האט די גאנצע צייט געברענט א פייער, צוליב פארשידענע סיבות.) וואס לויטן רמב"ם איז דער בית המוקד געווען געבויט גענצליך אינדרויסן פון די עזרה, דער גאנצער שטיבל איז געווען געבויט נאר בחול. ווידעראום לויט שיטת רש"י וואס אין די שיטה גייט אויך דער תפארת ישראל, איז דער בית המוקד געווען געבויט האלב אין די עזרה און האלב אינדרויסן. איך האב דאס געבויט לויט די צווייטע שיטה וואס איך האב דא דערמאנט.

אויך אנדערע "לשכות" האב איך געבויט אביסל אנדערש ווי די אנדערע דיאגראמען זענען געבויט. למשל דער "לשכת המצורעים" (א שטיבל מיט א ספעציעלע "מקוה" פאר מצורעים וואס זענען געקומען מקריב זיין זייערע קרבנות אין ביהמ"ק, און האבן קודם זיך געדארפט טובל'ן אין די מקוה) און דער "לשכת השמנים" (א שטיבל וואו מ'האט געהאלטן אלע "אוילן" וואס מ'האט גענוצט אינעם ביהמ"ק) האב איך געבויט אביסל אנדערש ווי מ'האט עס געבויט אין די אנדערע דיאגראמען. דיביידע לשכות זענען געווען אינעם "עזרת נשים" ביי די ווינקלען הארט נעבן דעם "עזרת ישראל". אזוי אז איין וואנט פונעם עזרת ישראל איז אויך געווען דער וואנט פון די לשכה. די אנדערע דיאגראמען זענען געבויט אזוי אז עס האט נאר טירן פונעם עזרת נשים אריין צו די לשכות. איך האב אויך צוגעלייגט טירן פון די לשכות גלייך אריין אין עזרת ישראל, וואס דאס איז לויט די שיטה ווי דער תפארת ישראל איז מפרש די משנה.

אויסער דעם האב איך געמאכט נאך עפעס וואס – אגב – האט עס א ספעציעלן שייכות צום יום טוב סוכות.

אין ביהמ"ק זענען געווען די "חמש עשרה מעלות" די פופצן טרעפ וואס גייט אראפ פון "עזרת ישראל" צום "עזרת נשים" וואס די משנה אין מסכת סוכה זאגט, אז ביי "שמחת בית השואבה" זענען די לוים געשטאנען אויף די שטיגן, און געזינגען מיט כלי שיר. אין מסכת מדות (פ"ב משנה ה') זאגט די משנה איבער די טרעפ אז "וחמש עשרה מעלות עולות מתוכה לעזרת ישראל מעזרת הנשים וכו', לא היו תרוטות, אלא מוקפות כחצי גורן עגולה". די פופצן טרעפ זענען נישט געווען "תרוטות" נאר האלב-רינדעכיג. (וואס עס איז טייטש "תרוטות" איז א נושא פאר זיך. בפשטות איז פשט אז עס איז נישט געווען 'גלייך' ווי די אנדערע שטיגן אין ביהמ"ק, נאר ווי די משנה זאגט ווייטער אז עס איז געווען האלב רינדעכיג.)

ווער עס האט שוין אמאל געזען א געמאלענעם בילד פונעם ביהמ"ק געדענקט זיכער, אז די פופצן טרעפ זענען טאקע אזוי געבויט האלב רינדעכיג, אבער יעדער געדענקט זיכער אז ווי די בילדער צייגן איז דאס געווען געבויט האלב רינדעכיג אויף ארויס. ס'שטארט ארויס אויף ארויסציה, און אזוי ווערט טאקע געברענגט אין רוב מפרשים, אז אזוי איז דאס געווען געבויט.

אבער איך האב געזען מפרשים וואס מוטשען זיך אביסל דאס צו פארשטיין. ווייל ווי די משנה זאגט, זענען די לוים געשטאנען אויף די טרעפ און זיי האבן צוזאמען געזינגען, און עס איז זייער שווער צו פירן אן ארגאניזירטע נגינה, ווען נישט יעדער קען זיך זען איינער דעם אנדערן. אזוי אז אויב די טרעפ זענען טאקע געווען אויף ארויס, האבן די לוים זיך נישט געקענט זען איינער דעם אנדערן, און ס'איז געוויס שווער געווען אזוי צו זינגען צוזאמען.

איך האב דאס שטארק נאכגעזוכט, און איך האב געטראפן אז דער מאירי אויף די משנה אין מידות זאגט אז די שטיגן זענען געווען געבויט ווי א האלבע רינג אויף אריין. ווי עס איז זיין לשון "אלא מוקפות כחצי גורן, שהתחתונה קצרה, ושני' עודפת לה משני קצותי', וכן שלישית לשני' וכולם על סדר זה, עד שכשהיו כולם מסודרות בסדר זה היתה צורתם דומה להקף של חצי גורן", וואס לויט זיין פשט פארשטייט מען גרינגער ווי אזוי די לוים האבן געזינגען צוזאמען. דעריבער האב איך אין מיין דיאגראם צוגעלייגט נאך א פרט, אז איך האב געמאכט די שטיגן אויך לויט די שיטה פונעם מאירי, דאס הייסט אויף אריין. איך האב עס נישט געקענט מאכן נאר לויט די שיטה פונעם מאירי, ווייל רוב ראשונים זאגן יא פשט אז די שטיגן זענען געווען געבויט אויף ארויס, נאר אזויפיל אז איך האב צוגעלייגט שטיגן אויף אריין, פארצושטעלן דערמיט די שיטה פונעם מאירי.

## מ'דארף שוין באלד דורכלערנען גאנץ מסכת מדות צו פארשטיין דעם שמועס דא...

**רא"י:** ריכטיג, אויב דאס וועט זיין דער אויפטו פון אונזער שמועס האט זיך עס זיכער געלוינט... און איך ראט יעדן איינעם, אז ווער עס לערנט טאקע מסכת מדות, זאל פרובירן אנצוקומען צו זען אונזער דיאגראם. אידן זאגן מיר כסדר אז דער דיאגראם האט זיי געעפענט די אויגן צו פארשטיין קלאר דעם גאנצן נושא.

איך געדענק נאך מיט אריבער צוואנציג יאר צוריק, ווען מיין צווייטער דיאגראם







דיאגראם פון ביהמ"ק השני פון צוויי קוק ווינקלען

איז פארטיג געווארן, האב איך פונקט געטראפן א חשוב'ן תלמיד חכם, א מרביץ תורה וואס האט דאן געלערנט די ענינים, און ער האט זיך צו מיר אויסגערעדט, אז טראץ וואס ער האט שוין דורכגעלערנט דעם גאנצן נושא פונעם מקור אין די משנה און מפרשים, מוטשעט ער זיך אבער עס ארויסצוהאבן אין זיין מח מיט א קלארקייט וויאזוי יעדע זאך האט אויסגעזען. האב איך אים איינגעלאדנט צו מיר אין שטוב, און איך האב אים געזאגט אז דארט וועל איך אים אלעס מסביר זיין.

דער איד איז טאקע אריבערגעקומען צו מיר אין שטוב, און איך האב געוויזן דעם גאנצן דיאגראם. איך האב עס אים נישט בלויז געצייגט פונדרויסן. איך האב עס צונעמען אויף שטיקלעך (דער דיאגראם איז ספעציעל אזוי געבויט אז מען זאל עס קענען לייכט צונעמען און צוריק צוזאמשטעלן, כדי אז מ'זאל עס לייכטערהייט קענען פירן פון איין פלאץ צו די אנדערע.) און דערנאך עס צוריק אויפגעשטעלט. דער תלמיד חכם האט אלעס באטראכט, און ער האט דאס נישט געקענט גענוג אפוואונדערן ווי שיין עס איז אהערגעשטעלט. עס האט אים ממש געעפנט דעם קאפ און דעם מח ארויסצוהאבן יעדע זאך מיט א קלארקייט.







**דיאגראם פון ביהמ"ק השלישי אויפגעשטעלט דורך ר' אברהם ישעי' הי"ו**

## וואס האט איר געטון נאכדעם וואס די דיאגראמען זענען פארענדיגט געווארן?

**רא"י:** פשוט, איך האב דאס אנגעהויבן צו צייגן פאר מענטשן. ווי איך האב פריער געזאגט, האב איך דאס אזוי געבויט אז מען זאל דאס לייכטערהייט קענען צונעמען. האב איך דאס אנגעהויבן ארומצוטראגן אויף פארשידענע מקומות איבער די וועלט. קודם האב איך עס אריבערגעברענגט קיין בארא פארק, וואו פילצאליגע תלמידי חכמים, לומדי הכוללים און נאך, זענען געקומען דאס זען. אלע, ובפרט תלמידי חכמים וואס האבן שוין געהאלטן אינמיטן עוסק זיין אין דעם נושא, האבן מיר געזאגט אז דער דיאגראם האט זיי געעפענט די אויגן, צו פארשטיין פארשידענע פרטים אין זייערע לימודים וואס זיי האבן זיך געמוטשעט דאס צו פארשטיין. שפעטער האב איך דאס אויך אויפגעשטעלט דא אין ענגלאנד; אין לאנדאן און אין געיטסהעד, און נאך, איבעראל האט עס געצויגן מאסן אידן וועלכע האבן באקומען א באגריף וואס מיר האבן אמאל געהאט, וואס מיר האבן פארלוירן, און וואס מיר ווערן צוריקבאקומען, האפנטליך שוין גאנץ בקרוב.

## האט עס געפירט צו אייער ציל?

**רא"י:** א פראגע? דער עיקר ציל איז דאך געווען מעורר צו זיין אידן צו לערנען די הלכות פון בנין ביהמ"ק און נאך. דאס אליינס אז מען זעט דעם דיאגראם, ברענגט דאס ביי מענטשן דעם געפיל צו וועלן דורכטון און לערנען דעם נושא בעיון, כדי צו פארשטיין די פרטים פון דעם דיאגראם, און דער ציל ווערט ביסלעכווייז דערגרייכט...

## לאמיר צוריקגיין אביסל פריער. איר האט געזאגט אז דער מכון הייסט "תורת המקדש-רבי אליעזר בן יעקב" פארוואס עפעס האט איר געגעבן דעם נאמען דייקא נאך דעם הייליגן תנא?

**רא"י:** די גמרא אין מסכת יומא (ט"ז ע"א) זאגט "אמר רב הונא מאן תנא מסכת מדות רבי אליעזר בן יעקב". [ווער איז דער תנא וואס האט געלערנט מסכת מדות? ר' אליעזר בן יעקב.] רוב מפרשים נעמען אן פשט אין די ווערטער, אז רבי אליעזר בן יעקב האט געמאכט מסכת מדות.

(דאס איז א באזונדערע אריכות פאר זיך ווער רבי אליעזר בן יעקב איז געווען. לויט טייל מפרשים איז רבי

אליעזר בן יעקב געווען נאך אין די תקופה פון סוף בית שני, אזוי אז ער האט נאך געדענקט דעם בית שני. אבער פון אנדערע מקורות אין חז"ל זעט אויס אז רבי אליעזר בן יעקב איז געווען ערשט אין א שפעטערדיגע תקופה שוין היבש נאך די תקופה פונעם בית שני. נאר זיין בקיאות אין די ענינים האט זיך גענומען פון דעם וואס זיינס א פעטער, אחי אמו איז געווען א לוי, און פון אים האט ער געהערט אלע פרטי המדות פונעם ביהמ"ק. ווי דערמאנט אבער איז דאס א באזונדערע נושא.)

עכ"פ דעריבער האב איך דאס גערופן על שמו פון דעם הייליגן תנא רבי אליעזר בן יעקב, וואס דער גאנצער דיאגראם און אלעס ארום דעם ביהמ"ק איז געבויט אויף זיינע מימרא'ס אין משניות.

## איז דא נאך פראיעקטן מיט וואס דער מכון "תורת המקדש" געט זיך אפ?

**ראו"י:** יא, מיר האבן זיך אויך באפאסט מיטן איבערדרוקן דעם ספר "עזרת כהנים", א פירוש אויף מסכת מידות. דער רעיון פון ארויסגעבן דעם ספר איז נישט געווען מיין אייגענע. איך האב קודם אפילו נישט געוואוסט פון דעם ספר, און ס'איז באמת א שאד, ווייל ווען איך האב באקומען דעם ספר האט עס מיר ממש באלויכטן די אויגן צו קענען פארשטיין דעם גאנצן נושא פונעם ביהמ"ק, און ווען איך וואלט דאס געהאט פריער, וואלט מיר לייכטער אנגעקומען דורכצולערנען דעם נושא.

איך האב באקומען דעם ספר פון מיינס א ידיד, אבלחט"א, מוה"ר נטע האניג ז"ל פון לאנדאן, וועלכער האט אויך אסאך געטון עוסק צו זיין אין די עניני ביהמ"ק און מיר האבן אסאך פארברענגט צוזאמען אין דעם נושא.

ר' נטע איז געווען א שיינער תלמיד חכם, אבער ער האט עוסק געווען על המחי' ועל הכלכלה, און ער האט געצויגן חיונה פון פארקויפן דיאמאנטן. אידן וואס האבן אים געקענט געדענקן זיכער, ווי צווישן אין קאסטומער און דעם צווייטן, האט ער פשוט געבויט דעם ביהמ"ק... עה, נישט ממש אזוי. אבער די גאנצע צייט וואס ער איז געווען ביי די "ארבעט" האט ער געלערנט מסכת מידות בעיון רב. ווען א קאסטומער איז אריינגעקומען האט ער אים באדינט, און גלייך דערנאך איז ער צוריק צו זיין עיקר עסק, צו לערנען מסכת מידות אין וואס ער האט געהאט אזא שטארקע בקיאות.

אין זיינע לעצטע יארן האט ער מער נישט געארבעט מיט דיאמאנטן. ער האט געעפענט א ספרים-געשעפט, וואו עס איז אים אויך אויסגעקומען צו באקומען אלטע ספרים. איינמאל האט ער דארט באקומען דעם דערמאנטן ספר "עזרת כהנים" אויף מסכת מידות, און זייענדיג זיין "עולם הבא מסכת" האט ער זיך גלייך אריינגעווארפן דאס דורכצולערנען. ער איז געווען ממש אויסער זיך פאר שמחה, צו טרעפן אזא קלארן אריכות'דיגן ביאור אויף די גאנצע מסכת.

## ווער האט געמאכט דעם פירוש עזרת כהנים?

**ראו"י:** דער ספר איז נתחבר געווארן דורך הגאון רבי יהושע יוסף בן רבי נחום דוב הכהן זצ"ל וועלכער איז געווען רב אין די שטאט "מארד", א קליין שטעטל נעבן שעדליץ אין פוילן. ער איז געווען פון די גדולי

## יעדער קען מקריב זיין קרבנות!

איינער פון די גדולי ישראל וואס האט שטארק מעורר געווען דעם לימוד סדר קדשים, בניית בית המקדש ועבודת הקרבנות, איז געווען הגה"ק בעל חפץ חיים זצ"ל וועלכער האט אסאך מעורר געווען דערויף בכתב ובעל פה. אין די הקדמה צום ספר "עבודת הקרבנות" שרייבט דער חפץ חיים זצ"ל ווי פאלגנד (איבערגעזעצט אויף אידיש):

"איך וואונדער זיך, ווי אזוי זענען מיר יוצא אונזער חוב מיט דעם וואס מיר זענען זיך מתרשל צו לערנען פון דעם לימוד (הלכות קרבנות וביהמ"ק). דאס איז דאך זיכער אז אויב דער ביהמ"ק וואלט געשטאנען, וואלט זיכער יעדער איד משתוקק געווען צו פארן קיין ירושלים, דארט מקריב צו זיין קרבנות, דער א קרבן עולה מכפר צו זיין אויף די מצוות עשה אויף וואס ער האט עובר געווען; דער וואלט געברענגט א חטאת אויפן חטא פון חילול שבת וואס ער האט עובר געווען בשוגג אדער אויף אן אנדערע חייבי כריתות; דער צו ברענגען א קרבן תודה נאכדעם וואס ער איז אויסגעהיילט געווארן פון א געוויסע מחלה. דעמאלט וואלט דאס געקאסט אסאך געלט, (צו קויפן א קרבן, פארן קיין ירושלים וכדומה). אבער היינט האבן מיר די הבטחה פונעם אויבערשטן אז יעדער איינער קען ברענגען א קרבן ביי זיך אינדערהיים און אין זיין ביהמ"ד, דורך'ן לערנען די אלע זאכן לויט ענין, אן קיין שום טירחא און פלאג, און אן קיין שום איבעריגע הוצאות, און דאך איז מען זיך מתרשל דערפון.

"נאך מער, בזמן שבית המקדש הי' קיים האט נישט יעדער געקענט אליינס מקריב זיין קרבנות. א זר האט דאך נישט געקענט מקריב זיין וכו'. אבער היינט האט יעדער איינער די מעגליכקייט אליינס מקריב צו זיין קרבנות דורך'ן לערנען דעם סדר הקרבנות, וואס דער אויבערשטער רעכנט דאס פאר יעדן איינעם ממש ווי מען וואלט אליינס מקריב געווען א קרבן. אנדערש וועט זיין ווען משיח וועט קומען און דער ביהמ"ק וועט אויפגעבויט ווערן, ווען מ'וועט נישט קענען אליינס מקריב זיין קרבנות.

"אפשר רעדן זיך מענטשן איין אז מען איז יוצא דעם לימוד הקרבנות מיט דעם וואס ער זאגט יעדן טאג די ברייתא פון "אביי הוי מסדר סדר המערכה וכו'", דאס וואלט גוט געווען, אויב מען וואלט פארשטאנען וואס מען זאגט, און ווי אזוי מען טוט יעדע זאך (פון די ברייתא.) אבער למעשה ווייסן רובא דרובא מענטשן בכלל נישט וואס דאס איז חביתין און וואס דאס איז בזיכין. דעריבער מוז כאטש יעדער פארשטיין וואס מען זאגט וכו'.

"איך האב געקלערט אז ס'איז דא צוויי סיבות פארוואס מען איז זיך מתרשל פון דעם לימוד. איינס איז דער עצת היצר, ווייל עס איז באקאנט אז דורכ'ן לערנען קרבנות ווערן די זינד פון אידישע קינדער פארצייט ווי חז"ל זאגן אז מיטן לערנען די פרשיות פון די קרבנות ווערן די זינד פארצייט ווי אמאל ווען מען האט מקריב געווען קרבנות וכו', דעריבער פארלייגט זיך דער יצר הרע מיט אלע זיינע כוחות אפצורעדן דעם מענטש פון אזעלכע לימודים.

"צווייטנס אז די לימודים, מברר צו זיין די הלכה פון יעדן קרבן מיט אלע פרטים, תורת עולה פאר זיך און תורת חטאת פאר זיך און אזוי יעדן קרבן מיט אלע פרטים, און דער ענין פון לבישת בגדי כהונה און אלע ענינים וואס זענען שייך צו דעם וכו' דאס איז באמת זייער א שווערע זאך, און דעריבער ווערן אסאך פארמיטן פון זיך פארטיפן אין די מקצוע.

דער חפץ חיים איז דארט ווייטער מאריך איבער דעם חיוב פון לערנען די ענינים.

החסידים פון בית איזביצא און ראדזין, פון הרה"ק רבי מרדכי יוסף מאיזביצא זצ"ל בעל מי השילוח, און פון בנו הרה"ק רבי יעקב מראדזין זצ"ל בעל בית יעקב.

רבי יהושע יוסף זצ"ל האט געדרוקט דעם ספר בשנת תרל"ג, נאכדעם וואס ער האט זיך לאנג געמוטשעט דורכצולערנען דעם גאנצן נושא בעיון רב, און ער האט געהאט א געוואלדיגן סייעתא דשמיא אהערצושטעלן אזא הפלא'דיגן חיבור.

דער ספר איז באקרוינט מיט די הסכמות פון די גדולי ישראל בדורו, צווישן זיי פון די צדיקי בית איזביצא און פון נאך צדיקים, ווי הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זצ"ל, הגה"ק בעל בית הלוי מבריסק זצ"ל און נאך. מ'זעט אין די הסכמות אז רבי יושע יוסף האט ליידער נישט איבערגעלאזט קיין דורות נאך זיך, און ער האט מחבר געווען דעם ספר כדי אז עס זאל בלייבן פון אים א זכרון דברים.

עכ"פ צוריק צו וואו מיר האלטן. ר' נטע האניג מיט וועמען איך האב אסאך גערעדט איבער די ענינים פון תורת המקדש, האט באקומען דעם ספר, און ער האט מיר דערציילט איבער דעם. איך האב גענומען פון אים דעם ספר, און איך בין ממש נתפעל געווארן פון דעם געוואלדיגן היקף וואס מ'טרעפט אין דעם ספר איבער דעם גאנצן נושא. מיר האבן דאן באשלאסן ארויסצוגעבן דעם חיבור פונדאסניי, מיט שיינע קלארע אותיות למען לזכות את הרבים.

אסאך כוחות האבן מיר אריינגעלייגט ביים איבערדרוקן דעם ספר. אויסער וואס דער גאנצער ספר איז איבערגעזעצט געווארן מיט אותיות מאירות עינים, האבן מיר פארראכטן אסאך טעותי הדפוס, די בילדער אין דעם ספר האבן מיר אויסגעבעסערט מיט די היינטיגע מעגליכקייטן, און מיר האבן צוגעלייגט אסאך פרישע בילדער, מיר האבן צוגעלייגט מראי מקומות און אזוי אהערגעשטעלט דעם ספר אז עס זאל זיין לייכטער צו לערנען דערין. אזוי האבן מיר זוכה געווען ארויסגעבן א גענצליך-נייע מהדורה פון דעם, וואס איז דערנאך פארשפרייט געווארן איבער דער גארער וועלט.



צורת צלוחית לניסוך המים וערבה | צורת נבל או כינור

מטבע בר כוכבא מזמן בית שני



צד א
צורת המנורה

צד ב
צורת השלחן ועליו לחם הפנים



מטבע בר כוכבא מזמן בית שני
חרוט עליו שלחן (מי"ג שלחנות) שהיו בבית המקדש (שקלים פי"ג)



מטבע בר כוכבא מזמן בית שני
חרוט עליו שני חצוצרות שהשתמשו בבית המקדש

**פארשידענע סארט מטבעות פון זמן בית שני אויפגעקריצט דערויף בילדער פון ביהמ"ק, מזבח, לחם הפנים און נאך**

עס איז כדי צו ציטירן איין שטיק פון די הקדמה פון דעם מחבר וואס ער שרייבט אויף דאס חשיבות פון לימוד הלכות בית המקדש (איבערגעזעצט אויף אידיש):

"חז"ל זאגן "הכל תלוי במזל אפילו ספר תורה שבהיכל". אפשר איז דאס די סיבה צוליב וואס רוב אידן, אריינגערעכנט די גדולי הדור, זענען נישט עוסק צו לערנען די פרטים פונעם צורת בית המקדש וואס שטייט אין ספר יחזקאל און אין די משנה אין מסכת מידות. אידן פלאגן זיך נישט מיטן גאנצן עומק השכל דאס געהעריג צו פארשטיין.

"עס קען אויך זיין אז די סיבה צו דעם איז, לויט די ווערטער וואס דער רמב"ן שרייבט אין שער הגמול (אגרת ז') "כל המקודש מחבירו, חרוב יותר מחבירו" (וואס עס איז הייליגער פון אנדערע זאך, אויב ווערט עס חרוב, איז עס אויך מער חרוב פון אנדערע זאכן.) דעריבער האט דער וויסטעניש פונעם ביהמ"ק אפגערעדט דעם הארץ פון די גדולי ישראל פון זיך אריינטון צו פארשטיין דעם געבוי פונעם ביהמ"ק. דאס איז אויך א טייל פונעם חורבן ביהמ"ק (אז מען איז נישט עוסק דערין).

"אבער זיכער פארשטייט יעדער קלוגער מענטש, אז די מסכת (מידות) שטייט און בעט זיך ביים כסא הכבוד, זי בעט רחמים אויף איר מזל, (אז אויך די מסכת זאל מען לערנען כאטש אזויפיל) ווי אנדערע מסכתות, אין די צייט וואס די מסכת געפונט זיך דערווייל אין א ווינקל וכו'. חז"ל זאגן שוין אויפן פסוק "ציון היא דורש אין לה, מבכל דבעי דרישה" און אצינד איז עס ליידער פארקערט אז פונקט די מסכת לערנט מען נישט. לויט מיין יונגע מיינונג זעט אויס אז עס איז נישט דא קיין שיעור וויפיל פלאג מען דארף אריינלייגן אין די מסכת". ע"כ.

נאכדעם וואס מיר האבן ארויסגעגעבן דעם ספר "עזרת כהנים" האב איך אנגעהויבן צו ארבעטן ווייטער, ארויסצוגעבן דעם ספר "עבודת הקרבנות" פון הג"ר אהרן הכהן זצ"ל דער איידעם פונעם חפץ חיים זצ"ל (ער איז בסוף ימיו ארויף קיין ארץ ישראל, און ער ליגט אויפן הר הזיתים) וואס דער ספר איז אויך מבאר מיט א געוואלדיגן קלארקייט דעם גאנצן נושא פונעם ביהמ"ק און די קרבנות. דער ספר איז באקרוינט מיט די הסכמות פון די גאוני זמנו, און דערצו האט עס אויך די המלצה פון זיין גרויסן שווער דער חפץ חיים זצ"ל, וואס ער שרייבט דארט זייער שטארק איבער דעם פליכט פון לערנען די ענינים.

**א גרויסן יש"כ פאר אייך, ס'איז געווען זייער אינטערעסאנט צו הערן פון אייך די אלע פרטים. זאל דער אויבערשטער העלפן אז מיר זאלן שוין בקרוב זוכה זיין צו זען דעם ביהמ"ק השלישי על תילה בנוי, בביאת משיח צדקינו, במהרה בימינו.**

**רא"י:** אמן. ■




# א טייערע אתרוג?

טייערע ליכטיגע קינדערלעך!

מיר שטייען יעצט אין דעם הייליגן פרייליכן יו"ט סוכות. לאמיר ענק פארציילן עפעס ספעציעל לכבוד יו"ט.

**אין די געגנט פון דער הייליגער צדיק דער חוזה פון לובלין זי"ע,** נישט ווייט פון זיין געגענט, האבן געוואוינט צוויי ברידערלעך, שלום מיט מאיר. די צוויי ברידערלעך זענען געווען צוויי גוטע ברידערס, זיי האבן זיך ליב געהאט ווי ברידערס, אבער זיי זענען געווען צוויי גאר אנדערע סארט מענטשן.

מאיר איז געווען א רייכער מענטש. זיין רייכקייט איז געקומען פון דעם וואס ער האט געהאט א גרויסע מיהל וואו מען האט געמאלן ווייץ, מיט אסאך ארבעטערס. פעק פעק מיט ווייץ איז געקומען צו זיין מיהל און דארט האט מען עס צומאלן און עס איז ארויסגעקומען מעל.

פארשטייט זיך אז מאיר האט געוואוינט אין א גרויסע שיינע הערליכע פאלאץ, מיט שיינע מעבל, ער האט געהאט באדינערס, קנעכט און דינסט. רוב טאג איז מאיר געזעסן אין זיין פאבריק און געארבעט שווער, אויך איז ער געווען פארנומען מיט זיינע געשעפטן וואס ער האט געהאט אויסער די מיהל - מיט פראפערטיס וואס ער האט געקויפט פון די געלט וואס איז אריינגעקומען פונעם מיהל.

שלום אבער איז געווען גאר אנדערש, אים האט נישט געצויגן קיין געלט, אים האט נישט אינטערעסירט אלע זאכן אויף די וועלט חוץ תורה. ער האט פארברענגט די טאג מיטן לערנען און דאווענען.

**שלום איז זייער אפט געווען א גאסט ביי דער הייליגער לובלינער.** א שיינע שבת, א יום טוב, איז ער געפארן צו דער הייליגער חוזה פון לובלין. אבער ער פלעגט נישט בלייבן דארטן נאר פאר שבת און פארן פון פרייטאג ביז זונטאג, ניין, ער איז געפארן פון פרייטאג, ביז זונטאג דריי וואכן שפעטער.. ער האט נישט געקענט אוועקפארן ווילאנג ער האט נישט געשפירט אז ער איז שוין זאט, ער איז געבליבן זיצן דארטן פאר אפאר וואכן און געהערט דער רבי'ס הייליגע תורות און געזען דעם רבינ'ס הייליגע צורה.

**נו, פון וואו האט שלום געהאט אויב אזוי געלט?** זיין פרנסה איז געווען פשוט, אז זיין ברודער מאיר האט אים געלאזט ארבעטן ביי זיין מיהל און מאיר פלעגט אים שיין באצאלן. כאטשיג וואס שלום איז נישט געקומען אזויפיל צו די ארבעט, דאך האט אים מאיר שיין באצאלט.

ביז עס איז געקומען אמאל וואס פאר מאיר האט געפלאצט די נערוון; שלום פארט זיך פאר דריי-פיר וואכן, קוים וואס ער קומט אריין צו די ארבעט, און איך באצאל אים חודש'ליך ווי ער וואלט דא געארבעט אכט שעה א טאג. עס גייט נישט אזוי! ניין עס גייט


מאיר האט געהאט א מיהל

נישט אזוי! מאיר איז נישט געווען צופרידן פון די גאנצע געשעפט, און די נעקסטע מאל וואס שלום איז אריינגעקומען האט ער אים געזאגט, "שלום, שלום עליכם. פון היינט און ווייטער, אונז זענען ווייטער גוטע ברידערלעך, **אבער דו באקומסט באצאלט לויט וויפיל שעות דו ארבעטסט!** האסט געארבעט די חודש צען שעה באקומסטו באצאלט פאר צען שעה, אלעס לויט וויפיל שעה דו האסט געארבעט."

עס איז אויסגעקומען דורך דעם אז שלום האט זייער ווייניג באקומען.

שלום האט געוואוינט אין א קליינע ארימע הייזקעלע, מיט אפאר מעבל דארטן וואס איז געווען יארן אלט, נישט סעקאנ"ד הענ"ד נאר פיפ"ט הענ"ד.. שלום האט געהאט קליידער וואס זענען געווען כמעט עלטער פון אונז אלע. ווען די קליידער האט באקומען א לאך האט מען עס פארלאטעט, אין לאטע מיט נאך א לאטע, און אזוי האט עס שוין אויסגעקוקט מער ווי א שמאטע... די קינדערלעך זענען געווען מער הונגעריג ווי זאט, קיינמאל איז נישט געווען אזא זאך מען זאל אוועקגיין פון די טיש און מען זאל זיין זאט. עס איז זייער שווער געווען די לעבן פאר די פרוי און די קינדער פון שלום, זיי האבן זיך אבער נישט באקלאגט, זיי זענען נישט געווען אנגעזעצט, זיי זענען אלעמאל געווען פריילין. **זיי האבן געוואוסט אז זיי האבן אן ערליכער טאטע וואס ער טוט מצוות און מעשים טובים און ער לערנט, און ער פארט צו א גרויסער צדיק.** זיי זענען אלעמאל געווען גליקליך און צופרידן, פריילין א גאנץ יאר.

די ביסל געלט וואס ער האט פארדינט דארטן ביי זיין ברודער מאיר, האט ער זיך אפגעשפארט, פשוט אוועקגעלייגט אין אן עקסטערע קאסע. די ביסל וואס מען האט געדארפט האבן צום לעבן האט ער גענוצט, און די איבעריגע האט ער אוועקגעלייגט ווייל ער מוז טון אלע מצוות מיט א מורא'דיגע הידור מיט א שיינקייט, זה קלי ואנוהו.

אויף פסח האט ער נישט געקויפט די ביליגע מצות, ניין ניין ניין, מהודר'דיגע שיינע מצות. אויף סוכות האט ער געהאט די שענסטע אתרוג. טאמער ער האט נעבעך נישט געהאט גענוג געלט און עס איז געקומען אפאר חדשים פאר סוכות און ער זעט זיך לויט די חשבון אז ער גייט נישט האבן גענוג געלט פאר א שיינע אתרוג האט ער פשוט פארקויפט בעונקלעך מיט טישן פונדערהיים, **ער האט פארקויפט וואס ער האט נאר געהאט, קליידער מעבל**, וואס מען האט נאך אפשר יא עפעס געקענט מאכן פון



דער אידישער קווארטל אין לובלין 120 יאר צוריק



דער אידישער געגנט אין לובלין 90 יאר צוריק



אידן אין לובלין פולין - פאר 100 יאר צוריק

דעם, ער האט פארקויפט שטוב זאכן כדי צו קענען מקיים די מצוות מיט א הידור מיט א שיינקייט.

מאיר פלעגט אפלאכן פון זיין ברודער. "שלום, דו לעבסט מיט אזא ארימקייט, ווען דו וואלסט ווען געווען א נארמאלער מענטש, וואלסטו געקענט לעבן מיט אזא רואיגקייט, וואלסט געקענט ארבעטן, שיין פארדינען. וואלסט געקענט ארבעטן געהעריג, און באקומען אין א וואך מער באצאלט ווי דו מאכסט אין דריי חדשים, ארבעט ווי א מענטש. מען קען טאקע לערנען און דאווענען, עס דארף נישט אוועקנעמען די צייטן, אבער קום אריין און ארבעט, אז מען



ציון הקדוש פון דעם הייליגן חוזה פון לובלין זי"ע

פארט צו דער רבי דארף מען נישט אפזיצן קיין וואכן און חדשים, וואלסט געקענט לעבן מיט א רואיגקייט."

**שלום האט געהערט וואס דער ברודער זאגט אים, און אים געזאגט ישר כח; ער מיינט דאך מיין טובה, אבער איך דארף טון וואס מיין נשמה שלעפט מיר.**

יעדער יאר פאר סוכות, איז שלום נישט געבליבן אין זיין שטאט ווארטן אז מען זאל ברענגען די אתרוגים וואס קומט אן ביי זיי אין שטעטל. ניין, **שלום איז אריינגעפארן ביז טיף אין לאנד אריין, ער האט געוואוינט אין פוילן, און ער איז געפארן צו די הויפט שטאט ווארשא,** דארטן וואו עס קומען אן די גרעסטע סוחרים ווייל דארטן וואוינען די רייכסטע מענטשן דארטן וואוינען די גרויסע ביזנעס חברה, איז דארטן איז דא צו באקומען גוטע שיינע אתרוגים אין די גרויסע צענטראלע מארק וואו עס איז דא אלע ד' מינים, לולבים אתרוגים הדסים און ערבות.

פאר שלום איז געווען זייער שווער די וועג, עס איז אים נישט געגאנגען אזוי לייכט, ער האט געכאפט א לופט מיט דעם, א היטש מיט יענעם, א טרעמפ מיט דער, מיט וועמען ער האט זיך נאר געקענט מיטכאפן. אמאל האט ער יא געדארפט נוצן א פיאקער א בעל עגלה פאר א חלק וועג. שלום האט אבער נישט געקוקט אויף גארנישט, **ער האט מיט זיין גרויס ליבשאפט צו די מצוות געטון אלעס מיט א מורא'דיגע שמחה, כדי צו האבן א שיינע ד' מינים סעט, און נאכדערצו א ערליכע שיינע אתרוג.**

די יאר וואס אונזער מעשה איז געשען, איז ליידער ליידער נישט געווען אין די גאנצע מארק קיין שיינע ערליכע אתרוג וואס זאל שמייכלען צו שלום. קיין איין שיינע אתרוג איז נישט געווען, שלום איז נישט צופרידן אז קיינער האט נישט קיין שיינע אתרוג, ניין ניין ניין, נישט ביי שלום. ער איז אפגעזעסן איין טאג און נאך א טאג און נאך א טאג, ער האט געווארט עס זאלן אנקומען אנדערע סוחרים, ער איז צו יעדן געלאפן זוכן. אבער, עס זענען נישט דא קיין שיינע אתרוגים!

ער האט געזען אז דער יום טוב דערנענטערט זיך שוין, האט ער מחליט געווען אז ער וועט זיין געצוואונגען צו קויפן עפעס נישט אזא 'הדר'. ער איז געגאנגען אהין און צוריק אין מארק; אויף דעם אתרוג איז אבער דא דריי פינטלעך, לאמיר לויפן דא צוריק, דא איז טאקע נאר דא צוויי פינטלעך אבער עס האט אויך א בלאט פלעק.. איין מינוט, דא זעט דאך יא אויס שיין אבער עס איז אביסל איינגעקנייטשט. **ער האט געוואלט**

**א יופי א שיינע אתרוג, אבער צום סוף האט ער געמוזט קויפן עפעס אן אתרוג וואס ער איז נישט געווען אזוי אינגאנצן צופרידן**, און ער האט זיך געלאזט צוריק אהיים מיט גרויס צער אז ער האט דאס מאל נישט געקענט האבן אזא שיינע אתרוג.

ער גייט אזוי מיט די אתרוג, און טראכט צו זיך פארטראכטערהייט, 'עס איז מיר אזוי שווער געווען צוזאמצושטעלן די געלט פאר די אתרוג, גאנצע חדשים האב איך געלעבט אויף א קליין שטיקל ברויט און אביסל וואסער. איך האב די יאר אפילו פארקויפט מיין ווינטער מאנטל, דער מאנטל איז נישט נאר מיינס, נאר די גאנצע משפחה'ס, האב איך דאס אויך געדארפט פארקויפן. איך האב מיך צוזאמגעקליבן אזויפיל געלט און מיט דעם אלעם האב איך נישט זוכה געווען צו האבן אזא שיינע אתרוג, **פארוואס? פארוואס? איך בין זיכער זיכער זינדיג איך בין נישט ראוי צו האבן אזא שיינע אתרוג, איך דארף תשובה טון!'** ער איז געווען אזוי פארביטערט און אזוי צוקלאפט, ער איז געווען זייער בצער, זייער צוטראגן.

אבער ער דערמאנט זיך אין די ווערטער פון דער הייליגער לובלינער פון דער הייליגער חוזה, ווי דער חוזה האט אים געזאגט ווען ער האט זיך געזעגנט די לעצטע מאל וואס ער איז געווען דארטן, דער רבי האט אים דאן געזאגט, "שלום, ביסט דאך אלעמאל מקפיד אויף א הידור מצוה, זאלסטו וויסן א הידור מצוה איז אויך דא ביי צדקה, און ביי צדקה איז א הידור מצוה צו טיילן אסאך געלט אויף צדקה, נישט זוכן דווקא 'גוטע ארימעלייט' נארג עבן פאר יעדן איינעם."

עס האט אים געקלינגען אין די אויער די ווערטער פון דער הייליגער חוזה פון לובלין. און אזוי איז ער געווען ווייטער פארטראכט און געטראכט צו זיך ווי קען איך יוצא זיין די מצוה פון צדקה דא, איך האב דאך מיין גאנצע געלט אוועקגעגעבן פאר די אתרוג צו האבן א הידור מצוה ביי אן אתרוג, און איך האב ליידער נישט קיין הידור מצוה ביי מיין אתרוג. ער איז געווען צובראכן און צוקלאפט, אבער ער האט זיך געשטארקט מיט דער רבי'ס ווערטער.

**זייענדיג אזוי פארטראכט האט ער נישט באמערקט ווי ער האט פארבלאנדזשעט אין א וואלד.** ער האט פרובירט ארויסצוגיין פון די וואלד אבער דערווייל וואו ער איז נאר געגאנגען איז ווייטער געווען ביימער. אה דארטן זעט ער שוין אפשר יא א מער ליידיגע פעלד, אבער ווייטער ביימער. איך קען דאך נישט די פלאץ, וואו בין איך, איך גיי דאך שוין אזויפיל מאל די וועג צו די שטאט און איך גיי דורך די וועג, און דא בין איך עפעס פארקראכן, איך בין געווען אזוי פארטראכט. שלום בלייבט שטיין אינגאנצן שאקירט, דערשראקן, **אלע זייטן איז ביימער, די וועג איז מיך נישט באקאנט, עס איז א געדעכטע וואלד, עס איז נישט דא קיין צייכן פון קיין הייזקל, נישט פון גארנישט**, אוי ווי, וואס טו איך דא?

ער טראכט מיט שרעק; באלד ווערט נאכט, מען דארף דאך אנקומען אהיים, מארגן איז דאך ערב יום טוב, איך דארף דאך האבן צייט איינצוקויפן זאכן. אבער שלום איז דאך ארומגענומען מיט בטחון און מיט שמחה. ער ווערט נישט פארלוירן און ער רופט זיך אן אזוי ווי זיין שטייגער איז אלעמאל געווען, "אלעס איז צום גוטן! הכל לטובה! גם זו לטובה! עס איז זיכער אז וואס דער אויבערשטער טוט פאר מיר יעצט איז גוט! איי איך זע נישט, עס


שלום מוז האבן א שיינעם אתרוג

איז דאך טונקל, עס מאכט דאך נישט קיין סענ"ס, עס איז ווייל איך זע נישט די גאנצע בילד, אבער דאס איז זיכער אז אלס וואס די אויבערשטער טוט איז גוט."

**און ער האט געטראכט צו זיך, קיין שיינע אתרוג האב איך נישט, לאמיר נישט וועגן דעם אויך פארלירן די שמחת יום טוב.** פונקט ווי עס איז דא א מצוה צו האבן א שיינע אתרוג איז דא א מצוה צו האבן שמחת יום טוב, דער אויבערשטער וועט מיר זיכער העלפן אז איך זאל אנקומען צוריק אהיים אין צייט און איך זאל האבן א שמחת יום טוב. אזוי האט ער זיך געדרייט אין וואלד, און געדרייט און געדרייט, ביז ער האט געטראפן צווישן ביימער עפעס אזא וועג אדורכצוגיין, האט ער באשלאסן אז מען גייט די וועג, אפשר וועל איך דורך דעם אנקומען צו עפעס א ישוב, עפעס א דערפל.

אזוי איז ער געגאנגען אפאר שעה. און טאקע, נישט מער און נישט ווייניגער, פונדערוויטנס האט ער שוין באמערקט עפעס א שיין פון הייזער! שלום גייט שנעלער און שנעלער צו די ריכטונג פון די ליכטיגקייט, **און ער האט נישט באמערקט ווי זיין פוס האט זיך אנגעשטרויכלט אין עפעס און ער איז אראפגעפאלן.**

וואס איז זיין ערשטע רעאקציע ווען ער האט אזא זאך? כל מה דעביד רחמנא לטב עביד, הכל לטובה! גם זו לטובה! אפילו די קלאפ וואס איך האב יעצט געכאפט, די לאך אין די הויזן, די קלאפ אין די האנט וואס איך האב געכאפט, עס איז טאקע פארבלוטיגט געווארן אביסל, אבער עס איז זיכער אז אלעס איז צום גוטן, דער אויבערשטער האט טאקע דא אונטערגעלייגט א שטיין וואס איך זאל מיך אויף דעם איבערדרייען, עס איז אויך צום גוטן, אלעס איז צום גוטן, דער באשעפער איז דאך **"ורחמיו על כל מעשיו"** - דער אויבערשטער האט דאך רחמנות אויף זיינע באשעפענישן וואס ער האט באשאפן.

אזוי אינמיטן זיך מחזק זיין געבט ער א קוק אויף וואס ער האט זיך איבערגעדרייט, זעט ער אז עס איז נישט קיין שטיין נאר א קעסטעלע, עפעס אזא האלצענע קעסטל א קליינע באקס. וואס איז דאס? ער הייבט עס אויף פון די ערד און ער הייבט עס אן צו שאקלען, און עס מאכט אזא גערודער, עס איז דא זאכן אינעווייניג. ער מאכט עס אויף און ער באמערקט אז אינעווייניג איז דא א שיינע טאשקעלע, א לעדערנע טאשקע וואס איז הערליך באפוצט מיט זילבערנע שיינע שורות מיט שיינע שטיינדעלעך באהאנגען מיט דיאמאנטן, אזוי איז געווען

די גאנצע טאשקעלע פון אינדרויסן שיין הערליך באצירט.

**ער מאכט אויף די טאשקעלע, זעט ער עס איז אנגעפילט מיט דאקומענטן, פאפירן, באנקנאטן, גרויסע טשעקס און טייערע שטיינדעלעך.**

ער טראכט צו זיך, פאר וועמען געהערט די טאשקע? זיכער פאר עפעס א רייכער מענטש, איך דארף גיין אויפזוכן דעם בעל הבית און מקיים זיין די מצוה פון השבת אבידה. אבער איך האב נישט קיין צייט יעצט צו זיין פארנומען מיט דעם, דא בין איך שוין נאנט צו עפעס א ישוב צו עפעס א דערפל, איך מוז ווייסן וואו איך בין, און איך מוז שנעל אהיימגיין, איך וועל שוין זיין פארנומען מיט די טאשקע נאך יום טוב.

אזוי גייט שלום ווייטער אויף די אויסגעטראטענע וועג, ביז ער קומט טאקע נאנט ממש, ער קומט שוין אן צו די דארף. די לבנה האט נאך געשיינט, עס איז דאך כמעט אינמיטן די חודש, און אזוי ווי ער קומט נאר נאנט צום דארף, זעט ער פיל מיט מענטשן שמועסן דארטן און רעדן איינער מיטן צווייטן, און ער פרעגט פון די מענטשן דארטן וואס איז דא געשען? פארוואס שלאפן ענק נאכנישט? עס איז דאך אזוי שפעט אין די נאכט? אזוי האט זיך שלום געוואונדערט.

און ער פרעגט איינער פון די דארפס מענטשן דארטן צי ער ווייסט ערגעץ וואו עס וואוינט א איד, און זיי האבן אים געוויזן יא דא איז דא עפעס א איד וואס וואוינט דא.

שלום קומט אן צו יענע הויז, ער זעט אז עס איז ליכטיג דארטן. ער קלאפט אריין, א איד עפנט די טיר און נעמט אים אויף מיט גרויס פריינטשאפט. ער דערלאנגט אים א ווארימע טרינק, ער געבט אים פיין צו עסן, און שלום דערציילט אים אז ער איז דא פארקראכן און זיך פארבלאנדזשעט. דער איד האט אים געזאגט וויאזוי די דערפל הייסט, און שלום האט זיך געכאפט יא, עס איז צען קילאמעטער ווייט פון מיין שטוב, צען קילאמעטער איז זעקס מייל, א חשבון פון צוויי שעה צו שפאצירן.

**"זאג מיר נאר ר' איד," האט זיך שלום געוואנדן צו דעם בעל הבית, "וואס גייט דא פאר? וואס איז געשען דא אין די דארף?** מענטשן דרייען זיך אזוי שפעט און איך הער עפעס מענטשן זענען אויפגערעגט אזוי ווי, עס האט אויסגעקוקט ווי איינער שרייט אויפן צווייטן, וואס גייט דא פאר אין די שטאט?"



א פוילישער איד גייענדיג מיט א שמחה מיט די ד' מינים אום סוכות



קינדער אין ווארשא פאר 100 יאר צוריק מיט די ד' מינים



אידן אין די אלטע היים מיט די באליבטע ד' מינים

דערציילט דער איד, "אה ביסט דאך נישט פון דאהי, ווייסטו דאך נישט וואס גייט פאר. דער פריץ פון די געגנט האט היינט געברענגט זיין אלטע מאמע צו זיך אין פאלאץ. אויפן וועג האבן די פערד זייער שנעל גאלאפירט, און די מאמע האט נישט געכאפט און נישט באמערקט אז איר טעשל איז אראפגעפאלן פון איר, איר טעשל איז געווען פיל מיט צירונגען, ווichטיגע דאקומענטן, אלעס איז אראפגעפאלן פון די וואגן און עס איז פארלוירן געווארן.

"ווען די אלטע מאמע איז אנגעקומען אין פאלאץ פון איר זון דער פריץ, האט זי זיך געכאפט אז איר טעשל איז נישט דא, עס איז פארלוירן געגאנגען, זי האט זיך גענומען מאכן קולות און זי האט געוויינט, זי האט זיך נישט געקענט בארואיגן. דער פריץ האט געלאזט וויסן פאר אלע מענטשן דא אין דארף אז ער איז גרייט צו געבן א גרויסע באלוינונג פאר ווער עס וועט טרעפן די טאש מיט די געלט, צירונגען און דאקומענטן.

**"פארשטייט זיך אלע דארפסלייט האבן דאך נישט וואס צו טון, זענען זיי ארויסגעלאפן אלע עס זוכן.** קיינער קען עס אבער נישט טרעפן, אדער קען זיין," זאגט דער איד, "אז איינער האט עס יא געטראפן און ער וויל עס נישט צוריקגעבן ווייל עס איז אסאך מער ווערד ווי די באלוינונג וואס ער גייט באקומען פאר דעם."

די הארץ פון שלום שפרינגט אויף, אבער ער זאגט נישט קיין ווארט. ער טראכט צו זיך איך האב דאך געפינען די טאשקע, לאמיר גיין מאכן די מצוה פון השבת אבידה, אזוי האט ער געטראכט צו זיך.

ער האט זיך שנעל אנגעטון זיין מאנטל, ער מאכט א נאך-ברכה, ער באדאנקט זיך פאר דער איד פאר די גוטע עסן, און ער גייט אין די ריכטונג פון פאלאץ.

"וואו אהין גייסטו?" פרעגט דער איד. אבער שלום ענטפערט נישט גארנישט, ער גייט שנעל.

אין די פאלאץ איז א טומל. עס איז טאקע שפעט ביינאכט, אבער אלעס דרייט זיך איבער, די באבישקע דארטן קען נישט אויפהערן צו וויינען, זי וויינט און זי וויינט, 'אזעלכע טייערע דאקומענטן האב איך געהאט אין די טאש, אזויפיל געלט, גאלד, צירונגען, דיאמאנטן,' אזוי האט זי געהאלטן אין איין איבערוויינען און איבערשרייען, שעות וואס זי וויינט אזוי.

און אט שטייט שלום ביים טיר.

ווי נאר דער פריץ זעט אים רופט ער זיך

אן, **"וואס זוכסטו דא? דו איד!!!"**

שלום האט געזען ער איז אויפגערעגט, רויט ווי א טאמאטע, זיין פנים ברענט.

"גיי שוין אוועק פון דא פאר מען וועט דיך ארויסווארפן!" האט ער געשריגן מיט כעס.

"אקעי איך גיי אוועק. אבער איך האב געהערט אז דו האסט פארלוירן א טאש."

"נישט איך, מיין מאמע האט פארלוירן א טאש. דו האסט געטראפן די טאש???"

און שלום זאגט, **"יא, איך האב געפינען א טאשקע!!"**

אזוי ווי די אלטע באביטשקע האט נאר געהערט אז מען רעדט פון א טאשקע איז זי געקומען צו לויפן מיט די שטעקן. שלום מאכט אויף די טאשקעלע און ער נעמט עס ארויס און ער דערלאנגט עס פארן פריץ.

דער פריץ עפנט די טאש, די באביטשקע זיין מאמע קוקט אריין אין די טאש און זי זעט, יא, דאס איז דאך מיין טאשקע, אלעס איז דא, די געלט, די צירונגען, די דאקומענטן, אלעס, גארנישט פעלט נישט! זי האט ממש געוויינט פון גרויס פרייד, זי האט נישט געקענט קומען צו זיך.

זי רופט זיך אן, "אזוי ווי דו ביסט געווען אזוי וואויל און אזוי ערליך און דו האסט גארנישט גענומען פון דא, **וועל איך דיר אוועקגעבן די גאנצע געלט וואס ליגט אין די טאשקע**, איך דארף בעיקר נאר די צירונגען מיט די דיאמאנטן, און די וויכטיגע דאקומענטן די פאפירן וואס איך האב געהאט דארטן."

שלום הייבט אויף ביידע הענט, "חס ושלום, קיין איין פרוטה וועל איך נישט נעמען ביי אייך, איך האב דאך געטון א גרויסע חשוב'ע מצוה וואס שטייט אין אונזער הייליגע תורה, איך וויל פאר דעם נישט נעמען קיין באלוינונג."

"איין זאך וואלט איך אבער יא געוואלט בעטן פון אייך..." זיי קוקן, זיי וואונדערן זיך וואס ער גייט בעטן, מסתמא גייט ער בעטן אפאר גוטע פעלדער...

**"איך וויל פשוט האבן א שנעלע וואגן מארגן אינדערפרי, אז איך זאל קענען גלייך אהיימפארן. איך דארף נאך קענען אנקומען אהיים פאר יום טוב ווייל מארגן נאכט איז יום טוב סוכות ביי אונז, און איך וויל האבן א פרייליכע יום טוב."**

"דאס איז עס?" זאגט די אלטע מאמע, "דאס איז די גאנצע וואס דו דארפסט?! אונז האבן אזויפיל וועגענער, דו מוזסט אבער נעמען עפעס געלט דו מוזסט עפעס נעמען."

די באביטשקע האט ממש געצוווינגן שלום, ביז זי האט צוגעזאגט אז זי גייט אים געבן אפאר פעלדער מיט א שיינע הויז און גוטע פרוכטבארע פעלדער וואס קענען וואקסן דארטן, און שלום האט עס אנגענומען.

אינדערפרי האט מען אריינגעזעצט שלום אין א שיינע פראכטפולע וואגן צוגעבינדן צו צוויי שיינע רייטערישע פערד און אזוי האט מען אריינגעפירט שלום צו זיך אין שטאט.

עס איז ערב סוכות, די מענטשן אין שטאט וואונדערן זיך; ווער איז די שיינע קעניגליכע וואגן, ווער זיצט דארטן, ווער? וואס?

דו זעסט נישט? **קוק! עס איז שלום דער ארימאן, דער מיט די צוריסענע קליידער.**

שלום דער ארימאן אין אזא שיינע וואגן??!!



א ריזיגע אוצר האט שלום געטראפן

יא יא, אזוי איז שלום ארויסגעקומען פון די וואגן, אונז קענען זיך אוודאי פארשטעלן ער האט געהאט געלט פאר יום טוב גענוג און נאך. נאך יום טוב האט ער זיך אריבערגעצויגן צו זיין נייע שיינע הויז, צו זיינע פעלדער.

שלום איז געווארן דער גרויסער גביר, און דעמאלט האט ער פארשטאנען וואס דער הייליגער חוזה פון לובלין האט אים געזאגט פארן געזעגענען, **אז א הידור מצוה ביי צדקה מיינט אז מען טיילט אסאך געלט פאר צדקה און נישט קיין חילוק פאר וועלכע ארימעלייט**. און אזוי האט שלום טאקע געטון, ער האט געטיילט אזויפיל געלט פאר צדקה, און געשטיצט תלמידי חכמים, געבויט הכנסת אורחים שטיבלעך.

מער האט שוין שלום נישט געדארפט צוקומען צו די טובות פון זיין ברידער, ער האט געקענט באמת לעבן מיט א רואיגקייט, לערנען און דאווענען אן קיין שום דאגות פון געלט, מקיים זיין אלע מצות מיט א הידור. און ער האט געוויזן פאר יעדעם, יא ווען עס זעט אויס גאר גאר שלעכט, איז דאס פאלש, **ווייל דער באשעפער האט דיר באמת ליב, נאר דאס איז א נסיון און מען דארף זיך שטארקן אויף די אייגענע געפילן און גלייבן באמונה שלימה אינעם בארעמהארציגער באשעפער, אז אלעס איז צום גוטן, און נאר דורך בטחון און אמונה, און מיט שמחה גייט מען ארויס פון אלע פראבלעמען.**

פאר יעדעם פלעגט ער צו זאגן אז זיין גאנצע עשירות איז נאר געקומען דורכן האבן מסירות נפש פאר הידור מצוה.

זאל דער אויבערשטער אונז אלע העלפן, מיר אלע האבן דאך מסירות נפש, יעדער איז ארומגעלאפן זוכן א שיינע אתרוג פאר יו"ט, און ס'דא מענטשן וואס קויפן מער פון איינס, אלעס צו וויזן די ליבשאפט צו די מצוות, זאלן מיר אלע געבענטשט ווערן מיט אסאך גוטע השפעות, געלט, הייזער, פעלדער, אזוי זאל מען קענען זיצן רואיג, לערנען און דאווענען און דינען דעם אויבערשטן אזוי ווי עס דארף צו זיין, און מיר זאל שוין זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו, מיר זאלן שוין אלע קענען מיטהאלטן די סעודה וואס וועט געפראוועט ווערן דורך משיח צדקינו אין די גרויסע סוכה פון די הויט פון די לוויתן פיש, מיט אלע צדיקים אינאיינעם וואס וועלן אויפשטיין תחיית המתים בקרוב ממש. אמן. ■